STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04340

MAYN FOTER, NAHUM SOKOLOV

Florian Sokolow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פלאָריאַן סאָקאָלאָוו

★

מיין פאָטער נחום סאָקאָלאָוו

FLORIAN SOKOLOW

My Father Nahum Sokolow

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St. Tel-Aviv

פלאָריאַן סאָקאָלאָוו / מיין פאָטער נחום סאָקאָלאָוו
יידיש: נפתלי זילבערבערג

צייכענונג פון שער און הילע (בילד פון פלאָצק): דוד טושינסקי

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשל״ב
Printed in Israel 1972

סידור: משה חמיאל הדפסה: דפוס „חבצלת״, הרצליה.
setting: Moshe Hamiel printing: "Havatzelet", Herzlia.

נחום סאָקאָלאָוו

אַרייַנפֿיר־וואָרט

ס'וועט באַלד ווערן צוואַנציק יאָר ווי מיין פֿאָטער, נחום סאָקאָלאָוו, איז אַוועק פון דער וועלט. פיל איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן אים נאָך פאַר זיין לעבן און אויך שפּעטער. מ'האָט געשריבן וועגן אים שיין און רירנדיק, מיט טאַלאַנט און זאַך־קענטעניש. ס'האָבן געשריבן כמעט אַלע שרייבער, ליטעראַטן, פובליציסטן, יידישע פּאָליטיקער ווי אויך פיל נישט־יידישע, ביי כלערליי געלעגנהייטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיין ציוניסטישער, ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט. מען האָט אים באַשריבן פילזייטיק. דאָס זענען געווען סילועטן און זכרונות, שטודיעס און אימפּרעסיעס, ביאָגראַפישע סקיצן און עסייען וועגן אָט דער אויסערגעוויינלעך אוניווערסאַלער גע־שטאַלט, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַ גאַנצע תקופה פון יידיש לעבן, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַריינפּאַסן אין קיין שום ראַם.

האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1938, איז אין ירושלים דערשינען זייער אַ וואָגיק אָנדענקבוך א.נ. "ספר סוקולוב", אַרויסגעגעבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אונ־טער דער לייטונג פון יצחק גרינבוים און רעדאַגירט פון ד"ר ס. דאַווידאָוויטש. דאָרט האָבן זיך געפונען ווערק פון באַדייטנדיקע מחברים, וואָס זענען אַממייסטן געווען באַרופן צו דעם. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דערשינען אין ישראל אַן אויסגעצייכנ־טער עסיי וועגן נחום סאָקאָלאָוו פון באַקאַנטן העברעישן שריי־בער פיכמאַן. דאַקעגן איז נאָך ביז איצט נישט דערשינען קיין

שום אויספּירלעכע ביאָגראַפיע פון מיין פאָטער, אפשר דערפאַר, וואָס די דאָזיקע טעמע, הגם אַ זייער אָנציִענדיקע, פאַרלאַנגט זי אָבער לאַנגע און מיפּולע שטודיעס און פאַרשאַרבעטן און אונ-דזערע שטורמישע צייטן, אין וועלכע מיר לעבן איצט, באַגינסטיקן עס נישט.

אַ געוויסנהאַפטער ביאָגראַף, וועלנדיק אַרויסברענגען אַן אַל-זייטיק בילד פון מיין פאָטערס טעטיקייט, מוז זיך גוט פאַר-טראַכטן איבער גאָרנישט אַ לייכט פּראָבלעם, ביים שטעלן זיך די פראַגע: וועלכן נחום סאָקאָלאָוו דאַרף מען צום ברייטסטן באַ-שרייבן, וואָרעם עטלעכע האַרמאָניש צונויפגעפלאָכטענע פערסאָ-נאַזשן זענען עס געווען אין אים; וועלכע מאָמענטן פון זיין לעבן דאַרף מען ספּעציעל אונטערשטרייכן, וואָרעם אַזוי פיל אינטע-רעסאַנטע מאָמענטן פון זיין לעבן זענען ווערט געווען זיי צו דער-מאָנען; ווי גיט מען זיך אַן עצה מיטן אויסוואַל פון מאַטעריאַל, פון וועלכן מען וואָלט געקענט צונויפשטעלן שיעור נישט אַן ענציקלאָפּעדיע פון פיל בענד, וואָרעם מיין פאָטער איז געווען נישט בלויז אַן ענציקלאָפּעדיסט פון וויסן, נאָר אויך פון לעבנס-דערפאַרונג.

אין געוויסע לעבנס-אָפּשניטן פון נחום סאָקאָלאָוו האָבן מיר צו טאָן מיט אומאויפהערלעכע ענדערונגען פון געשעענישן, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט; פאַקטן, אין וועלכע ער האָט זיך אַליין באַטייליקט; טעמעס איבער וועלכע ער האָט געאַרבעט; מיט איין וואָרט, אַזאַ עשירות פון פאַקטן און מענטשן, אַז דער ביאָ-גראַף וועט מוזן אַלט ווערן אויף נישט צו פאַרבלאָנקען אין דעם סאָקאָלאָווישן לאַבירינט.

דאָס איצטיקע בוך טוט נישט אויספילן דעם בלויז, ווען וועלכן ס'איז אָקערשט געערעדט געוואָרן. כ'האָב מיר געשטעלט אַ פּיל באַשיידענערע אויפגאַבע. כ'האָב בלויז געוואָלט אַרויסרופן דאָס בילד פון מיין פאָטער פאַר די אויגן פון די לייענער, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען דורכן לעבן, תמיד אַ באַשטראַלטער, פול מיט

אָפּטימיזם, אַ שטרענגער לגבי זיך און לייטזעליק פאַר אַנדערע, מיט זיין מילדן שמייכל אויף די ליפּן און גוטסקייט אין האַרצן און אַזוי האָט ער אומדערשיטערלעך אויסגעטראָטן דעם וועג פון זיינע טרוימען, אין וועלכע ער האָט טיף געגלויבט זייט זיינע יינגסטע יאָרן.

נחום סאָקאָלאָוו איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אינעם לעבן פון יידנטום העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, אַזוי אַז ס'איז שווער אים צו מאָלן אָן דעם פּאָן, פון וועלכן ער האָט געשעפּט אינספּי-ראַציע און געווירקט. ס'האָבן זיינע פּאָרטרעטן געמאָלט פאַר-שידענע קינסטלער, ווי למשל פּאַסטערנאַק, פּיליכאָווסקי, שאַגאַל און אַלע האָבן זיי זיך באַמיט אויפצוכאַפּן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיין אויסערלעכקייט, אָבער נישט אַזאַ ביאָגראַפיש בילד בין איך אויסן.

אַ זון, וואָס וויל שרייבן וועגן זיין פאָטער ווערט געשטעלט פאַר אַ געוויסן נסיון. ווי אַזוי קען מען זיין אָביעקטיוו אין אַזאַ פאַל און גלייכצייטיק גאָרנישט פאַרמינערן פון דער ליב-שאַפט פון אַ זון צו זיין פאָטער. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס איז מיר געלונגען און אַז יעדער איינער, וואָס האָט געקענט מיין פאָטער און געוואָלט ברענגען אַ ריכטיק בילד פון אים, וואָלט ער געצייכנט דעם זעלבן פּאָרטרעט.

אין דעם באַרימטן בוך "דאָס לעבן פון סאַמועל דזשאָנסאָן" האָט זיין ביאָגראַף באסוועל געשריבן, אַז אייגנטלעך זענען די בעסטע ביאָגראַפיעס די אויטאָביאָגראַפיעס. צום בעסטן וואָלט מיין פאָטער אָנגעשריבן וועגן זיך אַליין און דערמיט צוגעוואָרפן דעם אייגענעם סילועט צו זיין פּרעכטיקער גאַלעריע "אישים" און דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַן אויסגעצייכנטע טעמע.

וואָרעם ווי רייך איז זיין לעבן געווען, פול מיט אַקטיוויטעטן, מחשבות, אומדערמידלעכער אַרבעט, שאַפערישע אָנשטרענגונגען און גרויסע דערגרייכונגען, אַ לעבן, וואָס איז פון אָנהויב ביזן סוף

געווען געווידמעט דער אידעע פון יידישן רענעסאַנס און ווידער-אויפבוי פון ישראל.

ווען איך טראַכט וועגן אים, זע איך אים אויפן פאָן פון אַ ברייטער פּאַנאָראַמע פון יידישע פּאַרהעלטעניש אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, איבער וועלכע ער האָט געוואַנדערט, ווי אַ בעל-חלומות, דער שליח און ציוניסטישער מלוכה-מאַן. כ׳זע אים אַ שמייכלענדיקן אין אונדזער קינדער-צימער, אָדער אַן איינגע-בויגענעם איבער זיין שרייבטיש אין וואָלקנס ציגאַרנרויך, כ׳זע אים אויף מאַסן-מיטינגען און אין ביבליאָטעקן, אין די הויפּט-שטעט פון דער וועלט און אין קליינע יידישע שטעטלעך.

דער פאָטער פלעגט אָפט זיך אויסדריקן, אַז צייטן בייטן זיך, אָבער נישט די יידן, מיט וואָס ער האָט פאַרלייקנט דעם באַ-קאַנטן שפּריכוואָרט. מיין פאָטער האָט זיך ווירקלעך נישט גע-ענדערט, ווי עפּעס אַ יוגנט-עליקסיר וואָלט אים אַזוי אונטער-געהאַלטן ביז צו די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

פיל באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אָבער אַלע נאָענטע פאַר אים פערזאָנען לויפן פאַרביי אויף אָט דעם פאָן, אויף וועלכן ער איז אויפגעטראָטן נישט נאָר אין דער עפנטלעכקייט, נאָר אויך ווי אַ מאַן און אַ פאָטער, דער בעל-הבית און חבר, דער אומ-פאַרגלייכבאַרער מיטשמועסער און מייסטער פון וויץ און שאַרפ-זין. מיר זעען אַרום אים גרויסע געלערנטע, מלוכה-מענער, שריי-בער און אַרטיסטן, מלכים און פרעזידענטן, רבנים און פויפסטן, און כמעט אַלע באַרימטע יידישע פערזענלעכקייטן פון זיין דור. די דאָזיקע תקופה געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט.

די געשיכטע וועגן מיין פאָטער שטיצט זיך אויף מקורות דירעקטע און אויטענטישע, וואָס זענען נאָך ביז היינט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דאָס זענען טאָג-ביכער און נאָטיצן פון מיין פאָטער, וואָס ער האָט געפירט אין פאַרשידענע אָפּשניטן פון זיין לעבן, ווי אויך זיינע בריוו און משפחה-זכרונות, דאָס גלייכן זיינע אַרכיוון און דאָקומענטן.

וועגן דער רייכער ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער שעפע־רישער טעטיקייט פון מיין פֿאָטער דערמאָן איך בלויז פֿאַרביי־גייענדיק, איבערלאָזנדיק דאָס פֿאַר גרעסערע מבינים און קריטי־קער. ח. נ. ביאַליק האָט זיך אַנומלט געהאַט אויסגעדריקט, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט איינשפּאַנען אַ קאַראַוואַן פֿון קעמלען, וואָס זאָלן קענען שלעפּן זיין ליטעראַרישן באַגאַזש.

דער ציל פֿון מיין איצטיק בוך וועט זיין דערגרייכט, אויב ס'וועט מיר געלינגען, כאָטש אין אַ קלענער מאָס, צו שילדערן פֿאַרן לייענער די באַצויבערנדיקע געשטאַלט פֿון נחום סאָקאָלאָוו, און זיין פֿיינפֿיליקן געמיטצושטאַנד, פֿריינדלעכקייט און גוטס־קייט, וואָס האָט פֿון אים אַרויסגעשטראַלט.

דער פֿאָטער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ רייכע ירושה פֿון מאַנוסקריפּטן, בריוו, וויכטיקע דאָקומענטן, כלערליי אָנדענק, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער גרויסער ביבליאָטעק און נישט אַרויסגעגעבענע וויסנשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע אַרבעטן, צוו. אַנ. זיין גרויסן העברעישן לעקסיקאָן. דער פֿאָטער איז נישט געווען קיין קאָלעקציאָנער, וואָס זאַמלט געוויסע, באַשטימטע זאַכן. אין לויף פֿון די יאָרן האָבן זיך אָט די זאַמלונגען אַ דאַנק זיינע פֿאַרשידנאַרטיקע פֿאַראינטערעסירונגען אַלץ מער פֿאַר־מערט. די ביבליאָטעק איז געווען זיין אַרבעט־צימער, וווּ ער האָט איבערגעלייענט און געדענקט כמעט יעדעס בוך. ער איז געווען זייער צוגעבונדן צו זיינע זאַמלונגען און כמעט גאָרנישט אַרויס־געוואָרפֿן פֿון דעם, וואָס עס האָט געהאַט אַפֿילו דעם קלענסטן אָנדענק־ווערט.

אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ ריזיקער פּריוואַט־אַרכיוו פֿון ציוניסטישן און אַלגעמיין־יידישן ווערט. בלויז די צאָל בריוו דער־גרייכט די ציפֿער פֿון צענדליקער טויזנטער. דער דאָזיקער אַרכיוו זיינער האָט געוואַנדערט פֿון פּוילן קיין דייטשלאַנד, פֿון דייטש־לאַנד קיין ענגלאַנד ביז דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיין לאָנדאָנער הויז אויף קאַמפּיין גאַרדענס־גאַס. בעת דער לעצטער

וועלט-מלחמה און די לופט-אָנגריפן האָבן מיר זיך באַמיט צו באַשיצן דעם אַרכיוו, איבערטראָגנדיק אים אין זיכערערע ערטער. דאָס ברענגען אין אָרדענונג די אַרכיוון האָט געפאָדערט פיל צייט. שוין נאָכן אָנשרייבן די ערשטע ווערסיע פון אָט דעם בוך, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַלץ נייע און אַנדערע אומבאַקאַנטע פאַר מיר בריוו און מאַטעריאַלן, מיט וועלכע איך האָב מיך באַנוצט ביים צוגעבן צו די שוין אָנגעשריבענע, אָדער נייע קאַפּיטלען.

איך האָב זיך באַמיט צו שאַפן אַ בילד וועגן מיין פאָטער, אָבער נישט אַן אויספירלעכע און אויסשעפנדיקע ביאָגראַפיע. איך האָב זיך דעריבער באַגרענעצט צו די סאַמע וויכטיקסטע און כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פון זיין לעבן און אויסגעמיטן די-גרעסיעס, ווי אינטערעסאַנט זיי זאָלן נישט האָבן געווען, כדי נישט איבערצורייסן דעם סיפור-המעשה.

מיין שוועסטער צעלינאַ סאָקאָלאָוו איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען די כסדרדיקע באַגלייטערין פון מיין פאָטער, סיי אין די פילצאָליקע נסיעות זיינע, ווי אויך אין זיינע טעטיקייטן. איר האָב איך אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דאָס דערשיינעם פונעם בוך. זי האָט אָן אַ שיעור פּרעכטיקע וווּנדערבאַרע זכרונות וועגן אונדזער פאָטער און כ׳וויל האָפן, אַז זי וועט דאָס נאָך אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער בוך. איך האָב אַ גרויסן ספק, צי ס׳וואָלט מיר געלונגען צו פאַרענדיקן מיין בוך, אָן דער דירעקטער מיטהילף פון מיין פרוי יאַנינאַ, וואָס איז מיר די גאַנצע צייט געווען אַזוי בייהילפיק, אָנרעגנדיק מיך אָן אויפהער צו שרייבן, געגעבן ווערטפולע עצות, שוין נישט רעדנדיק וועגן איר געדולדיקן פילמאָליקן איבערשרייבן די מאַנוסקריפּטן פון גאַנצן בוך. די רעשט פון מיין נאָענטער משפחה, ווי מיינע שוועסטער מאַריאַ היימאַן, זאָפיאַ ראזאל און מיין ברודער לעאָן, דאָס גלייכן מיין שוואָגער אלחנן רזיאל פון ירושלים מיט זיין זון יוסף, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין מיין אַרבעט, טיילנדיק זיך

מיט זכרונות וועגן מיין פאָטער און געגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען און עצות און באַמערקונגען.

כ'וויל אויך האַרציק באַדאַנקען דעם פריינד י. האדעס פון לאָנדאָן, וואָס האָט געוואָרפן דעם געדאַנק, איך זאָל אָנשרייבן אַ בוך וועגן מיין פאָטער, ווי אויך מיינע קוזינען שמעון און האַני ליפשיץ פון באָמביי, דאָס גלייכן לעסלי באַר פון לאָנדאָן, פאַר זייער גרייטקייט מיר צו העלפן, כדי איך זאָל קענען פאַרענדיקן מיין בוך.

מיין בוך האָבן איך אָנגעשריבן אין דער פוילישער שפּראַך נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָס איז די שפּראַך, אין וועלכער איך קען צום לייכטסטן געפינען מיין אייגענעם סטיל און אויסדרוק, אָבער אויך דערפאַר, וואָס דער וויכטיקסטער טייל פון די מאַטעריאַלן מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט, ווי למשל די בריוו און זכרונות פון מיין פאָטער, גיב איך אָן אין דער אָריגינעלער פוילישער שפּראַך, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט אין די ערשטע צייטן. חוץ דעם, האָב איך געמיינט, אַז די איבערזעצונגען אויף העברעיש און יידיש און גאַנץ ספּעציעל פון ערשטן באַנד, וועלן בעסער אָפּגעבן דעם פויליש-יידישן קאָלאָריט, ווען זיי וועלן איבערגעזעצט ווערן פון פויליש ווי פון אַן אַנדערער מערב-אייראָפּעישער שפּראַך.

ס'איז אויך געשען אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס איך האָב געפונען אַזאַ גלענצנדיקן מחבר פאַר דער איבערזעצונג, ווי דאָס איז רעדאַקטאָר נפתלי זילבערבערג, וועמען איך בין באמת דאַנקבאַר, וואָס ער האָט זיך ספּאָנטאַן אונטערגענומען, מיט אַזוי פיל אייפער און ענטוזיאַזם צו דער אַזוי גאָרנישט לייכטער אַרבעט. באַווירקט האָט אים זיין אויפריכטיקער סענטימענט פאַר מיין פאָטער און פאַרן אָנדענק וועגן מענטשן און צייטן, וועלכע איך האָב מיך באַמיט מיט מיין באַשיידענער פעדער צו מאָלן.

ס'איז געווען מיין באַגער, אַז די ביאָגראַפיע וועגן מיין פאָטער זאָל דערזען די ליכטיקע שיין אין ישראל אין עברית.* פאַרשי-

* דאָס בוך אין עברית איז אין צווישנצייט שוין דערשינען.

דענע סיבות, פון מיר נישט אָפּהענגיקע האָבן עס נישט דערמעג-לעכט. לאָמיר האָפן נישט אויף לאַנג.

איך בין פשוט גליקלעך, וואָס אין צווישנצייט, וועט דאָס בוך דערשיינען אין דער שפּראַך, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן פון מיין פאָטער, און אין וועלכער ער האָט צוו. אַנ. אַזוי פיל געשריבן וועגן פאַרגאַנגענע צייטן פון פוילישן יידנטום, וועגן זיינע חלומות, זאָרגן און בענקענישן, וועגן זיינע משפּחה-היימען, וואָס ער האָט אַזוי הייס געליבט, אין דער שפּראַך פול מיט פּאָעזיע און געפיל, וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט אַזוי רירנדיק אָנגערופן מאַמע-לשון, מיט וועלכער מיליאָנען יידן האָבן אויף זייערע ליפּן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין דער גרעסטער טראַגעדיע פון גלות אויף די וועגן קיין ציון .

שוין פאַר זיין לעבן איז מיין פאָטער געווען איינגעהילט אין אַ לעגענדע ביי די יידישע פאָלקס-מאַסן. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן דאָס אונטערצושטרייכן אינעם טיטל פון בוך.

לאָנדאָן, 1955 — דער מחבר

הקדמה

פון ד״ר צעלינאַ סאָקאָלאָוו

ס'ווילט זיך מיר צוגעבן וועגן מיין פאָטער עטלעכע פערזענלעכע באַמערקונגען, נישט נאָר ווי אַ ליבנדיקע טאָכטער, נאָר אויך, ווי די יעניקע, וועמען ס'איז באַשערט געווען אין משך פון פיל יאָרן צו זיין מיט אים צוזאַמען.

יעדער מאָמענט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט אים צוזאַמען, איז געווען פאַר מיר דאָס גרעסטע גליק, זאָל עס האָבן געווען בעת די פילצאָליקע נסיעות, צי גאָר אין דער היים, ווען ער איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש פאַרזונקען אין זיין אַרבעט, צי גאָר אויף די עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, קאָנפערענצן, קאָנגרעסן.

נישט געווען דער טאָג ער זאָל האָבן פאַרגעסן וועגן זיין שליחות און מיסיע, ווו ס'זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן זיין אָנשטרענג אַלס שרייבער, רעדנער, געזעלשאַפּטלעכער טוער, שטאַטסמאַן, דיפּלאָמאַט, מנהיג, דער ענטוזיאַסט און קריטיקער — אָט דער אָנשטרענג און דינסט פאַר ציון.

בעת איינער פון זיינע רייזעס אין יאָר 1926, אין לאָנדאָן, האָט מיין פאָטער, ווי דאָס האָט אָפט פּאַסירט ביי אים, גענומען אימפּראָוויזירן און געזאָגט: „ווען איך ווענד מיינע גייסטיקע אויגן אויף צוריק, אויף מן לעבן זייט די קינדער-יאָרן אין ווישעגראָד ביזן היינטיקן טאָג, קען איך אָנצייכענען אַ פּרינציפּיעלע ליניע, וואָס פירט מיך צום ענדגילטיקן ציל. זי איז נישט קאָמפּליצירט, און טאַקע ביז גאָר איינפאַך. מיין שטרעבן, מיין טיפסטער ווונטש איז געווען בייצושטייערן צו דעם, אַז מיין פאָלק

זאָל ווידער אויפלעבן און שטיין אויפן זעלבן מעמד, ווי אַנדערע פרייע פעלקער פון דער וועלט".

מענטשן האָבן זיך געשאַרט צו אים, סיי יחידים און סיי מאַסן און גאַנץ אָפט — איז געווען שווער זיך צו געבן אַן עצה דער-מיט. דער פאָטער מיינער האָט געוואָלט זיין צוגענגלעך פאַר אַלע-מען. איז אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין צייט, בפרט אין זיינע ציוניסטישע נסיעות, ווען ער האָט געהאַלטן צו עטלעכע רעדעס אין משך פון טאָג.

מיין ראָל, אַלס זיין סעקרעטאַרין און גלייכצייטיק ווי זיין דאָקטאָר, איז נישט געווען קיין לייכטע. זייער אָפט זענען אָט די צוויי פונקציעס מיינע געווען אין סתירה איינע צו דער אַנדערער. פון איין זייט האָב איך געוואָלט מיין פאָטער פאַרשפאָרן, ווי ווייט מעגלעך, ער זאָל זיך נישט אָנשטרענגען צו פיל, צוליב דער זאָרג פאַר זיין געזונט; פון דער אַנדערער זייט האָט מען געמוזט זיך זען מיט פיל מענטשן, אָנקניפּן מיט זיי קאָנטאַקטן, וויכטיקע פאַר דער ציוניסטישער זאַך, מיט איין וואָרט, זיין אין אומאויפ-הערלעכער באַוועגונג.

בעת די דאָזיקע נסיעות האָב איך באַזוכט צוזאַמען מיט מיין פאָטער פיל לענדער פון דער וועלט. מיר האָבן זיך צוזאַמענ-געטראָפן כמעט מיטן גאַנצן גלות-יידנטום. אַזוי זענען פאַרלאָפן יאָרן, אויסגעפולטע מיט איינדרוקן. דאָס איז געווען, אין בוכ-שטעבלעכן זין פון וואָרט, אַ קאַליידאָסקאָפּ. איינס נאָכן אַנדערן האָבן זיך געטוישט די סצענעס, מענטשן, שווערע איבערלעבונגען און פריידיקע מאָמענטן, נייע האָפענונגען און נישט ווייניקער אַנטוישונגען, אַן אומאויפהערלעכער קאַמף און דער טיפער גלויבן אינעם ענדגילטיקן טריומף פון דער זאַך, וועלכער ער האָט געוויד-מעט זיין גאַנץ לעבן.

באַזוכנדיק צום צווייטן, דריטן אָדער צום צענטן מאָל די זעלבע ערטער, האָט מען אים מקבל פנים געווען מיט נאָך אַ גרעסערן ענטוזיאַזם, ווי פריער. מ'האָט עס געפילט, אַז ביי זיינע

צוהערער און לייענער איז ער טיף איינגעבאַקן אין זייערע הערצער און מוחות. פון וואַרשע ביז יאָהאַנעסבורג, פון ירושלים ביז סאַן פראַנציסקאָ, זאָל עס זיין אין דער גרויסער הויפּטשטאָט פון דער וועלט, אָדער אין קליינע יידישע שטעטלעך פון מזרח-אייראָפּע, אומעטום, ווו אָט דער משולח פון אויפגעוואַכטן ציון האָט גע-שטעלט זיינע אייליקע טריט, זאָל עס זיין אין די קעניגלעכע פּאַ-לאַצן, אין די פּאַרלאַמענטן, ביי די מעכטיקע פון דער וועלט, צי גאָר ביי די סאַמע אָרעמסטע, איז ער תמיד געווען דער זעלבער, וואָס האָט אויסגעשטראַלט פון זיך די אַטמאָספער פון פריינד-שאַפט.

ער איז קיין מאָל נישט מיד געוואָרן פון די נסיעות און פון די געענדערטע איינדרוקן. ער האָט אָפּט גערעדט אויף דער זעל-בער טעמע, אָבער יעדעס מאָל אַנדערש. ער איז געווען אַ שונא פון שאַבלאָן. מענטשן האָבן געפילט, ווי ער באַגייסטערט און באַוועלטיקט זיי מיט זיין אומגעהויערן חן, וואָס האָט אַרויסגע-שטראַלט פון אים. אומעטום האָט ער אָנגעצונדן פונקן פון יידישן ענטוזיאַזם, וואָס האָבן שפּעטער זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין אַ גרויס פייער.

אומעטום האָט מען אים אויפגענומען נישט נאָר ווי דעם מנהיג פון יידישן פאָלק, אָבער אויך ווי דעם סאַמע טייערסטן גאַסט און פריינד, וועלכער האָט געהאַט פאַר יעדן איינעם אַ וואַ-רעם וואָרט. ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט באַשאָנקען זיין עולם מיט פּערל פון זיין חכמה און בלומען פון זיינע געפילן.

אַ וואָרט פריער פון איבערזעצער

ווי קומט עס, וואָס גראָד איך האָב געהאַט דעם כבוד און גליק איבערצוזעצן דאס ווערק פון פלאָריאַן סאָקאָלאָוו, געווידמעט זיין גרויסן פאָטער נחום סאָקאָלאָוו, מיט וועמענס נאָמען דאָס פוילישע יידנטום איז געווען צונויפגעבונדן מיט אומצערייסבאַרע פּעדעם, דער יעניקער מנהיג הדור, וואָס האָט באַגייסטערט יידישע מאַסן מיט זיין נביאיש וואָרט. אומעטום, וווהין ער איז געקומען פון איין קאָנטינענט צום צווייטן, צי דאָס איז געווען אין די הויפּטשטעט פון דער וועלט, אָדער אין קליינע, פּוילישע שטעטלעך, האָט ער באַהויכט און אינספּירירט די יידן מיט זיין גייסט, אָנגעצונדן אין יידישע הערצער פונקען פון ענטוזיאַזם, וואָס האָבן שפּעטער זיך צעפלאַקערט אין אַ גרויס נאַציאָנאַל פייער. אומעטום וו ער איז געקומען, זאָלן עס האָבן געווען די מעכטיקע פון דער וועלט, מלכים אין די קעניגלעכע פּאַלאַצן, אָדער פּאָליטיקער אין די פּאַרלאַמענטן, רייך צי אָרעם, תמיד איז ער געוואָרן באַגריסט און אויפגענומען, ווי אַן אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט, וואָס דערפילט אַ היסטאָרישע מיסיע פאַר זיין אויסגעמאַטערט, פאַרפייניקט פאָלק. און די דאָזיקע מיסיע זיינע איז געווען דאָס ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק אין זיין אייגן לאַנד.

איז ווי קומט עס, וואָס אַ זשורנאַליסט און, אַז איר ווילט אייגנטלעך אַ רעפּאָרטער, האָט מיט אַ מאָל זיך גענומען צו אַן אַרבעט, וואָס איז אים ביז איצט אין גאַנצן פרעמד געווען, צו אַ ליטעראַרישער איבערזעצונג פון אַ ווערק, דערצו נאָך פון אַזאַ מייסטער פון וואָרט, ווי דאָס שטעלט מיט זיך פאַר פלאָריאַן סאָקאָלאָוו, וואָס האָט געירשנט פון זיין פאטער די פּערלדיקייט פון דער שפּראַך, דעם וווּנדערבאַרן סטיל און גייסטרייכן צוגאַנג צו פּראָבלעמען און מענטשן?

דער ענטפער אויף אָט דער פראַגע וועט, אפשר, קלינגען נאַיוו און נישט איבערצייגנדיק און דאָך איז עס געווען אַ רעזולטאַט פון אַ ספּאָנטאַנעם דורשט און דראַנג תיכף עס איבערצופורעמען אויף יידיש. וואָרעם נאָר אין יידיש וועט דאָס ווערק ערשט באַקומען זיין ריכטיקן תיקון, אין דער יעניקער שפּראַך, אין וועלכער דריי און אַ האַלב מיליאָן פּוילישע יידן האָבן זיך אויסגעלעבט אַ פולבלוטיק יידיש לעבן, אויסגעזונגען זייער פרייד און אויסגעוויינט זייער צער ביז אומצוקומען אויף קידוש השם מיטן שמע ישראל, וואָס איז געווני אַזוי יידיש ווי העברעיש, אַ האַרץ־אויסרוף, וואָס איז אַריין אין מאַרך פון אונדזערע ביינער, ווי אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער נשמה־צימער.

אין אַ האַרבסטיקן טאָג מיט אַ שיינע פאָר יאָר צוריק, האָט מיר מאַרק יאַרבלום, דער מנהיג פון פראַנצויזישן יידנטום, וואָס לעבט איצט אין ישראל איבערגעגעבן אַ פּעקל מאַנוסקריפּטן אין דער פּוילישער שפּראַך. געווען זענען עס עטלעכע אָפּגעריסענע טיילן פון פלאָריאַן סאָקאָלאָווס ווערק וועגן זיין פאטער.

״ס׳וועט אייך, אפשר, פּאַראינטערעסירן — האָט יאַרבלום געזאָגט צו מיר. — איר זייט דאָך אַ פּוילישער ייד און דערצו נאָך אַ וואַרשעווער״.

האָב איך זיך אַוועקגעזעצט לייענען די מאַנוסקריפּטן און זיי געלייענט מיט אַ טאָפּלטן אינטערעס. ערשטנס, צוליב נחום סאָקאָלאָוו, וועמען איך האָב גע־האַט די זכיה עטלעכע מאָל צו הערן און צו ווערן באַגייסטערט און מיטגעריסן פון זיין שטראַלנדיקער פּערזענלעכקייט און צווייטנס צוליב פלאָריאַן סאָקאָלאָוו גופא, וועמען כ׳האָב גוט געקענט פון זיינע פּאָליטישע, גייסטרייכע אַרטיקלען און לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענצן אין דער וואַרשעווער פּוילישער צייטונג ״גאַזעטאַ פּאָלסקאַ״.

אַ זשורנאַליסט איז שוין פון דער נאַטור אַליין אַ בלאַזירטער און, אז איר ווילט אַפילו דעמאָראַליזירטער מענטש. דאָס מאַכט פון אים אַזוי זיין באַרוף פון האָבן די געלעגנהייט פון צונויפטרעפן זיך מיט וויכטיקע מענטשן, אָדער ביי־וווינען דירעקט אָפּט מאָל געשעענישן פון היסטאָרישער באַדייטונג, וואָס נאָר אַ זשורנאַליסט קאָן עס האָבן.

האָב איך זיך דעריבער אַוועקגעזעצט לייענען דאָס דאָזיקע ווערק מיט אַ געוויסן פּאָראורטייל און קריטישער איינשטעלונג. צו מיין גרעסטער איבעראַשונג האָט מיך אָט דער מאַנוסקריפּט צוגעצויגן, ווי דער שטאַרקסטער מאַגנעט. וואָס ווייטער איך בין אַריין אינעם וואַלד פון די ווייסע בלעטלעך אַלץ מער און שטאַרקער בין איך פאַרכאַפּט און געפאַנגען געוואָרן פון זייער שיינקייט און צויבער. נישט געווען אַזאַ כוח, וואָס זאָל מיך דעמאָלט קאָנען אָפּרייסן פון לייע־נען. דאָס איז דעמאָלט געווען פאַר מיר, אַ נאַכט, בעת וועלכער כ׳האָב נישט צוגעטאָן קיין אויג, אַ שלאָפלאָזע נאַכט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט, ווי אין אַ חלום.

מיט אַ מאָל האָט אויפגעריסן אין מיר אַ ווונד און אַ נאָגנדיקע בענק־שאַפט נאָך אַ פאַרשניטענער יידישער וועלט, נאָך אַזאַ בונטיק לעבן פון יידישן פאָלק אין פוילן, וואָס איז אויף אייביק פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן.

עפּעס אַן אינערלעכע שטימע האָט מיך אויפן אָרט געשטויסן תיכף איבער־צוזעצן איינס פון די שטאַרקסטע קאַפּיטלען אויף יידיש. ערשט אויף יידיש וועט עס האָבן דעם ריכטיקן טעם, האָב איך מיר געזאָגט און טאַקע אויפן אָרט מיט אַן אינערלעכן ציטער זיך גענומען צו דער איבערזעצונג און אַוועקגעשיקט אַלס פּראָבע צום מחבר מיטן פאַרשלאָג צו דערלויבן איבערצוזעצן דאָס גאַנצע ווערק.

צו מיין גרויסער סאַטיספאַקציע האָב איך באַלד באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער פון פלאָריאַן סאָקאָלאָוו און די דערלויבעניש איבערצוזעצן זיין ווערק. דערנאָך איז געקומען דער גרויסער סטימול צו אַרבעטן איבערן ווערק. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳האָב געפונען דעם ריכטיקן סטיל און געהעריקע פאָרם, אַז ס׳פילט זיך בכלל נישט, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג, נאָר ס׳מאַכט דעם איינ־דרוק פון אַן איבערדיכטונג, ווי דאָס דאָזיקע ווערק וואָלט מלכתחילה געשריבן געוואָרן אין יידיש. דעם דאָזיקן סטימול האָבן געהאַט צוגעשיקט שלום אַש און אַנדערע יידישע שרייבער.

אַנדערהאַלבן יאָר האָט געדויערט די איבערזעצונג פון ערשטן באַנד. כ׳האָב געפילט, אַז כדי די איבערזעצונג זאָל זיין אַ שלימותדיקע מוז איך זיך נאָך מער

אַריינפּילן אין דער אינטימער סביבה פון נחום סאָקאָלאָוו און אָפּגעפּאָרן צו זיין זון פלאָריאַן און טאָכטער צעלינאַ קיין לאָנדאָן.

דאָס איז געווען אַן אומפּאַרגעסלעכער אָוונט, בעת וועלכן מ'האָט מער גע־שוויגן, ווי גערעדט. וואָרעם, ווי האָט מען געקענט רעדן, ווען פון יעדן ווינקעלע פון די צימערן, ווען אויף יעדן חפץ האָט זיך נאָך געפילט דער אָטעם פון נחום סאָקאָלאָוו. מיר געפינען זיך אין זיין וווינונג, ווו אַלע צימערן זענען אויסגעפולט מיט פּאָליצעס פון ספרים און ביכער אין די טויזנטער, יקר המציאותן פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האט אין משך פון צענדליקער יאָרן געזאַמלט.

אָט שטיי איך פאַר זיין שרייבטיש, אויף וועלכן ער האָט נאָך געאַרבעט אין דער "הצפירה" אויף מאַריאַנסקע גאַס, אין וואַרשע און ביים זעלבן טיש איז ער אַוועקגעפאַלן אין לאָנדאָן, ביים שרייבן אַן אַרטיקל און אַזוי אויסגע־הויכט זיין ליכטיקע נשמה.

צעלינאַ, זיין טאָכטער, דערציילט עס מיר אַלץ מיט פיבער, מיט ווייטיק, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געשען און נישט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק. זי האָט מורא, אַז איך זאָל זיך נישט צורירן צום שרייבטיש. דאָס איז פאַר איר אַ רעליקוויע — זאָגט זי. יעדן פרימאָרגן קומט זי אַריין אין שרייבצימער פון איר פאָטער און מאַכט דאָ אָרדענונג, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט און גאָרנישט האָט זיך געענדערט אין דאָזיקן צימער, זייט יענעם מאָמענט, ווען איר פאָטער איז אויף אייביק אַוועק. די זעלבע פעדער ליגט אויפן טיש, דאָס זעלבע לעשפּאַפּיר. די זעלבע צייטונגען פון יענעם טאָג, די זעלבע ביכער, וואָס ער האָט געהאָט אונטער דער האַנט.

פון דאָזיקן צימער גייען מיר אַריין אין סאַלאָן. אויך דאָ האָט זיך גאָר־נישט געענדערט. אַלץ איז געבליבן, ווי ביי זיין לעבן. אין אַ ווינקל פון זאַל — אַ גרויסער, אַלטמאָדישער קלאַוויר, אויף וועלכן ס'האָט לכבוד סאָקאָלאָוון געשפּילט אַרטור רובינשטיין. יאַשאַ חפץ האָט געשפּילט בעטהאָווענס פידל־קאָנ־צערט און אַרטור רובינשטיין האָט אים אַקאָמפּאַנירט. אויפן קלאַוויר — אַ גרויסע געמיינזאַמע אויפנאַמע פון פּרעזידענט מאַסאַריק און נחום סאָקאָלאָוו מיט דער אייגנהענטיקער צושריפט פון מאַסאַריקן "פאַר אייער און אונדזער פריי־הייט". אַ צווייט בילד — פון ווינסטאָן טשערטשיל "פאַר נחום סאָקאָלאָוו, דעם גרויסן ציוניסט און פּאַטריאָט פון יידישן פאָלק". אויף דער וואַנט — אַ גרויסער אייל־פּאָרטרעט פון סאָקאָלאָוון, געמאָלט פון גרויסן קינסטלער פּילי־כאָווסקי. אַן אַ שיעור פאָטאָ־בילדער פון ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן, קאָנ־גרעסן, מנהיגים, מיט וועלכע סאָקאָלאָוו האָט זיך פאָטאָגראַפירט, ווי אויך טעפּיכער און גאָבעלינען פילן אויס די ווענט פון זיין סאַלאָן.

אין אַ גלעזערנער גאַבלאָטע, אונטער אַ טלית, געפינט זיך אַ ספר תורה, אַ מתנה פון אַ דעלעגאַציע פון ווילנער יידן. זי שטייט אַזוי אָנגעשפּאַרט אין דער גאַבלאָטע צענדליקער יאָרן און קיינער וואַגט נישט זיך צוצורירן צו איר.

מיר הויבן אָן צו שמועסן וועגן נחום סאָקאָלאָוו. ס'רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַ טרויעריקער געדאַנק, אַז צו אַלץ מוז מען האָבן מזל. אפילו נאָכן טויט אויך. ווי שנעל האָט עס די יידישע וועלט פאַרגעסן נחום סאָקאָלאָוון, איינעם פון די פיר פּרעזידענטן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, נחום סאָקאָ־

לאָוון, וואָס איז געווען אַזוי טיף שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסן מיטן יידישן לעבן אויף אַ צייט־מהלך פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט. און ווי רייך איז געווען זיין לעבן, פול מיט אַקציע, טראַכטעניש, אומדערמידלעכער אַרבעט, שאַפערישע באַציונגען און גראַנדיעזע דערגרייכונגען; אַ לעבן, וואָס איז פון אָנהויב ביזן סוף געווען געווידמעט דעם יידישן רענעסאַנס און ווידעראויפבוי פון ישראל.

און אָט זעצט זיך אַוועק פלאָריאַן סאָקאָלאָוו, אַליין שוין אַ בן שבעים און הויבט אָן צו דערמאָנען פאַקטן און עפּיזאָדן פון זיין לעבן אין דער שטוב פון טאַטע־מאַמע.

„ווען כ'טראַכט וועגן מיין פאָטער, זע איך אים תמיד אויפן פאָן פון אַ ברייטער פּאַנאָראַמע פון יידישע פּאַרהעלטעניש אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, איבער וועלכע ער האָט געוואַנדערט, ווי אַ בעל־חלומות, נביא און שטאַטסמאַן. כ'זע אים אַ צעשמייכלטן אין אונדזער קינדער־שטוב, אָדער אַן איינגעבויגענעם איבערן שרייבטיש, איינגעהילט אין וואָלקנס רויך פון זיין ציגאַר. כ'זע אים אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אין די ביבליאָטעקן, אין די הויפּט־שטעט פון דער וועלט, אָדער בעת זיינע וואַנדערונגען איבער די קליינע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן".

פיל באַקאַנטע און נאָך מער אומבאַקאַנטע, אָבער פאַר נחום סאָקאָלאָוון זענען זיי אַלע געווען נאָענטע מענטשן, לויפן פאַרביי, ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ אין פלאָריאַנס ווערק וועגן זיין פאָטער, ווו ער שילדערט אים נישט נאָר אַלס פאָלקס־רעדנער, נייערט אויך ווי אַ מלוכה־מאַן, דעם גוטן פאָטער און מאַן, דעם אומפאַרגלייכלעכן מיטשמועסער און מייסטער פון וויץ. אין זיין ווערק ווערן דערמאָנט גרויסע געלערנטע, מלוכה־מענער, שרייבער, קינסטלער, מלכים, פּרע־זידענטן, רבנים און להבדיל פּויפּסטן, כמעט אַלע יידישע גרעסטע פּערזענלעכ־קייטן פון זיין דור. כמעט קיינער לעבט שוין נישט פון זיי. די דאָזיקע תקופה געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט.

יאָ, נאָך עפּעס. פלאָריאַן סאָקאָלאָוו פאַרענטפערט זיך פאַר מיר. „דער פאָטער האָט מיר אַ נאָמען געגעבן אפרים, אָבער ס'איז אָפּט געקומען צו אונדז שלום אַש'ס פרוי, וועלכע האָט מיך גערופן פלאָריאַן און אַזוי האָבן מיך שוין אַלע גענומען רופן אין דער היים. אַ סימן, אַז דער פּאַטראָן פון די פּוילישע פּייערלעשער האָט געהאַט מער מזל, ווי אפרים".

פלאָריאַן האָט אין זיין ווערק זיך געשטיצט אויף אויטענטישע קוועלן, אויף די נאָטיץ־ביכלעך פון זיין פאָטער, דאָקומענטן, בריוו און זכרונות פון זיינע נאָענט־סטע משפּחה־מיטגלידער.

אָט אַזוי האָט אַ זון אָנגעשריבן אַ האַרציקע ביאָגראַפיע וועגן זיין גרויסן פאָטער אין דער אויסשטראַלנדיקער וואַרעמקייט פון זיין גוטמוטיקן כאַראַקטער, פריינדשאַפט, גוטסקייט און דאָס אַלץ אויפן פאָן פון אַ מערקווירדיקער תקופה פון יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען אונטערוועגס צו דער מדינה און ווו נחום סאָקאָלאָוו איז געווען איינער פון אירע גרעסטע מנהיגים און וועגווייזער.

נפתלי זילבערבערג

פּאַריז 1960

פּראָלאָג

אַ העלער ווינטערדיקער פרימאָרגן. אַ ראַזיקער נעפּל הויבט זיך אויף איבער דער פאַרפרוירענער ווייסל. פונעם הויכן ברעג שפּרייט זיך פונ־אַנדער דאָס בילד פון דער פאַלעדיקער פלאַכקייט פון גרויס־פּוילן. די פריש־אָראַפּגעפאַלענע שנייען האָבן זי באַדעקט מיט אַ ווייסן איבערצי.

מיטן שליאַך, וואָס פירט פון טשערווינסק קיין ווישעגראַד, גייט אַ ייִד. פון זיין הילוך איז שווער צו וויסן, וואָס איז זיין פאַך אָדער באַשעפ־טיקונג. אָנגעטאָן איז ער אַזוי ווי אַלע אַנדערע ייִדן אין יענע צייטן. אַ פוקסענער שטריימל אויפן קאָפּ, אַ לאַנגע וואַרעמע קאַפּאָטע מיט אַ פוטערנעם קאָלנער, אויף דער פּלייצע שלעפּט ער אַ טלאָמאָקל און אין דער האַנט האַלט ער אַ סענקאָטן שטעקן. נישט זיין הילוך און מעמד און אַ פּשיטא זיין וואַנדער־שטעקן ווייזן אָן אויף רייכקייט. סיידן די ספרים זיינע, וואָס שטאַרצן אַרויס פון זעקל, גיבן, אַ פּנים, צו טראַכטן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ייִדן, נישט קיין עם־הארץ.

אין יענע צייטן האָט מען געקענט זען פיל אַזעלכע ייִדן, ווי זיי האָבן אַזוי געוואַנדערט איבער די דערפער און שטעטלעך פון פּוילן און קיינעם האָט עס נישט געאַרט און געוווּנדערט. עס האָט געקענט זיין אַ וואַנדערנ־דיקער מלמד, אַ בעטלער אָדער אַ פּושקע־זאַמלער לטובת אַ ווילטעטי־קער חברה און אפשר אַ שמש פון אַן אָרעם רבל. שווער אויך צו וויסן זיין עלטער. ער האַלט זיך גלייך, באַוועגט זיך לעבעדיק און שנעל, נישט אַרויסווייזנדיק קיין סימנים פון מידקייט.

פון וואָס טראַכט אָט דער פּוילישער ייִד, וואַנדערנדיק אַזוי מיטן אַלטן שליאַך, לענג אויס דער ווייסל, אין אַ ווינטערדיקן טאָג פון יאָר 1860 ? צי זענען דאָס בלויז דאגות פּרנסה, ווו נעמט מען אַ פּאָר גילדן פאַר זיין הויזגעזינד, אָדער איבער זיין ביטערן גורל ? ער איז פאַרטראַכט

און אומעטיק. און אפשר גאָר איז ער מיט זיינע געדאַנקען אַוועק פון דער גרויער, טעגלעכער ווירקלעכקייט און זיך מיט זיינע מחשבות אַוועקגעטראָגן אין דער ווייטער צוקונפט? אפשר שוועבן אויף אין זיין דמיון ווייטע וויזיעס, ווי דער האָריזאָנט, וואָס צייכנט די טונקעלע קאָנטורן פון וואַלד, אַ וויזיע פון דעם, וואָס וועט אין יאָרן, יאָרן אַרום געשען מיט זיינע קינדער, ווען פון מערב וועלן טייוולאָנישע האָרדעס זיך אַריינרייסן אויף דער פוילישער ערד, זייענדיק טויט און פאַרניכטונג.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל און זיין בליק געווענדעט צו דרום. זיין פנים האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעלייטערט, ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, ווי ער וואָלט דאָרט דערזען אַן אַנדער בילד, נאָך אַ ווייטערס, אָבער אַ הערלעכס, וועגן וועלכן ס׳האָבן געחלומט לאַנגע דורות פון זיינע עלטערן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין נסים.

די פרומע יידן פון יענע צייטן, יידן פון די קליינע שטעטלעך און דערפער פון פוילן, האָבן טאָג־איין טאָג־אויס אויסגעקוקט משיחן, נישט דערפאַר, וואָס זיי האָט זיך געלעבט נישט אַזוי פויגלדיק. די צייטן זענען דעמאָלט געווען נישט פון די ערגסטע. אין די יידישע שטעטלעך האָבן יידן, ווי עס איז געמאָכט נישט קיין שלעכט לעבן. ס׳האָבן זיך, וואָס אַן אמת, שוין געטראָגן אין דער לופט ווייטע קלאַנגען, אַז עס ציט אָן אַ שטורעם, אָבער דערווייל איז דאָס לעבן געגאַנגען זיין געוויינלעכן וועג. אין די בתי־מדרשים האָט מען געפירט גאָר הייסע פּאָליטישע וויכוחים. מ׳האָט זיך געאַמפּערט מכוח דעם פאַרשטייענדיקן אויפשטאַנד. די יוגנט, וואָס איז תמיד אַזוי עמפינדלעך אויף פרייהייטס־לאָזונגען, האָט, פאַרשטייט זיך, סימפּאַטיזירט מיט דער אויפשטאַנד־באַוועגונג. דאַקעגן, די עלטערע יידן, האָבנדיק די ביטערע דערפאַרונגען פון די פריערדיקע אויפשטאַנדן, האָבן זיך מיט פאַרדאַכט באַצויגן צו דעם, און אויס מורא פאַר יעדער אויפטרייסלונג, גערופן יונגוואַרג צו געלאַסנקייט און פאַרזיכטיקייט.

דער וועג, לענג אויס דעם ברעג פון טייך, איז געגאַנגען באַרג אַרויף. ביים זון־אונטערגאַנג האָט דער וואַנדערנדיקער דערזען די טורעמס פון שלאָס און די קירכע פון ווישעגראַד. יענעם טאָג, דעם 5טן פעברואַר, האָט

אויפֿן מאַרק געהערשט אַ פּיל שטאַרקערע באַוועגונג, נישט בלויז דערפֿאַר, ווייל ס׳איז געווען אַ מאַרקטאָג. דורכפֿאָרנדיק האָט זיך דאָרט פֿאַרהאַלטן דער גרויסער רב ר׳ ישראל יהושע טרונק פֿון קוטנאָ, באַקאַנט אַלס ר׳ שיעלע קוטנער, מיט זיין סוויטע. ער איז אָקערשט אַרויס פֿון דער אַלטער שול און מיט געלאַסענע, געמאָסטענע טריט געגאַנגען צום הויז פֿון אָר־טיקן גביר און ראש הקהל ר׳ אפרים יצחק סאָקאָלאָוו, זיינער אַ גוטער ידיד, זייט יאָרן. אין גאָר אַ מזלדיקער שעה איז דער רב געקומען צו זיין גרויסן פֿריינד, צו גאַסט. אינעם הויז פֿון ר׳ יצחק האָט געהערשט אַ גרויסע שמחה. יענעם טאָג איז אים געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע אייניקל. די ידיעה האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל און קהל האָט זיך פֿאַרזאַמלט פֿאַר זיין הויז, בכדי אים צו ווינטשן אַ מזל טוב.

פֿאַר אפרים־יצחקס הויז האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אונדזער וואַנדע־רנדיקער ייד. ער האָט צוזאַמען מיט אַלע יידן אָנטיילגענומען אין דער אַלגעמיינער פֿרייד. אָבער באַלד האָט ער ווידער פֿאַרוואָרפֿן זיין זעקל אויף די פּלייצעס און מיט רויִקע, פֿעסטע טריט גענומען שפּרייזן צו דער ראָגאַטקע און פֿאַרשווונדן פֿון די אויגן, ווען דער וועג האָט פֿאַרקירעוועט קיין פּלאָצק.

מיט אָט דעם אומבאַקאַנטן יידן וועלן מיר זיך נאָך טרעפֿן אין פֿאַר־שידענע געשטאַלטן, ביי פֿאַרשידענע געשעענישן, אין פֿאַרשידענע לענ־דער פֿון דער וועלט, אויפֿן לעבנס־וועג פֿון מיין פֿאָטער, וואָס האָט יענעם טאָג דערזען די ליכטיקע שיין פֿון דער וועלט. ער איז פֿאַר אים געווען זיין זאָרג און דער, וואָס האָט אים באַהויכט, זיין ליבע און זיין אָנשפּאַר. ער איז געווען זיין לייענער און צוהערער, זיין תלמיד און געטרייער פֿריינד. ער איז געווען פֿאַר אים דער נאָענטסטער.

קאַפּיטל 1

ווישעגראַד

די שליאַכן פון דער אַלטערטימלעכער קולטור האָבן געפירט נישט נאָר פון מזרח אויף מערב. זיי האָבן אויך געפירט אין דער ריכטונג צו צפון, און איינער פון די דאָזיקע גרויסע טראַקטן, וואָס האָט פאַרבונדן די לענדער פון זוניקן דרום מיטן סודותדיקן צפון, איז געגאַנגען מיטן ברעג פון דער ווייסל. פאַראַן נאָך סימנים, וואָס זאָגן עדות וועגן אויפ־האַלטן זיך פון יידן אין פוילן, וואָס האָבן אַהערגעוואַנדערט נאָך אין די אוראַלטע צייטן. פאַרשידענע אויסגראַבונגען, ווי געווער פון געהאַרטע־וועטן אייזן און פרויען־צירונג, זאָגן וועגן ווייטע נסיעות פון סוחרים איבער ימים און בערג צום לאַנד פון טייכן, פעלדער און בערג, ווי אַזוי זיי האָבן געצויגן אַזש צום באַלטישן ים, פון וואַנען זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך בורשטין־שטיינער.

מיטן לויף פון דורות איז די ווייסל געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע האַנדלס־אַרטעריעס פון מזרח־אייראָפּע. ביי אירע ברעגעס, פון קראָקע ביז דאַנציק, זענען אויסגעוואַקסן שטעט־פעסטונגען. די ווייסל, וואָס אירע וואַסערן נעמען זייער אָנהויב אין מערב־בעסקידן, פליסט דערנאָך איבער אַן אָפּענעם, פלאַך לאַנד אויף איר זאַמדיקן דנאָ, וואָס איז פאַרזייט מיט ווילד באַוואַקסענע אינדזעלעך, און שוין אין איר אויבערשטן לויף איז זי צוגענגלעך פאַר שיף־פאַרקער; זי צעגיסט זיך מיט איר רייסנדיקן שטראָם אַלץ ברייטער, פרייער און רחבותדיקער צום צפון. ערטערווייז זענען אירע ברעגעס הויכע און פאַלן גלייך אַראָפּ אין וואַסער. און אָט, אויף דעם היסטאָרישן וועג זענען אויפגעשטאַנען די עלטסטע יידישע קהילות אין פוילן. אין די שפּעטערדיקע דורות, ווען פון מערב האָבן גענומען ציען מאַסן יידן, האָבן זיי זיך, הויפּטזאַכלעך, באַזעצט אין אָט די שטעט און שטעטלעך, וואָס ביי דער ווייסל.

ווישעגראַד האָט געהערט צו איינער פון די עלטסטע אָרטשאַפטן ביי דער ווייסל. אַמאָל, אַמאָל איז ווישעגראַד געווען די הויפטשטאָט פון אומ־אָפּהענגיקן מאַזאָווישער פירשטנטום. די ערשטע ידיעות וועגן אַ יידישער קהילה, וועגן דעם נישט ווייט געלעגענעם פּלאָצק, שטאַמען נאָך פון דרייצנ־טן יאָרהונדערט. אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט ווישעגראַד געציילט פיר טויזנט איינוווינער, פון זיי זענען איבער דריי טויזנט געווען יידן. דער קוואַל פון זייער חיונה זענען געווען די אַרומיקע וועלדער און סעדער. די גרויסע ביימער פון די אויסגעהאַקטע וועלדער זענען מיט דער ווייסל געשווומען קיין דאַנציק, ווו מ׳האָט פון זיי געמאַכט מאַשטן פאַר די שיפן. בערלינקעס, אַנגעלאָדן מיט תבואות און אויבסט, באַרקעס און טראַטוועס האָט די ווייסל געטראָגן אויף אירע וואַסערן. ס׳איז רוישיק און לעבעדיק געווען יענע צייטן אויף דער ווייסל.

ווייבער און טרעפּערקעס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון ניי־גע־בוירענעם קינד, וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן נחום־טוביה. מיין פאָטער האָט קיין מאָל נישט דערציילט נאָך וועמען מען האָט אים גערופן. קיינער פון אונדזערע נאָענטסטע פאַרשטאָרבענע קרובים האָט נישט געטראָגן אַזאַ נאָמען. מען זאָגט, אַז אויף דער מצבה פון דער באָבע אין פּלאָצק, האָט דער זיידע שמואל־יוסף דערמאָנט איר ערשטלינג, איר בכור — נחום, איר טרייסט.

פון מערב האָט געצויגן אַ שטאַרקער השכלה־שטראָם, פון דרום און מזרח די חסידישע מיסטיק און אין אינערלעכן לעבן פון די יידן — איז אָנגעגאַנגען אַ האַרטנעקיקער קאַמף פון די מתנגדים אויף צווי פראָנטן: מיטן אַלץ שטייגנדיקן איינפלוס פון די חסידישע צדיקים אויף די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן און מיטן אַסימילאַציע־פאַרשריט ביי די העכערע, נגידישע מתנגדישע ספערן.

און אין לאַנד איז דערווייל רייף געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער אויפ־ברויז, וועלכן ס׳איז נישט באַשערט געווען צו דערגרייכן זיין ציל, אָן אויפברויז, וואָס האָט זיך אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט.

דאָס געטאָ האָט זיך שווער אונטערגעגעבן. גאַנצע יאָרהונדערטער זענען פאַרביי און גאָרנישט האָט זיך, כמעט, ווי נישט געענדערט אין די

קליינע שטעטלעך פֿון פּוילן, ביז דער צווייטער העלפֿט פֿון ניינצנטן יאָר־הונדערט, ווען די גרויסע ענדערונגען אין דער וועלט, האָבן אָנגעשלאָגן אויך אין די מויערן פֿון געטאָ. אַ לאַנגע צייט נאָך האָבן זיך די אַלטע פּאַטריאַרכאַלע פֿאָרמען פֿון יידיש אויסלעבן זיך פּאַרטיידיקט קעגן דראַנג און שטורעם פֿון די מאָדערניזירטע צייטן. דאָס געטאָ, אויב נישט פֿאָרמעל, האָט עס לויט זיין טראַדיציע און לעבנס־שטייגער אַרויסגעוויזן אַן אויסער־געוויינלעכע, גייסטיקע שטאַנדהאַפֿטיקייט, ס׳האָט געהאַט זיין ראָמאַנטיזם, זיין פּאָעזיע, זיינע בענקשאַפֿטן. דער יידישער אופֿן פֿון לעבן אין די קליינע קיבוצים, צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, זענען אָבער גלייכצייטיק געווען פֿאַרבונדן מיט טויזנטיאָריקע פֿעדעם פֿון גע־מיינזאַמען גלויבן, געמיינזאַמען אָפּשטאַם און געמיינזאַמע רדיפֿות און נגי־שות, און דאָס איז, אפשר, געווען דער סוד פֿון איבערהאַלטן די מוראדיק־סטע שטורעמס פֿון דער וועלט. די סיבה דערפֿון איז געווען נישט בלויז דער גלויבן, דער קולט, נאָר אויך דאָס אין זיך איינגעשלאָסן לעבן פֿון דער משפּחה און געמיינשאַפֿט, זעלבסטהילף, ווילטעטיקייט און לאָיאַלי־טעט, וואָס האָט געשאַפֿן אומצערייסבאַרע געפֿילן־ און סענטימענט־פֿאַר־בינדונגען. דאָס געטאָ האָט געהאַט זיין עפּאָס און זיין ליריק.

דורות יידן, וואָס זענען געזעסן איבער דער גמרא, האָבן געלעבט נישט בלויז אין זייערע אַבסטראַקטן. דאָס איז געווען אַ בונטפֿאַרביק און פֿולבלוטיק לעבן פֿון פּלאַסטישע און שפּרודלדיקע טיפּן. דאָס איז גע־ווען אַן אָפּגעזונדערטע וועלט פֿון זעלבסט־אויסקום, אויב נישט ווירטשאַפֿט־לעך, איז גייסטיק און פּסיכיש, אַ וועלט, וועגן וועלכער ס׳האָבן געדענקט און דערמאָנט מיט זיסער און נאָגנדיקער בענקשאַפֿט, די, וואָס זענען אַרויס פֿון איר. אַנומלט, בעת אַ געשפּרעך מיט מיין פֿאָטער, האָב איך געלאָזט פֿאַלן אַ געדאַנק, אַז ווען איך דערוווייטער מיך פֿון אים אויף אַזאַ מהלך, ווי ער האָט זיך דערווייטערט פֿון זיין פֿאָטער, וואָלט איך שוין היינט געווען אַן אַרציבישאָף. ער האָט זיך צעשמייכלט, אָבער געטאַדלט מיין דאָזיקן וויץ, באַצייכענענדיק אים אַלס אַ נישט־פּאַסיקן. פֿאַקטיש איז טאַקע זיין דערווייטערן זיך געווען בלויז אַן אויסערלעכס, און נישט פֿון דעם אייביק לעבעדיקן, נישט פֿאַראיבערגייענדיקן אינהאַלט, וועלכן דער ציוניזם האָט

ווידער אויפגעלעבט אין אַ נייער, נאָך פולערער, און אַזוי אַלטער — פון פּאָר צוויי טויזנט יאָר — געשטאַלט. די צוגעבונדנקייט פון מיין פאָטער צו זיין געבוירנאָרט אין פּוילן איז געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק און טיף. ער האָט תמיד געבענקט צו יענע קאַנטן, אומעטום געזוכט זיינע לאַנדסלייט, זיך אינטערעסירט מיט זייער לעבן און געהאָלפן, מיט וואָס ער האָט געקענט. אָפּזאָגן זיך פון זיין היימלאַנד האָט ער געקענט בלויז לטובת ישראל.

ר׳ אפרים יצחק איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, דער איידעם פון אָרטיקן גביר, לייב ברעסלויער, באַקאַנט מיטן נאָמען ר׳ לייביש נגיד. ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן, אָבער נאָך מער צייט האָט ער געווידמעט דאָס לערנען גמרא און זיין געזעלשאַפטלעכער ווילטעטיקער אַרבעט. ער איז געווען אַ נאמן אין דער קהילה, און איז געווען זייער פאָפּולער און באַליבט אין דער שטאָט. מיט זיין הויכער, מאַיעסטעטישער פיגור, לאַנגער ווייסער באָרד און הדרת־פנים, האָט ער געהערט צו יענעם טיפּ וועלטלעכע פאַטריאַרכן, וואָס נישט זייענדיק פאָרמעל קיין רבנים, זענען זיי דאָך געווען די גייסטיקע מנהיגים פון זייערע קהילות. הגם ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות און איז געווען בקי דורך און דורך, האָט ער דאָך זיך ניט געוואָלט פאַרשפּאַרן אין די ד׳ אמות פון רעליגיעזע ענינים. דערצו נאָך האָט אים אין דעם געשטערט זיין גרויסער טעמפּעראַמענט אין לעבן.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט זיין זון שמואל־יוסף, וועלכער האָט באַקומען אַ גרינטלעכע רבנישע דערציונג און איז געווען בקי אין דער העברעישער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, וועגן וואָס עס זאָגן עדות די כתבים, וואָס ער האָט געלאָזט נאָך זיך. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס דער זיידע האָט געוואָלט, אַז זיין אייניקל זאָל ממשיך זיין די אַלטע טראַדיציעס פון זיין היים. נחום איז אָבער געראָטן סיי אין זיידן און סיי אין פאָטער. נאָכן טאָטן האָט ער געירשנט דעם וויץ און דערציילערישע פעיקייטן, און פון זיידן — די געזעלשאַפטלעכע אַמביציעס.

נחום האָט שוין אָבער געלעבט אין אַנדערע צייטן און איז אַרונטערגעפאַלן אויסערלעכע איינפלוסן. פון זיינע קינדערישע יאָרן אָן איז ער, טראָץ זיין גרויסער צוגעבונדנקייט צו זיין משפחה, זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג אַנטקעגן דעם גורל. דאָס איז געווען אַ שווערער וועג, פון פליסיקער

אַרבעט פֿון אַ מתמיד, פֿון אומאויפֿהערלעכע אָנשטרענגונגען, זאָרגן און ענטוזיאַזם, התרוממות הנפש און אַנטוישונגען.

נישטאָ כמעט קיין יידישע משפחה, וואָס זאָל נישט האָבן אין איר אָפּ־שטאַם קיין רבנים. אויב איך שטרייך דאָס אונטער אין דער אָפּשטאַמונג פֿון מיין פֿאָטער, טו איך עס, נישט בכדי אונטערצושטרייכן זיין „יחוס״ — דאָס וואָלט אין גאַנצן נישט געווען אין גייסט פֿון מיין פֿאָטער — נאָר ווייל די דאָזיקע טראַדיציעס פֿון מיין משפּחה, האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקן איינפֿלוס אויף זיין דערציונג און שוין אין זיין פֿריסטער יוגנט האָט ער געמוזט פֿירן אַ שווערן קאַמף, כדי זיך פֿון זיי צו באַפֿרייען.

ר׳ אפֿרים־יצחק איז געווען דער זון פֿון ווישעגראָדער רב ר׳ צבי הערש, וועלכער האָט אין אָנהויב פֿון 19טן יאָרהונדערט זיך אַ נאָמען גע־געבן סאָקאָלאָוו. ער איז געקומען קיין ווישעגראָד פֿון סאָקאָלאָוו אין פּאָ־לעשיע, וווּ זיין פֿאָטער ר׳ שמואל איז געווען באַרימט פֿון זיין לומדות און גאונות. ר׳ שמואל איז געווען אַן אור־איניקל פֿון ר׳ נתן בן שלמה שפּירא, אַ באַרימטער למדן, דער מחבר פֿון קבלה־ספֿר „מגלה עמקות״, דער ראש ישיבה פֿון קראָקע (1584 — 1633), און דאָס איניקל פֿון ר׳ שלמה, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם בעת די קאָזאַקישע מלחמות אין שאַראָ־גרוד.

מיין פֿאָטער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס איינרעדעניש. ער איז באמת געווען אַן עניו. ער האָט פֿיינט געהאַט, ווען מ׳האָט אים געלויבט. ווען זיינע פֿאַרערער האָבן זיך אַנטציקט פֿון מיין פֿאָטערס זכרון, פֿלעגט ער, געוויינלעך ענטפֿערן: „ס׳איז נישט אמת, אַז איך האָב עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון. איך קען בלויז נישט פֿאַרגעסן״. זעלטן ווען פֿלעגט ער דערמאָנען זיינע קינדער־יאָרן, ערשט אין די סאַמע לעצטע צייטן, ביים סוף פֿון זיין לעבן, האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן פֿאַרגאַנגענע צייטן, וועגן רבנים און צדיקים. ס׳איז מיר קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו הערן, אַז מיין פֿאָטער זאָל האָבן דערציילט וועגן זיינע דערפֿאָלגן, אַלס וווּנדער־קינד. דאָס, וואָס מיר ווייסן יאָ וועגן זיינע קינדער־יאָרן און אַלס אַ יונגער בחור, שטאַמט הויפּטזאַכלעך פֿון די דערציילונגען פֿון זיינע יוגנט־חברים, קאָלעגן און נאָענטער משפּחה.

אין זיינע נאָטיצן קען מען אויך געפינען פיל ביאָגראַפישע איינצלהייטן וועגן אים, און ס׳וואָלט כדאַי געווען, אַז מענטשן, דערצו באַרופענע, זאָלן זיי באַאַרבעטן. מיין פאָטער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַן עפּאָפּיי וועגן פּוילישן יידנטום פון דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט איבערן דאָזיקן ווערק און איבערגעלאָזט אַ מענגע פון זייער ווערטפולן מאַטעריאַל. ער פלעגט אויך ליב האָבן צו דערציילן וועגן יידישע גבירים און נגידים. זיין זיידע איז געווען פאַר אים דער מוסטער פון אַזעלכע דעמלסטיקע נגידים, פון הדרת־פּנימדיקע יידן, ביי וועמען די פרומקייט איז נישט געווען עפּעס אַ פאַרגליווערטע זאַך, נאָר האָט געהאַט אין זיך אַ טיף־עטישן גרונט; מענטשן פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע און משפחה־מידות, מיט אַן איינגעבוירענעם קולט פאַר יהדות.

אין איינעם פון זיינע זכרונות האָט ער געשריבן: „אויב דו ביסט אַ פּוילישער ייד, מוזטו זיכער געדענקען אונדזערע אַלטע פּרנסים און גבירים, לומדים און פילאַנטראָפּן, בכבודיקע, ערנסטע יידן, ביי וועמען די אויגן האָבן געשטראַלט מיט חכמה, יידן מיט לאַנגע בערד, אין זיידענע זשיפּיצעס און סויבל־שטריימלעך און מיט די שווערע, זילבערנע עטרות אויף די טליתים, וואָס זענען זיי אַריבערגעפאַלן טיף איבערן קאָפּ. דאָס איז מיין און דיין זיידע״.

אויב פעיקייטן גייען איבער בירושה און רופן זיך אָפּ אַפילו אויפן צענטן דור, האָט מיין פאָטער געירשנט זיין פענאָמענאַלן זכרון נאָכן עלטער־עלטער־זיידן, ר׳ נתן נטע שפּירא, וועלכער האָט, ווי מען דערציילט, געקענט פון אויסנווייניק גאַנץ תנ״ך, ש״ס און פוסקים, מיט איין וואָרט — די גאַנצע יהדות־ליטעראַטור. וועגן אים דערציילט מען זיך אַן אַ שיעור לעגענדעס. לויט איינער אַזאַ לעגענדע, האָט זיך צו אים מגלה געווען אליהו הנביא און צוזאַמען מיט אים געוויינט איבערן חורבן און אונטערגאַנג פון ישראל. אַ חוץ תלמוד און קבלה האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע. מיט זיינע פלאַמיקע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די מתפללים, האָט ער מיט זיין שטאַרקן מיסטיציזם געהאַט אַ געוואַלטיקן איינפלוס אויפן עולם. פאָלקס־לעגענדעס האָבן איינגעהילט זיין

געשטאַלט מיט וווּנדערבאַרע געשיכטעס וועגן מופתים, וואָס ער האָט באַ־וויזן. זיין גאַנץ פאַרמעגן האָט ער אָוועקגעגעבן אויף אַ דבר טוב. זיינע ביאָגראַפן גיבן אָן די אומשטענדן פון זיין פטירה, וואָס זענען אין גאַנצן ענלעך צום טויט פון מיין פאָטער. ער איז פּלוצים געשטאָרבן, זיצנדיק איבער אַ נישט פאַרענדיקטן כתב־יד.

דאָס אייז האָט געריִרט אויף דער ווייסל. ס׳איז געקומען דער פרילינג, דער זומער. פון די פענצטער אין הויז פון זיידן, וואָס האָט זיך געפונען האַרט ביי דער אַלטער שול, ווו מיין פאָטער האָט פאַרבראַכט זיינע ערשטע יאָרן פון לעבן, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע. די אַזוי ווייכע פּוילישע לאַנדשאַפט מיט אירע מילדע פאַרבן, באַגילדערט פונעם ווייץ, באַזילבערט פונעם קאָרן, די גרינע לאָנקעס, ווייסע דערפלעך און כאַטעס מיט שטרוי געדעקט. אויף די זאַמדיקע וועגן און עטלעכע טראַקטן פון שטיין האָבן אין וואָלקנס שטויב לאַנגזאַם און פויל זיך געשלעפּט די פּויערישע פורלעך, יידישע ביידלעך. פון צייט־צו־צייט פלעגט פאַרבייפאָרן אַ פּאָסט־דיליזשאַנס אָדער די קאַרעטע פונעם פּריץ, איינגעשפּאַנט אין פיר פערדלעך נאַ־שפּיץ. פון דער ווייסל האָט זיך געטראָגן דאָס, פון בענקשאַפט נאָגנדיקע, געזאַנג פון די פליסאַק־שיפער.

אַזוי זענען אַריבער עטלעכע יאָר. דער קליינער נחום האָט מיט זיינע גרויע, ברייט אָפענע אויגן געקוקט אויף גאָטס שיינער וועלט, פול מיט אידיליע און איינגעזאַפּט אין זיך אירע ריחות, פאַרבן און קאָלירן. אין זיין יונגן זכרון האָט זיך איינגעקריצט די אַלט־מאָדישע וווינונג פון זיין זיידן, ווו ער איז געקומען אויף דער וועלט. דער באַגילדערטער וואַנט־זייגער, דער גרויסער, דאַנציקער בופעט־קרעדענץ, די לייכטנדיקע, זילבערנע שבת־לייכטער, זילבערנע כוסות, חנוכה־לאָמפּן, די שווערע קאַסטנס מיט קופּער אַרומגעשלאָגן, די וווּנדערבאַרע ריחות פון די בשמים־ביקסלעך און די לאַנגע, דעמבענע פּאָליצעס, פאַרלייגט מיט ספרים.

אויפן הויף איז געשטאַנען אַ ברייטע בריטשקע, אויף וועלכער ער פלעגט אַרויפקלעטערן, און, מסתמא, שוין דעמאָלט געחלומט וועגן ווייטע נסיעות. ער האָט זיך געשפּילט מיט פאַפּירענע שיפעלעך, וועלכע ער האָט געלאָזט שווימען אין די ריטשקעלעך נאָך אַ רעגן. ער פלעגט דערמאָנען,

אַלס איינעם פון די גליקלעכסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, אַ געוויסן נאָכ־מיטאָג, ווען די זון האָט באַגילדערט די רויטע דאַך־ציגל פון זיידנס הויז און אירע שטראַלן האָבן זיך שיף אַריינגעריסן אין זיין צימער. דער זיידע איז געזעסן מיט די געדאַנקען פאַרטיפט אין אַ ספר, דער פאָטער איז גע־שטאַנען, רויכערנדיק פון זיין גרויסן ציבוך און געלייענט אויפן קול זיין באַליבטן אברבנאל, און ביים פייער־אויוון האָט זיין מוטער אים געהאַלטן אויף אירע קני, זיין טייערע מאַמע, וואָס ער האָט אַזוי יונג פאַרלוירן.

דער קליינער גאָרטן ביים הויז איז פאַר אים געווען, ווי אַ גן־עדן, פול מיט חן. די טונקעלע אַלייע צווישן צוויי שורותביימער, וואָס האָט אַרויסגעפירט אין פעלד אַריין, האָט אויף אים תמיד אָנגעוואָרפן אַ פחד, ווייל מ׳האָט געזאָגט, אַז זי איז באַוואַקסן מיט גיפטיקע געוויקסן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך פאַרשטעקט שרעקלעכע שלאַנגען און שרצים.

ס׳איז שווער געווען צו וויסן, ווי אַלט דער זיידע איז געווען. די גרויסע ווייסע באָרד האָט אים דערגרייכט ביזן גאַרטל. ער האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק פון צו זיין גאָר אַן אַלטער מאַן. ער האָט זיך אָבער זייער לעבעדיק באַוועגט. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַ יוגנטלעכן בליק און בכלל האָט ער געשפּראָצט מיט ענערגיע. מיין פאָטער האָט קיין מאָל נישט גע־קענט פאַרגעסן דעם אומעטיקן און נאָגנדיקן ניגון פון דער עבודה, וועלכן דער זיידע פלעגט זינגען יום־כפור. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט הערן אין די שפּעטערע יאָרן דעם דאָזיקן ניגון, האָט זיך אים דער זיידע געשטעלט פאַר די אויגן.

אין זיין זכרון האָט זיך אויך טיף איינגעקריצט די שול, איינע פון די ווייניק איבערגעבליבענע אַלטע הילצערנע שולן, וואָס האָבן, על־פּי־נס, איבערגעהאַלטן די מלחמות און שרפות. אויפגעשטעלט סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט און אַרומגערינגלט מיטן פּאָליש און גאַנעקלעך, האָט זי גע־הערט צו די ווערטפולסטע אַרכיטעקטאָנישע זעלטנקייטן פון יידישע בתי־תפילה. ביי דער שול האָבן זיך געפונען די קהילה־געביידעס, דער בית־המדרש און עטלעכע קלייזלעך.

ווען מיין פאָטער האָט אין יאָר 1925 באַזוכט ווישעגראַד, האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט מענטשן, וואָס האָבן געדענקט מיין פאָטער נאָך אַלס יינגל.

גאַנץ קהל איז געווען דעקאָרירט לכבוד דעם גאַסט, וועלכן דער רב האָט מיט אַ ספר תורה אין דער האַנט מקבל פּנים געווען אונטער אַ חופּה אין דער ווישעגראַדער שול. דערביי האָט דער רב געהאַלטן אַ רירנדיקע דרשה, דערמאָנענדיק די עלטסטע צייטן פון מיין פֿאָטערס קינדער־יאָרן. אין ווישע־גראַד האָט נאָך דעמאָלט געלעבט דער ערשטער מלמד פון מיין פֿאָטער, ר׳ אַברהם.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צום קליינטשיקן נחומל. דאָס קינד האָט כהרף־עין תופס געווען, וואָס ר׳ אַברהם, זיין מלמד, האָט אים גע־לערנט. און ווען ר׳ אַברהם האָט אים אַנטפּלעקט דעם סוד פון א״ב, האָט ער עס אַזוי שנעל אויפגעכאַפּט, אַז אַלע האָבן בפה אחד, פעסטגעשטעלט, אַז עס וואַקסט אַן עילוי.

דער א״ב איז נישט סתם קיין אַלפאַבעט. דאָס וואָרט פון תנ״ך איז עפּעס מער ווי אַ וואָרט. ס׳איז גלייכצייטיק אַ ציפער, סימבאָל, געבעט, שבועה. אַט דאָס וואָרט איז געוואָרן די אַנטפּלעקונג, די נשמה אַ קערפּער, דער געבאָט אַ צער. וויאַזוי האָט זיך נחום אויסגעלערנט לשון קודש? איינער פון זיינע פאַרערער אין לאָנדאָן האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט זיך העברעיש גאָרנישט געדאַרפט לערנען. ער איז דערמיט געקומען אויף דער וועלט. ביים לערנען זיך די שפּראַך האָט ער זיך בלויז דערמאָנט, וואָס ער האָט שוין אַמאָל געקענט. וואָרעם די שפּראַך פון תנ״ך איז, ווי עס האָט זיך אַזוי וואונדערבאַר שיין אויסגעדריקט רענאַן, „אַ שיידל פול מיט שטאָלענע פיילן, אַ זייל, געדרייט פון שטאַרקן דראָט, אַ קופּערנער טראָמ־פּייט, וואָס דונערט אין חלל. די שפּראַך פון תנ״ך נויטיקט זיך נישט אין פיל אותיות, דערפאַר מוזן זיי זיין פלאַם־פייערדיקע. די דאָזיקע שפּראַך פון תנ״ך האַמערט און שלאָגט, ווי דער האַמער אין דער קאָוואַדלע. זי וועט אויסברעכן מיט אַ פאַרפלייצונג פון צאָרן און וועט פאַרקריצן מיט כעס קעגן די מיסברויכנס פון דער וועלט. זי וועט רופן אַלע פיר רוחות פון הימל, זיי זאָלן אייננעמען די פעסטונג פון שלעכטס״.

ווי מעכטיק און גרויס האָבן געמוזט ווירקן די דאָזיקע ווערטער, אָט די קליינע אותיעלעך, אויף דער פאַנטאַזיע פון נחומלען, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן די לאַסט פון אַט אַזאַ ירושה, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין

אָט אַזאַ אַטמאָספער. און ער, וואָס האָט נאָך קוים געקענט שטיין אויף זײַנע דאַרע פיסעלעך, האָט שוין געגומען שפּרײַזן צווישן די דאָזיקע אותיות און ווערטער. זעענדיק זיי פאַר אים געוואָרן דער גייסטיקער וועג־ווײַזער, דער קווערשניט, דאָס בילד, וואָס באַפאַרבט זײַן באַציִונג צו דער ווירקלעכקייט. צווישן די פיל מעטאַמאָרפאָזן, וואָס מײַן פאָטער האָט דורכגעמאַכט, אייג־זאַפּנדיק אין זיך אוצרות פון אַנדערע קולטורן, האָט דער כישוף פון די דאָזיקע אותיות און ווערטער, וואָס ער האָט ווי פּיטשינקע מאָן־קערנדלעך געוואָרפן אויף לאַנגע בויגנס פּאַפּיר, אים קיין מאָל נישט אָפּגעלאָזט אַפילו אויף אַ רגע. איבער אַלע זײַנע פילשפּראַכיקע קענטענישן האָט, ווי אַ שליסל אין דער מוזיק, געהערשט די העברעיִשע שפּראַך.

אין אונדזער משפּחה האָט מען עפּעס קיין מאָל נישט גערעדט וועגן דעם, פאַר וואָס דער ווישעגראַדער רב ר׳ צבי הערש סאָקאָלאָוו האָט אין גאַנצן איבערגעריסן מיט די חסידים. דער זיידע פון מײַן פאָטער איז געווען אַ פאַרביסענער מתנגד, נישט געקוקט דערויף, וואָס די חסידים האָבן געוואָלט מיט אים לעבן גוט. זיי האָבן גוט געדענקט פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. צווישן זײַנע תלמידים און פרײַנד האָט זיך אַפילו געפונען איינער פון די גאָר גרויסע חסידישע מנהיגים, שמואל אבא, דער צדיק פון זשיכלין. נחומס פאָטער, ר׳ שמואל יוסף, האָט אויך פאַרנומען וויכטיקע קהלישע אַמטן און געשפּילט אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע ראָל. אין פרײַע מינוטן פלעגט ער לערנען מיטן עולם אין בית־המדרש. ער דאַקעגן איז שוין נישט געווען אַזאַ פאַרביסענער שונא פון די חסידים, ווי דער פאָטער זײַנער און אַרויסגעוויזן פּשרה־טענדענצן. בעתן אויפשטאַנד פון יאָר 1863 האָט ער פאַרלוירן כמעט זײַן גאַנץ פאַרמעגן. ער איז אָבער געווען צו שטאָלץ אויף צו פאַרבלײַבן ווײַטער אין ווישעגראַד, ווו ער האָט געהערט צו די רײַכסטע בעלי־הבתים פון דער שטאָט. האָט ער זיך דעריבער אַריבערגעטראָגן קיין פּלאָצק, ווו ער האָט נישט געשפּילט קיין גרעסערע ראָל אין יידישן לעבן. דערנאָך האָט נחומס פאָטער זיך באַזעצט אין לובלין.

דער זיידע האָט געהאַט אויף נחומען אַ פיל גרעסערן אײַנפלוס ווי דער פאָטער, וואָס האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון היימישע, צוגענגלעכע יידן. ער איז געווען אַ פרײַלעכער, אָנגענעם אין דער געזעלשאַפט, און וואָס

ר׳ אפרים־איטשע סאָקאָלאָוו, דער זיידע פון נחום סאָקאָלאָוו

האָט אָבער צום שטאַרקסטן ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען אין דער סביבה פֿון זײַנע נאָענטסטע, ביי זיך אין וווינונג. ער האָט פֿאַרגעטערט זײַנע קינדער, אָבער ווייניקער זיך פֿאַרנומען מיט זייער דערציונג.

נחום האָט געהאַט פֿינף שוועסטער און אַ ייִנגערן ברודער יהושע (סטאַ־ניסלאַוו). נחומס מוטער, מרים, איז געווען די טאָכטער פֿון אַ פֿאַרמעגלעכן בעל־הבית אין פּלאָצק, שמואל קאַן. זי איז יונג געשטאָרבן, און דער פֿאָטער, שוין זייענדיק אין לובלין, האָט נאָך צוויי מאָל חתונה געהאַט און ס׳איז אים געבוירן געוואָרן נאָך אַ טאָכטער. ער האָט געפֿירט אַ בכבודיק לעבן אין זײַן אייגן הויז, ער האָט פֿיל געלייענט, געשריבן פּירושים צום תּלמוד און קאָרעספּאָנדירט מיט זײַנע קינדער. ער איז געווען זייער שטאָלץ אויף זײַן נחומען, אָבער שטעקנדיק אין דער פּראָווינץ, האָט ער זיך גאָר זעלטן געזען מיט זײַן זון אין די שפּעטערע יאָרן.

איין מאָל אין לעבן האָב איך געזען מײַן זיידן, קורץ פֿאַר זײַן טויט אין יאָר 1895. ער איז געקומען קיין וואַרשע צו דאָקטוירים. ער איז געווען זייער אַ שיינער ייִד. ער האָט געהאַט גרויסע שוואַרצע אויגן און איבער זיי געדיכטע, לאַנגע ברעמען. זײַן ווייסע באָרד איז געווען ווי פֿון זייד און דאָס געזיכט איז געווען אַ ליכטיקס. ער איז געזעסן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, אײַנגעהילט אין אַ וואָלקן רויך פֿון זײַן ליולקע, וואָס ער האָט אָן אויפֿהער געראַכערט, און דערביי כּסדר געשפּאַסט מיט וויצן. פֿיל פֿון זײַנע ווערטלעך זענען אַרײַן אין רעפּערטואַר פֿון די משפּחה־וויצן. מײַן פֿאָטער האָט תּמיד מיט אַנטציקונג דערמאָנט זײַן אויסערגעוויינלעכן דערציילערישן טאַלאַנט. דער זיידע פֿלעגט דערציילן נישט בלויז פֿריילעכע זאַכן. ער האָט געהאַט אין לעבן מערקווירדיקע, אומהיימלעכע פּאַסירונגען, ער האָט גע־גלויבט אין נסים און, קען זײַן, אַז דאָס איז געווען די סיבה פֿון מײַן פֿאָטערס אינטערעס צו ספּיריטיזם.

דער עלטער־זיידע, ר׳ אפֿרים יצחק, איז געשטאָרבן אין די זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, קורץ נאָך דער חתונה פֿון מײַן פֿאָטער, צו וועלכער ער איז געקומען קיין מאָקאָוו. מען דערציילט אין דער משפּחה, אַז אַט דער ערנסטער, הדרת־פּנימדיקער פּאַטריאַרך, דער שונא פֿון חסידים, האָט זיך נישט געזשאַלעוועט קיין כּוסות אויף דער חתונה, וואָס האָט גע־

דויערט ביז איבער די שבע ברכות און צו דער אַלגעמיינער פרייד פון דער משפחה האָט ער מיט פייער און ברען געטאַנצט דאָס מצווה־טענצל. אַ פנים, אַז ס׳האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער חסידישער שטייגער, וואָס האָט געדרימלט ביי אים און וואָס ער האָט געהאַט אין בלוט בירושה. אָט דאָס חסידות איז שפּעטער נישט איין מאָל געקומען צום אויסדרוק ביי זיינע יורשים.

*

דער שטורעם איז פאַרביי אָן אַ זייט. ווישעגראַד האָט זיך געפונען וויט פון די קריגס־האַנדלונגען פון די אויפשטענדלער. אין די אַרומיקע וועלדער זענען פאַרגעקומען בלויז קליינע צוזאַמענשטויסן. דער קליינער נחום האָט ווי אין אַ חלום געדענקט די דאָזיקע טעג פון אומרו. ער האָט דעמאָלט נאָך צומאָל נישט געהאַט קיין גאַנצע פיר יאָר. ער האָט געדענקט, ווי מען האָט אין זיידנס הויז געפּאַקט די זאַכן אויף פורמאַנקעס און אָפּגעפאָרן מיט די עלטערן קיין פּלאָצק, ווו ס׳איז געווען זיכערער. שפּעטער, ווען ער איז אַ ביסל מער אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיך פיל אָנגעהערט וועגן אויפשטאַנד, סיי פון אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער זייט פון די אויפשטענדלער און אַפילו גענומען אָנטייל אין די קאַמפן, און סיי פון די פשרה־אָנהענגער. יידן האָבן נישט געהאַט נאָך פאַרגעסן די אַלע רשעותן, וואָס מען איז לגבי זיי באַגאַנגען פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן, ווען מען האָט אַזוי גערודפט דעם יידישן דת, אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן, זיי אַרויסגעטריבן פון די שטעט און דערפער, ווען מ׳האָט מיט כוח צוגענומען זייערע זין אין מיליטער און זיי דאָרט אָפּגעשמדט. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן צו דערפילן די מער ליבעראַלע פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. האָט דעריבער אַ באַדייטנדיקער טייל יידן פאַרבונדן זייערע האָפענונגען מיטן קאַמף קעגן צאַריזם. די פּאַטריאָטישע אויפרופן פון וואַרשעווער רב, הרב מייזעלס, האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי פיל רבנים אויף דער פּראָווינץ. דאַקעגן אין די חסידישע קרייזן האָט מען זיך אין גאַנצן אַנדערש באַצויגן צו דער זאַך. די חסידים, מיט זייער אויטאָקראַטישער איינשטעלונג, האָבן זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו דער אויפשטענדלערישער רעגירונג פון די „רויטע״. די לאָזונגען פון פויליש־יידישער ברידערלעכ־

קייט, פֿרייהייט און דעמאָקראַטיע, האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר נישט אויפֿריכ־טיקע און געפֿערלעכע. דערצו נאָך האָבן זיי אין דעם געזען אַ וועג צו אַפּיקורסות.

די חסידים האָבן נישט געגלויבט אין דער דאָזיקער ברידערלעכקייט, וואָס איז אַזוי פֿייערלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן, זיי האָבן זיך געשראָקן פֿון דער פֿרייהייטלעכער אויפֿטרייסלעניש, און וועגן דעמאָקראַטיע האָט איינער פֿון די דעמאַלסטיקע רביים געמאַכט אַזאַ סאַרקאַסטישע באַמערקונג: ווער דאַרף עס האָבן? צי האָבן דען הונדערט קי מער שכל פֿון איינער? אַן אַנדער רבי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער זייט פֿון די אויפֿשטענדלער, האָט אים ריכטיק דערויף געענטפֿערט: — און ווען אַפֿילו זיי האָבן נישט מער שכל, איז צוזאַמען גיבן זיי זיכער מער מילך און האָבן דאָס רעכט אַליין צו טאָן דערמיט, לויט זייער פֿאַרשטאַנד און ווילן. האָט טאַקע דער פּשוטער עמך־ייִד פֿון די שטעטלעך און דערפֿער זיך באַמיט צו העלפֿן די אויפֿשטענדלער. וועגן דער אַסימילירטער אינטעליגענץ און די משכּילים איז דאָך אָפּגע־רעדט. אַ גרויסע צאָל ייִדן האָט געקעמפֿט אין די רייען פֿון די אויפֿשטענד־לער און די ברידערלעכע ייִדיש־פּוילישע אידיליע האָט נאָך שפּעטער אָנ־געהאַלטן אין משך פֿון לאַנגע יאָרן.

די ייִדן, וואָס האָבן צו יענער צייט געהאַט גענוג סיבות פֿיינט צו האָבן רוסלאַנד, האָבן פֿון דעסטוועגן געמאַכט אַן אונטערשיד פֿון דער רעגירונג ביז צום רוסישן פֿאָלקס־מענטש. דער פֿאָטער מיינער פֿלעגט אָפֿט דערציילן וועגן אַ כאַראַקטעריסטישער פּאַסירונג ביי זיינעם אַ פֿריינד, יצחק קראַמ־שטיק, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין אויפֿשטאַנד און איז דערפֿאַר פֿאַר־שיקט געוואָרן טיף אין רוסלאַנד. אַנומלט זענען צו אים געקומען עטלעכע פּויערים פֿון דאָרף, ווו ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין סיביר, און אים דער־קלערט, אַז זיי מוזן מיט אים האָבן אַ שמועס בחדרי־חדרים און זיך מיט אים פֿאַרשלאָסן אין דער כאַטע.

— מיר האָבן צו דיר אַ גרויסע בקשה — האָבן זיי געזאָגט — און דו זאָג אונדז נישט אָפּ אין אָט דער ביטע. נישט בלויז מיר בעטן דיך, נאָר דאָס גאַנצע דאָרף.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך? — האָט קראַמשטיק געפֿרעגט.

— אַ זשאַנדאַר האָט אונדז געזאָגט, אַז דו ביסט אַ ייד. איז דאָס אמת?

— יאָ, איך בין אַ ייד, איז וואָס? — האָט קראָמשטיק געענטפערט, אַ ביסל באַאומרויִקט.

די פויערים האָבן געהאַט זייער ערנסטע און פייערלעכע פּנימער. ענד־לעך האָט זיך איינער פון זיי טיף פאַר אים פאַרבויגן און פייערלעך געזאָגט:

— ווייבאַלד דו ביסט אַ ייד, מוזטו אויך דאָס וויסן. מיר פויערים זענען איינפאַכע מענטשן, מיר זענען נישט געלערנט און בעטן צו גאָט, אַזוי ווי אונדזערע טאַטעס האָבן געטאָן און מיר באַוואָלהן קיינעם נישט. זאָג זשע אונדז דעריבער, דו ייד, האָב נישט קיין מורא, וואָס שטייט געשריבן אין אַלטן טעסטאַמענט?

אַ ביסל אומגעדולדיק האָט קראָמשטיק זיי געוואָלט אָפּפטרן מיט גאָר־נישט און זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן אים לאָזן צורו.

— ניין, דו מוזט אונדז פריער זאָגן, ווו געפינט זיך גאָט? — האָבן זיי אים געפרעגט.

קראָמשטיק איז געווען דער ערשטער ייד, וועלכן די פויערים האָבן געזען אין זייער לעבן. דאָס האָט אויף זיי געמאַכט אַזאַ געוואַלטיקן איינדרוק, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט באַרויִקן, ביז זיי וועלן נישט באַקומען קיין ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס מאַטערט זיי אַזוי. דאָס זענען געווען טיף גלויביקע קריסטן, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין גרויסע אמונה אין זייער פּאָפּ. זיי האָבן געהערט, אַז אין די הייליקע שריפטן ווערט אַזוי פיל גערעדט וועגן יידן, אַז די אָבות זענען געווען יידן, די נביאים — יידן, קריסטוס — אַ ייד, די אַפּאָסטאָלן אויך יידן. מיט זייער פויערישן שכל זענען זיי דעריבער געקומען צו דער מסקנה, אַז קיינער קען נישט בעסער וויסן וועגן דעם, ווי אַן אמתער, אויטענטישער ייד.

קאַפּיטל 2

פּלאָצק

ווען דער קליינער נחום איז אָנגעקומען קיין פּלאָצק, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ גאַנץ אַנדערער סביבה, אין שויס פון דער משפחה מצד דער מוטער. די דאָזיקע צאָלרייכע, פאַרצווייגטע משפחה פון די קאָנס, שיפּס, סעגאַלס, זיגעלבערגס האָט שוין געהערט צו די פאַרגעשריטענע ספערן פון די קליינבירגערלעכע נגידים, וואָס האָבן זיך שוין צו ביסלעך אָנגעשטעקט מיט אייראָפּע. דאָס זענען געווען סוחרים, באַנקירן, הויז־אייגנטימער, וואָס האָבן שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטעס און געגאַנגען קורץ געקליידט, געפאָרן קיין אויסלאַנד און געשיקט זייערע קינדער אין די שטאָטישע שולן. דער עלטערער דור האָט נאָך אָפּגעהיט די רעליגיעזע טראַדיציעס, דער ייִנגערער אָבער שוין נישט.

דער קליינטשיקער נחום לערנט זיך פלייסיק. ער איז אַ מתמיד. עס לערנט מיט אים זיין פאָטער. שפּעטער הויבט ער אָן צו גיין אין בית־המדרש. עטלעכע יאָר שפּעטער קען ער שוין פון אויסנווייניק גאַנץ חומש. דער זיידע קומט אָפט צו פאָרן פון ווישעגראַד און פאַרהערט זיין אייניקל און דאָס, וואָס דער זיידע באַשליסט, מוז אַזוי זיין. ס'האָבן אָבער גענומען ווירקן אויך אַנדערע איינפלוסן. אין יענע צייטן זענען קינדער שנעל רייף געוואָרן און זייענדיק פּאַקטיש נאָך אַ קינד, האָבן נחומען שוין גענומען פּייניקן אינערלעכע ספקות. פון איין זייט זיין ווישעגראַדער זיידע, וועלכן ער פאַרגעטערט און וואָס וויל, אַז זיין אייניקל זאָל זיין אַ גאון, אַז ער זאָל זיצן על התורה ועל העבודה און דערווייטערן זיך פון די פּלאָצקער אַפּיקורסים; פון דער אַנדערער זייט — אַ וועלט מיט מענטשן, פול מיט יצר־הרע, אַ פרייע וועלט, וואָס באַוועגט זיך, אַ וווּנדערבאַרע שטאָט, איינע פון די שענסטע אין פּוילן, אַזעלכע מאָלערישע פּייזאַזשן, די שפּאַצירן לענג אויס דער ווייסל — דאָס אַלץ פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון דאָזיקן אַזוי עמפּינדלעכן און פילבאַרן קינד.

נחומל פילט זיך שטאַרק באַעוולהט, ווען ייִנגלעך פון זײַנע יאָרן הויבן אָן צו גיין אין גימנאַזיע, און ער נישט. ער דורשט ממש נאָך וויסן, אַלץ אינטערעסירט אים. ער געפינט שוין אויס פאַרשידענע ווערטערביכער, גראַמאַטיקעס, לערנט זיך בסוד־סודות פרעמדע שפּראַכן און ביי אַכט יאָר איז ער שוין אַ פּאָליגלאָט — אַן אָנפאַנגער. אין דער שטאָט הויבט מען אָן צו רעדן וועגן אַ ווונדערבאַר קינד, וואָס רעדט אויף עטלעכע שפּראַכן. די ידיעה דערגייט אויך צו נישט־ייִדן. דער זיידע איז דערפון שטאַרק נישט צופרידן. פון דעסטוועגן וויל ער זיך באַרימען מיט זיין אייניקל. אַלס דער פאַרשטייער פון ווישעגראַדער קהל קען ער פערזענלעך דעם פלאָצקער גובערנאַטאָר, דעם ליבעראַלן באַראָן מיכאַיל גריגאָריעוויטש וראַנגעל און בעת אַזאַ באַזוך ביים גובערנאַטאָר האָט ער מיטגענומען דעם קליינעם נחום. דער גובערנאַטאָר און זיין פרוי פאַרהערן דאָס קינד. זיי זענען איבערראַשט. דאָס ייִנגל לייענט פליסיק פראַנצויזיש, דייטש, פּויליש און רוסיש. ער באַקומט פון זיי אַלס אַ מתנה עטלעכע ביכער מיט אַן אייגנהענטיקער ווידמונג פון גובערנאַטאָר. די דאָזיקע ביכער זענען פאַרבליבן אין דער ביבליאָטעקשאַנק פון מיין פאָטער.

מען הערט נישט אויף צו רעדן אין שטאָט וועגן אָט דעם ווונדערקינד. דער שול־קוראַטאָר פון פלאָצקער קרייז האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט. ער מאַכט אַ דרוק אויפן זיידן און פאָטער אָפּצוגעבן דאָס קינד אין גימנאַזיע. אויך דער מוטערס משפּחה וויל עס. נחומס פאָטער וואַקלט זיך. דער זיידע איז אָבער איינגעשפּאַרט, נישט איינצוברעכן. דער געדאַנק, אַז זיין אייניקל, אַזאַ גאוניש קינד, וואָס פון אים דאַרף ווערן אַ גרויסער למדן, וועט גיין אין גימנאַזיע אום שבת, דערשיטערט אים. דער זיידע גייט אָבער איין אויף אַ קאָמפּראָמיס, אַז נחום זאָל זיך לערנען פּריוואַט ביי די לערערס פון דער גימנאַזיע, אָבער נאָר אין די פרייע שעהען, ווען ער איז נישט אין בית־המדרש. אויף אַזאַ אופן מאַכט דורך נחום דעם גימנאַזיע־קורס. מיט דאַנקבאַרקייט האָט ער דערנאָך תמיד דערמאָנט די פּוילישע לערערס זיינע, מאַסלאָווסקי, דעמביצקי און שולץ, ביי וועלכע ער האָט זיך געלערנט די לאַטיינישע און גריכישע שפּראַך, ווי אויך געשיכטע.

זיינע פלאָצקער חברים, די שפּעטערדיקע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן,

פלעגן דערציילן, ווי אַזוי דער קליינער נחום איז אַ פֿאַרסאַפּעטער געלאָפן מיטן רענצל ביכער אונטערן אָרעם פון בית־המדרש צו זיינע לערערס און צוריק. זיין וועלטלעך וויסן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך ביי טאָג, איבער דער גמרא איז ער אָבער געזעסן נישט נאָר ביי טאָג. צוויי מאָל אין דער וואָך האָט ער פֿאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט איבערן ש״ס און פוסקים, שאַרפֿנדיק זיין מוח אויף די אַלע פיינקייטן פון תלמודישן פּלפּול.

אַ גליקלעכע קינדהייט האָט מיין פֿאָטער געהאַט אין פּלאָצק. דאָס אָנגעשטרענגטע לערנען האָט זיך נישט אָפּגערופן שלעכט אויפן געזונט־צושטאַנד פון נחומען. גראָד פֿאַרקערט. דאָס לערנען האָט תמיד געשטאַרקט זיין אָרגאַניזם, זייענדיק, ווי אַן עליקסיר פֿאַר זיין יונגער נשמה, וואָס האָט קיין מאָל נישט פֿאַרוועלקט.

דער אַלטער אפרים־יצחק איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז פּלאָצק האָט נישט געטויגט אַלס אַ שטאָט, ווו מען זאָל קענען לערנען אויף צו ווערן אַ רב. צו פיל יצר־הרעס זענען דאָרט געווען, וואָס האָבן געצויגן צו זיך. אין פֿאַרגלייך מיט ווישעגראָד איז פּלאָצק געווען ווי פּאַריז. דערצו נאָך איז פּלאָצק, נאָך וואַרשע, געווען דער גרעסטער משכילישער צענטער נאָך אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. די אָנגעזעענע בעלי־הבתים פון פּלאָצק האָבן דער עיקר געשטאַמט פון מזרח־פרייסן, שלעזיע און מעריש, פון וואַנען זיי זענען געקומען בכדי צו מאַכן דאָ געשעפטן, דאָ האָבן זיי זיך באַזעצט און נתעשר געוואָרן, הויפּטזאַכלעך אַלס מיליטערישע פּאַדריאַטשיקעס בשעת די מלחמות מיט נאַפּאָלעאָנען. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס דער קהל אין פּלאָצק איז געווען מער פֿאַרגעשריטן, ווי דער ווישעגראָדער. די יידן אין פּלאָצק האָבן גערעדט אַ גוטן פּויליש און פיל פון זיי האָט גערעדט גוט דייטש. חסידות האָט דאָרט געהאַט אַ פיל קלענערן איינפלוס, ווי ערגעץ אַנדערש.

אַ כאַראַקטעריסטישע זאַך. טראָץ דעם, וואָס פון דייטשלאַנד זענען געקומען די נייע השכלה־שטראָמען און פֿאַר די משכילים איז משה מענדעלסאָן געווען דער פּוסק אחרון און אַבסאָלוטער אויטאָריטעט; טראָץ דעם, וואָס די ערשטע דורות פון פּוילישן וועלטלעכן יידנטום זענען געווען פֿאַרלייענט אין שילער, לעסינג און געטע, איז דאָך דער איינפלוס פון דער

דייטשער קולטור אויף די יידן געווען אַן אויבערפלעכלעכער. פּוילישע יידן האָבן קיין מאָל נישט ליב געהאַט די דייטשן און נישט געהאַט צו זיי קיין צוטרוי. מען האָט געמאַכט מיט זיי געשעפטן, אָבער אויך געהאַט פאַר זיי מורא, ווי די יידן וואָלטן מיט זייער אינסטינקט דערפילט די צוקונפטיקע תּלינים. דאַקעגן איז נאָך דעמאָלט אין אַלע שיכטן פון יידנטום געווען טיף איינגעוואָרצלט די נאַפּאָלעאָנישע לעגענדע. שמואל קאַן, נחומס זיידע פון דער מוטערס צד, האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען נאַפּאָלעאָנען אויף דער פלאָצקער בריק. מ'האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כּבוד פאַר דער גאַנצער משפּחה. אָבער פראַנקרייך איז געווען ווייט.

מיין פאָטער איז אַלט געווען צען יאָר, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די פראַנצויזיש־פּרייסישע מלחמה. אין איינער פון זיינע פלאָצקער זכרונות פון יענע צייטן דערמאָנט ער וועגן אַן אָרעמען יידישן גלעזער, וועלכן מ'האָט גערופן אַברהמעלע פראַנצויז. דער דאָזיקער גלעזער האָט געדאַווענט אין בית־המדרש אין דער שול־גאַס. האָבנדיק אַ זיס שטימעלע, האָט מען אים פון צייט־צו־צייט צוגעלאָזט צום עמוד צו שחרית. ווי נאָר דער עולם פלעגט אָנהויבן רעדן וועגן דער מלחמה און זיך אַמפּערן ווער וועמען וועט באַזיגן, פלעגט אברהמעלע זיך אויפמערקזאַם צוהערן וואָס קהל זאָגט. מען האָט אים אויך אויס חוזק אָפּט אַריינגעצויגן אין דער מחלוקה. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַט די מלחמה האָט פאַר אים אַ פּיל וויכטיקערע באַדייטונג, ווי זיין מלאכה, ווי זיינע משפּחה־דאגות און אַפילו מער, ווי דער בית־המדרש און דאָס דאַווענען. פראַנקרייך האָט אין אים געהאַט איר געטרייעסטן פאַרבינדעטן. פראַנקרייכס ערשטע מפּלות האָבן אים נאָך נישט געהאַט אַנטמוטיקט. ער האָט געהאָפט, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט לטובת פראַנקרייך. אָבער גראַוועלאָט, מעץ און סעדאַן האָבן אים אין גאַנצן דערשיטערט. מען האָט אים מיט גאָרנישט געקענט טרייסטן. פון אַ לעבעדיקפריילעכן מענטש איז געוואָרן אַ תּל. ער איז געוואָרן מרה־שחורהדיק און געצוימען אויסמיידן מענטשן. בלויז ביים עמוד פלעגט ער אין די תּפילות אויסוויינען דעם ביטערן גורל, וואָס פאַרפאָלגט די פראַנצויזן, וועלכע ער האָט אין זיין לעבן נישט געזען. אברהמעלע האָט נישט לאַנג געלעבט נאָך פראַנקרייכס מפּלה. מען זאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן פון גרויס עגמת־נפש.

די טראַגעדיע, וואָס איז אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק ביים אָרע־מען גלעזער, האָט געפֿונען אַ טיפֿן אָפּקלאַנג ביי די יידישע מאַסן. דער דייטש האָט קיין האַרץ נישט, דער דייטש איז ברוטאַל. דער דייטש קאָן נישט פֿאַרשטיין אַנדערע מענטשן, האָט נישט קיין שכל און איז פּשוט אַ נאַרישער דייטש, און דערצו נאָך אַ רוצח, טראָץ זיין גאַנצער קולטור און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿעיקייטן. אַזוי האָבן דאָס געפֿילט פּוילישע יידן, אַרי־בערטראָגנדיק זייער אומווילן צו די דייטשן אויך אויף די דייטשע יידן, צו וועלכע מען האָט זיך באַצויגן מיט ביטול, ווי אויך צו יענע יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַסימילירן מיט די דייטשן.

מיין פֿאָטער האָט לאַנג געלעבט אין דייטשלאַנד, געקענט אויסגעצייכנט די דייטשע שפּראַך און קולטור, גערעדט און געשריבן אויף אָט דער שפּראַך, געהאַט אַ גרויסן רעספּעקט פֿאַר די פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿון דייטשן יידנטום, זיך געלערנט פֿון זייערע ווערק, אַ לאַנגע צייט פֿון זיין ציוניסטי־שער טעטיקייט איז געווען פֿאַרבונדן מיט דייטשלאַנד, ער האָט געהאַט פֿיל נאָענטע פֿריינד צווישן דייטשע יידן, ער האָט געהאַלטן גרויסע רעדעס אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן אין דער דייטשער שפּראַך, אָבער ער האָט זיך קיין מאָל נישט גוט געפֿילט אין דייטשלאַנד. פֿון זיין פֿריִסטער יוגנט האָט אים תמיד געצויגן צו דער לאַטיינישער קולטור. די איטאַליענישע מייסטער־ווערק פֿון קלאַסישער קונסט האָבן אים באַגייסטערט און מיט באַוווּנדערונג האָט ער וועגן דעם געשריבן. ער האָט געררייזט איבער שפּאַנישע שטעט, ווו עס האָט אַמאָל אַזוי געבליט די הערלעכע יידיש־אַראַביש־שפּאַנישע קולטור און וויסן, די שטאָט פֿון יהודה הלוי, דעם פּאָעט פֿון זיינע יוגנט־יאָרן, פֿון איבן גבירול און רמב״ם. פֿון די אַלע מערב־אייראָפּעיִשע לענדער איז אים אָבער צום נאָענטסטן געווען פֿראַנקרייך. אין ערגעץ האָט ער זיך נישט גע־פֿילט אַזוי גוט און היימיש, ווי אין פּאַריז, כאָטש ס׳איז אים ליבער געווען צו אַרבעטן אין בריטישן מוזעום, ווי אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פֿון פּאַריז. פּאַריז האָט אים געצויבערט מיט זיין אומפֿאַרגלייכלעכן חן און רייץ, מיטן ריטם, באַוועגונג, מיט דער גאַנצער אַטמאָספֿער פֿון דער „שטאָט פֿון ליכט״. נישט פֿיל וויסן וועגן דעם, אַז זיינע ערשטע קאָנטאַקטן, וואָס

ער האָט אָנגעקניפּט פון קליינעם פּוילישן שטעטל מיטן מערב, זענען געווען זיינע קאָנטאַקטן מיט פּאַריז, מיט פראַנצויזישע יידן.

כ׳דערמאָן זיך מיין באַגעגעניש מיטן פאָטער אין פּאַריז, ווו איך האָב דעמאָלט אין יאָר 1912 שטודירט. דער פאָטער איז געקומען צו פאָרן פון עפּעס אַ ציוניסטישער קאָנפערענץ אין בעלגיע אָדער האָלאַנד. זאַלבעדריט האָבן מיר אויפן גאַר־די־נאָר (צפון־וואָקזאַל) אָפּגעוואַרט דעם פאָטער. מיין פרוי, די שוועסטער און איך. מיר האָבן אים איבערגעגעבן אַ פריידיקע ידיעה. יענעם טאָג איז פון וואַרשע אָנגעקומען די ידיעה, אַז דאָס ערשטע אייניקל איז אים געבוירן געוואָרן, דער זון פון מיין עלטסטער שוועסטער מאַריאַ, די פרוי פון סטאַניסלאַוו מענדעלזאָן. מיין פאָטער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אָט דער נייעס און געווען שטאָלץ. מיר האָבן אים אָפּגע־פירט אין אַ קליינעם האָטעל אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסן נאָמען „האָטעל פון באַרימטע מענטשן״. דער האָטעל האָט זיך געפונען נישט ווייט פון פּאַנטעאָן. דעם פאָטער איז שטאַרק געפעלן גע־וואָרן דער געדאַנק צו באַשטעלן גראָד דאָרט פאַר אים אַ צימער און ער האָט זיך געוויצלט פון דאָזיקן איינפאַל. בכדי ווי געהעריק צו פייערן די דאָזיקע פריילעכע ידיעה, האָט דער פאָטער אונדז געפירט אין בעסטן רעס־טאָראַן פון יענעם קוואַרטאַל, ווו ער האָט באַשטעלט מאכלים און געטראַנ־קען, מיט אַזאַ קענטעניש, ווי ער וואָלט געווען דער גרעסטער מומחה אויפן געביט פון אכילה. דערנאָך זענען מיר אַוועק אויף די גרויסע בולוואַרן. ער איז געווען פריילעך און לוסטיק און געזאָגט, אַז ער פילט זיך דאָ, ווי אַ פּאַריזער.

אויפן אַנדערן טאָג האָט דער פאָטער מיך מיטגענומען צו מאַקס נאָרדוי. ער האָט אונדז אויפגענומען אין זיין גרויסן קאַבינעט מיט זיין רייכער ביבליאָטעק. נאָרדוי האָט געוווינט אין אַ פיינעם קוואַרטאַל אויפן רעכטן ברעג פון דער סענע. דער אַלטער לייב מיט דער ווייסער באָרד און קאָפּ האָר האָט זיך זייער דערפרייט פון מיין פאָטערס באַזוך. זיי האָבן לאַנג גע־רעדט וועגן ציוניסטישע ענינים. נאָרדוי האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּ־ווונדערן, אַז מיין פאָטער איז געוואָרן אַ זיידע. דער פאָטער האָט קיין מאָל

נישט אויסגעזען לויט זיינע יאָרן און פאַריז האָט אים תּמיד נאָך מער פאַריינגערט.

זאָל מיר דער לייענער מוחל זיין, וואָס איך שפּרינג אַזוי אין דער צייט, פאָרויס און צוריק. מיין דערציילונג וועגן פאָטער איז אָבער נישט קיין ביאָ־גראַפיע אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג. איבעריקנס איז דאָך די צייט נישט מער ווי אַ רעלאַטיווער באַגריף. מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון דער יידיש־גריכישער פילאָזאָפיע פון פילון פון אַלכסנדריה, פלעגט אָפט ציטירן זיינע ווערטער: „אויפן געביט פון גייסט און געדאַנק איז נישטאָ פאַראַן קיין עבר אָדער עתיד. ס׳איז בלויז פאַראַן דער הוה". פון דעם שטאַנדפונקט גענומען איז מיין פאָטער, אין אַ געוויסן זין, געווען אַן עקזיסטענציאַליסט. און איצט וועלן מיר זיך צוריק אומקערן פון נחום דעם זיידע צו נחום דעם קינד.

די באָבע רויזע, נחומס באָבע, איז געזעסן אויפן גאַנעק פון איר הויז, אויף דער גראַדזקע גאַס אין פּלאָצק. זי איז געווען אַרומגערינגלט פון אירע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. אַזוי פיל זענען זיי געווען און דערצו נאָך איז די באָבע רויזע שוין אַזוי אַלט געווען, אַז זי האָט זיי שוין נישט געדענקט ביים נאָמען. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך, איינגעהילט אין אַ טערקישן שאַל און געשוויגן. אויפן שייטל האָט זי געטראָגן אַ טשעפּעק פון בראָקאַט, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט אַלטמאָדישער צירונג. שנירלעך פּערל האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון איר אויסגעטריקנטן און אויסגעדאַרטן האַלדז. אין די שטעטלעך פלעגט מען אָפט מאָל פאַרגלייכן אַ יידישע מאַמע צו אַ מזוזה. זי היט דאָס הויז און די קינדער, אַריינגייענדיק אין שטוב, קושן זי. די באָבע רויזע איז געווען געגליכן צו אַ מזוזה. זי האָט שוין כמעט נישט געוווּסט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אַרום איר אין די, פאַר איר, שוין אַזעלכע מאָדנע צייטן. זעלטן ווען פלעגט זי זיך אָפּרופן און דערמאָנען די „אַלטע גוטע" צייטן. יעדעס מאָל פלעגט זי אָנהויבן מיט די ווערטער „ס׳האָט זיך מיר געחלומט". זי האָט שוין נישט געקענט אָפּ־טיילן אַ חלום פון דער וואָר.

דער קליינער נחום האָט ליב געהאַט אַט דאָס הויז פון זיידע־באָבע. ער פלעגט אָפט דאָרט אַריינקומען און זיך טרעפן מיט זיינע קוזינען, מיט

וועלכע ער איז געגאַנגען שפּאַצירן איבער די גערטנער און סעדער, וואָס האָבן מיט טאַראַסן אַלץ נידעריקער און נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ווייסל. פון זיין נאָענטסטער משפחה איז ער צום שטאַרקסטן געווען צוגעבונדן צו זיין עלטערער שוועסטער צירל, וואָס איז אַוועקגעשטאָרבן גאָר יונג. אירס אַ פאָטאָגראַפיש בילדל האָט ער געהיט ווי אַ הייליקטום און ס׳האָט זיך שפּעטער תמיד געפונען אויף זיין שרייבטיש.

זיין אויסערלעכקייט האָט ער געירשנט פון דער מוטערס משפחה, בפרט זיין לענגלעך געזיכט, דער שאַרפער פּראָפיל און די אויגן. בלויז דער שטערן זיינער איז געקומען בירושה נאָך די רבנים פון פאָטערס צד. ער איז געווען אַ דראָבנער, אַ דאַר ייִנגל, מיט אַ קעפּל גאָלד־בלאָנדע לאָקן. אויף די פאָטאָס פון זיינע קינדערישע יאָרן זעט מען אַ ייִנגל, שיין אָנגעטאָן, מיט אַ צוגע־קעמט קעפּל און קלוגע אייגעלעך. אין דער האַנט האַלט ער אַ בוך. אַפּנים, אַז די מוטער און די עלטערע שוועסטער זיינע האָבן גוט אַכטונג געגעבן אויפן קליינעם עילוי, דער שטאָלץ פון דער גאַנצער משפחה. נישט מער, וואָס די קוזינען זיינע און בפרט די מיידלעך, וואָס האָבן שוין גערעדט נאָר פּויליש, האָבן זיך גאַרנישט געמאַכט פון קליינעם נחומל. אָבער גראָד צו זיי האָט אים צום מערסטן געצויגן און דווקא מיט זיי האָט ער זיך געוואָלט שפּילן. אַרום און אַרום איז ער נאָך געווען אַ קינד, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן, אָנשטאָט זיך צו לערנען. זיין אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט עסטעטיש געפיל, וואָס האָט שפּעטער אָפּגעשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין זיין שעפּע־רישער אַרבעט, האָט אים געצויגן צו אַן אַנדער וועלט, וואָס האָט זיך גע־פונען אויף יענער זייט פון בית־המדרש.

נחום האָט געמאַכט געוואַלטיקע פאָרשריטן סיי אין תלמוד און סיי ביים דורכמאַכן דעם גימנאַזיע־קורס. ער שרייבט שוין נישט נאָר פון רעכטס אויף לינקס, נאָר נאָך אָפּטער פון לינקס אויף רעכטס און אין פאַרשידענע שפּראַכן. ער שרייבט מיט ריינינקע אותיות, קאַליגראַפירנדיק דעם לאַטיי־נישן אַלפאַבעט, ווי ער וואָלט וועלן אים מאַכן ענלעך צו די העברעישע אותיות. ער האָט געשריבן מיט אַ קליינעם אויסערגעוויינלעכן קלאָרן שריפט, דערביי האָט ער זיך ווי געשפּילט מיט יעדן אות באַזונדער, באַפּוצנדיק זיי מיט זיין שיינער האַנטשריפט. זיין אופן פון שרייבן, שוין אין זיינע פריסטע

קינדער־יאָרן, האָט עדות געזאָגט וועגן זיין פֿעיִקייט זיך צו קענען קאָנצענטרירן איבערן געשריבענעם וואָרט.

אין די ערשטע צייטן פֿלעגט ער ביים אונטערשרייבן זיך באַנוצן מיט זיינע צוויי נעמען נחום־טוביה. אַזוי האָט ער זיך תמיד אונטערגעשריבן אין העברעיִש, זאָל עס זיין מיטן פֿולן נאָמען, אָדער בלויז זיך חתמענען מיט ראשי־תיבות. אויף איינעם פֿון זיינע עלטסטע פֿראַנצויזישע ווערטער־ביכער, געפֿינט זיך זיינער אַ אויסקאַליגראַפֿירטער אונטערשריפֿט אויף פֿראַנצויזיש „הבחור הנקרא סאָקאָלאָף״. דער „יוגנטלעכער״ סאָקאָלאָוו, וואָס האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט צומאָל קיין צען יאָר, האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ביים פֿעסטשטעלן די אָרטאָגראַפֿיע פֿון זיין נאָמען, צי זאָל עס זיך ענדיקן מיט אַ „וו״, אָדער אַ „פֿ״. אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער זיין צווייטן נאָמען טוביה אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו באַנוצן און דעם ערשטן נאָמען נחום האָט ער אויך נישט באַנוצט, שטעלנדיק בלויז דעם ערשטן אות „נ״. ווייזט אויס, אַז דער נאָמען נחום האָט, מיטן אויסנאַם פֿון העברעיִש, אים פּאַנעטיש נישט גוט געקלונגען אין אַנדערע שפּראַכן. אין דער משפּחה האָבן אים אַלע גערופֿן נתן. אין יענע צייטן איז אָט דער נאָמען געווען זייער אָנגענומען. חוץ דעם האָט דער נאָמען נתן צו אים אַפּעלירט אויך צוליב אַנדערע סיבות. ער האָט געהאַט אַ גרויסן פּיעטיזם פֿאַר זיין אור־אַלטן זיידע הרב שפּירא. ס׳איז אים אויך געווען אָנגענעם צו טראָגן דעם זעלבן נאָמען פֿון לעסינגס „נתן דער פֿיקח״. אויך מיין מוטער האָט אים גערופֿן נתן, דאָס גלייכן מיר, זיינע קינדער, די נאָענטע משפּחה, זיינע אַלטע קאָלעגן און פֿריינד. שפּעטער אָבער, נאָכן פֿאַרלאָזן פּוילן, האָט נחום ענדגילטיק פֿאַרשטויסן נתנען. דעריבער, וועל איך, שרייבנדיק וועגן מיין פֿאָטער זיך באַנוצן אויסשליסלעך מיטן נאָמען נחום, דער יעניקער נאָמען מיט וועלכן ער האָט זיך אונטערגעשריבן, געווען אַקטיוו און באַקאַנט אויף גאַר דער וועלט.

*

דער קליינער נחום לערנט זיך אַזוי גוט ביי זיינע פּראָפעסאָרן פון דער גימנאַזיע, אַז ער האָט ווייט איבערגעיאָגט זיינע חברים אין די מונדירלעך. ער האָט דעם קורס אַזוי שנעל דורכגעמאַכט, אַז ער האָט אין משך פון איין יאָר זיך אויסגעלערנט דעם קורס פון עטלעכע יאָר. האָבן דעריבער זיינע לערער געהאַלטן, אַז ער זאָל זיך שטעלן צום עקזאַמען אויף אַריינצוטרעטן אין אַ העכערן קלאַס. און דאָ הייבט זיך אָן דער ערשטער ערנסטער קריזיס אין נחומס לעבן. די פּערספּעקטיוו פון אַזאַ עקזאַמען האָט אַלאַרמירט זיין זיידן און פאָטער, נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט דעם עקזאַמען נישט אויסהאַלטן, נאָר גראָד פאַרקערט. זיי האָבן מורא באַקומען, אַז נאָכן אָפּהאַלטן דעם עקזאַמען, וועט מען אים שוין מער נישט קענען אָפּרייסן פון דער גימנאַזיע, און אַז דאָס וועט מאַכן אַ סוף צו זיין רבנישער קאַריערע, וועגן וועלכער דער זיידע און דער פאָטער האָבן אַזוי געחלומט פאַר נחומען. האָבן זיי דעריבער באַשלאָסן וואָס שנעלער אים אַרויסשיקן פון אַפּיקורסישן פלאַצק. אָט דער אָפּשניט פון מיין פאָטערס לעבן איז צום ווייניקסטן באַקאַנט. מיר ווייסן נישט, ווי אַלט ער איז געווען, ווען מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון דער היים און ווי לאַנג ס׳האָבן געדויערט זיינע וואַנדערונגען איבער די הויפן פון רבנים און צדיקים.

די משפחה פון מיין טאַטנס צד איז נישט געווען קיין צאַלרייכע. אַזוי ווי מיין פאָטער, האָט אויך דער זיידע געהאַט בלויז איין ברודער, חיים־ישכר, אַ גרויסער תלמיד־חכם און גלייכצייטיק אַ זייער באַשיידענער. ער האָט געפירט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, געפּראַוועט התבודדות, געלעבט ווי אַ פּרוש. דערפאַר האָט ער אויסגעמיטן גרעסערע עדות יידן און איז געווען רב אין אַ קליין שטעטל. אָט צו אים האָט מען עס אָפּגעשיקט דעם קליינעם נחום, אַז ער זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען.

חיים־ישכר און דער שווער זיינער מיכאל־דוד פון לוביטש האָבן אויפגעוועקט אין נחומען אַ פרישן חשק צו לערנען תלמוד, אָבער נאָך מער האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון פריער שוין דערמאָנטן ר׳ שיעלע קוטנער, הרב ישראל יהושע טרונק, וועמען ער האָט באַטראַכט פאַר זיין מנהיג. דער פאָטער דערמאָנט אים אין „חיבת ציון״, ווי וועגן איינעם פון

די ערשטע רבנים אין פוילן, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיטן ציוניסטישן אידעאַל.

לוביטש, קוטנאָ, סאָמפּאָלנע, לויוויטש און קאַלא (קויל) זענען געווען די עטאַפּן פון נחומס וואַנדערונגען איבער די רבנישע הויפן, לויטן פּראָגראַם, וואָס דער רב חיים־ישׂכר צוזאַמען מיטן זיידן און פאָטער האָבן באַשטימט פאַר נחומען. מיט דעם האָבן אָבער זיך נאָך נישט פאַרענדיקט זיינע וואַנדערונגען. גאַנץ ווייניק וויסן מיר וועגן זיינע פּאַסירונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין די פרילינגס־יאָרן פון זיין לעבן. מען ווייסט בלויז, אַז דער קליינער וואָגלער האָט זיך געהאַט אַריינגעטאָן אין שטרענג פאַרבאָטענע געביטן, גענומען אַנטלויפן פון די ירא־שמימדיקע, גאָטספאָרכטיקע רבנים. וואָרשיינלעך האָט שוין דעמאָלט גענומען אין אים רעוואָלטירן דער טרוקענער פאָרמאַליזם פון פּלפּול און נשמה־גריבלענישן, וואָס מען האָט אין אים אַריינגעקנעלט. ס׳איז אים געוואָרן ענג און שווער צו אָטעמען אין אָט דער אַטמאָספער. ער האָט שוין געהאַט אין זיך צו פיל וואָרעמקייט און פאַנטאַזיע אויף צו באַגנוגענען זיך בלויז פון זיצן על התורה ועל העבודה, פון טראָגן דעם עול מלכות שמים און מהדר במצוות זיין. ס׳האָבן אים געלאָקט די טיפערע אמתן פון תלמוד, ס׳האָט אים געצויגן ווי ביי זיינע חברים פון בית המדרש די קבלה און די סודות פון זוהר. שאַרף האָט געמוזט זיין די רעאַקציע פון אָט דעם עמפּינדלעכן, דענקענדיקן יינגל, וואָרעם צו דער שרעק פון זיינע מלמדים האָט ער אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט די חסידים און מיט זייער הילף, אין געהיים, געלאָפן צו די צדיקים פון גערער און קאָצקער הויף. מען האָט אים דאָרט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, דעם אָפּשטאַמלינג פון מחבר פון „מגלה עמוקות״ און סאָקאָלאָווער צדיק. נישט אַנדערש, אַז דער חסידישער שטראָם פון זיין בלוט האָט געטאָן ס׳זייניקע. זיין בילדערישקייט און שׂכלען זיך אין זיינע ערשטע העברעישע כתבים פילט זיך שוין אַרויס די הגדה און קבלה.

אויב די עלעמענטן פון חסידיזם, און מיינען מיין איך דעם טיפערן זין פון חסידיזם, האָבן אַנטהאַלטן אין זיך ענטוזיאַזם און גלויבן אין ניסים, איז נחום באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיי; דאָקעגן האָט אים געפעלט אַן אַנדערער עלעמענט פון חסידיזם, וואָס איז אויך געווען נישט ווייניקער וויכטיק:

דער קולט פאַר אויטאָריטעטן. ער האָט געגלויבט אין ניסים, אָבער נישט אין די בעלי־מופתים. ער איז געווען פול מיט הייסן ענטוזיאַזם פאַר אידע־אַלן, פאַר מענטשן בכלל, פאַר שיינקייט און טיפע געדאַנקען און אַפילו אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן קיין מאָל נישט פאַרלוירן די האָפע־נונג, אַז אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן. ער איז פון דער נאַטור געווען אַן אָפּטי־מיסט און טרוימער. אָבער זיין קריטישער שׂכל האָט תמיד אָפּגעוואָרפן וועלכע נישט איז פאַרהערלעכונג און גוזמא. דערפאַר איז ער נישט געווען קיינעמס אַ חסיד. מעגלעך, דער פאַקט, וואָס זיין עלטער־זיידע ר׳ צבי הערש האָט איבערגעריסן מיטן חסידיזם האָט אויף אים געהאַט אַ ווירקונג. פיל פון די וויכטיקע חסידישע פערזענלעכקייטן — אויב זיי זענען אַליין נישט געוואָרן קיין חסידישע מנהיגים און צדיקים, האָט אין זיי, מערסטנטייל, רעוואָלטירט דער געדאַנק פון בוקן זיך פאַר די הערשנדיקע חסידישע די־נאַסטיעס, צו וועלכע מאַסן־יידן האָבן געשטראָמט. זיי האָבן זיך געפילט פרייער צווישן די מתנגדים. די יעניקע אָבער, וואָס האָבן זיך אונטערן איינ־פלוס פון דער השׂכּלה, געפונען אין קאָנפליקט מיט די שטרענגע עיקרים פון דער אָרטאָדאָקסיע מיט איר איבערגעטריבענער פרומקייט מיט די אַלע שטרענגע דינים און איסורים, זענען, אין זייער רעוואָלט פיל ווייטער אַוועק. זיי זענען פעסט געשטאַנען בלויז אויפן משיחישן געדאַנק, אויפן באָדן פון ריינסטן, סובלימירטן יחדות, וואָס זיין פולסטער אויסדרוק איז געקומען אין ציוניזם, דעמלט נאָך אַן אַבסטראַקטער, גייסטיקער באַגריף.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט האָט מיין פאָטער שטאַרק געצויגן צו קבלה. מיט יראת־הכבוד האָט ער גערעדט וועגן זוהר. אַנומלט האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר אויפקלערן אין עטלעכע ווערטער דעם סוד פון זוהר, זיין רייץ און מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס דער זוהר האָט געהאַט אַזאַ גוואַלטיקן איינפלוס נישט נאָר אויף יידן, אָבער אויך אויף נישט־יידישע מיסטיקער פון מיטלאַלטער און פון דער רענעסאַנס־תקופה, ווי למשל, פּיקאָ דעללאַ מיראַנדאָלאַ, אָדער רייכלין. דער פאָטער מיינער האָט זיך צעשמייכלט און מיר בלויז באַמערקט, אַז דאָס איז בכלל גאַרנישט אַזאַ איינפאַכער ענין, אַז קודם כל מוז מען דערצו גרינטלעך פאַרשטיין די העברעישע שפּראַך און דאָס מוז דויערן יאָרן ביז מען וועט קאָנען תופס זיין די זאַך. אָבער

נחום סאָקאָלאָוו אין פּלאָצק אין יאָר תרל״ט

דאָס איז נאָך ווייניק. מען מוז אויך זיך אין גאַנצן איינלעבן אין דער דער־הויבנקייט פֿון דער זוהר־מיסטיק. דערביי האָט מיר דער פֿאָטער גערעדט איך זאָל איבערלייענען עטלעכע פֿראַנצויזישע ביכער וועגן זוהר, ווי פֿראַנק און קאַראָפּ.

אַן אַנדער מאָל, ווען איך האָב אים, ביי אַ געלעגנהייט, ווידער איבער־געפֿרעגט וועגן קבלה, האָט ער מיר אויפֿגעקלערט די געשיכטלעכע סיבות, וואָס האָבן דערפֿירט צום אויפֿבלי פֿון דער קבלה. די קבלה פֿון מיטלאַלטער איז פּשוט געווען דער אויפֿשוווּנג פֿון מיסטיציזם. אין מיטן פֿון די ברע־נענדיקע שייטערהויפֿנס, שחיטות און מוראדיקע רציחות, האָבן יידן זיך געמוזט שאַפֿן עפּעס אַ שוץ און אַ באַהעלטעניש נישט פֿון דער וועלט. פֿאַרטאָן אין דער מאַגיע פֿון אותיות און ציפֿערן, אין דעם כּישוף פֿון קרייז און אין די געהיימנישפֿולע פּסוקים, האָט זיך ביי די געפּייניקטע מאַסן אַנט־וויקלט אַ ווידערשטאַנדס־קראַפֿט קעגן די אומגליקן, רדיפֿות און גזישות. דאָס האָט געווירקט, ווי אַ באַרויש־מיטל פֿאַר די ליידנדיקע מאַסן. פֿאַר־שטייט זיך, אַז דאָס האָט געהאַט אַ שייכות בלויז צו די אויסערלעכע פֿאַר־מען פֿון קבלה, וואָס האָבן זיך שפּעטער דעגענערירט ביז צו פּאָפּולערער מאַגיע, כּישוף און מופֿתים. דאַקעגן איז גאָר עפּעס אַנדערש געווען די פֿילאָ־זאָפֿיע פֿון קבלה, וואָס האָט זיך דערהויבן ביז די העכסטע שפּיצן פֿון מענטש־לעכן אַבסטראַקטן געדאַנק און בלויז די גרעסטע לומדים האָבן געקענט דערגרייכן צו אָט דער מדרגה, צו אָט דעם לאַנד פֿון בלאָנדזשענדיקע נשמות. און קיין זאַך גייט נישט אַריבער בירושה אַזוי לייכט פֿון דור צו דור, ווי גראָד די מיסטישע אידייען, וואָס נעמען אַרום די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון לעבן און טויט.

די דאָזיקע יאָרן פֿון וואַנדערן, אגב נישט זייער ווייטן, אין בעסטן פֿאַל נישט מער ווי אין אַ קרייז פֿון הונדערט קילאָמעטער, זענען נישט געגאַנגען לאיבוד. נחום איז צוריקגעקומען קיין פּלאָצק מיט אַ באַדייטנדיקן קאַפּיטאַל. ער האָט זיך באַקענט,ביים סאַמע מקור, מיט איינער פֿון די אינטערעסאַנט־סטע און צום ווייניקסטן באַקאַנטע אייגנשאַפֿטן פֿון יידישן לעבן אין פּוילן, זיך פֿאַרטיפֿט אין דער חכמה פֿון יהדות, באַרייכערט זיינע קענטעניש פֿון העברעיש. מיט איין וואָרט, ער האָט זיך דערוואָרבן אַן אַלזייטיק, ענציקלאָ־

פּעדיש יידיש וויסן, וואָס איז אים שפּעטער, ווען ער איז אויפגעוואַקסן, און אַנטוויקלט זיין טאַלאַנט, אַזוי שטאַרק צונוץ געקומען. אין דער גימנאַזיע וואָלט ער זיך דאָס נישט אויסגעלערנט. וואָס אַן אמת, איז דער ווילן פון זיידן און פאָטער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די פאָלגן דערפון זענען אָבער געווען גאָר גליקלעכע.

נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך ווידער געפונען אין דער זעלבער סביבה, פון וועלכער מ׳האָט אים געוואָלט אַרויסרייסן. זיינע חברים און פריינד און סיי די סביבה, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן, איז אין גאַנצן באַשטאַנען פון אויסגעשפּראָכענע עולם־הזהניקעס. זיינע עלטערע שוועסטערס און קוזינקעס האָבן חתונה געהאַט, עטלעכע פון זיינע יוגנט־חברים זענען אַוועק קיין אויסלאַנד שטודירן, אַנדערע חברים, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אַן אַוואַנטוריסטישן נערוו, האָבן געמאַכט אַ ויברח קיין אַמעריקע. נחום איז אַריין אין אַן אַטמאָספער פון וועלטלעך לעבן און האָט אָנגעקניפּט נייע קאָנטשאַפטן און זיך דערוואָרבן נייע פריינד. במשך פון זיינע וואַנדערונגען פון איין רבין צום אַנדערן, האָט ער זיך אָבער נישט באַגרענעצט בלויז צום לערנען ש״ס און פּוסקים. ער האָט אין געהיים אויך פיל געלייענט און אַליין אויסגעברייטערט זיינע האָריזאָנטן, כאָטש פיל צייט דערצו האָט ער נישט געהאַט.

אין זיינע פילשפּראַכיקע פּעליעטאָנען קאָן מען געפינען אַ סך הומאָר־פולע מעשהלעך, אין וועלכע ער באַשרייבט זיין לעבן אין די ישיבות און בתי־מדרשים. „אַלס אַ קליין ייִנגל — שרייבט ער — האָב איך זיך געלערנט ביים לוביטשער רבי. עטלעכע וואָכן פאַר פּסח האָט מען זיך שוין גענומען מאַכן ריין דאָס בית־דין שטיבל. פון דעסטוועגן איז דאָס לייענען דעם שיעור נישט איבערגעריסן געוואָרן אויף קיין איין מינוט און טראָץ דעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזן דורך די אָפענע פענצטער און די טייכן וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע, האָט מען ווייטער געלערנט מיטן זעלבן ברען און אייפער, ווי תמיד. צום סוף האָט מען ביים רבין צוגענומען זיין פאָטעל און פון אונדז די בענק. ,אונדזערע תנאים פלעגן לערנען און דאַווענען שטייענדיק׳, האָט דערקלערט דער רבי, כאָטש ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, און ווייטער געקנעלט מיט די קינדער. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די

רביצין האָט בוכשטעבלעך אַלץ אַרויסגעטראָגן פֿון חדר און דער ווינט האָט געהוליעט איבער די ליידיקע צימערן. ערשט דעמלט האָט דער רבי, צו אונדזער אַלעמענס צופֿרידנקייט, זיך געמוזט אונטערגעבן און פֿאָלגן די באַפֿעלן פֿון דער ענערגישער רביצין. כ׳דערמאָן זיך אויך אָן אַנדער רבין, וואָס איז פֿון גרויס עגמת נפֿש, וואָס זיין אשת חיל, די רביצן, האָט אים פֿאַרטריבן פֿון דער שטוב, אַוועק אין בית־מדרש און דאָרט זיך פֿאַרקלאָגט פֿאַר זיינע אחים לצרה: „ווער האָט געבעטן משהן אַרויסצופֿירן די בני יש־ראל פֿון מצרים, וואָלט נישט גלייכער געווען, ווען זיי בלייבן ווייטער אין מצרים, וואָלט מען כאָטש דאָ געהאַט אַ ביסל מנוחה״.

נחום האָט שוין אויפֿגעהערט צו זיין אַ ווונדערקינד, נאָר, ווייט איבער זיינע יאָרן, געווען אַ געלערנט יינגל, וואָס האָט אַ טיפֿן אינטערעס פֿאַר אַלץ און מיט שטאַרקע ליטעראַרישע נייגונגען. ער האָט געחלומט וועגן גרויסע שטעט און ווייטע נסיעות. פּלאָצק איז שוין געווען פֿאַר אים צו קליין. צוזאַ־מען מיט עטלעכע חברים הויבט ער אָן אַרויסצוגעבן אַ בלעטל א.נ. „שושנה״, געשריבן מיט דער האַנט. ער שרייבט שוין שירים און זעצט איבער „די רויבער״ פֿון שילער, „מאַריאַ סטיואַרט״, „ראָמעאָ און יוליאַ״. ער וואָלט גערן איבערגעזעצט די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור. ער הויבט אָן צו שיקן זיינע קאָרעספּאָנדענצן צו העברעישע צייטונגען, שרייבט אויף פּויליש, פֿראַנ־צויזיש, דייטש.

צו יענע צייטן איז פּלאָצק געווען אַ שטאָט מיט אַן אינטעליגענטער יידישער יוגנט מיט אַ רייכער פֿאַנטאַזיע, אַ יוגנט, וואָס האָט געדורשט נאָך וויסן און אויסטערלישע פּאַסירונגען. אויף פֿאַרשידענע אופֿנים איז דאָס געקומען צום אויסדרוק. איינער פֿון נחומס חברים, למשל, האָט געהאַט אַ ליידנשאַפֿט צו מאַטעמאַטיק און פֿיזיק. ער האָט טעג און נעכט פֿאַרבראַכט אויפֿן בוידעם און זיך געבראָכן דעם קאָפּ אויסצוגעפֿינען די פֿאָרמול פֿון אייביקער באַוועגונג („פּערפּעטואום מאָבילע״). אַנדערע האָבן געהאַט אַ נייגונג צו שפּראַכן און קעגנזייטיק געשריבן צו זיך אין אַזוי פֿיל שפּראַכן, וויפֿל ווערטערביכער זיי האָבן געהאַט.

בכלל האָבן זיך פּלאָצקער יידן אויסגעצייכנט מיט אַ גוטן זכרון. מען דערציילט וועגן שמש פֿון דער גרויסער שול אין פּלאָצק, אַז ער האָט גע־

קענט פון אויסנווייניק די יאָרצייטן פון אַלע אָרטיקע יידן. נחום איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט די ברידער דאָברינסקי, פון וועלכע יוזעף איז געווען אַ גלענצנדיקער קענער פון העברעיש און פויליש און אַן אויסגע־צייכנטער פילאָלאָג. ער איז געווען פון נידעריקן וווקס און האָט אויסגע־מיטן מענטשן. דאַקעגן דער ברודער זיינער, וולאַדיסלאַוו, איז געווען אַ הערלעכער מאַנסביל מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. ער האָט אין די שפּעטערע יאָרן אָפּט באַגלייט מיין פאָטער בעת זיינע אָפּרו־רייזעס איבער אייראָפּע. אַ חוץ יוגנט־זכרונות האָט זיי שפּעטער גאָרנישט פאַרבונדן איינעם צום אַנדערן. זיי זענען אָבער פאַרבליבן, ווי סאַמע נאָענטסטע פריינד. וולאַ־דיסלאַוו איז טאַקע געווען דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן מיין פאָטער האָט זיך געדוצט, אַ חוץ זיין נאָענטער משפּחה. מיין פאָטער איז שווער אָנגעקומען צו ווערן אינטים מיט עמעצן. ער איז אויך געווען שטאַרק באַ־פריינדעט אין פּלאָצק מיטן ד״ר איזידאָר פרענקעל, אַ פריילעכער מענטש און אַ גרויסער וויצלער, וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט מעדיצינישע וויסנשאַפט אין דער „הצפירה״. זיינער אַ פריינד איז אויך געווען ד״ר סאַלאָמאָן מינץ, וואָס איז געווען אַ גרויסער בקי אין יודאַיסטיש וויסן און אַ ציוני נאָך פון די חובבי־ציון. זעליק ווייצמאַן פון ווישעגראַד, אַ שוואָגער פון חיים וויצ־מאַן און דער פיל יינגערער פון אים יצחק גרינבוים פון פּלינסק, וואָס איז אים געווען אַזוי טייער נאָענט, האָבן געהערט צום שפּעטערן קרייז פון זיינע אידעישע פריינד. כ׳דערמאָן זיך, ווי מיין פאָטער האָט זיך שטאַרק דער־פרייט, דערוויסנדיק זיך, אַז דוד בן־גוריון, וועלכן ער האָט ליב געהאַט און געשעצט, שטאַמט אויך פון פּלינסק — אַלץ די פּלאָצקער ערד.

צו יענער צייט האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן רעש די געשיכטעס וועגן דער אָפּשטאַמונג פון זשיל ווערן, דעם באַרימטן מחבר פון פאַנטאַסטישע נסיעות. פאַראַן אַ מיינונג, אַז ער איז געווען דער זון פון אַ יידישן עמיגראַנט פון פּלאָצק מיטן נאָמען אָלשעוויטש. (אַלכע אויף פראַנצויזיש איז ווערן). די משפּחה ווערן האָט עס אָפּגעלייקנט און די זאַך איז נאָך עד היום גע־בליבן נישט אין גאַנצן אויפגעקלערט. מיין פאָטער האָט זיך באַשעפטיקט מיטן דאָזיקן ענין און ס׳איז אים געלונגען אַרויסצובאַקומען ערנסטע באַ־וויזן, אַז אין די דאָזיקע באַהויפּטונגען שטעקט אַ געוויסער אמת. אגב, איז

דאָס נישט וויכטיק. פּלאָצק האָט צו יענע צייטן געהאַט ביי זיך נישט איין זשיל ווערן, וואָס האָט מיט זיין רייכער פֿאַנטאַזיע געטרוימט וועגן אויס־טערלישע נסיעות.

אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון מיין פֿאָטערס משפּחה האָט זיך פֿונאַנדער־געשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. אין זיינע אַפּטע נסיעות, וואָס ער האָט אין די שפּעטערע יאָרן געמאַכט, פֿלעגט ער אָפּט אָנטרעפֿן אויף קרובים און פּלאָצקער לאַנדסלייט, דער עיקר אין אַמעריקע, ווו קרובים פֿון צווייטן און דריטן דור נאָך אים, האָבן געמאַכט גאַנץ פֿאַרשידנאַרטיקע קאַריערעס. אַנומלט, ווען ער האָט באַזוכט סען־לואי, האָט זיך פֿאַר אים פֿאָרגעשטעלט אַן אַמעריקאַנער קאָלאָנעל, דער זון פֿון זיין קוזינע. אָט דער קאָלאָנעל האָט געהערט צום געהיים־דינסט און זיין אויפֿגאַבע איז באַשטאַנען אין אַרויס־רופֿן רעוואָלוציעס אין מעקסיקע, אין וועלכע ער האָט זיך ספּעציאַליזירט. דעם קאָלאָנעלס ברודער איז געווען אַ סאָציאַליסט, פּאָעט און סתם אַן אָרי־גינעלער טיפּ. אַן אַנדערער קרוב איז גאָר געוואָרן אַ פֿילם־אַקטיאָר. נישט געווען קיין ציוניסטישער מיטינג אין אַמעריקע, אויף וועלכן מיין פֿאָטער איז אויפֿגעטראָטן, אַז ס׳זאָלן זיך באַלד נישט מעלדן עפּעס קרובים פֿון פּלאָצק אָדער מאַקאָוו, די געבורט־שטאָט פֿון מיין מוטער.

די פּלאָצקער גבירים האָבן אין אַנהויב זיך גאָר סקעפּטיש באַצויגן צו די אַלע מאָדנע ידיעות, וועגן די וווּנדער פֿון „גאָלדענעם לאַנד״, וואָס פֿלעגן אָנקומען פֿון אַמעריקע. דער פֿאָטער פֿלעגט דערציילן וועגן אַ גע־וויסן זקן אין פּלאָצק, וואָס האָט בכלל נישט געגלויבט, אַז עס עקזיסטירט ערגעץ ווו אַן אַמעריקע. „דאָס איז כולו שווינדל״ — האָט ער געזאָגט. ווען מען האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז, סטייטש, ווי קאָן עס זיין אַ ליגן, ווען אַפֿילו די צייטונגען שרייבן וועגן דעם, און אַז וועגן אַמעריקע קאָן ער אַפֿילו לייענען אין דער סאַמאַראַדנער „הצפירה״, פֿלעגט ער אַלע־מען אָפּפּטרן מיט: „דאָס איז נישט קיין באַווייז. אַלץ קאָן מען שרייבן אין די גאַזעטן. דאָס פּאַפּיר איז געדולדיק״. ווען מ׳האָט אים אָנגעוויזן, אַז ער רעדט פֿאַרט נאַרישקייטן, והא ראיה זיין אייגענער זון איז דאָך אין אַמעריקע און שרייבט צו אים בריוו, פֿלעגט דער אַלטער טאַטע ווערן מלא כעס וחמה: „וואָס? מיין גדליה, — האָט ער געשריגן, — וואָס האָט נאָך אין זיין לעבן

קיין וואָרט אמת נישט געזאָגט, אים זאָל איך גלויבן?" זיין מיינונג וועגן אַמעריקע האָט זיך געענדערט, ווען אָט די שלעכטע בנים האָבן אָנגעהויבן צו שיקן דאָלאַרן צו טאַטע־מאַמע אַלס אַ באַווייז, אַז אַמעריקע עקזיסטירט יאָ.

עטלעכע יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז צו מיין פֿאָטער אין לאָנדאָן געקומען גאָר אַ מאָדנער קרוב פֿון פּלאָצק. דאָס איז געווען אַן עקזאָטישער טיפּ מיטן נאָמען זשאַק פּאַלצאַ. ער איז געווען אַ חבר פֿון מיין פֿאָטערס יינגערן ברודער סטאַניסלאַוו, אונדזער געליבטן פּעטער. אָט מיט דעם פּאַלצאַ האָט זיך מיין פֿאָטער און בכלל די גאַנצע משפּחה זייער באַפֿריינדעט און די פֿריינדשאַפֿט איז אויך אַריבער אויף זיין פֿרוי און קינדער. דער דאָזיקער פּאַלצאַ האָט דורכגעמאַכט אַ מערקווירדיקן לעבן. ער האָט זיך געוואָלגערט איבער לענדער און ימען, געווען אַ מאַטראָז, אַרבעטער, פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אין מאַדאַגאַסקאַר, ביז ער האָט זיך באַזעצט אין ראָדעזיע אַלס גאָלדזוכער. דאָרט האָט ער שווער און ביטער געאַרבעט און נישט איין מאָל שיעור נישט אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, ביז ס'איז אים געלונגען אָנצוטרעפֿן אויף אַ גאָלד־אָדער אין אַ געגנט, וואָס קיינער האָט אויף איר נישט גערעכנט, אַז דאָרט קאָן מען בכלל געפֿינען גאָלד. ער איז געוואָרן אַ מיטאייגנטימער פֿון אַ גרויסן גאָלדגרוב. נאָכן ליקווידירן זיינע געשעפֿטן איז ער צוריקגעקומען קיין אייראָפּע. דאָ האָט ער זיך אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו מיין פֿאָטער, אַז ער האָט אים עטלעכע מאָל באַגלייט אויף זיינע נסיעות. ער האָט אויך באַגלייט מיין פֿאָטער און מוטער אויף זייער ערשטער נסיעה קיין ארץ ישׂראל אין יאָר 1914.

פֿון מיינע יינגסטע יאָרן געדענק איך, אַז דער נאָמען „פּלאָצק" איז תּמיד אַרויסגעזאָגט געוואָרן ביי אונדז אין דער היים מיט אַ ספּעציעלער וואַרעמקייט און סענטימענט. אַנומלט האָט מיין פֿאָטער געשריבן צו זיין יינגסטער טאָכטער:

„ס'פֿרייט מיך זייער, וואָס דו פֿאַרברענגסט איצט אין מיין טייערן פּלאָצק און כ'קאָן דיר פֿאַרזיכערן, אַז עס מעגן זיך באַהאַלטן די ענגלאַנדס, בעלגיעס און האָלאַנדס פֿאַר אָט דעם גן־עדן פֿון מיינע קינדער־יאָרן, מיט וועלכן ס'פֿאַרבינדן מיך אַזוי פֿיל גאָלדענע דערינערונגען. אַז דו וועסט שפּאַצירן אויף דער גראָדזקע־גאַס, ווייס, אַז דאָרט האָט געלעבט אונדזער

גאַנצע משפחה און אַז מיין באָבע, עליה השלום, פלעגט אַהין קומען צו פֿאָרן אַלס גאַסט, ווו אירע שפּראַצלינגס האָבן זיך געפֿונען כמעט אין יעדן הויז. זיי אַלע געפֿינען זיך שוין איצט אויפֿן עולם־האמת, אויפֿן פּלאָצקער בית־הקברות און כ׳ווייס אַפילו נישט ,צי עמעצער געדענקט מיך נאָך דאָרט אין פּלאָצק. און דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען ערשט נעכטן. גיי אַריין צו די שיפֿס און גיב זיי אָפּ אַ גרוס פֿון מיר. גיב אויך אָפּ אַ גרוס דעם שכן יעקב קאָהן. טרעט אויך אָפּ אויף דער זלאָטע־גאַס ; דאָרט איז געשטאַנען דאָס הויז פֿון מיין זיידן, מצד דער מוטער. ער האָט נאָך געדענקט דעם קייזער נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, איז געפֿאָרן אויף די לייפּציקער ירידן און וואָס האָט מיך אַזוי ליב געהאַט. טאָמער וועסטו זיין אויף דער שול־גאַס, טאָ ווייס, אַז דאָרט בין איך גאַנצע נעכט געזעסן איבער דער גמרא. דאַקעגן אויפֿן אַלטן מאַרק האָט מיך מיין פּראָפֿעסאָר מאַסלאַוואָסקי געלערנט לאַטייניש. ער האָט געטראָגן באַקנבאָרדן, ווי דער קייזער פֿראַנץ־יאָזעף. אינעם אַלטן פּאַרק האָב איך מיינע ערשטע לידער געשריבן און הינטערן קלויסטער פֿלעג איך מיט מיינע חברים לייענען די קלאַסיקער, געחלומט וועגן הויכע אידעאַלן. דיווירקלעכקייט, דאַקעגן, האָט זיך ביי מיר קאָנצענטרירט אויפֿן בוידעם־שטיבל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין הויז פֿון ר׳ אַברהם פּאַקזשיווע, אויפֿן אַלטן מאַרק. דאָרט האָב איך געהאַט פֿאַרשטעקט מיין קליינע ביבליאָטעק, מיט וועלכער איך האָב מיך דעמאָלט מער באַגייסטערט, ווי שפּעטער מיטן בריטישן מוזיי. יאָ, דעמאָלט איז געווען בעסער, ווי היינט.

און אַז דו וועסט צוריקפֿאָרן מיטן סטאַטעק אויף דער ווייסל, פֿאַרגעס נישט אַרויפֿצוקוקן אויף די ווישעגראַדער בערג. דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, דאָרט איז געווען דאָס זיץ־אָרט פֿון מיינע עלטערן און זיידעס, נאָך זינט מיין עלטער־זיידע, וואָס איז אַהין געקומען פֿון סאָקאָלאָוו ביי שעדלעץ. דאָרט האָט געלעבט אונדזער זיידע, יענער הערלעכער פּאַטריאַרך, מיט זיין הדרת פּנים, וואָס האָט געהאַט אַ שם אַלס אַ גרויסער למדן און מיט זיינע יידישע מידות, מיט זיין פּרעכטיקער געשטאַלט האָט ער דערמאָנט אַברהם אָבינו. אַזוי האָב איך מיר אים תמיד פֿאָרגעשטעלט, אין זיין רבנישער טראַכט און, האָבנדיק סמיכות אַלס אַ רב האָט ער קיין מאָל נישט געוואָלט פֿאַרנעמען דעם כסא־הרבנות. איך פֿלעג אָפֿט פֿאָרן צו אים

און ווי אַ דורשטיקער געהערט זיינע מעשיות וועגן אונדזער אָפּשטאַם. ער האָט געשטאַמט פון לויטער רבנים און געהאָפט, אַז אויך איך וועל ממשיך זיין די טראַדיציע פון אונדזערע זיידעס. געוואָרן איז אַנדערש, אָבער זייער אָנדענק לעבט אין מיר ווייטער און כ׳וואָלט וועלן, אַז ער זאָל אויך אין דיר לעבן״.

אַזוי האָבן דורות יידן געלעבט ביי דער ווייסל און בעתן דאַוונען גע־חלומט וועגן ירושלים. דער מחבר פון דער הערלעכער יידישער דערציילונג „אין די פוילישע וועלדער״, יוסף אָפּאַטאָשו, איז דערצויגן געוואָרן אין די וועלדער ביי פּלאָצק. שלום אַש שטאַמט פון יענער זייט ווייסל, פון דער קוטנער געגנט. ער האָט אָבער גוט געקענט מיין פאָטערס קאָנטן און האָט זיי אַזוי שיין באַשריבן. נאָכן טויט פון מיין מוטער האָט ער איר געווידמעט רירנדיקע ווערטער און זיי באַשיינט מיטן פּייזאַזש פון ווישעגראַד אַזוי, ווי נאָר ער האָט עס באַוויזן.

מיט יאָרן צוריק, פאַר נחומען, איז אַברהם מפּו באַהויכט געוואָרן פאַר זיין היסטאָרישער דערציילונג „אהבת ציון״ פון אַנדערע פּויליש־ליטווישע טייכן, דעם ניעמאַן און די ווילִיע. די דאָזיקע אַלע טייכן זענען אַריין אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. אין קיין שום אַנדער לאַנד אין גלות, האָבן יידן זיך נישט אַזוי נאָענט צונויפגעלעבט מיט דער נאַטור, ווי פּוילן, ליטע און אוקראַינע. אין אַנדערע מקומות האָבן יידן הויפּטזאַכלעך געלעבט איינגעשלאָסן אין די געטאָ־מויערן, אָדער אין די שטעט, וואָס זענען פאַר זיי געוואָרן צוטריטלעך. די געמיטלעכקייט פון מזרח־אייראָפּעישן יידנ־טום האָט בלי ספק זיך אויסגעווירקט ביים פאַרמירן זיך פון אַן אַנדער טיפּ לעבנס־שטייגער, ווי אין מערב. דעריבער איז גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַר וואָס אין אַט די קאַנטן האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ רייכקייט פון העברעי־שער און יידישער ליטעראַטור, אַז די יידן פון פּוילן, ליטע און אוקראַינע האָבן געשאַפן דעם טיפן מקור פון יידישער בענקשאַפט פון הארץ און מוח, און פון וועלכער ס׳איז געבוירן געוואָרן דער דינאַמישער ציוניזם.

*

ווען נחום איז צוריק געקומען קיין פּלאָצק האָבן דער זיידע און דער

פֿאָטער געמאַכט נאָך אַ פּרווו, דאָס מאָל שוין אַן אומדירעקטן, ער זאָל פֿאָרט מאַכן אַ רבנישע קאַריערע. אָבער אויך דער פּרווו איז נישט געלונגען. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז לאַ־די, וואָס די אַלע פּרוּוון מצד דעם זיידן און פֿאָטער, האָבן נישט געשטערט נחומען צו רעאַליזירן זיינע פּלענער, נאָר גראָד פֿאַרקערט, זיי האָבן אים נאָך צוגעהאָלפֿן.

אין יענע צייטן איז אין די פֿרומע יידישע הייזער געווען אָנגענומען גאָר יונג אויסצוגעבן זייערע קינדער. נחום האָט געשריבן תּנאָים, ווען ער איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר. זיינע עלטערן און דער זיידע זענען שטאַרק געווען פֿאַרן דאָזיקן שידוך, אין דער האָפֿענונג, אַז ווען נחום וועט זיך אַרײַ־בערציען אין קליינעם שטעטל, וועט ער זיך דאָרט פֿאַרטיפֿן אין ש״ס און פּוסקים און סוף כּל סוף ווערן אַ רבֿ. געשען איז ווידער אין גאַנצן אַנדערש. די כּלה, אַ באַחנט אינטעליגענט מיידל, זיינע אַ ווייטע קרובֿה פֿון די מאַקאָ־ווער סעגאַלס, האָט אים גראָד שטאַרק צוגערעדט און באַגײַסטיקט זיינע ליטעראַרישע אַספּיראַציעס. ווען ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אויף דריי יאָר אין מאַקאָוו, איז נישט קיין אַנדערע ווי זיין פֿרוי געוואָרן און דאָס שוין אויפֿן גאַנצן לעבן זיין אידעאַלע לעבנס־באַגלייטערין אויך אין דער אַרבעט זיינער. די בריוו, וואָס חתן־כּלה האָבן געשריבן צו זיך אין דער פּוילישער שפּראַך, זענען געווען אַמאָל פֿון ערנסטן כאַראַקטער, פֿול מיט זאָרג פֿאַר דער צוקונפֿט זייערער, אַ צווייט מאָל ווידער זענען דאָס געווען פֿריילעכע, שטיפֿערישע בריוו. נחום באַצייכנט זי אַלס זיין מלאך, וואָס טראַכט און זאָרגט וועגן אים. ער האָט זיך פֿאַר איר אָנפֿאַרטרויט מיט אַלע זיינע פּלענער, פֿאַרויסזעענדיק די שוועריקייטן, וואָס ער וועט נאָך האָבן אויסצושטיין. אין דער זעלבער צייט אָבער וויצלט ער זיך אויך, עצהט איר זיך נישט צו זאָרגן און דער עיקר צו געדענקען וועגן די צוויי וויכטיקסטע אוצרות, וואָס אַ מענטש האָט: געזונט און הומאָר. „געלט איז אַ טפֿל און נישט וויכטיק״, שרייבט מיטן גאַנצן ערנסט דער זעכצן־יאָריקער פֿילאָזאָף — „און פֿאַרלירט מען די דאָזיקע צוויי אוצרות, איז דעמאָלט גאָר ביטער״. דערביי איז נחומס פֿינאַנציעלע לאַגע דעמאָלט גאָרנישט געווען פֿויגלדיק. אין זיין טאָג־בִּיכל פֿון יאָר 1876 געפֿינט זיך אַ סך־הכּל פֿון זיינע אָפּשפּאָ־רונגען: 10 פֿראַנק, 2 טאָלער, 10 מאַרק, צוויי און אַ האַלבן רובל. אָפּנים,

אַז ער האָט געהאַט מער צוטרוי צו אויסלענדישער וואַלוטע. בכלל קאָן מען אין דאָזיקן טאָג־ביכל געפינען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן, וועגן וועלכע ס׳וועט נאָך אויסקומען צו דערמאָנען אין ווייטערדיקן קאַפּיטל.

אַז מען רעדט שוין וועגן די בריוו, וואָס חתן־כלה האָבן געשריבן צו זיך, דערמאָן איך זיך פֿון מיינע קינדער־יאָרן אַ געוויסע יידישע פֿרוי, מיט וועלכער מיין מוטער האָט זיך גאַנץ ספּעציעל באַשעפֿטיקט. זי פֿלעגט אָפּט קומען צו אונדז אין דער קיך אַריין און תמיד האָט איר מיין מוטער עפּעס געגעבן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פּויערטע, געהאַט אַ רויט פּנים און גע־טראָגן אַ רויטע פּאַטשיילע אויפֿן קאָפּ. זי איז געווען זייער שטאַרק, זייער הויך און געהאַט אַזעלכע לאַנגע פֿיס. אָט די דאָזיקע פֿרוי, באַשע האָט מען זי גערופֿן, האָט אַ מאָל דערפֿילט די וויכטיקע ראָל פֿון אַ בריוונטרעגער, וואָס האָט אין געהיים געבראַכט צו מיינע עלטערן זייערע ליבע־דערקלע־רונגען. זי פֿלעגט אָפּט אַזוי גיין צופֿוס מיט די בריוו פֿון מאָקאָוו ביז פּלאָצק און צוריק.

קאַפּיטל 3

מאַקאָוו

ווען מיין פאָטער איז געוואָרן אַ חתן איז אים אָפּט אויסגעקומען צו זיין אונטערוועגס צווישן פּלאָצק, ווישעגראַד און מאַקאָוו. פון צייט־צו־צייט פלעגט ער אויך אָפּטרעטן אין וואַרשע. קיין מאַקאָוו פלעגט ער פאָרן מיטן פּאָסט־דיליזשאַנס איבער פּולטוסק און נאַשעלסק, אָדער מיטן יידישן בעל־עגלה, וועלכער פלעגט אָנשטאָפּן זיין בריטשקע נישט נאָר מיט מענטשן, נאָר אויך מיט אַלע מינים עופות, אַז די בריטשקע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון נחס תיבה.

מאַקאָוו איז געווען אַ קליין, שטיל שטעטל. ווייט פון גרעסערע צענטערן, האָט עס נישט געהאַט קיין שום אינטערעס פאַר מיין פאָטער, און עס האָט אים אַהין נישט געצויגן, סיידן נאָר צוליב דער כלה. אין איינעם אַ בריוו צו דער שוועסטער פון יאָר 1877, שילדערט ער אויף אַזאַ אופן זיינע איינדרוקן פון מאַקאָוו:

„וואָסערער קאָנטראַסט נאָך דער גרויסער וואַרשע, אַזוי הערלעך באַלויכטן מיט גאַז־לאָמפּן, שטעלט מיט זיך פאָר אָט די דאָזיקע פינצטערע העק. די גאַסן ליידיק, מען קען זיך ממש אָוועקלייגן אין מיטן מאַרק און אָנטשלאָפן ווערן אָן שום מורא, אַז מ׳וועט דיך איבערפאָרן. נישט קיין גאָרטן, נישט קיין טעאַטער, גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל קענען כאָטש אַ ביסל מאַכן אָנגענעמער דאָס לעבן, וואָס פאַרלויפט דאָרט אַזוי פּאַמעלעך. מענטשן איילן זיך דאָרט נישט און קוקן נישט אויפן זייגער. ס׳איז געוווּנג, אַז ווען דער אַפּטייקער באַווייזט זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ און גיט דריי מאָל אַזאַ הויכן ניס, אַז מ׳הערט עס אין גאַנץ מאַקאָוו, איז דעמאָלט פּינקטלעך צוועלף בייטאָג. דער מסחר אין שטעטל — אַ קלאָגעדיקער. אַ שטילשטאַנד אין די געשעפטן. ווער ס׳האָט אַ ביסל געלט, באַהאַלט עס אין זאַק. טרויעריק און אַזוי מאָנאָטאָן איז דאָס לעבן אין אָט דעם שטעטל״.

ווי ס׳איז צו זען פון דאָזיקן בריוו, האָט שוין דעמאָלט, דעם נאָך גאָר יונגן סאָקאָלאָוו, נישט געפעלט קיין הומאָר. ווענדיק פאַרגלייכן מאָקאָוו צו די גרויסע אייראָפּעישע הויפּטשטעט, האָט ער געמאַכט פאָלגנדיקן וויציקן פאַרגלייך אין דער דייטשער שפּראַך. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מען רעדט וועגן רוים, ווי וועגן אַ שטאָט פון „קולטורקאַמפּעס״, מאַדריד פון „שטיר־קאַמפּעס״ איז מאָקאָוו די שטאָט פון „ציצית־כּנפות״... דאָס איז געווען די הויפּט־אינדוסטריע פון אָט דעם שטעטל. וואָס איז דען דער וווּנדער, אַז ווען מיין פאָטער האָט זיך באַזעצט אין מאָקאָוו, האָט ער דאָרט מער געלעבט אין זיין פאַנטאַזיע, ווי אין דער ווירקלעכקייט.

פון וואַנען האָבן געשטאַמט די סעגאַלס, די משפּחה פון מיין מוטער? וועגן דעם האָט מען גאָר ווייניק גערעדט אין דער משפּחה. כ׳האָב נישט געהערט, אַז די סעגאַלס זאָלן ציִען זייער יחוס פון גרויסע רבנים. כ׳ווייס אויך נישט, צי זיי זענען געווען מתנגדים, אָדער חסידים, כאָטש גיכער זענען זיי געווען חסידים. כ׳דערמאָן זיך בלויז, אַז די באָבע פון מיין מוטער האָט מען גערופן די „פיליסיפּטע״ (פילאָזאָפקע). זי האָט געלעבט הונדערט יאָר און איז אָנגעגאַנגען, ווי גאָר אַ גרויסע חכמה. כ׳קען אָבער נישט קיין נאָענטערע פּרטים, אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען איר פילאָזאָפיע און לעבנס־חכמה, סיידן דער פאַקט, וואָס נאָך אַ קריגעריי מיט איר שניר, האָט זי איר גאַנץ צירינג אַזוי קונציק פאַרשטעקט, אַז מ׳האָט עס קיין מאָל נישט געפונען נאָך איר טויט. מ׳האָט אויך מיין עלטער־באָבע גערופן אין דער משפּחה — „די ליטוואַטשקע״. זי האָט געשטאַמט ערגעץ פון די מקומות אויף יענער זייט בוג, היינט וואָלט מען עס אָנגערופן פון הינטער קערזאָנס ליניע.

די מאָקאָווער סעגאַלס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אינטעלעקטועלע מעלות. זיי האָבן אויך נישט געהאַט קיין גרויסע שייכות צו תלמוד אָדער קבלה. דאָס זענען געווען גוט־אייגנטימער, האָלץ־סוחרים, מילנערס, מענטשן פון אַ שיינעם פיזישן אויסזען און געבוי, מיט אַ געוויסן שוווּנג און דרייסטן פאַרנעם, אָבער צווישן זיי און מיין פאָטער איז געווען אַ תהום, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט.

אַלס קינד האָב איך זייער ליב געהאַט מיינע מאָקאָווער קרובים. די

באָבע מיט די פֿעטערס מיט זייערע גרעלע בערד, פֿלעגן קומענדיק צו אונדז אין וואַרשע, מיטברענגען מיט זיך דעם ריח פֿון דאָרף. זיי פֿלעגן רייטן אויף פֿערד און דערמיט האָבן זיי מיר דערמאָנט די בורן, וואָרעם גראָד דעמאָלט איז פֿאָרגעקומען די מלחמה אין דרום־אַפֿריקע און מיין גאַנצע סימפּאַטיע איז געווען אויף דער זייט פֿון די בורן. די מאָקאָווער געסט פֿלעגן געוויינטלעך קומען צו אונדז פֿון מאָקאָוו באַלד אין דער פֿרי. פֿאַר מיר איז דאָס שוין געווען אַ גענוגנדיקער אויסרייד אויף נישט צו גיין אין דער שולע. זיי האָבן תמיד מיטגעבראַכט מיט זיך לעבעדיקע פֿיש און עופֿות. נאָך אַזעלכע וויזיטן, הויפּטזאַכלעך פֿאַר די ימים־טובים, פֿלעגן ביי אונדז אין דער קיך אַרומשפּאַצירן הינער און אינדיקעס און אין דער וואַנע זעגען געשווומען די קאַרפּן.

מיין פֿאָטער האָט גאָר וויניק געקענט זיין שווער, יצחק הערש סעגאַל, וואָס איז יונג געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אַ באַדייטנדיק פֿאַרמעגן, צוויי גיטער, אַ סקלאַד פֿון אייזן און דאָס גרעסטע הויז אין מאָקאָוו. ר׳ יצחק הערש האָט געהאַט געפֿירט ברייטע געשעפֿטן. צוו. אַנד. איז ער געווען דער הויפּט־ליפֿעראַנט פֿון דער צוקער־פֿאַבריק אין קראַשיניעץ און איז געווען דער פֿאַרטרויונגס־מאַן פֿון אייגנטימער פֿון דער פֿאַבריק, דעם ליבע־ראַלן גראַף לודוויק קראַשינסקי, איינער פֿון די ערשטע פּוילישע אַריס־טאָקראַטן, וואָס האָבן אַנטוויקלט די אינדוסטריע פֿון לאַנד.

די שוויגער, דאָבע סעגאַל, איז געווען זייער אַ טיכטיקע פֿרוי און איז געווען זייער פּאָפּולער אין דער גאַנצער אומגעגנט, אָבער נישט דער „יחוס" און נישט די ליטעראַרישע פֿעיקייטן פֿון איר איידעם, האָבן נישט געהאַט פֿאַר איר קיין שום ווערט. זי איז געווען אַן „אשת־חיל" און אַ גרויסע סוחרטע. האָט זי דעריבער נישט געזען קיין שום צוקונפֿט פֿאַר איר איידעם אין דער קאַריערע, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אַריין אין געשעפֿט און ווען נישט דאָס, טאָ זאָל ער כאָטש ווערן אַ מאָדערנער רב. זי האָט שפּעטער נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט. געקענט האָבן זי אָבער אַלע, לויט איר נאָמען, דאָבע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פֿלעגט מיין פֿאָטער דערציילן אַ שיין מעשהלע. שוין לאַנגע יאָרן נאָך דעם, ווי ער האָט פֿאַרלאָזט מאָקאָוו און זיין נאָמען איז שוין געווען

באַרימט אויף גאָר דער יידישער וועלט, איז אַנומלט אַריינגעקומען אין אַ וואַרשעווער יידישער בוכהאַנדלונג עפּעס אַן אַלטער ייד און געוואָלט קויפן איינס פון מיין פאָטערס ביכער. ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען דעם נאָמען סאָקאָלאָוו. דער אַלטער ייד האָט זיך אויך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס דער מוכר־ספרים האָט נישט געוווּסט, ווער ס׳איז „דאָבעס אײדעם״, ווייל נאָר אַזוי האָט מען מיין פאָטער גערופן אין מאַקאָוו.

*

אין אַ בריוו צו זיין כלה האָט נחום געבעטן, אַז די חתונה זייערע זאָל פאַרקומען אָן רעש און „אָן פּאָמפּע״. די משפחה האָט אָבער אַנדערש גע־וואָלט. ביי די יידן פון מאַקאָוו איז אָט די חתונה לאַנג פאַרבליבן אין זכרון און נאָך כמעט פופציק יאָר שפּעטער, ווען מיין מוטער איז געשטאָרבן, האָט אַ געוויסע פרוי פון מאַנטשעסטער, וואָס איז געווען אויף דער חתונה פון מיינע עלטערן, פאַרעפנטלעכט אין „דזשוּאיש קראָניקל״ רירנדיקע זכרונות פון יענעם גרויסן יום־טוב פאַר דער גאַנצער שטאָט. צו דער חתונה איז אַפילו געקומען דער גובערנאַטאָר און האָט געטאַנצט מיט דער שיינער כלה. דער דאָזיקער פּרט איז אונדז געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט. כ׳ווייס בלויז, אַז דער מאַרשעליק אויף דער חתונה איז געווען דער באַ־רימטער בדחן ר׳ נח, וואָס פלעגט אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון צייט־צו־צייט אַריינפאַלן צו אונדז אין הויז אַריין און די מאַמע פלעגט אים תמיד מכבד זיין מיט כל טוב. אויף דער חתונה האָט אויך געשפּילט דער קלעז־מער חיימל שולץ, וואָס איז שפּעטער געווען דער לאַנגיאָריקער פידלער פון דער וואַרשעווער אָפּערע. פון אים איז אַנטשטאַנען אַ דור פון פידלער, דיריזשאָרן, צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט מען שפּעטער געקאָנט אָנטרעפן אין יעדן גרעסערן אָרקעסטער איינעם פון זיינע שפּראָצלינגס.

יעדער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך יענע צייטן אַרויסגעריסן פונעם געטאָ אין דער גרויסער וועלט, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך, אין אַ געוויסן זין, אַ דרייסטן דעראָבערער, בפרט, ווען ער האָט דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך זיך אַליין, זייענדיק געצוווּנגען אָפּצוהאַלטן אַ שווערן קאַמף

מיט זיין סביבה. די דאָזיקע יונגע משכּילים האָבן פּשוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיטן איבערפֿלוס פֿון ענערגיע, וואָס האָט פֿון זיי אַרויסגע־שטראָמט. אַ גליקלעכער איז געווען דער דור, צו וועלכן נחום סאָקאָלאָוו האָט געהערט. יענע מענטשן זענען איבערפֿולט געווען מיט גלויבן און איפֿער. זיי האָבן געגלויבט אין דער ברכה פֿון וויסנשאַפֿט און אין פּראָגרעס פֿון דער מענטשהייט. פֿאַר זיי, די יונגע משכּילים, וואָס זענען אַרויס פֿון די קליינע שטעטלעך, האָט דאָס לעבן געהאַט אַ געוואַלטיקן רייץ, פֿול מיט פֿאַסירונגען. דער שטורעם און דראַנג צו בילדונג האָט ביי זיי אָנגענומען פֿאַנטאַסטישע פֿאָרמען. פֿון דעם ענציקלאָפּעדישן וויסן פֿון דער גמרא, האָבן זיי זיך געוואָרפֿן צו דער ענציקלאָפּעדיע פֿון אַלגעמיינעם, וועלטלעכן וויסן, אַלץ האָט זיי אינטערעסירט: געשיכטע, ליטעראַטור, מאַטעמאַטיק, פֿיזיק אָדער שפּראַכן. דער דאָזיקער דור האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך דעם טיפּ פֿון אייביקן יידישן סטודענט, אַ טיפּ, וואָס עקזיסטירט שוין נישט מער. אָפּגעריסן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן איז ער געווען דער נישט־פּראַקטישער טרוימער, דער פֿאַנאַטיקער פֿון וויסנשאַפֿט, וואָס האָט געלערנט לשמה, אָן וועלכן נישט איז ציל אויף אויסצולערנען זיך אַ באַרוף. דאָס זענען געווען ענטוזיאַסטישע קאָנסומענטן פֿון הויכע קולטורן. און געניי, ווי זייערע פֿאָטערס, וואָס האָבן פֿאַרבראַכט זייערע טעג און נעכט איבער דער גמרא, זענען זיי געזעסן איבער אַנדערע ספֿרים, געטריבן פֿון דורשט צום וויסן, אָפֿט מאָל, זייענדיק אין גאַנצן נישט פּראָדוקטיוו. דערפֿאַר אָבער האָבן זיי געשאַפֿן די רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספֿער פֿון אינטעלעקטועלן פֿערמענט. נחום סאָקאָלאָוו האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן טיפּ פֿון יידישע משכּילים. זיין לעבנסוועג האָט אָבער אָנגענומען אַן אַנדער ריכטונג, און גאַנץ מעג־לעך, אַז גראָד מאַקאָוו האָט ער דאָס געהאַט צו פֿאַרדאַנקען.

דאָס זעלבסטלערנען האָט זיינע מעלות און חסרונות. אַ חסרון איז דאָס, וואָס ביים זעלבסטלערנען גייט פֿיל מוח־ענערגיע לאיבוד און מען לערנט זיך אויף אַ כאַאָטישן אופֿן. ס׳האָט אָבער אויך אַ מעלה, ווייל דאָס זעלבסט־לערנען האָט נישט אָנגעוואָרפֿן קיין שום פֿאַרטיקע פֿאָרמולן, ס׳האָט גע־צוווּנגען צו זוכן דעם אמת, ריכטנדיק זיך לויטן אייגענעם, טיפֿן אינטע־רעס, וואָס מען האָט געהאַט פֿאַר דער זאַך. פֿאַר אַזעלכע נאַטורן, ווי נחום,

איז דאָס זעלבסטלערנען געווען, אָן ספק, אַ סטימול פאַר אַן אָנגעשטרענג־טער אַרבעט. קיין שום אַקאַדעמישע דיסציפּלין וואָלט אים דאָס נישט גע־געבן. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט ער קיין מאָל נישט דערגרייכט אָט דעם אוניווערסאַליזם, מוזנדיק שטודירן בלויז באַשטימטע צווייגן פון וויסן. דער גורל האָט אים געוואָרפן אויף טיפע וואַסערן און ער האָט זיך אַליין געמוזט אויסלערנען צו שווימען.

די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מאַקאָוו, האָט ער זיך פולשטענדיק געקאָנט ווידמען זיינע למודים, פאַר וועלכע ער האָט געהאַט אַזאַ אינטערעס. ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבן די פּראָפעסאָרן. דאָס זענען געווען די ביכער און מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעקניפּט באַ־ציונגען, צוערשט שריפטלעכע און דערנאָך פּערזענלעכע. אַזוי אַרום האָט ער זיך אַלץ מער פאַרפולקאָמט אין זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט און אַלץ העכער גענומען שטייגן אויף די שטאַפּלען פון דער פּובליציסטיק.

צום גליק און פרייד פון יונגן סאָקאָלאָוו איז נישט געווען קיין גרענעץ, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן זיינע ערשטע ווערק, שאַפּונגען, לידער, קאָרעספּאָנ־דענצן און אַרטיקלען אין דער „הצפירה" און אַנדערע צייטשריפטן. סלאָ־נימסקי האָט אים גענומען לויבן, יהודה לייב גאָרדאָן האָט אים דערמוטיקט צו שרייבן פּאָעזיע, פון די פּאַריזער יידישע אַרכיוון איז אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַ פאָרשלאָג צו ווערן אַ מיטאַרבעטער פון דער אויסגאַבע. עטלעכע יאָר האָבן נאָך געפעלט ער זאָל ווערן פּאָליעריק און שוין האָט ער גענומען איינפלעכטן דערוויל נאָך אַ דינעם פאָדעם אין יידישן לעבן און אָנגע־קניפּט באַציונגען מיט פאַרשידענע לענדער, ווו מען האָט זיך זיכער נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ שנעק. דער דאָזיקער פאָדעם איז געווען דאָס וואָרט, פון אָנהויב דאָס העברעיִשע און שפּעטער דאָס פּילשפּראַכיקע.

אינעם הויז פון די סעגאַלס, אויפן מאַקאָווער מאַרקפּלאַץ, האָט זיך אויבן אין אַ קליין צימער, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט ביכער און צייטונ־גען, אַ גאַנצע נאַכט געברענט אַ לאָמפּ. נחום האָט אומדערמידלעך געלייענט, געשריבן, און ווען די אַרבעט האָט אים מיד געמאַכט האָט ער גענומען שפּילן אויף אַ פליים. דאָס איז געווען זיין באַליבטער אינסטרומענט. ער

רעגינאַ, די פרוי פון נחום סאָקאָלאָוו — אַלס כלה־מיידל

האָט געגומען טראָגן בלויע ברילן, ווייל דערמיט האָט ער געמיינט, וועט ער אויסזען אַ ביסל ערנסטער. ער האָט געוואָלט אויסזען עלטער, וואָרעם ווער וואָלט געוואָלט מיט אים רעדן וועגן ערנסטע זאַכן, ווער וואָלט דען געהאַט צוטרוי צו אַ פּראָווינצער ייִנגל, וועלכן קיינער האָט נאָך נישט גע־קענט, אין די קרייזן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט. דער נאָמען סאָקאָלאָוו, מיטן אויסגאַם פון געוויסע רבנישע קרייזן, האָט נאָך גאָרנישט געזאָגט. נישט זיין משפחה און נאָך ווייניקער די פאַמיליע פון זיין פרוי האָבן אים געקאָנט בייהילפיק זיין אויפן וועג, וועלכן ער האָט זיך אויסגעקליבן. דעם דאָזיקן וועג האָט ער זיך געמוזט אַליין פאַרלייגן, דערצו נאָך איז ער געוועזן צו שטאָלץ און דעליקאַט אויף צו שטופּן זיך אָן אומגעבעטענער. דעריבער האָט ער זיין גאַנצע ענערגיע קאָנצענטרירט אויף לייענען, שרייבן און דענקען. ער האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ צו געשעפטן און נישט געטראַכט וועגן מאַטעריעלע פּראָפיטן. צו געלט האָט ער געהאַט אַ ביטול־באַציונג. זיין אַמביציע איז געגאַנגען בלויז אין איין ריכטונג: שטודירן, לערנען, שרייבן און קעמפן מיט וואָרט און שריפט לטובת דער יידישער זאַך. פון זיינע ייִנגסטע יאָרן האָט ער געהאַט אַן אינערלעכן גלויבן, אַז אַלץ, צו וואָס ער וועט זיך נעמען מיט ליבע און חשק, וועט זיך אים איינגעבן און ער וועט מצליח זיין. אין אַלגעמיין, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, פלעגט זיך אים איינגעבן, אָבער נישט דערפאַר, ווייל דאָס מזל האָט אים צוגעשפילט, נאָר ווייל ער האָט דערין אַריינגעלייגט אַ ים פון אַרבעט, מי און פלייס, ווייל אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז גע־ווען פולווערטיק. ער האָט געהאַט די זעלטענע אייגנשאַפט צו געפינען חן ביי מענטשן, נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו זיי, ווירקנדיק בלויז מיטן רייץ פון זיין פערזענלעכקייט.

פון זיין קליינעם טאָגבוך, וועלכן ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו שרייבן אין פּלאָצק, ווערט מען געוווירע, אַז ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גאָר גרויסע ליטעראַרישע פּלענער. ער האָט אָנגעזאַמלט מענגעס ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן און זיי אַלע געוואָלט איבערזעצן אויף העברעיש. דער אויסוואַל איז געווען גאָר אַ פאַרשידנאַרטיקער. נעבן דאַנטע און שעקספּיר, קאַלדעראָן, קאָרנעי, וואָלטער, פיגורירן דאָרט „דרייסיק יאָר לעבן פון אַן

אַפּעריסט", "דאָס לעבן פון פּאַריז", "די פּאַסירונגען פון פיר פרויען און אַ פּאַפּוגיי" אאַז"וו. ער טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק נישט נאָר פון מאַכן איבערזעצונגען, נאָר אויך פון איבעראַרבעטן סיוזשעטן. אַזוי, למשל, איז אים געפעלן געוואָרן די דערציילונג פון לעבן פון די מאַורן, פאַר די צייטן פון קעניג פיליפּ דעם צווייטן. ער האָט בדעה איבערצומאַכן די דאָזיקע דערציילונג אויף אַזאַ אופן, אַז אַנשטאָט מאַורן זאָלן דאָרט אויפטרעטן יידן. ער האָט נישט גענוג געלט אויף צו קאָנען קויפן אַלע ביכער, וועלכע ער וואָלט גערן געלייענט. דעריבער בארגט ער ביי באַקאַנטע. "איך האָב זיך באַקענט אין ווישעגראַד מיטן נאָטאַר לעמפּיצקי — פאַרשרייבט ער אין טאָגביכל. — ער האָט מיר געגעבן פיל אינטערעסאַנטע ביכער. כ'האָב אויך זיך געזען מיטן הער דאָברסקי, מיט וועלכן כ'האָב גערעדט פראַנצויזיש און איטאַליעניש. ער האָט מיר געגעבן אַ בוך וועגן דער כינעזישער פילאָזאָפיע".

די נאָטיצן אין זיין טאָגבוך טראָגן אַ צופעליקן כאַראַקטער, נעמען אַרום אַ תקופה פון יאָרן און באַהאַנדלען פאַרשידנאַרטיקסטע זאַכן, פּאַסירונגען און געשעענישן. נחום פאַרצייכנט דאָרט די דאַטע פון זיין ערשטן אַרטיקל אין דער "הצפירה" פון יאָר 1876. דאָס איז געווען אַ שאַרפער אָנגריף אויף דער קהילה אין פּלאָצק פאַר איר אָפּגעשטאַנענקייט, שלעכטערווירטשאַפט און קאַרגן פאַר קולטור און בילדונגס-צוועקן. זייענדיק 18 יאָר אַלט, האָט ער אין מאַקאָוו אָנגעשריבן זיין ערשט בוך "די אַלגעמיינע געאָגראַפיע", צו וועלכער חיים זעליק סלאָנימסקי האָט אָנגעשריבן די הקדמה. דערנאָך האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי בראָשורן אויף טעמען פון יהדות. אין זעלבן נאָטיץ-ביכל געפינט זיך אויך אַ לאַנג צעטל פון פּערזאָנען, צו וועלכע דער יונגער מחבר האָט אַרויסגעשיקט צו איינצלנע עקזעמפּלאַרן פון זיינע שאַפונגען. (די בוכהאַנדלונגען פלעגן באַקומען אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּלאַרן צום פאַרקויף). די ליסטע פון די נעמען איז אַ זייער אינטערעסאַנטע. דאָרט פיגורירן די נעמען פון אַלע פּראָמינענטע יידן פון יענער תקופה אויף גאָר דער וועלט, באַרימטע רבנים, נגידים און פילאַנטראָפּן, געלערנטע אָריענטאַליסטן און גרויסע יידישע אינסטיטוציעס. דער דאָזיקער איינפאַל איז געווען גאָר אַ גליקלעכער, נישט נאָר דערפאַר, וואָס אַזוי אַרום

האָט ער אָנגעקניפּט באַציִונגען מיט באַרימטע פּערזענלעכקייטן, ווי למשל, די אויבער־ראַבינערס פֿון פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, צדוק כהן און ד״ר הערמאַן אַדלער, נאָר אויך דערפֿאַר, וואָס עטלעכע פֿון די אַדרעסאַטן, צו וועלכע ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע שאַפֿונגען, האָבן אים צוזאַמען מיטן דאַנקבריוו, אויך צוגעשיקט האָנאָראַר, וואָס האָט ווייט איבערגעשטיגן דעם פּרייז פֿון בוך, ווי למשל, באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, באַראָן גינזבורג, די פֿילאַנטראָפּן קאַוווס. אַפֿנים, אַז דער מאַקאָווער, יונגער מחבר האָט זיי פֿאַראינטערעסירט. נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט די אייראָפּעיִשע לענדער. ער פֿלעגט אַרויסשיקן זיינע ביכער אויך קיין עגיפּטן, אַמעריקע און אַפֿילו אינדיע. אין זיינע אַרכיוון געפֿינט זיך אַ בריוו פֿונעם בוכהענדלער ששון פֿון קאַלקוטאַ, פֿון יאָר 1879, אין וועלכן ער באַקלאָגט זיך, אַז ער האָט נישט באַקומען די צוגעזאָגטע 10 עקזעמפּלאַרן פֿון נחומס „געאָגראַפֿיע״.

זיינע ביכער האָט ער אַרויסגעשיקט נישט נאָר צו יידן. איינער פֿון זיינע אַדרעסאַטן איז אויך געווען דאָן פּעדראָ, דער בראַזיליאַנער קייזער, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס אַ גרויסער אוהב־ישראל און אַ ליבהאָבער פֿון דער העברעיִש־פּראָווענסאַלער פּאָעזיע, איבער וועלכער ער האָט אָנגעשריבן אַ שיין אַרטיקל. גלייכצייטיק פֿלעגט סאָקאָלאָוו אַרויסשיקן פֿון מאַקאָוו פֿיל רעפֿעראַטן צו גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל, „אַליאַנס איזראַעליט״, „געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן וויסן ביי יידן אין רוסלאַנד״, וועמענס סעקרעטאַר עס איז געווען י. ל. גאָרדאָן אאַז״וו. אַ חוץ אין העברעיִש האָט ער אויך געשריבן צו פֿאַרשידענע יידישע זשורנאַלן אין אַנדערע שפּראַכן : פּויליש, דייטש, פֿראַנצויזיש.

אַריינגעטאָן אין די ווערטערביכער, האָט זיך דער יונגער שפּראַכן־קענער דערפֿילט אַלס בירגער פֿון דער וועלט און ס׳איז אים גאָר שווער געווען איינצוזיצן אין מאַקאָוו, הגם אויך דאָרט האָט ער געפֿונען אַ קרייז פֿון באַקאַנטע און פֿריינד, מיט וועלכע ער האָט געקאָנט פֿאַרקערן. מיט אַן אָנגענעם געפֿיל פֿלעגט ער דערמאָנען דעם זייער געבילדעטן משכיל פֿון יענע צייטן, אַברהם יוסף ראָזענטאַל, דאָס אייניקל פֿון מאַקאָווער מגיד, מיט וועלכן ער האָט געפֿירט לאַנגע דיסקוסיעס, דאָס גלייכן מיטן אַדוואָקאַט יעזשערסקי, אַ ייד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער שלאַכציץ. ער איז

געווען זייער באַפריינדעט מיט דער משפּחה פון מיין מוטער. נחום איז אויך געווען באַפריינדעט מיט עטלעכע פּוילישע אַריסטאָקראַטן, געוועזענע אויפֿשטענדלער, מיט וועלכע זיין שוואָגער איז געווען אין האַנדלס־באַציונגען.

אין יענע צייטן, האָט זיך נחום נאָך נישט געקאָנט דערלויבן צו מאַכן לאַנגע נסיעות, אָבער דאָך, פון צייט צו צייט, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דעם קליינעם שטעטל, בכדי צו האָבן אַ ביסל נייע איינדרוקן, אָדער צוליב פּערזענלעכע ענינים. ער איז געפאָרן קיין עילאָו, אין מזרח־פּרייסן, בכדי דאָרט אָנצוקניפּן אַ נאָענטערן קאָנטאַקט מיט דער העברעישער צייטשריפט „המגיד", וואָס איז דאָרט דערשינען. ער פלעגט פאָרן קיין בערלין, און גאָר אָפט זיך אַריינכאַפּן קיין וואַרשע און צו זיינע געבוירן־ערטער ווישעגראָד און פּלאָצק. ער איז אויך אַנומלט געווען ביים ברעג פון ים, ערגעץ ביי דאַנציק, ווו ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון דער הערלעכער פּאַנאָראַמע און פונעם געריוש פון ים. אונטערן איינדרוק פון זיין ערשטן באַקענען זיך מיט דער וואַסער־סטיכיע האָט ער אָנגעשריבן צו זיין פרוי אַ בריוו פול מיט דערהויבענע געדאַנקען. דער ים האָט תמיד געהאַט פאַר מיין פאָטער אַ ספּעציעלן רייץ.

שטענדיק אין מאַקאָוו האָט מיין פאָטער מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט די געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין דער גרויסער וועלט. ער האָט ממש געשלונגען די אָן אַ שיעור צייטונגען אין כלערליי שפּראַכן, וואָס פלעגן צו אים אָנקומען. ביכער און צייטונגען האָבן אויסגעמאַכט די גרעסטע פּאָזיציע אין זיין בודזשעט. ער האָט רעאַגירט אויף די וועלט־געשעענישן ווי אַ פילבאַרסטע וויברירנדיקע סטרונע. שפּורן פון דעם קאָן מען געפינען אין זיינע נאָטיצן, אין וועלכע ער האָט אַלץ געגוי פאַרשריבן און צוגעגעבן זיינע קאָמענטאַרן איבער די וויכטיקסטע וועלט־געשעענישן. גאַנץ ספּעציעל האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די רוסיש־טערקישע מלחמה. ער האָט סימפּאַטיזירט מיט טערקיי, געגוי ווי די יידן פון פּוילן אין יענער תקופה. די באַפרייונג פון די סלאַווישע פעלקער האָט נישט אַפּעלירט צו די הערצער פון די יידישע מאַסן, וואָס זענען אַזוי אונטערדריקט געוואָרן פון די רוסן. אין יאָרן אַרום פלעגט דער פאָטער אונדז דערציילן וועגן אָסמאַן פּאַשאַ, ווי וועגן אַ גרויסן העלד, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען

געצווונגען זיך אונטערצוגעבן אין דער באַלאַגערטער פּלעווּנאַ. אָפּט מאָל פֿלעגט ער דערמאָנען אַ וואָרט פֿון לאָרד ביקאָנספֿילד, אַז ס'איז גוט פֿאַר ייִדן, וואָס אויף די שלום־קאָנפֿערענצן זעט מען דעלעגאַטן מיט באַדעקטע קעפּ — די טערקן אין זייערע פֿעזן. ס'האָט אים שטאַרק געפֿרייט, וואָס אויפֿן בערלינער קאָנגרעס איז דעם לאָרד ביקאָנספֿילד געלונגען אָפּצושוואַכן רוסלאַנדס נצחון. דער דאָזיקער גרויסער מלוכה־מאַן, וואָס האָט די אַראַבער באַצייכנט אַלס „רייטנדיקע ייִדן", האָט נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט פֿאָרויסזען, וואָס עס וועט געשען אין פּופֿציק יאָר אַרום. אין רוסלאַנד האָט מען זיך צוליב ד'איזראַעלי נוקם געווען אין די ייִדן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די בערדיטשעווער קהילה, האָט געמוזט, אויפֿן באַפֿעל פֿון דער פּאָליציי, דערקלערן, אַז זי סאָלידאַריזירט זיך נישט מיט לאָרד ביקאָנספֿילד, ווי מיין פֿאָטער האָט עס מיט הומאָר פֿאַרנאָטירט.

ווי אַזוי האָט זיך נחום סאָקאָלאָוו פֿאַרגעשטעלט אין מאָקאָוו די צווי וועלטן: דאָס צאַרישע רוסלאַנד און דעם מערבֿ? רוסלאַנד — דאָס לאַנד פֿון פֿינצטערן אַבסאָלוטיזם, פֿון רדיפֿות אויף ייִדן און פּאָליאַקן, אַ לאַנד פֿון אונטערדריקונג, וווּ נאָר די רוסישע אינטעליגענץ האָט נאָך געהאַט פֿאַר אים אַ געוויסן אינטערעס. דער מערבֿ, און ענגלאַנד, דער ווייטערער מערבֿ, וואָרעם צו דייטשלאַנד האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט קיין צוטרוי, איז פֿאַר אים געווען דער סינאָנים פֿון פֿרייהייט, טאָלעראַנץ, וויסן, קונסט, די איינציקע האָפֿענונג פֿון ייִדישער עמאַנציפּאַציע. פֿון דאָרט האָט ער דערוואַרט די רעטונג.

דער אָנהויב פֿון די אַכציקער יאָרן איז געווען אַ שטורמישער, פֿול מיט פֿערמענטן. ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פֿון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און וווּקס פֿון אַנטיסעמיטיזם אין עסטרייך און דייטשלאַנד, ווי אויך עלילת־דם־פּראָצעסן, איז די ייִדן־פֿראַגע אַרויסגעשווומען אויף דער וועלט־אַרענע. די נייע ווירטשאַפֿטלעכע תקופֿה האָט ביסלעכווייז גענומען אַרויסשטויסן ייִדן פֿון זייערע עקזיסטענצן און פּרנסות. דאָס דייטשלאַנד פֿון ביסמאַרק און רוסלאַנד פֿון פּאָביעדאָנאָסצעוו זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט. נאָכן אַטענטאַט אויפֿן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָבן זיך געענדיקט די צייטן פֿון אַ מילדערן קורס אין דער אינערן־פּאָליטיק פֿון רוסלאַנד און

מיט אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון דער פינצ־טערסטער רעאַקציע, ווו די ערשטע קרבנות זענען געווען, ווי תמיד, די יידן. די אַרויסגעטריבענע יידישע מאסן פון צאַרישן רוסלאַנד האָבן גע־נומען שטראָמען אין דערלויבטן תחום, און ספּעציעל קיין פּוילן. די יידן־פראַגע האָט זיך אַלץ מער צוגעשפּיצט אין פּוילן און זיך וואָס אַ מאָל מער פאַרשאַרפט. ס׳זענען כסדר אַנטשטאַנען אַלץ נייע, שווערערע פּראָבלעמען. סאָקאָלאָוו האָט מער נישט געקאָנט איינזיצן אין מאַקאָוו. ס׳האָט אים געצויגן צו אַ גרעסערן יידישן צענטער.

די נייע צייטן, וואָס זענען אָנגעקומען זענען אָבער נישט געווען די איינציקע סיבה, וואָס האָבן באַוויגן סאָקאָלאָוון צו פאַרלאָזן מאַקאָוו. ס׳האָט אים אין גאַנצן נישט אָנטשפּראָכן די ראָל פון צו זיין ״דאָבעס איידעם״, ווי מען האָט אים גערופן אין מאַקאָוו. ער האָט געמוזט זיך ערנסט פאַר־טראַכטן וועגן פאַרשאַפן זיך אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ. זיינע ערשטע ליטעראַרישע דערפאָלגן האָבן נאָך ווייט נישט געקלעקט אויף צו קאָנען אויסהאַלטן זיך און זיין הויזגעזינד. ס׳איז אַנטשטאַנען די נויט־ווענדיקייט פון געפינען עפּעס אַ פאַסיקע, סיסטעמאַטישע באַשעפטיקונג, מיט אַ געזיכערטער פּרנסה. צום בעסטן איז אים געפעלן די מעגלעכקייט פון קאָנען אַרבעטן אין דער ״הצפירה״. די פענסיע, וואָס סלאָנימסקי האָט אים אָבער פאָרגעשלאָגן, וואָלט נישט געקלעקט אויף צו קאָנען לעבן אין וואַרשע, ווו סאָקאָלאָוו האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן. דערצו נאָך האָבן אים זיינע באַקאַנטע און די משפּחה אין פּלאָצק אָפּגערעדט פון געדאַנק זיך צו ווידמען דעם זשורנאַליסטישן באַרוף, צו וועלכן די יידישע ספערן פון דעמאָלטיקן קליינבירגערטום האָבן זיך נאָך באַצויגן מיט אַ געוויסן ביטול. סאָקאָלאָוו האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיין פרוי, וואָס ער האָט געשריבן פון פּלאָצק, רוקט ער אַרויס אַ געדאַנק איבערצורייסן פולשטענדיק מיט זשור־נאַליסטיק און אָנהויבן שטודירן יורי אויפן אוניווערסיטעט. דאָס אויס־האַלטן די עקזאַמענס אויף צו ווערן אָנגענומען האָט פאַר אים נישט פאַר־געשטעלט קיין שום שווערקייט. דער גורל האָט, ווייזט אויס, אָבער אַנ־

דערש געוואָלט. פֿון דאָזיקן פּראָיעקט, ווי פֿון פֿיל אַנדערע פּלענער פֿון פּראַקטישן איינאָרדענען זיך איז גאָרנישט געוואָרן. סוף כל סוף האָט ער זיך אַנטשלאָסן דאָך אָנצונעמען אַ פּאָסטן אַלס מיטאַרבעטער פֿון דער „הצפירה", אין דער האָפֿענונג, אַז זייענדיק אין וואַרשע וועט אים געלונגען צו געפֿינען אַ צוגאָב־באַשעפֿטיקונג. צו ערשט איז ער אַליין אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע און ערשט שפּעטער האָט ער אויך אַראָפּגעבראַכט זיין פֿרוי, וואָס האָט אים שטאַרק צוגערעדט, אַז ער זאָל פֿאַרלאָזן מאַקאָוו. בכלל איז זי געווען אַ גרויסע מאָראַלישע אונטערשטיצונג פֿאַר אים. מיינע עלטערן האָבן זיך אַריינגעצויגן אין זעלבן הויז אויף דער דזשיקע גאַס, וווּ ס'האָט זיך געפֿונען די רעדאַקציע פֿון דער "הצפירה", וווּ זיי האָבן געלעבט בשכנות מיט די סלאָנימסקיס. דעמאָלט האָט נאָך דער פֿאָטער באַטראַכט זיין אַרבעט אין דער "הצפירה" אַלס אַ צייטווייליקע זאַך און זיך אַרומגעקוקט וועגן אַנדערע באַשעפֿטיקונגען.

דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן אַ זעלטענע געלעגנהייט צו מאַכן אַ ווייטע און אַן אינטערעסאַנטע נסיעה. איינער פֿון זיינע באַקאַנטע, אַ לאָדזשער פֿאַבריקאַנט, האָט געהאָט בדעה איינצוקויפֿן ביינוול אין טאַשקענט און בוכאַראַ. ער האָט אים פֿאָרגעשלאָגן מיטצופֿאָרן און דערביי צוגעזאָגט אַפֿילו אַ געוויסן חלק אין די פֿאַרדינסטן. מיין פֿאָטער איז תיכף איינגעגאַנגען אויפֿן דאָזיקן פֿאָרשלאָג. ס'האָט אים געלאָקט נישט אַזוי ווייט דער פֿאַרדינסט פֿון דער דאָזיקער נסיעה, נאָר דער עיקר, די נסיעה גופֿא. דער איינפֿאַל פֿון פֿאַבריקאַנט איז געווען אַ גלענצנדיקער. אַנדערע פֿאַבריקאַנטן האָבן שפּעטער געמאַכט מיליאָנען פֿון אַזעלכע אונטערנעמונגען. אָבער גראָד דאָס געשעפֿט איז נישט געלונגען און סאָקאָלאָוו איז נישט רייך געוואָרן פֿון אָט דער נסיעה.

געוואָנען דערפֿון האָט בלויז די „הצפירה", ווּו מיין פֿאָטער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סעריע פֿון הערלעכע קאָרעספּאָנדענצן, וואָס האָבן געצויגן די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט. דאָס זענען געווען די ערשטע רעפּאָרטאַזשן אין דער העברעישער פּרעסע פֿון די אַזוי ווייטע רוסישע מקומות, ווי קאַווקאַז, בוכאַראַ און צפֿון־פּערסיע. דער וועג האָט געפֿירט איבער קיעוו, אָריאָל, צאַריצין. דערנאָך איז מען מיט דער שיף געפֿאָרן קיין אַסטראַכאַן.

די צייטן זענען דעמאָלט געווען נישט קיין רויִקע. ס׳האָט געהערשט אַ פּאָגראָם־שטימונג. אין זיינע אָפּטע בריוו צו דער פרוי האָט ער איר גע־שריבן, אַז ס׳דראָט אים נישט קיין שום געפאַר, אַז אומעטום נעמט מען אים האַרציק אויף. ער האָט זיך געטיילט מיט איר מיט זיינע איינדרוקן, באַ־שריבן פיל רירנדיקע מאָמענטן פון צוזאַמענטרעפן זיך מיט יידישע משפּ־חות, קינדער פון די קאַנטאָניסטן, וואָס זענען דורך ניקאָלאַי דעם ערשטן ברוטאַל אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און געמוזט דינען אין מיליטער גאַנצע 25 יאָר. די קינדער פון אָט די קאַנטאָניסטן זענען שוין געווען אין גאַנצן רוסיפיצירט. ס׳האָט אָבער אין זיי געגליט אַ טיפער סענ־טימענט צו יידן און יידישקייט. רוסלאַנד האָט אויף אים אַנגעוואָרפן אַ מורא און אַ שרעק.

קומענדיק צוריק קיין וואַרשע האָט סאָקאָלאָוו ווייטער געאַרבעט אין דער „הצפירה״. גלייכצייטיק האָט ער אויך מיטגעאַרבעט און געשריבן אין אַנדערע צייטונגען, אויף פאַרשיידענע טעמעס, אין פאַרשיידענע שפּראַכן און אַרויסגעגעבן ביכער. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן, צוו. אַנד. אַ פּאָפּו־לערן מעטאָד פון לערנען זיך ענגליש. דאָס ביכל האָט געהאַט אָן אַ שיעור אויפלאַגעס. הונדערטער טויזנטער יידישע עמיגראַנטן האָבן זיך אויסגע־לערנט ענגליש פון דאָזיקן ביכל. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען ער פלעגט אויפטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען אין אַמעריקע, האָבן פאַרשידענע רעדנער זיך דעקלאַרירט אַלס זיינע תלמידים. ווען ער האָט, אַ פאַרחידוש־טער פון דער גרויסער צאָל תלמידים זיינע, וועלכע ער האָט קיין מאָל אין זיין לעבן נישט געזען, זיי געפרעגט, ווען און ווו האָבן זיי זיך ביי אים געלערנט, פלעגן זיי זיך פאַררופן אויף זיין ענגליש לערן־ביכל און דערביי אים אויסגעדריקט זייער דאַנק. דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז, זיינער צייט, געווען אַ „בעסט־סעלער״, איז געווען אַ קוואַל פון רייכטום פאַרן פאַרלע־גער פונעם בוך, אָבער נישט פאַרן פאָטער. זיין אויטאָרן־האָנאָראַר האָט באַטראָפן אַ לעכערלעך קליינע סומע פון עטלעכע רובל.

ער פלעגט אויך, צו יענער צייט, שרייבן ערנסטע זאַכן אויף פילאָ־זאָפישע טעמעס. נאָך זייענדיק אין מאָקאָוו האָט ער פיל געטראַכט און זיך באַשעפטיקט מיטן יידישן פּראָבלעם און אַלע זיינע אַספּעקטן. וואָרעם ווער

פֿון דער יידישער יוגנט האָט זיך דעמאָלט נישט געשטעלט די גורלדיקע פֿראַגע ביים אָנשטויסן זיך מיט דער טרויעריקערווירקלעכקייט: פֿאַר וואָס ווערן יידן גערודפֿט און פֿאַרפֿאָלגט? ווען יידן האָבן זיך נאָך געפֿונען אין זייערע געטאָס, זענען זיי געווען פֿאַטאַליסטן און שלום געמאַכט מיטן גורל. זיי האָבן טיף געגלויבט אין ביאת המשיח. די אמונה, דער גלויבן איז געווען זייער פֿאַנצער און שוץ אין משך פֿון לאַנגע דורות. ווען זיי זענען אָבער אַרויס פֿון די ד׳ אמות פֿון זייערע געטאָס און זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער ווירקלעכקייט פֿון פֿאַראורטיילן, ווידערווילן, שנאה און אַנטיסעמיטיזם, זענען זיי געבליבן שטיין פּנים־אל־פּנים פֿאַר דער אייביקער פֿראַגע, וואָס האָט שוין, זיינער צייט, געמאַטערט משהן, ווען ער האָט דערזען אַ מצרי, ווי ער שלאָגט אַ יידן: פֿאַר וואָס? פֿון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע שנאה צו מענטשן, וואָס זייער איינציקער חטא איז בלויז דער, וואָס זיי זענען יידן? און וואָס איז אַזעלכעס בכלל נאַציאָנאַלע שנאה? לויט איין טעאָריע איז שנאה נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער ווילן פֿון איבערוואַרפֿן דעם אייגענעם צער און ווייטיק אויף אַנדערע. אַ מענטש, וועמען עס גייט גוט, וואָס איז גליקלעך, האָט נישט אין זיך דאָס געפֿיל פֿון שנאה. ערשט דעמאָלט, ווען אים אַליין ווערט שלעכט, זוכט ער אַרויפֿצוּוואַרפֿן די שולד דערפֿאַר אויף אַנדערע און עס דערוועקן זיך אין אים שלעכטע אינסטינקטן. דאָס זעלבע געשעט אויך מיט גאַנצע גרופּן, מיט אַ ציבור, פֿאָלק, אָדער קלאַס, וואָס הויבט אָן צו האָבן פֿיינט. אָבער פֿאַר וואָס האָט עס גראָד געטראָפֿן, אַז מיר יידן זענען געוואָרן די קרבנות פֿון שנאה פֿון גאַר דער וועלט? דער ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע, וואָלט גלייכצייטיק געגעבן אַ שליסל צו דער לייזונג פֿון אָט דעם פּראָבלעם, פֿון דער יידן־פֿראַגע, וואָס איז נוגע נישט בלויז יידן, נאָר אויך די סביבה, אין וועלכער יידן לעבן, ווערנדיק דערמיט אַן אַלגעמיין מענטשלעך פּראָבלעם. דעם יונגן סאָקאָלאָוו האָט געמאַטערט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם און געעגבערט זיין מוח. ער האָט געזוכט אַן ענטפֿער אויף די דאָזיקע גורלדיקע פֿראַגן אין די אייביקע העברעישע אותיות, אינעם כישוף פֿון אָט די ווערטער־סימבאָלן, וועלכע די געשיכטע פֿון דאָזיקן ליידנדיקן פֿאָלק האָט זיי איבערגעגעבן פֿון דור צו דור. סאָקאָלאָוו האָט פֿיל געטראַכט איבערן דאָזיקן פּראָבלעם

און אַלס פּרוכט פון זיינע זוכענישן פון יענער צייט, איז געווען דאָס בוך: „די אייביקע שנאה צום אייביקן פאָלק".

זיינע ווערק האָבן געהאַט אַ דערפאָלג. ס'האָט אָבער נישט געהאַט קיין איינפלוס אויף זיין מאַטעריעלער לאַגע. די משפּחה האָט זיך דערווייל פאַרגרעסערט. סאָקאָלאָוו איז שוין אַ פאָטער און די אויסגאַבן האָבן זיך כסדר פאַרגרעסערט. די מוטער האָט געמוזט גאָר אָפּט פאָרן קיין מאָקאָוו און ווי עס איז אים העלפן אין דער פּרנסה.

סאָקאָלאָוו האָט געפּרוווט גליק אויך אויף אַנדערע טעטיקייט־געביטן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען לערער פון געשיכטע אין דער שולע פון דער אַזוי גערופענער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע אויף „טלאָמאַצקע". אַ דאַנק זיינע שפּראַך־קענטענישן האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אין שפּאַנישן קאָנסולאַט, ווו ער איז געווען דער דאָלמעטשער און סעקרעטאַר. די אַלע זייטיקע באַשעפטיקונגען זיינע שוין צוזאַמען מיט זיין אַרבעט אין דער „הצפירה", האָבן אים נאָך נישט געגעבן קיין סאָלידע מאַטעריעלע עקזיסטענץ־באַזע.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז מיין פאָטער האָט קיין מאָל נישט גע־טראַכט וועגן ווערן אַ רב. די רבנישע קאַריערע איז נישט געווען פאַר אים אינטערעסאַנט. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ער האָט זיך נישט שטאַרק אינטערעסירט מיט רעפאָרמירן און מאָדערניזירן דאָס רעליגיעזע יידנטום. ער האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס די רבנים אין פּוילן זענען אַזוי פאַנאַטיש און האָבן נישט קיין וועלטלעכע דערציִונג און אויסבילדונג. אין זיין בראָשור א. נ. „די אויפגאַבן פון רעליגיעזן יידנטום", שרייבט ער: „ליידער זענען די רבנים, אין די לעצטע דורות, אַראָפּ פונעם וועג, אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען די שפּאַנישע און פראַנצויזישע רבנים מיטן רמב"ם און ר' גרשון מאיר הגולה בראש. יענע גדולי הדור, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געשטעקט מיט טויזנט וואָרצלען אין יהדות, זענען זיי אָבער גלייכצייטיק געווען מענטשן פון זייער דור און זייער לאַנד. ס'האָט פון זיי געשפּרודלט מיט אַלגעמיינע אידעען, פון זייערע שטענדערס און באַלעמערס האָט אַרויס־געשטראַלט דאָס ליכט פון וויסן. דער תנ"ך און דער תלמוד זענען פאַר זיי געווען אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון געזעלשאַפטלעכער, מאָראַלי־

שער און פֿילאָזאָפֿישער לערע. דאָס זענען געווען אײדעלע, גרויסע געשטאַלטן, וואָס האָבן ווירדיק רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם יהדות מחוץ און לפנים. דאַקעגן האָבן די פּוילישע רבנים פֿון די לעצטע צייטן בכלל זיך אָפּגעגרענעצט פֿון וועלטלעכן וויסן און געשאַפֿן אַן ענגע און שמאָלע ריכטונג פֿון רעליגיעזע פֿאָרשונגען, פֿול מיט פּלפּול, וואָס האָט בלויז פֿאַרנעפּלט דעם ריינעם געדאַנק". האָט טאַקע סאָקאָלאָוו, טראַכטנדיק וועגן זיין צוקונפֿט, דאָך נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז ווען פֿון אַנדערע זיינע פּלענער וועט גאָרנישט ווערן, וועט ער זיך, אפשר, ווידמען דעם רבנישן באַרוף, אין מאָדערנעם גייסט, האָבנדיק דערצו אַלע נויטיקע קוואַליפֿיקאַציעס.

דעריבער האָט ער זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיטן פּראָיעקט פֿון זיינעם אַ פֿריינד זיך צו באַזעצן אין לעמבערג און דאָרט איבערנעמען דעם פּאָסטן פֿון אַ פּרעדיקער. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין גענויע פּרטים וועגן דאָזיקן פּאָסטן, האָט ער דעם פֿאָרשלאָג אָנגענומען און איז אָפּגעפֿאָרן קיין לעמבערג. ס'האָבן נישט געפֿעלט קיין קאָמישע מאָמענטן אין אָט דער נסיעה, וואָס איז געווען רייך אין פּאַסירונגען און אַנטוישונגען. ס'האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן צו באַקומען, אין יענע צייטן, אַ אויסלענדישן פּאַס. סאָקאָלאָוו האָט דעריבער באַשלאָסן זיך צו שמוגלען דורך דער עסטרייכישער גרענעץ. דער שמוגלער, וואָס האָט אים אַריבערגעפֿירט דורך דער גרענעץ, האָט אים אין מיטן וועגן באַרויבט, איבערלאָזנדיק אים, בעת אַ פֿינצטערער נאַכט, אין אַ גאַליציאַנער דאָרף. אים איז דאָך געלונגען זיך צו דערשלאָגן ביז לעמבערג, ווו ער האָט זיך גענומען גרייטן צו האַלטן זיין דרשה. פֿון אָט דער פּראָבע איז געווען אָפּהענגיק דאָס אָננעמען אים אויפֿן ראַבינער־אַמט.

ווי גרויס איז אָבער געווען זיין דערשטוינונג, געמישט מיט אַ געפֿיל פֿון אומרו, ווען די מיטגלידער פֿון דער קהילה, וואָס האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיטן דאָזיקן ענין, האָבן אים, אַנשטאָט אין דער סינאַגאָגע, גאָר געפֿירט אין תּפֿיסה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער תּפֿיסה איז גאָר געווען אַ פֿרייער פּאָסטן אַלס תּפֿיסה־ראַבינער. די דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר די אַרעסטאַנטן, איז געווען גאָר אַ געלונגענע. די קהילה־פֿאָרשטייער

זענען געווען אַנטציקט פון זיין רעדנער־טאַלאַנט, אָבער נישט דער פּראָקו־ראָר, וואָס האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן דער קאַנדידאַטור פון מיין פֿאָטער אויפן פּאָסטן פון תּפיסה־ראַבינער. ער האָט געהאַלטן, אַז ער איז נאָך צו יונג און מיט זיין אויסזען רופט ער נישט אַרויס קיין געהעריקן רעספּעקט צו זיך, בכדי צו קענען אויסבעסערן די מאָראַל פון שווערע פֿאַרברעכער. סאָקאָלאָוו איז געווען שטאַרק צופֿרידן פון אָט דעם אויסגאַנג פון דער זאַך און האָט שפּעטער מיט פיל הומאָר באַשריבן זיינע פּאַסירונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין לעמבערג.

נאָכן פֿאַרלאָזן מאָקאָוו, האָט ער אויפֿגעהערט אין גאַנצן צו קומען אַהין. די משפּחה סעגאַל האָט געטיילט דעם גורל פון פיל אַנדערע יידישע משפּחות. פון דעם עשירות און ירושה, וואָס יצחק־הערש האָט איבערגעלאָזט, איז שנעל גאָרנישט געוואָרן. זיינע צאָלרייכע אייניקלעך האָבן זיך איבער־געטראָגן אין גרעסערע שטעט, אַנדערע האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך די גיטער פון די סעגאַלס גע־פֿונען אויף דער ליניע פון פראָנט. לייבן, איינעם פון די ברידער פון מיין מוטער, האָבן די רוסן אַרעסטירט און פֿאַרשיקט אין סיביר, אַלס אַ זאַקלאַד־ניק (ערבניק). אַ צווייטער ברודער, אברהם, זייער אַן ענערגישער און אַ רירעוודיקער, האָט אים גענומען זוכן איבער די פֿאַרשידענע רוסישע תּפֿי־סות און, ענדלעך, געפֿונען. באַלד האָט ער אָבער אַליין געמוזט דורכמאַכן דראַמאַטישע צייטן, בעת דער באָלשעוויסטיש־פּוילישער מלחמה און בלויז על־פּי נס איז ער ניצול געוואָרן פון טויט צוזאַמען מיט זיינע זין. זיין שטעטל, ווו ער האָט געלעבט, איז איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל פון האַנט־צו־האַנט. ווען די באָלשעוויקעס זענען ענדלעך אָפּגעשטויסן געוואָרן, האָט מען אויף אים געוואָרפן אַ מסירה, אַז ער איז אַ באָלשעוויק. ער האָט גע־מוזט אַנטלויפן און אַ לענגערע צייט זיך אויסבאַהאַלטן, ביז ס'איז אים גע־לונגען זיך צו דערשלאָגן קיין וואַרשע. שפּעטער האָט זיין גאַנצע משפּחה עולה געווען קיין ארץ ישראל, ווו דער ייִנגערער דור לעבט דאָרט איצט. מיין מוטער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן גורל פון דער גאַנצער משפּחה און געהאָלפן מיט וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. צוויי גיטער זענען אין רעזולטאַט פון די מלחמה־געשעענישן אין גאַנצן חרוב געוואָרן. איינס

פֿון די דאָזיקע גיטער האָט אין משך פֿון עטלעכע טעג פֿיגורירט אויף די ערשטע זייטן פֿון דער וועלט־פּרעסע. גראָד אויפֿן דאָזיקן לאַנד־באַזיץ איז אין יאָר 1927 אַראָפּגעפֿאַלן מיט איר עראָפּלאַן, די באַרימטע פֿליערין עמי דזשאָנסאָן, דורכפֿליענדיק פּוילן אויף איר וועג קיין רוסלאַנד.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן ליקווידירט די רעשטלעך פֿון דער משפּחה, וואָס איז נאָך געווען פֿאַרבליבן אין מאַקאָוו. אויפֿן זעלבן מאַקאָווער שטאָטמאַרק, פֿאַרן הויז, אין וועלכן ס'האָט אַמאָל דער יונגיטשקער סאָקאָלאָוו געשריבן אָדער געשפּילט אויפֿן פֿלייט, איז די יינגסטע שוועסטער פֿון מיין מוטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט. זי איז געווען שוין צו שוואַך און האָט שוין נישט געטויגט געפֿירט צו ווערן מיטן טראַנספּאָרט צו די גאַז־קאַמערן.

קאַפּיטל 4

וואַרשע

פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז דער יידישער וואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע מיט פאַרשידענע וועגן גע־גאַנגען זיין לעבנסוועג. ער איז געגאַנגען פון דאָרף אין שטעטל אַריין, פון שטעטל אין די גרויסע שטעט, פון לאַנד צו לאַנד און אַריבערגעשווומען דעם ים צום נייעם גאָלדענעם לאַנד. ער איז געגאַנגען אומעטום דאָרט, ווו עס איז געווען אַ גרעסערער ציבור יידן און ווו ס׳האָבן געמאַכט אַ גליקלעך לעבן זיינע קרובים. ער האָט געוואַנדערט אַהין, ווו ער האָט געקאָנט געפינען אַרבעט און פאַרדינען חיונה. ער איז גאַרנישט ענלעך געווען צו יענעם פוילישן ייד, וועלכן מיר האָבן באַגעגנט אויפן וועג קיין ווישעגראַד, אינעם טאָג פון געבוירן ווערן פון נחום סאָקאָלאָוו. אָט דער ייד איז שוין געווען קורץ־געקליידט, און גאַרנישט געהאַט אין זיך פון יענעמס פּאַטריאַרכאַלישקייט און מיסטיציזם. אומעטום, ווו ער איז אָנגע־קומען, האָט ער אַריינגעטראָגן פערמענט און מיט זיין עקזיסטענץ געשאַפן אַלץ נייע און אַלץ מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

אין משך פון לאַנגע דורות איז דער רוב פון צעשפּרייטן איבער גאָר דער וועלט יידנטום געזעסן אויף דער פּוילישער ערד, וועלכע זיי האָבן באַצייכנט אַלס דעם „יידישן גן־עדן״. די מוראדיקע רדיפות אויפן מערב, האָבן געטריבן די יידן אויף מזרח. דער מזרח, ווידער, האָט זיי געטריבן צו מערב. אַזוי איז דאָס פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער ציוויליזירטער מענטשהייט איר רעליגיע, דעם גלויבן, איר גאָט און דערהויבנסטע אידע־אַלן, געוואָרפן געוואָרן, ווי אַ באַל צום שפּילן, פון איין לאַנד צום אַנדערן. שפּעטער שוין, צום סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט נישט בלויז די נויט און רדיפות געטריבן די יידן צו עמיגרירן אויף יענער זייט ים. נישט אַנדערש, ווי נאָר דער אינסטינקט האָט זיי אונטערגעזאָגט צו אַנטלויפן

פון די דאָזיקע אַזוי טראַגיש־געלעגענע לענדער, אָפּן פֿאַר כלערליי אָנפֿאַלן פון מזרח און מערב. איצט זעט מען, אַז מען האָט דעמאָלט אַ שיין ביסל איבערגעטריבן, רעדנדיק וועגן דער געפֿאַר פון באַלקאַנישן קעסל. דאַקעגן האָט מען נישט גענוג דערשאַצט אַ פּיל גרעסערע געפֿאַר פון אַ קעסל, אין וועלכן די מכשפות פון דער געשיכטע האָבן געמישט זייערע אויפֿרייס־שטאָפֿן. צווישן באַלטישן און שוואַרצן ים האָבן זיך געשאַפֿן אַנדערע קעס־לען, וואָס האָבן דערפֿירט צו צוויי וועלט־מלחמות. יידן האָבן פֿאַרלאָזט די דאָזיקע ערד, ווו דער מערב־שכן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין נאָך מער אַכזריותדיק, ווי דער שכן פון מזרח, ווו די פרייהייט איז, נישט אַנדערש ווי דורכן גורל אַליין, פֿאַרמשפּט געוואָרן פֿאַרטיליקט צו ווערן, ווען די באַ־פרייונג איז נישט מער געווען ווי אַ הפסקה אין דער דראַמע פון פֿאַר־פֿאָלגונגען, ווו די אונטערדריקטע זענען שנעל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אונטערדריקער, ווען בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה זענען באַגאַנגען גע־וואָרן די גרעסטע רציחות אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די יידישע פּראָבלעמאַטיק אין פּוילן איז גאַנץ ספּעציעל געווען אַ קאָמפּליצירטע. זי איז געווען פֿאַרקנוילט מיט אַנדערע שווערע נאַציאָנאַלע, ווירטשאַפֿטלעכע און רעליגיעזע פּראָבלעמען. די מערב־דעמאָקראַטיעס האָבן קיין מאָל נישט פֿאַרשטאַנען אין זיין גאַנצן פֿאַרנעם דעם תוכן פון די אַלע פּערמענטן, וואָס האָבן זיך געשאַפֿן אין דעם דאָזיקן טייל אייראָפּע, ווו פיר פּראָבלעמען האָבן זיך צונויפֿגעפֿלאָכטן און געשאַפֿן אַ טייוולאָנישן קנופּ. דאָס זענען געווען פּראָבלעמען, לגבי וועלכע דער מערב איז באַגאַנגען די גרעסטע צאָל פֿעלערן: דער פּוילישער, יידישער, דייטשישער און רוסישער.

דער זשורנאַליסט, וואָס רעאַגירט לעבעדיק אויף אַלע לויפֿנדיקע גע־שעענישן, האָט פֿאַר זיך גאַרנישט קיין לייכטע אויפֿגאַבע, אויב ער וויל זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיטן פֿאַרנאָטירן די ידיעה, נאָר וויל זי אויך קאָמענטירן און אידעאָלאָגיש באַגרינדן. אַזעלכער איז געווען סאָקאָלאָוו פון ערשטן מאָמענט, זייט ער האָט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט. דער קאָפּ זיינער האָט געווימלט מיט פּראָבלעמען. אַ פֿאַקט איז פֿאַר אים געווען נישט בלויז סתם אַ פֿאַקט, נאָר אַ רינגל אין דער ענדלאָזער קייט

פון געשעעניש, אַ ידיעה איז געווען נישט בלויז אַ ידיעה פאַר זיך אַליין, נאָר עפּעס אַן אָנזאָג, פון וועלכן מען האָט געקאָנט מאַכן פאַרשידענע מסקנות. אַ רעפּאָרטאַזש האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט שיעור נישט אין אַ לעקציע. „הגם איך האָב זיך פאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק — שרייבט ער אין זיין טאָגבוך — האָב איך זיך ווייניקער אינטערעסירט מיט אַקטועלע זאַכן, ווי מיט די גרויסע פּראָבלעמען פון מענטשלעכער נאַטור. אַלץ, וואָס איז געווען שיין, איידל און דערהויבן, האָט מיך באַגייסטערט". זיינע נאָטיצן פון יענע צייטן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מיניאַטור־ענציקלאָפּעדיע. נישט געווען דאָרט אַ וויכטיק געשעעניש אין יידיש לעבן, אַז מיין פאָטער זאָל דערויף נישט רעאַגירן מיט זיין פעדער. ער האָט געשריבן וועגן פּראָיעקט פון אַ קאַנאַל אין ארץ־ישראל, וועגן דער קאָנקורענץ פון סועץ־קאַנאַל אין וועגן די ראָטשילד־קאָלאָניעס, וועגן יידיש טעאַטער און עלילת־דם פּראָצעס אין טיסאָ סאָלאַר. ס׳האָט אים געוויטיקט דער פאַקט, וואָס די פּױלישע קאָאָפּעראַטיוון־באַוועגונג שטויסט אַרויס יידן פון זייערע פּרנסות און אַז אין זיין פּלאָצק האָט מען געגרינדעט שותפותדיקע לאַנדווירטשאַפטן. אַן אויפגעציטערטער און דערשיטערטער האָט ער געשריבן וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און דאַקעגן מיט גרויס הנאה וועגן מוטיקן אַרויסטריט פון פּירשט דעמידאָוו, אַ רוסישער ליבעראַל, וועלכער האָט זיך אָנגענומען די עוולה פון די יידן אַאַ״וו. ער האָט געוואָרנט, אַלאַרמירט, אויפגעקלערט, באַלויכטן, געזוכט און געפונען אַ צוזאַמענהאַנג פון פאַרשידנאַרטיקע דערשיינונגען, וואָס האָבן אין פלוג, דוכט זיך, נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיט זיך, געוויזן אַז זיי טרעטן אַרויס אין פאַרשידענע פאָרמען אין פאַרשידענע לענדער, אַז די דאָזיקע דערשיינונגען האָבן נישט געקאָנט טיילווייז געלייזט ווערן, וואָרעם זיי האָבן געשאַפן אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט און געהאַט איין שורש און אַז אין פּוילן איז דאָס געקומען צו איר פולסטן און שטאַרקסטן אויסדרוק. דאָס איז געווען דער גורל פון די יידן.

סאָקאָלאָוו האָט נישט געהערט צו די עקסטרעמע נאַטורן. ער האָט תמיד רעאַגירט רויִקער, ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע העברעישע פּובליציסטן. ער האָט אַזוי רעאַגירט נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך ווייניקער געפיל און ענטוזיאַזם, נאָר ווייל ער האָט תמיד זיך באַמיט,

נחום סאָקאָלאָוו און פרוי מיט זייער ערשט קינד מאַריאַ

אינעם פּלאָנטער און כאַאָס פֿון סתירות, צו געפֿינען דעם האַרמאָנישן סינטעז.

נישט איין מאָל פּלעגט מען װעגן אים זאָגן, אַז ער איז דורך און דורך אַ ייִד, װײַל פֿון איין זײַט האָט ער געשטאַמט פֿון לויטער רבנים און איז דערצויגן געװאָרן אין אַן אַטמאָספֿער פֿון די בעסטע ייִדישע טראַדיציעס און פֿון דער צװייטער זײַט איז ער גלײַכצײַטיק אויך געװען אַן אוניװער־סאַלער ייִד, װאָרעם מיט זײַן שרײַבערישער און געזעלשאַפֿטלעכער טעטי־קייט האָט ער אַרומגענומען דאָס גאַנצע ייִדישע פּראָבלעם, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער קרוין פֿון זײַן טעטיקייט און דאָס איז געװען זײַן ציוניזם. נאָך אין יאָר 1886, צען יאָר פֿאַרן הערצליאַנישן ציוניזם, האָט ער אין זײַן יאָרבוך „העצב" געשריבן ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען לטובת דעם רענעסאַנס פֿון ייִדישן פֿאָלק. אַ גרויסן רושם האָט דעמאָלט געמאַכט זײַן דרײַסטער אַרטיקל אין זעלבן גייסט א. נ. „יהי אור". ער איז געװען אַ גרויסער אָנהענגער פֿון נחמן קראָכמאַל, װעגן װעלכן ער האָט פֿיל גע־שריבן און געהאַט אַ טיפֿן גלויבן אינעם אומאויפֿהערלעכן רענעסאַנס פֿון ייִדנטום. ער האָט אָפּגעװאָרפֿן די קאָנצעפּציע פֿון אַסימילאַציע, נישט נאָר דערפֿאַר, װאָס ער האָט זי געהאַלטן פֿאַר נישט רעאַל, נאָר װײַל זי איז פֿאַלש און שעדלעך. ער האָט אַפֿילו נישט געװאָלט צולאָזן דעם געדאַנק מוותר צו זײַן פֿון דעם, װאָס עס איז פֿאַר אים געװען דאָס טײַערסטע און נאָענטסטע, און װאָס עס װאָלט צוגענומען בײַ אים דעם זין פֿאַר זײַן מיסיע אַלס שרײַבער, מנהיג און דעם באַנײַער פֿון דער העברעיִשער שפּראַך. אַסימילאַציע איז פֿאַר אים געװען פּשוט — זעלבסטמאָרד.

אין די אַכציקער יאָרן איז װאַרשע געװען די גרעסטע קהילה אויף דער װעלט. ערשט אין אָנהויב פֿון די נײַנציקער יאָרן האָט ניו־יאָרק זי גענומען איבערשטײַגן. װאַרשע האָט זיך שנעל אַנטװיקלט און איז געװאָרן רײַך. די צוגעקומענע ייִדן פֿון די פּוילישע ראַנד־לענדער, אוקראַינע און רוסלאַנד, פֿון װאַנען מ׳האָט זיי פֿאַרטריבן, האָבן זיך באַזעצט, הויפּטזאַכ־לעך, אין װאַרשע און לאָדזש. אַ דאַנק זיי האָט זיך אין די דאָזיקע שטעט שטאַרק אַנטװיקלט דער האַנדל און אינדוסטריע. די באַלעװוקעס זענען גע־װאָרן דער גרויסער צענטער פֿון סחורות־אויסטויש צװישן פּוילן און רוס־

לאַנד. לאָדזש — דער פּוילישער מאַנטשעסטער — האָט געאַרבעט פאַר די
ווייטע מזרח־מערק. פון די דריי אַנעקסירטע לענדער פון אַמאָליקן פּוילן,
מיט וועלכן רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד האָבן זיך געטיילט, האָט
קאָנגרעס־פּוילן געהערט צו די סאַמע רייכסטע. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ
גינסטיקן באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער העברעישער פּרעסע און
ביכער־פאַרלאַגן. דערצו נאָך האָט וואַרשע ספּעציעל געלאָקט אָט די ייִדן,
אַלס די גרויסע שטאָט, וואָס איז צום מערסטן אַרויסגערוקט געווען צו
מערב און ווו עס האָט געלעבט דער גרעסטער ייִדישער ציבור. אָהער
האָט זיך דעריבער, מיט דער צייט, אַריבערגערוקט פון ליטע און דרום־
רוסלאַנד דער שווערפּונקט פון ייִדישן אינטעלעקטועלן לעבן.

די „הצפירה" איז געגרינדעט געוואָרן אין בערלין, אין יאָר 1872,
אָבער באַלד דערנאָך, האָט זי סלאָנימסקי אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע.
ווען סאָקאָלאָוו האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע און איז געוואָרן אַ מיטאַרבע־
טער פון דער „הצפירה", איז זי נאָך געווען אַ וואָכנבלאַט, צוגלייך מיט
אַנדערע העברעישע צייטשריפטן, וואָס זענען דעמאָלט דערשינען אין פאַר־
שידענע שטעט, ווי דער „המליץ" אין פּעטערבורג, „המגיד" אין עלק און
סמאָלענסקיס אָרגאַן דער „השחר" אין ווין.

חיים זעליג סלאָנימסקי איז געווען איינער פון די גרעסטע משכילים.
אַ מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם, פיזיקער, דירעקטאָר פון דער ראַבינער־
שולע אין זשיטאָמיר, איז ער געווען אַ שטאַרקער אינטעלעקט, דורך און
דורך פּאָזיטיוויסטיש. עטלעכע דורות ייִדישע יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן
צו וועלטלעכקייט, האָט ער דערצויגן. זייענדיק בקי אין תלמוד, האָט ער
געוווסט, ווי צו קעמפן מיטן פאַנאַטיזם פון די פרומע. דער אונטערשיד
אין די יאָרן פונעם רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה" און זיין וויכטיקסטן
מיטאַרבעטער האָט אויסגעמאַכט איבער פופציק יאָר. סלאָנימסקי איז גע־
ווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף סאָקאָלאָווס
שרייבערישן טאַלאַנט און וואָס האָט אים מקרב געווען צו זיך. מיין פאָטער
האָט תמיד געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר אים, אָבער מיטצואַרבעטן
מיט סלאָנימסקין האָט גאָרנישט געהערט צו די לייכטע זאַכן. סלאָנימסקי
האָט שוין געהערט צו אַן אַנדערן דור. ער האָט געהאַט אויסשליסלעך אַ

וועלטלעכן שטאַנדפּונקט און אויף אַ גאַנצע רײ ייִדישע פּראָבלעמען האָט ער בכלל נישט רעאַגירט. אמת, סאָקאָלאָוו האָט תמיד באַוווּנדערט זײַן שפּרודלדיקן און קאָמפּעריישן טעמפּעראַמענט, זײַנע ברייטע האָריזאָנטן און שאַרפֿן קריטישן חוש, שוין נישט רעדנדיק וועגן זײַן בייסיקן, אָריגינעלן וויץ; דער פֿאָטער האָט באַהויפּטעט, אַז ער האָט פֿיל צו פֿאַרדאַנקען דעם אַלטן סלאָנימסקי — די באַציִונגען אָבער פֿונעם יונגן, אַמביציעזן און פֿול מיט שוווּנג מיטאַרבעטער און פֿון זײַן אַרביטראַלן שעף, וואָס האָט נישט דערלאָזט קיין שום אַנדער מיינונג, ווי נאָר זײַנע, זענען דערייבער אָפֿט געווען געשפּאַנטע און אין די ערשטע צייטן האָט מײַן פֿאָטער נישט איין מאָל געוואָלט פֿון אים אַוועקגיין.

די רייסענישן צווישן זיי ביידע האָט געווײנלעך געמילדערט סלאָנימ־סקיס פֿרוי. זי איז געווען די טאָכטער פֿון באַרימטן ייִדישן מאַטעמאַטיקער און געלערנטן אברהם שטערן, וואָס איז אַנהויב פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט געווען אַ מיטגליד פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט פֿון פֿרײַנד פֿון וויסנ־שאַפֿט. שרה סלאָנימסקי איז געווען אַ פֿרוי פֿון אַ זעלטענעם כאַראַקטער און שכל. זי האָט אַרויסגעוויזן פֿיל האַרציקייט מײַנע עלטערן און זיך שטאַרק פֿאַרנומען מיט מײַן מוטער אין די ערשטע יאָרן פֿון אויפֿהאַלט פֿון מײַנע עלטערן אין וואַרשע. מײַן מוטער האָט זיך תמיד צוגעהערט צו אירע קלוגע עצות.

ווען די „הצפירה" איז פֿון אַ וואָכנבלאַט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג־צײַטונג, איז מײַן פֿאָטער געוואָרן אין יאָר 1886 מיטרעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג און שפּעטער אויך דער שותּף, דערפֿירנדיק די צײַטונג צו אַן אויפֿבלי. דער אַלטער סלאָנימסקי האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דער גורל האָט אים אַנגעוואָרפֿן אַזאַ יונגן שותּף און ווען מען פֿלעגט אים מאַכן אַ גוטמוטיקע באַמערקונג וועגן דער דאָזיקער צו ביסלעך גראָטעסק־אַרטיקער שותּפֿות, פֿלעגט ער מיט זײַן געווײנלעכן סאַרקאַזם ענטפֿערן: „כ'האָב אים צוגענומען אַלס שותּף, וואָרעם ווי לאַנג קאָן אַזאַ סאָקאָלאָוו נאָך לעבן". די משפּחה סלאָנימסקי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אריכות־ימים. חיים זעליג פֿלעגט דערציילן, אַז זײַן זיידע האָט נאָך געדענקט די צייטן פֿון פּעטער דעם גרויסן. ער איז געשטאָרבן, אַלט זייענדיק הונדערט

יאָר, ס'איז אים אָבער נישט געלונגען איבערצולעבן סאָקאָלאָוון. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1904 און מיט אַ יאָר פריער האָט מיין פאָטער גע־פייערט זיין 25 יאָריקן יובל פון שריפטשטעלערישער טעטיקייט און צו די סאַמע רירנדיקסטע מאָמענטן האָט געהערט דאָס באַווייזן זיך פון אַלטן סלאָנימסקי, וועלכער איז געקומען פערזענלעך באַגריסן מיין פאָטער.

איך בין מיט מיין פאָטער געגאַנגען צו דער לוויה פון חיים זעליג סלאָנימסקי. זיין קבר געפינט זיך אויפן וואַרשעווער בית־עולם. מיין פאָטער האָט געמאַכט דעם הספד אין דער העברעישער שפּראַך. סלאָנימסקין גע־דענק איך פון די צייטן, ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין קינד, אַלס אַן אַלטיטשקן מיט זיין הדרת פנים און לאַנגער ווייסער באָרד. די פרוי סלאָ־נימסקי האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. חיים זעליג איז געווען גוט באַקאַנט אין די וואַרשעווער קרייזן. יעדן טאָג פלעגט ער שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן אין דער באַגלייטונג פון זיין דינער, ווייל ער האָט שוין כמעט גאָרנישט געזען מיט זיינע אויגן. צוזאַמען מיט מיין יינגערן ברודער פלעגן מיר גיין צו אים נאָך בריוו־מאַרקן, וואָס מיר האָבן געזאַמלט. דאָס זענען געווען די מאַרקן פון די בריוו צו דער „הצפירה", וואָס איז זיך דעמאָלט שוין פונאַנדערגעגאַנגען איבער גאָר דער וועלט.

דער פאָטער פלעגט דערמאָנען סלאָנימסקין מיט פיל ליבשאַפט און סענטימענט. ער בילדעט איינע פון די געשטאַלטן, וועלכע מיין פאָטער האָט באַשריבן אין זיין ציקל „אישים". דער אַלטער סלאָנימסקי האָט מיט זיין זכרון אַרומגענומען כמעט דאָס גאַנצע נייַנצנטע יאָרהונדערט. אין די צייטן פון „פעלקער־פרילינג" פון יאָר 1848 איז ער שוין געווען גוט באַקאַנט אין דער יידישער וועלט.

חיים זעליג האָט געהאַט אַ צאָלרייכע משפחה, מיט וועלכער מיינע עלטערן זענען געווען באַפריינדעט. דער עלטסטער זון, לודוויק, האָט גע־לעבט אין פעטערבורג און איז געווען אַן אָנגעזעענער ליטעראַטור־קריטי־קער און רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „מיר באָזשי" (גאָטס וועלט). דער צווייטער זון, סטאַניסלאַוו, איז געווען אַ דאָקטאָר און האָט פּאַרקערט אין די טעאַטער־קרייזן און איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי דער דעמאָלסטי־קער וואַרשעווער אינטעליגענץ. ער איז אָנגעגאַנגען אַלס איינער פון די

גרעסטע וואַרשעווער וויצלער. אין משך פֿון לאַנגע יאָרן פֿלעגט מען איבער־חזרן זיינע באַרימטע ווערטלעך. זיין וויץ האָט געשמיסן מיט דער שאַרפֿקייט פֿון זיין סאַטירע. ער פֿלעגט חוזק מאַכן פֿון דעם קליינבירגערלעכן אַרט דענקען, ער האָט געקעמפֿט מיט דער צביעות פֿון דער געזעלשאַפֿט און פּאָליטישער רעאַקציע. מיין פֿאָטער האָט פּשוט געקוואָלן פֿון זיין בליצ־אַרטיקן שכל. ד"ר סלאָנימסקי איז געווען אַן אָפֿטער איינגייער ביי אונדז אין הויז. זיין זון, אַנטאָני, איז אַ באַדייטנדיקער פּוילישער פּאָעט און שרייבער. מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם יינגסטן זון פֿון חיים זעליג סלאָנימסקי. דאָס איז יוזעף, אַ שטילער און אַ באַשיידענער, אָבער זייער אַן אָריגינעלער מענטש. ער האָט געקענט פֿיל שפּראַכן און איז געווען דער מחבר פֿון עטלעכע שפּראַך־מעטאָדן פֿאַר יידישע עמיגראַנטן.

איך האָב זיך אַ ביסל לענגער אָפּגעשטעלט איבער דער משפּחה סלאָנימסקי, וואָרעם זיי האָבן געהאַט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין דער ערשטער תקופֿה פֿון מיין פֿאָטערס אויפֿהאַלטן זיך אין וואַרשע, ביז ער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרעסערן קרייז פֿון זיינע פֿריינד און פֿאַרערער. סאָקאָלאָוו איז דאָך אין וואַרשע געווען פֿון אָנהויב אַ „גרינער" און מיטן אויסנאָם פֿון עטלעכע זיינע חברים פֿון פּלאָצק, האָט ער דאָ נישט געקענט קיינעם. אַ דאַנק דער „הצפֿירה" האָט ער זיך אָבער דערוואָרבן שנעל אַ נאָמען און נאָך שנעלער אָנגעקניפּט געזעלשאַפֿטלעכע באַציונגען. באַלד האָט ער גענומען אויסאיבן אַן איינפֿלוס מיט זיין פֿעדער אויף די קהלשע ענינים און אויף דער יידישער אינטעליגענץ. געהאָלפֿן אין דעם האָט אים אויך זיין מיטאַרבעט אין דער פּויליש־יידישער צייטשריפֿט „איזראַעליטאַ", וואָס איז געווען דער אָרגאַן פֿון די אַסימילירטע יידישע קרייזן און וועמענס רעדאַקטאָר איז געווען סאַמועל העגריק פּעלטין. נאָך זיין טויט, האָט סאָקאָלאָוו איבערגענומען די רעדאַקציע פֿון אָט דער צייטשריפֿט און זי געפֿירט אין ציוניסטישן גייסט.

וואַרשע האָט געהערט צו די סאַמע שטורמישע און ראָמאַנטישע שטעט אין דער וועלט. געווען אין פּוילן אפֿשר שענערע שטעט, מער מאַלערישע, וואָס האָבן זיך געיחוסט מיט זייער גרויסער פֿאַרגאַנגענהייט, אָבער קיין איינע פֿון זיי האָט זיך נישט געקאָנט פֿאַרגלייכן מיט וואַרשע, נישט נאָר

דערפֿאַר, וואָס וואַרשע איז געווען די גרעסטע און דערצו נאָך די הויפּט־שטאָט, עלעגאַנט אין סטיל, רעוואָלוציאָנער אין איר פֿאַרנעם און שווּנג, לייכטזיניק און העלדיש, האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט איר אייגנאַרטיקן חן און רייץ. דאָרט, ווו עס האָט אַמאָל געהערשט אַזאַ פֿיבערהאַפֿטע באַוועגונג, ווו עס האָט פּולסירט אַזאַ פּולבלוטיק יידיש לעבן, ווו יידישע האַרע־פּאַשנע מאַסן פֿון גרעסטן יידישן ציבור אין אייראָפּע האָבן שווער געאַרבעט און געחלומט וועגן בעסערע צייטן, ליגט איצט דער יידישער קוואַרטאַל פֿון וואַרשע אין חורבות און גראָז וואַקסט אויף זיי. דאָס וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן אויסגעגלייכט מיט דער ערד. דאָס געטאָ, ווו ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט די גרעסטע יידישע טראַגעדיע, האָט איינע אַליין, פֿאַרלאָזט דורך אַלעמען, געקעמפֿט ביז צום סוף, אַזוי ווי די קאַמף־טראַדיציע פֿון וואַרשע האָט עס דיקטירט. אויף די חורבות פֿון געטאָ שטייט איצט דער דענקמאָל פֿון די יידישע העלדן. די יידישע גאַס פֿון וואַרשע האָט תמיד אָנטייל גענומען אין אירע רעוואָלוציעס און אויפֿשטאַנדן.

אין זיינע וואַנדערונגען איבער דער וועלט האָט זיך סאָקאָלאָוו צום לענגסטן אָפּגעשטעלט אין וואַרשע. דאָ האָט ער זיך איינגעלעבט, ליב געהאַט אירע גערטנער און די שפּאַצירן ביי דער ווייסל, אירע טעאַטערס און זאַלן. מיט האַרץ און געפֿיל האָט ער געשריבן זיינע זכרונות וועגן אַלט־וואַרשע, ווו ער האָט געהאַט זיינע בעסטע פֿריינד. אין די אַכציקער יאָרן האָט נאָך געהערשט אַן אידיליע צווישן די פּאָליאַקן און יידן. דער אַנטי־סעמיטיזם האָט נאָך נישט געהאַט געלאָזט קיין טיפֿע וואָרצלען. די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט זיך באַמיט אויסצונוצן די נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפֿטלעכע אַנטאַגאָניזמען פֿאַר אירע צוועקן, האָט געהעצט און גערייצט די פּאָליאַקן קעגן די יידן. אַ שטאַרקן רושם האָט אויף סאָקאָלאָוון געמאַכט דער פּרווו צו אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם אויף די יידן אין יאָר 1883. דאָס איז געווען די אַרבעט פֿון דער פּאָליציי, וועמענס אַגענטן האָבן פּראָוואָצירט אַ פּאַניק בעת דעם אָפּריכטן אַ גאָטעסדינסט אין דער קירכע פֿון הייליקן קרייץ. פֿון דאָרט איז מען אַרויסגעלאָפֿן אויף דער גאַס, שרייענדיק, אַז יידן שלאָגן קריסטן. דער צערייצטער המון האָט באַלד גענומען לויפֿן אין דער ריכטונג פֿון די נאַלעווקעס און גענומען ראַבירן די יידישע געוועלבער.

די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אָבער אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ האַרטן ווידער־שטאַנד מצד די ייִדישע טרעגערס און אַרבעטער, אַז עס איז ביי זיי, אויף לאַנגע יאָרן, אַוועק דער חשק איבערצוחזרן אַזעלכע אָנפֿאַלן.

די געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן, אין וועלכע סאָקאָלאָוו האָט דעמאָלט פֿאַר־קערט, זענען געווען אין גאַנצן פּאָלאָניזירט, אָדער כמעט אַסימילירט. דער עפֿעקט פֿון גרינדן די רוסישע שולן איז געווען פּונקט אַ פֿאַרקערטער, ווי די רוסן האָבן געוואָלט. די אונטערדריקונג האָט אַרויסגערופֿן אַ פּאַטריאָ־טישע רעאַקציע, וואָס האָט אויך אַרומגענומען די ייִדישע יוגנט, וואָס האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די מענטשן, מיט וועלכע סאָקאָלאָוו האָט פֿאַרקערט, אָדער נאָענט מיט־געאַרבעט, זענען, אין אַלגעמיין, געווען עלטער פֿון אים. זיי האָבן ממשיך געווען די טראַדיציעס פֿון דער פּויליש־ייִדישער פֿאַרברידערונג, און פֿאַר־בונדן זייער ייִדישקייט מיט דער פּוילישער קולטור. די ייִדישע אינטעליגענץ פֿון יענער תקופֿה אין פּוילן האָט נאָך נישט געהאַט אירע אייגענע נאַציאָ־נאַלע אַספּיראַציעס. די משׂכּילים זענען געווען, אין אַלגעמיין, קאָסמאָפּאָ־ליטן. זייער לאָזונג איז געווען, קודם כּל, די ייִדישע גלייכבאַרעכטיקונג. זיי האָבן זיך נישט געבראָכן דעם קאָפּ מיט דער פֿראַגע: און וואָס ווייטער? דעם אַנטיסעמיטיזם האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ פֿאַרבייגייענדיקע דערשיינונג פֿון פֿינצטערניש. מיט אָט דער אָפּטימיסטישער אילוזיע האָבן דעמאָלט געלעבט כמעט אַלע אינטעלעקטועלע ייִדן פֿון יענער צייט. ווען מ׳האָט זיך, סוף פֿון די אַכציקער יאָרן, געווענדעט צו בראַנדעסן, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ בראָשור קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט איבער אייראָפּע, האָט ער געענטפֿערט: „מיך אינטערעסירן די שטראָמען פֿון נײַנ־צנטן יאָרהונדערט און נישט פֿון פֿערצנטן״.

דאָס פֿאַרמעגלעכע ייִדישע קליינבירגערטום פֿון פּוילן האָט זיך באַ־מיט צו געבן זיינע קינדער העכערע בילדונג און דערמיט צו פֿאַרזיכערן זיי אַ בעסער לעבן. זיי האָבן אויך געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די קינדער זאָלן פֿאַרזעצן די משפּחה־טראַדיציעס, דער עיקר — די רעליגיעזע. ווער ס׳האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע, דער האָט זיך אויך פּאָלאָניזירט, שפּראַכלעך און קולטורעל. די פּוילישע קולטור איז געווען פֿאַר זיי שטאַרק

אַטראַקטיוו, און קודם כל ביי די פרויען. די פרויען און טעכטער פון די רייכע, חסידישע הייזער האָבן גערעדט אויסגעצייכנט פויליש און זיך גע־קליידט לויט דער לעצטער מאָדע. ערשט פיל שפּעטער האָבן זיך די יידישע מאַסן פון פּוילן אייראָפּעיזירט נישט נאָר אויפן וועג פון פּוילישער אַסימי־לאַציע. מען דאַרף אויך אָנווייזן, אַז די פּויליש־יידישע בורזשואַזיע האָט זיך אַסימילירט אַנדערש, ווי די יידן פון די מזרחדיקע ראַנד־געביטן, רוס־לאַנד אָדער מערב־אייראָפּע. די יידן פון ליטע, אוקראַינע און רוסלאַנד, האָבן ביים איבערנעמען די רוסישע שפּראַך און קולטור און דערצויגן ווערן אויף איר ליטעראַטור, דאָך נישט איבערגעריסן דעם גייסטיקן צוזאַ־מענהאַנג מיטן יידנטום. אַפילו פיל פון זיי, ווען די באַדינגונגען האָבן געצוווּנגען זיך צו שמדן, האָבן זיך ווייטער באַטראַכט אַלס יידן. די יידישע בורזשואַזיע פון מערב־אייראָפּע, וואָס איז שוין זייט עטלעכע דורות געווען אַסימילירט, איז דאָך ווייטער געווען שטאַרק צוגעבונדן צו די רעליגיעזע טראַדיציעס, שאַפנדיק דאָס רעפאָרמירטע יידנטום. אין פּוילן דאַקעגן, ווו דער אַסימילאַציע־שטראָם האָט מיטגעריסן בלויז אַ נישט באַדייטנדיקן טייל פון יידנטום, איז נישט געווען קיין גינסטיקער באָדן פאַר יידישע רענעסאַנס־באַוועגונגען. מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד נישט נאָר פון דער פּאַטריאָטיש פּאָלאָניזירטער יידישער אינטעליגענץ און רייכער בורזשואַזיע, וואָס האָבן האַרטנעקיק באַקעמפט יעדן פּרווו פון סעפּאַראַטיזם, אָבער אויך נישט ווייניקער אויפן געוואַלטיקן ווידערשטאַנד פון די חסידים. האָט טאַקע סאָקאָלאָוו געמוזט גלייכצייטיק קעמפן אויף עטלעכע פראָנטן אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער און פובליציסט. צו זיין וויכטיקסטער טרי־בונע האָט געהערט די „הצפירה״, דערנאָך די פּוילישע „איזראַעליטאַ״ און אַנדערע צייטונגען אין פאַרשידענע לענדער.

וועגן וואָס האָט ער געשריבן? וועגן אַלץ און אַלעמען. טאָג־איין טאָג־אויס האָבן זיך אין משך פון פיל יאָרן באַוויזן אין דער „הצפירה״ זיינע אַרטיקלען און פּאָליטישע איבערזיכטן „דברי הימים״, אַ חוץ זיינע וועכנט־לעכע, באַרימטע פעליעטאָנען „משבת לשבת״. ער האָט געשריבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור, פּאָעזיע, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, דער־ציילונגען, רייזע־באַשרייבונגען אאַז״וו. די טעמעס פון זיין שאַפערישער

טעטיקייט האָבן אַנטשפּראָכן דעםברייטן פאַרנעם פון זיינע פאַראינטערעס־סירונגען.

וואָס האָט ער געזאָגט? אַלס דער אָפּטימיסט האָט ער געבראַכט זיינע לייענער גוטע ידיעות פון דערברייטער וועלט, דעם גלויבן אין יידישן רענעסאַנס, באַקאַנט דעם לייענער מיט די נייע פילאָזאָפישע געדאַנקען און דערגרייכטן פּראָגרעס אויף דער ברייטער וועלט. ער האָט פאַרשפּרייט די אידעאַלן פון ליבעראַלן הומאַניזם, פאַרבינדנדיק אים מיט די בעסטע יידישע טראַדיציעס.

אומאָפּהענגיק פון דער „הצפירה" האָט ער אין די אַכציקער יאָרן אַרויסגעגעבן אַן ערנסט יאָרבוך „האסיף". צו זיינע מיטאַרבעטער האָבן געהערט באַקאַנטע היסטאָריקער און זאַכקענער פון יידישע פּראָבלעמען. נישט אַלע האָבן געקענט העברעיש. ער האָט געמאַכט די איבערזעצונגען און אַליין געשריבן גרעסערע עסייען. דער „האסיף" האָט טייל מאָל געהאַט ביז טויזנט דרוק־זייטן, זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין פיל מער עקזעמפּלאַרן, ווי אַנדערע יידישע ביכער און געהאַט זיין היסטאָרישע ראָל אין דער יידישער פּובליציסטיק און ליטעראַטור. סאָקאָלאָוו פלעגט אַנטדעקן אַלץ נייע טאַלאַנטן צווישן יידישע שרייבער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דער „האסיף" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, האָט ער אַרויסגעגעבן אַן אַנדער יאָרבוך „ספר השנה" און אַ ריי פּעריאָדישע אויסגאַבן.

אַ חוץ די פיל שוועריקייטן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט זיינע פאַרלאַגן, איז איבער אים תמיד געהאַנגען, ווי די שווערד פון דאַמאָקלעס, די רוסישע צענזור. אין יענע פינצטערע צייטן פון דער מוראדיקער רעאַקציע, האָט די רוסישע צענזור פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געמיש פון כל־ערליי שיקאַנעס, פינצטערניש און שאַנטאַזש. גאַנץ ספּעציעל האָט זי גערודפט און געפּייניקט די העברעישע פּרעסע. פון קינדוויַיז אַן געדענק איך די שטענדיקע צרות און שרעק, וואָס מיין פאָטער האָט צוליב דעם געהאַט. די אָרטיקע צענזאָרן זענען מערסטנטייל באַשטאַנען פון די גימנאַזיע־לערער פון רעליגיע, אָדער סתם אַנדערע יידן, צו וועלכע די מאַכט האָט געהאַט צוטרוי. אַ חוץ דער לאָקאַלער צענזור האָט נאָך אָבער געדראָט די געפאַר מצד דער צענטראַלער צענזור אין פּעטערבורג, וואָס האָט זיך נישט גע־

רעכנט מיט די יידישע צענזאָרן און האָט געקאָנט צו יעדער צייט צומאַכן די צייטונג, אַלס אַ שעדלעכע. מסירות האָבן נישט געפעלט. מען פלעגט זיך פיל אַנדערצײלן וועגן ניוואָ פון דער דעמאָלסטיקער צענזור. אַזוי, למשל, האָט מען דערציילט וועגן אַ צענזאָר, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרבאָט צו דרוקן אַן איבערזעצונג פון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״, מיטן מאָטיוו, „אַז פון געטלעכע זאַכן טאָר מען נישט מאַכן קיין קאָמעדיעס״.

די „הצפירה״ איז עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן פון דער צענזור און דער פאָטער האָט אָפט געמוזט פאָרן קיין פעטערבורג, ווענלדיק ראַטע־ווען די צייטונג. אויף דעם באָדן האָט ער געהאַט אויסצושטיין פיל אומ־אַנגענעמע איבערלעבונגען מיט דער מאַכט. אַנומלט האָט מען אים גערופן אין מיטן נאַכט צו דער צענזור צוליב אַ נאָטיץ וועגן עפּעס אַ יידישן גע־זעלשאַפטלעכן טוער, וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. די צענזור האָט געפאָדערט באַווייזן, אַז יענער עסקן האָט געהאַט אַן אויסלענדישן פּאַס.

פון זיינע צרות מיט דער צענזור האָט אים פיל געראַטעוועט דער באַרימטער געלערנטער פון מזרח־שפּראַכן, דניאל כוואָלסאָן, פּראָפעסאָר פון פעטערבורגער אוניווערסיטעט און פון דער אַקאַדעמיע פאַר גייסטלעכע. כוואָלסאָן איז געווען אַ געשמדטער ייד. ער האָט זיך אָבער תמיד שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידן־פראַגע, און וואָס עס איז נאָר געווען אין זיינע כוחות און מעגלעכקייטן, האָט ער געטאָן, בכדי צו לינדערן דעם שווערן גורל פון די גערודפטע יידן. ער האָט אָנגעהאַלטן גוטע און וויכטיקע באַ־ציונגען אין די איינפלוסרייכע קרייזן, ווו מען האָט זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג. כוואָלסאָן האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים באַקעמפן די לעגענדעס וועגן עלילת־דם. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף דער טעמע און איז אַרויסגעטראָטן אין עטלעכע פּראָצעסן פון עלילת־דם, אַלס עקספּערט מצד דער פאַרטיידיקונג. סאָקאָלאָוו איז געווען מיט אים שטאַרק באַפריינדעט און יעדעס מאָל, ווען כוואָלסאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן ביי מיינע עלטערן. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן און צו ביסלעך קראַנק, דער גדאַנק איז אָבער ביי אים תמיד געווען אַ שאַרפער און לעבעדיקער. נישט אַלע מאָל האָט אָבער געהאָלפן די פּראָטעקציע פון כוואָלסאָנען ביי דער צענזור.

אין אַזעלכע פֿאַלן האָט מען געמוזט אָנקומען צו אַנדערע מיטלען, בכדי מפּייס צו זיין די צענזור, און קאָנען ווייטער אָנהאַלטן מיט איר גוטע באַציונגען. איינער פֿון די גאָר הויכע באַאַמטע אין דער צענזור פֿלעגט באַקומען פֿון מיין פֿאָטער אַ חודשלעכן געהאַלט, פֿאַר נישט מאַכן אים קיין שוועריקייטן. כ׳דערמאָן זיך, ווי אַזוי מיין מוטער פֿלעגט אַריינלייגן די פּאַפּירענע רובלס אין אַ דיק בוך, דערנאָך עס גוט פֿאַרפּאַקט און אַרויסגעשיקט מיט דער פּאָסט קיין פּעטערבורג. אָט דער „אַרגומענט" האָט תמיד געווירקט איבערצייגנדיק. אין מיינע ווייטסטע זכרונות, ווען איך בין נאָך געווען אַ פּיצל קינד, זע איך דאָס בילד פֿון אַ שמייכלענדיקן מאַן מיט אַ בלאָנד בערדל, אין זיין פֿוטערנעם מאַנטל מיטן ביבערנעם קאָלנער, ווי ער קומט אַריין אין אונדזער קינדער־שטוב באַלאָדנט מיט שפּילצייג. גרויס איז געווען דעמאָלט די פֿרייד אין הויז. דאָס איז דער פֿאָטער צוריקגעקומען פֿון פּעטערבורג, וווּ עס האָט זיך אים איינגעגעבן גינסטיק צו דערליידיקן עפּעס אַן ענין אין דער צענזור.

משששת־ימי־בראשית אַן הערן נישט אויף מענטשן צו דערמאָנען די „אַלטע גוטע צייטן". ווען דער צאַריזם האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן בלוטיקע אויפֿטרייסלונגען, פּאָגראָמען, און נאָכמלחמהדיקע קריזיסן, ווען די לאַגע פֿון די יידן אין מזרח־איראָפּע האָט זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרערגערן, פֿלעגן מיר אָפֿט הערן פֿון עלטערע מענטשן אַ מיינונג, אַז פֿאַר די צאַרישע צייטן איז דאָך נישט געווען אַזוי שלעכט. מענטשן האָבן דאָס אָבער דעמאָלט אַנדערש געפֿילט און אויפֿגענומען. פֿאַקטיש אָבער איז די צאַרישע רעגירונג ביזן סאַמע סוף געווען, ווי אַ געשפּענסט, וואָס האָט אויף טריט און שריט פֿאַרסמט דאָס לעבן פֿון זיינע פֿרעמדע אונטערטאַנען, און דער עיקר, פֿון די יידן.

נישטאָ קיין ריכטיקערע זאַך, ווי דאָס ווערטל, אַז ווען גאָט וויל עמעצן שטראָפֿן, נעמט ער ביי אים צו, קודם כל, דעם שכל. די צאַרישע פּאָליטיק איז געווען געבויט אַזוי ברוטאַל ווי נאַריש און אָן אַ קאָפּ. דער אומזין פֿון וועלן רוסיפֿיצירן פּוילן מיט כּוח, איז צום שטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק אין וואַרשע. ווען מען האָט אין די ניינציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו בויען אויפֿן זאַקסישן פּלאַץ, אין סאַמע האַרץ פֿון

וואַרשע, דעם פּראַוואָסלאַוונעם סאָבאָר, אַלס סימבאָל פון רוסלאַנדס הער־שאַפט אין פּוילן אויף „אייביקע צייטן", איז די דאָזיקע געבײַדע באַגלייט געוואָרן מיט טויטע קללות פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. בלויז איין רוסישער פּאָפּ, וואָס איז שפּעטער אָנערקענט געוואָרן ווי אַ הייליקער, יאָהאַן פון קראָנשטאָט, האָט געוואָרנט און געזאָגט נביאות, ביים לייגן דעם גרונטשטיין פון דעם סאָבאָר, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון פאַלן פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע און אַז אויף רוסלאַנד וועלן זיך אָנהויבן צו שיטן אומגליקן נאָך אומגליקן. קיינער האָט אים אָבער נישט געוואָלט הערן. דער צאַריזם איז דעמאָלט געווען אויפן סאַמע שפּיץ פון זיין מאַכט. אין די שטאָטישע גערטנער און פּאַרקן האָט מען נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס. ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם זאַקסישן פּלאַץ, האָבן זיי זיך באַמיט צו האַלטן וואָס ווייטער פון סאָבאָר.

אין יענע צייטן פלעגט מען זיך אָנדערציילן וועגן אַ געוויסן געטרייען אַרישן באַאַמטן, אין וואַרשע, ווען ס'האָט זיך געחלומט, אַז די מיט גאָלד באַדעקטע קופּאָלן פון סאָבאָר האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער אָרט און גענומען פליען צו מערב־זייט. די קופּאָלן זענען אַזוי געפלויגן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד און באַדעקט מיט זייער גאָלד די שפּיצן פון די הערלעכסטע קירכעס און באַלד זענען פון זיי געוואָרן צערקוועס. און אויפן אָרט פון איין קופּאָל זענען באַלד אויסגעוואַקסן צוויי קופּאָלן. די גאַנצע וועלט איז אויסגעפילט געוואָרן מיט צערקוועס און אַלע האָבן זיך געבוקט פאַרן פאָטערל, דעם צאַר.

גאָר טרויעריק האָט זיך פאַרענדיקט אָט דער חלום. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געקומען די דייטשן, און האָבן אַראָפּגענומען די גאָל־דענע פּליטעס פון די קופּאָלן. זיי האָבן זיך אָבער אָנטוישט. די פּליטעס זענען נישט געווען פון גאָלד. וואָרעם אַלץ איז אין דעם סאָבאָר געווען פאַלש, סיי דער ציל זיינער, און סיי דער בוי־מאַטעריאַל. אָבער די צאַרישע באַאַמטע און די פּאָדריאַטשיקעס האָבן דערביי געמאַכט מיליאָנען. דער סאָבאָר איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פונאַנדערגענומען געוואָרן דורך די פּאָליאַקן.

טראָץ די אָפטע קאָנפֿליקטן מיט דער צענזור, האָט זיך די „הצפירה״, אונטער דער רעדאַקציע פֿון סאָקאָלאָוו, אַלץ מער אַנטוויקלט און איר טיראַזש איז כסדר געשטיגן. זי איז דערגאַנגען צו די ווייטסטע ווינקעלעך פֿון דער וועלט און דער עיקר, צום גאַנצן תחום, ווו ייִדן איז געווען דער־לויבט צו וווינען אין רוסלאַנד. די „הצפירה״ איז געווען די גייסטיקע שפּייז פֿאַר עטלעכע דורות ייִדן, פֿון וועלכע אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָט זיך פֿונ־אַנדערגעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. צו יענע צייטן, ביים סוף פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז נאָך אין פּוילן נישט געווען קיין ייִדישע פּרעסע, געשריבן אין „זשאַרגאָן״, ווי פֿיל האָבן זי שפּעטער אַזוי אָנגערופֿן.

שנת חשלשים   No. 1

הַצְּפִירָה
HAZEFIRAH

טבת
יום ד׳ טו׳ פ׳ שמות
התרס״ח
1
14
Styczeń—Januar
1908

מחיר החתימה
מחיר מודעות

מכ״ע יוצא מדי יום ביומו לדברי מדינות. למדעים. לספרות. למסחר ולכל עניני ישראל

[illegible]

לזובב שפתי ישנים

[illegible]

דברי הימים

מוצא אני את האשה

[illegible]

מיום ליום.

מדי אמנות משלנו.

[illegible]

המצב המדיני של היהודים בגרמניה

[illegible]

קאַפּיטל 5

די "הצפירה"

דאָס הויז אויף מאַריאַנסקע 2 איז נישט געווען קיין וואָלקנקראַצער. ס׳האָט געהאַט אין גאַנצן דריי שטאָק. דאָך האָט עס געהערט צו די סאַמע מאָדערנסטע הייזער אין יענער געגנט פון וואַרשע. ווען מען איז צוגעטראָטן בויען דאָס הויז אויפן פּלאַץ, ווו ס׳האָט זיך פריער געפונען אַ קוילן־סקלאַד און ווו קינדער האָבן זיך געשפּילט און געהוידעט אויפן וויגברעט, האָבן מיינע עלטערן באַשלאָסן זיך אַריינצוציען אין יענעם הויז מיטן געדאַנק, אַז אויך די רעדאַקציע פון דער „הצפירה״, צוזאַמען מיט דער זעצעריי און דרוקעריי וועלן אויך אַהין אַריבערגעפירט ווערן. דאָס איז געווען אין די אַכציקער יאָרן. די „הצפירה״ האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין אייגענע דרוקעריי. מען האָט זי געדרוקט אין גאָלדמאַנס אַלטמאָדישער דרוקעריי, דעם אַרויסגעבער פון סידורים און העברעישע ביכער. שפּעטער האָט מען די „הצפירה״ געדרוקט ביי לעווינסקין, דעם אײדעם פון סלאָנימסקי. ער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ פּוילישער דרוקעריי, ווו ס׳איז דער־שינען די גרעסטע פּוילישע צייטונג „קוריער וואַרשאַווסקי״. די יידישע זעצערס האָבן זיך דאָרט זייער שלעכט געפילט. דערצו נאָך איז דאָרט נישט געווען באַקוועם צו אַרבעטן און ס׳האָט אויך צו טייער געקאָסט, צוליב וואָס די „הצפירה״ האָט זיך נישט געקאָנט ווי געהעריק אַנטוויקלען.

איבערציענדיק זיך פון דער דזשיקע־גאַס, האָבן די עלטערן אויסגע־קליבן די מאַריאַנסקע־גאַס, ווייל זי האָט געהאַט אַ סך מעלות. דאָס איז געווען אַ שטילע גאַס מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג, ווו דער רוב איינ־וווינער זענען געווען יידן. פון דאָרט איז אויך נישט געווען ווייט צום זאַקסישן גאָרטן, ווו מ׳האָט געשיקט די קינדער אויף פרישע לופט. חוץ דעם האָט זיך נישט ווייט פון דאָרט געפונען די פּאָסט־געביידע און עטלעכע יידישע אינסטיטוציעס, מיט דער קהילה בראש, מיט וועלכער סאָקאָלאָוו

האָט שוין געהאַט פיל צו טאָן, אין שייכות מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. חוץ דעם האָבן אין די שכנותדיקע גאַסן געוווינט פיל פון זיינע פריינד, ווי למשל שמואל שענהאַק, אַ מומחה אין העברעיש, און יצחק לייבוש פרץ, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע.ביידע זענען געווען אָנגעשטעלטע אין דער קהילה.

פון אָנהויב האָבן מיינע עלטערן געוווינט אויף דער מאַריאַנסקע נומער 6. די וווינונג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זי איז צו קליין פאַר דער משפחה, וואָס האָלט זיך אין פאַרגרעסערן. דערצו נאָך די געסט און באַ־קאַנטע, פאַר וועלכע מיינע עלטערן האָבן געמאַכט אויפנאַמעס. און געסט האָבן קיין מאָל נישט געפעלט ביי אונדז.

אין יענע צייטן, וואָס איך געדענק שוואַך, פלעגן אַריינקומען צו אונדז פאַרשידענע יידישע און העברעישע שרייבער, מיטאַרבעטער פון דער „הצפי־רה". פאַר מיינע גייסטיקע אויגן זע איך אַ מענטש מיט אַ שוואַרצער באָרד, איינגעהילט אין אַ גרויסער פעלערינע. איך פיל נאָך דעם ריח פון טאַבאַק, מיט וועלכן זי איז געווען דורכגעדרונגען. דאָס איז געווען דער הומאָריסט מייזעך, גאָלדפאַדנס אַ פריינד, דעם פיאָנער פון יידישן טעאַטער. דער פאָטער פלעגט דערציילן, אַז אַט די פעלערינע איז אַריין אין דער געשיכטע, אַלס דער ערשטער פאָרהאַנג פון דעם יידישן אָפּערעטן־טעאַטער. מייזעך איז געווען דער אַרויסגעבער פון ליטעראַרישן זשורנאַל „גן פרחים" (בלומען־גאָרטן).

ס'האָט זיך מיר אויך איינגעקריצט אין זכרון אַ צווייטער איינגייער ביי אונדז אין הויז. ער האָט געהאַט אַ געל קאָזעבערדל און געטראָגן אַן אָפּגע־בליאַקעוועטן און אָפּגעקראָכענעם מאַנטל פון טאַבאַק־קאָליר. דאָס איז גע־ווען דער העברעישער פאָעט האַראָוויץ, אַן אָפּשטאַמלינג פון שמואל זביט־קאָווער, דעם גרויסן גביר און קרוב פון פילאָזאָף בערגסאָן. ס'וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אַט דער מענטש האָט געשריבן פרעכטיקע עראָטישע לידער. ס'פלעגט אויך אַריינקומען חיים באָרענשטיין, ביבליאָטעקאַר פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, וועלכער האָט איבערגעזעצט שעקספירס „האַמ־לעט" אויף העברעיש. נישט גרויס איז געווען, אין יענע צייטן, די צאָל פון העברעיש־קענער, וואָס זאָלן גלייכצייטיק אויך האָבן וועלטלעכע ביל־



לעשנע־גאַס אין וואַרשע



דאָס ראַטהויז אין וואַרשע

דונג. עטלעכע פֿון זיי, די רייכערע, האָבן אַליין נישט געשריבן, דערפֿאַר אָבער זענען זיי געווען די מעצענאַטן פֿון ליטעראַטור, ווי למשל, וואָלף אשכנזי, דער פֿאָטער פֿון באַרימטן פּוילישן היסטאָריקער, אָדער אַברהם פּאָדלישעווסקי, דער געטרייעסטער פֿריינד פֿון מיין פֿאָטער. די צווי ראַבי־נער־שולן פֿון וואַרשע און זשיטאָמיר, וואָס האָבן געבליט אין די השכלה־צייטן און וואָס זייער אויפֿגאַבע איז באַשטאַנען אינעם אויסבילדן פֿאַר־געשריטענע רבנים, האָבן נישט אַרויסגעגעבן פֿון זיך קיין איינציקן גרויסן רב, דאַקעגן פֿיל הייסע, פּוילישע פּאַטריאָטן. זייערע אָפּשטאַמלינגער האָבן זיך, כמעט אַלע, אָפּגעשמדט.

נאָך דעם, ווי מיינע עלטערן האָבן זיך איבערגעצויגן אויף מאַריאַנסקע 2, האָט זיך אַהין אויך אַריבערגעטראָגן די רעדאַקציע פֿון דער „הצפֿירה״ און ס׳איז דאָרט אויך פֿאַרלייגט געוואָרן די אייגענע דרוקעריי. אין דאָזיקן הויז האָבן מיינע עלטערן געוווינט העכער צוואַנציק יאָר. אָט דאָס הויז האָט אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פֿון דער „הצפֿירה״ און אין סאָקאָלאָווס לעבן, וועלכער איז פֿון דאָרט ערשט אַרויסגעשוווּמען אין דער ברייטער וועלט.

יאָרן זענען דערוויַל געלאָפֿן, די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, פֿאַר־העלטעונישן האָבן זיך געענדערט און סאָקאָלאָוו האָט געאַרבעט וואָס אַ מאָל אינטענסיווער, וואַרפֿנדיק זיינע דראָבנע אותיעלעך אויף לאַנגע, ווייסע בייגעלעך פּאַפּיר. די ענציקלאָפּעדיע „אַמעריקאַנאַ״ האָט באַרעכנט, אַז סאָ־קאָלאָוו האָט אָנגעשריבן 4500 אַרטיקלען, פֿעליעטאָנען, עסייען אאַז״וו. ווען מען וועט נאָך צוגעבן די ווערק, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן מיט זיינע פּסעוודאָנימען, אָדער אין אַנדערע שפּראַכן, וועט זיך די דאָזיקע ציפֿער פֿאַרטאָפּלען, אָדער פֿאַרדרייפֿאַכן. ער האָט בלויז אין העברעיש אָנגעשריבן דרייסיק ביכער. ביאַליק האָט עס אָפּגעמשלט בילדלעך, זאָגנדיק, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט האָבן אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען, אויף צו שלעפּן זיין שריי־בעריש פֿאַרמעגן. ער האָט אַזוי געאַרבעט העכער זעכציק יאָר צו עטלעכע און צען שעה אַ טאָג.

אויב ס׳איז ריכטיק דאָס ווערטל, אַז „סטיל איז דער מענטש״, אַז אין סטיל קומט צום שטאַרקסטן צום אויסדרוק די פּערזענלעכקייט פֿונעם שריי־

בער, האָט עס קיינער נישט געקאָנט אַזוי באַשטעטיקן, ווי סאָקאָלאָוו. געניי, ווי דער סטיל, איז אויך זיין לעבן געווען רייך, אַלזייטיק און פילפאַרביק. צום בעסטן האָט ער זיך געפילט ביי זיין ביוראָ־טיש אָדער ביבליאָטעק. ער איז אָבער נישט געווען קיין בוך־וואָרם, אַ מתמיד, וואָס גראָבט זיך אין די ביכער, אָדער אַ פאַנאַטיקער פון אַרבעט. דאָס אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיטן מענטש, מיטן לעבעדיקן בוך, איז פאַר אים געווען דער גרעסטער אימפּולס פאַר זיין שעפערישער טעטיקייט. בכדי צו ווערן באַהויכט האָט ער נישט געמוזט זיך אָפּזונדערן פון זיין אומגעבונג, הגם ער האָט תמיד איינגעהאַלטן אַ געוויסן דיסטאַנץ לגבי מענטשן און נישט אַזוי לייכט איז אים אָנגעקומען צו ווערן מיט עמעצן היימיש. זיין פּערזענלעכער חן און מעלות האָבן צוגעצויגן צו מיין עלטערן־הויז די גאַנצע פּויליש־יידישע „סמעטענע", די פּני־העיר. אַ גוטמוטיקער, לוסטיקער, האָט ער פון זיך אויסגעשטראַלט אַזוי פיל וואַרעמקייט, אַז אַפילו זיינע פּאָליטישע קעגנער האָבן זיך געשאַרט אַרום אים. זיין געמיטלעכקייט איז אָבער אָפּגעטראָטן אויף אַ ווייטערן פּלאַן, ווען ער האָט געמוזט אָנשרייבן זיין טעגלעכע „פּאַר־ציע". דעמאָלט פלעגט ער ווערן אומרויִק און טראַכטן דעם, וואָס ער האָט גערעדט מיט די מענטשן, זענען אָבער זיינע געדאַנקען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער אומבאַמערקט פאַר־לאָזן די געזעלשאַפט און אַריין צו זיך אין ביוראָ.

אין זיין ווייטערדיקער קאַריערע האָט סאָקאָלאָוו געהאַט פיל שענערע אַרבעט־צימערן, אָדער קאַבינעטן, וואָס זענען געווען פיינער אויסמעבלירט און געמאַכט אַן אימפּאָנירנדיקן איינדרוק. אין זיין אַרבעט־צימער אויף מאַריאַנסקע 2, אין דעם קאַבינעט פונעם רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה", האָט ער זיך אָבער צום בעסטן געפילט. בדרך כלל האָט ער ליב געהאַט צו אַרבעטן אין קליינע צימערן און האָבן אַלץ אונטער דער האַנט, ווי דער פּיאַניסט זיין קלאַוויאַטור. דאָס איז געווען אַ שמאָלער, לאַנגער צימער, אין וועלכן מען איז אַריינגעגאַנגען גלייך פון קאָרידאָר, ביי דער פראָנט־טיר. דאָרט זענען געשטאַנען צוויי גרויסע באַגלאָזטע ספרים־שענק. די מענגעס ביכער זענען געווען אָנגעלייגט אויף די שענק, כמעט ביז צום פּולאָפּ. אַ חוץ די שענק זענען נאָך דאָרט געווען עטאַזשערקעס און טישלעך, וואָס

האָבן זיך געהאַט אויסגעבויגן אונטער דער משא פֿון די ביכער און צייטונ־גען. דאָס גלייכן איז זיין ביוראָ־טיש געווען פֿאַרלייגט מיט ביכער און צייטונגען. אויף דער וואַנט זענען געהאַנגען גרויסע פּאָרטרעטן פֿון זיין פֿאָטער און זיידע, און אַ ריי קלענערע פֿון פֿאַרשידענע יידישע פּערזענלעכ־קייטן, געלערנטע און פֿילאַנטראָפּן. דער גרויסער דעמבענער ביוראָ־טיש, באַדעקט מיט גרינעם טוך, איז געשטאַנען אין מיטן צימער, מיט דער זייט צו דער טיר. ווען מען איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט, האָט מען תמיד געזען דעם פֿאָטער פֿון פּראָפֿיל, וואָס איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פֿון זיין לענגלעך געזיכט, מיט זיינע אַזוי מילדע, אָבער אויסדריקלעכע שטריכן, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעטאַקט פֿון העלפֿאַנטביין. ער פֿלעגט זיצן צו ביסלעך איינגעבויגן, איינגעהילט אין וואַלקנס בלויען רויך, האַלטנ־דיק אין איין האַנט די פֿעדער און אין דער צווייטער — דעם ציגאַר. דע־מאָלט האָט ער נאָך געהאַט אַ געדיכטע, געקרייזלטע טשופּרינע פֿון גאָלד־קאָליר. איין לאָק פֿלעגט אים תמיד אַראָפּפֿאַלן אויפֿן שטערן, וועלכן ער האָט אָוועקגעשאַרט מיט זיינע לאַנגע, דעליקאַטע פֿינגער. זיין קליין בערדל האָט דערגאַנצט זיין אויסדרוקפֿולן פּראָפֿיל. ביי דער אַרבעט פֿלעגט ער טראָגן זיין גרין־סאַמעטענעם רעקל. דער קאַבינעט האָט געהאַט אַ טונקל־גרינעם קאָלאָריט.

אויפֿן ביוראָ־טיש האָבן זיך געפֿונען אַ מענגע פֿאַרשיידענע זאַכן: משפּ־חה־פֿאָטאָגראַפֿיעס, שרייב־געצייג, גאַטיק־ביכלעך, קאָרעקטורן, אַש־בעכער און וואָס נישט? און אין די שופֿלאָדן איז געווען נאָך מער זאַכן. אין פֿלוג האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אין זיין ביוראָ הערשט אַן אומאָרדע־נונג. דאָרט איז אָבער דאָך געווען אַלץ אין אָרדענונג. דאָס איז געווען זיין אייגענע אָרדענונג. דער פֿאָטער האָט געגוי געדענקט, ווו עס געפֿינט זיך יעדע זאַך און אָן שום שוועריקייטן האָט ער געקאָנט אָפּזוכן יעדעס שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט. ער האָט נישט געליטן, ווען מען האָט געפּרווט עפּעס איבערצושטעלן אין זיין שרייבצימער, מעג עס אַפֿילו האָבן געווען עמעצער פֿון דער משפּחה. אַן אָנגענעמער ריח פֿון ציגאַרן — ער האָט תמיד גערויכערט די בעסטע ציגאַרן — האָט זיך צונויפֿגעמישט מיטן ריח פֿון די ביכער און צייטונגען.

אַ צווייטע טיר פֿון זיין קאַבינעט האָט געפֿירט אין סאַלאָן אַריין. דאָס

האָט אָפּגעטיילט מיין פאָטער פון די גערוישן פונעם הויזגעזינד. דאָקעגן האָבן אים גאָרנישט געשטערט די קלאַנגען פון מוזיק, און ער האָט זייער ליב געהאַט, ווען מען האָט אין סאַלאָן געשפילט אויפן קלאַוויר.

די וווינונג פון מיינע עלטערן אויפן ערשטן שטאָק איז באַשטאַנען פון זעקס צימערן מיט אַ גרויסן סאַלאָן און עסצימער. אָבער אויך די וווינונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס צו קליין. אויפן זעלבן שטאָק איז אויך געווען די רעדאַקציע פון דער „הצפירה" און די זעצעריי. צווישן דיביידע דירות האָט מען דורכגעהאַקט אַ וואַנט, בכדי זיך צו קענען לייכטער פאַרבינדן מיט דער רעדאַקציע. די עקספּעדיציע און דרוקעריי האָבן זיך געפונען אויפן פּאַרטער. שפּעטער האָט מען פאַרנומען נאָך צוויי וווינונגען. איין וווינונג אויפן צווייטן שטאָק איז געוואָרן באַשטימט פאַר דער רעדאַקציע פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס סאָקאָלאָוו האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן. די דאָזיקע אַרבעט איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן אין די שטורמישע צייטן פון די יאָרן 1905 — 1906, ווען אויך די „הצפירה" און די יידישע צייטונג „דער טעלעגראַף", זענען געשלאָסן געוואָרן.

די תקופה, וועלכע איך באַשרייב איצט באַציט זיך צו דער צווייטער העלפט פון די נייַנציקער יאָרן ביז צו דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, נאָך וועלכער סאָקאָלאָוו איז אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע קיין אויסלאַנד און פלעגט קומען קיין וואַרשע בלויז אויף אַ קורצער צייט.

מיט מיין עלטערן ברודער האָבן מיר פאַרנומען אַ צימער, וואָס האָט אָפּגעטיילט אונדזער וווינונג פון דער זעצעריי. אין דער זעצעריי זענען ביי די שריפטקאַסטנס — קיין לינאָטיפּן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען — געשטאַנען אַכט עלטערע, פּאַטריאַרכאַלע הדרת־פּנימדיקע יידן מיטן מעטראַמפּאַזש ר' אליה בראש. אליה האָט צונויפגעשטעלט די „הצפירה", ווען זי איז נאָך געווען אַ וואָכנשריפט. טראָץ דעם, וואָס ער איז שוין געווען אַ זקן, אין די זיבעציקער, האָט ער פון דעסטוועגן באַוויזן צו לייענען אָן ברילן די דראָבנע שריפט פון מיין פאָטער, וועמענס מאַנוסקריפּט ער האָט אַליין געזעצט. דאָס איז געווען זיין חזקה. נישט אַלע האָבן פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן געזעצט פון מאַנוסקריפּט. איך געדענק ר' וועלוולען מיט דער ווייסער באָרד און ר' שכר, וואָס האָט מיט זיין אויסזען דערמאָנט די

נביאים פון תנ״ך. אין פלוג האָט די זעצעריי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליינעם בית־מדרש. די אַלטע זעצערס האָבן זיך געשאָקלט ביי דער אַרבעט און געמאַכט מיט די ליפּן, ווי ביים דאַווענען. ערשט פיל שפּעטער איז צום דאָזיקן פרומען פּערסאָנאַל צוגעקומען נאָך צוויי זעצערס, שוין קורץ־געקליידטע, דער פּרייזיניקער גרינבערג און דער בונדיסט גרושקאַ, וואָס האָט אָרגאַניזירט די ערשטע שטרייקן אין דער „הצפירה״.

ביסלעכווייז האָט די וווינונג פון מיינע עלטערן פאַרלוירן איר פּריוואַטן כאַראַקטער און איז געוואָרן, ווי עפּעס אַ צולאָג צו דער רעדאַקציע. וואָס מער די „הצפירה״ האָט זיך פאַרגרעסערט, אַלץ קלענער איז געוואָרן אונ־דזער וווינונג. אַ געוויסע צייט איז אונדזער צימער געוואָרן אָפּגעשניטן פון דער וווינונג, וויל, ביז מען האָט אָפּגעדונגען די פּערטע וווינונג אין זעלבן הויז, האָט מען דערווייל איינגעאָרדנט די עקספּעדיציע אין אונדזער שטוב. אַנדערע באַבערדלטע יידן האָבן געפּאַלצט, צונויפגעלייגט די צייטונגען און געקלעפּט די באַנדעראָלן. מען האָט זיך דעמאָלט נישט געאיילט ביים אַרויס־געבן אַ צייטונג און מערסטנטייל איז די „הצפירה״ אָנגעקומען צו דער פּאָסט צו שפּעט. אַן אוצר פאַר דער צייטונג איז געווען שלמה מענדעלע־וויטש, וועמענס פונקציע אין דער אַדמיניסטראַציע איז נישט געווען גאַנץ קלאָר, וועלכער האָט, אָבער, דערליידיקט אין דער שטאָט אַן אַ שיעור זאַכן. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער אַרומלויפן איבער די כלערליי אַמטן, איינקאַסירט געלט און אויסגעפירט אַלע פּריוואַטע שליחותן פון אונדזער משפּחה. אַ קליינינקער, אַ דאַרער, האָט אין אים אָבער געשטעקט אַן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע און כוח, אַז ער האָט דאָס אַלץ באַוויזן צו מאַכן. ער איז געווען מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו אונדזער משפּחה און האָט געגעבן פון אונדזער אַבסאָלוטן צוטרוי צו אים. פאַר אונדז איז עס געווען אַ גרויסער פאַרלוסט, ווען שלמה האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע.

די „הצפירה״ האָט מען געדרוקט אויף אַ פלאַך־מאַשין. די ראָטאַציע־מאַשין האָט מען אַריינגעשטעלט ערשט אין יאָר 1904, צום 25 יאָריקן יובל פון מיין פאָטער. בכדי זיך צו שאַפן אַ פולשטענדיק בילד וועגן אַרבע־טער־פּערסאָנאַל פון דער „הצפירה״, איז כדאי נאָך צו דערמאָנען וועגן די צוויי אַרבעטער, וואָס האָבן געדרייט מיט דער האַנט די פלאַך־מאַשין פון

דער דרוקעריי. קיין עלעקטרישע מאָטאָרן האָט מען נאָך דעמאָלט נישט באַנוצט. דאָס זענען געווען: פסח מיטן פּנים פון סאָקראַטעס און יאַן, וואָס איז תמיד געווען בגילופין און אַפילו שיכור־לוט. וועגן דעם האָט עדות געזאָגט זיין בלויע נאָניע. ער איז געווען דער איינציקער גוי פון דעם „הצפירה“־פּערסאָנאַל. פסח איז געווען אַ ייד אַ גבור מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס. זיי האָבן געלעבט צווישן זיך ווי די בעסטע חברים. פסח שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן, ווי ער פלעגט אַראָפּטראָגן די שווערע בלייענע עמודים זאַץ.

צו דער אַלטער גוואַרדיע אין דער רעדאַקציע, נאָך פאַר סלאָנימסקיס צייטן, האָבן געהערט חיים זאַגאָראַדזקי און מיכאל וועבער. זאַגאָראַדזקי איז געווען זייער געבילדעט און געהאַט אַ גרויסע זשורנאַליסטישע דער־פאַרונג, געשריבן מיט אַ פובליציסטישן נערוו און איז געווען זייער אַרבעט־זאַם. וועבער האָט זיך הויפּטזאַכלעך פאַרנומען מיט מאַכן רעפּאָרטאַזשן. ער איז געווען אַ מזיק אַ ייד, זייער רירעוודיק און ענערגיש און איז געווען אויסגעקאָכט אין אַלע היימישע ענינים. צוו. אַנד. האָט ער פאַרפאַסט די אַזוי פּאָפּולערע בראָשורן וועגן מלאכה און לאַנדווירטשאַפט. די באַציונגען צו די דאָזיקע רעדאַקציע־מיטגלידער האָבן געטראָגן אַ פּאַטריאַרכאַלן כאַ־ראַקטער. זיי זענען געווען מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו סאָקאָלאָוון און זיין משפחה.

געווען צייטן, ווען סאָקאָלאָוו האָט אַליין אויסגעפילט כמעט די גאַנצע צייטונג, מיטן אויסנאָם בלויז פון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענצן און צוגעשיקטן מאַטעריאַל. ערשט, ווען ער האָט גענומען אַלץ אָפטער אַרויספאָרן פון וואַרשע, האָט ער צוגעצויגן נייע טאַלענטירטע שרייבער פון יינגערן דור, ווי למשל, שמואל יאַצקאַן, אַברהם גאָלדבערג, ניסנבוים, טשערנאָוויטש און העפטמאַן, דעמאָלט נאָך זייער אַ יונגער מענטש און אַנדערע פען־מענטשן, שוין נישט רעדנדיק וועגן זיינע אידעישע חברים, ווי נחמן סירקין און יצחק גרינבוים.

אין דער אַדמיניסטראַציע האָט דעם וויכטיקסטן פּאָסטן פאַרנומען דער זייער ערנסטער און ענערגישער אליהו בערמאַן. מען האָט אים גערופן „דער פּראָקוראָר“. דעם דאָזיקן פּאָסטן האָט ער איבערגענומען פון יוספן,

דעם ברודער פֿון יצחק לייבוש פּרץ. אליהו בערמאַן האָט געהאַט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער צייטונג, איינשטעלנדיק דאָרט אַ גוטעווירטשאַפֿט. אָבער דער אמתער „גענעראַל־דירעקטאָר" פֿון אינערן־מיניסטעריום איז געווען אַ רייצנדיקע, וווּנדערבאַרע פֿרוי, וואָס האָט געהאַט נישט קיין קלענערן דיפּלאָמאַטישן טאַלאַנט פֿון איר מאַן, דאַקעגן אַ פֿיל גרעסערן חוש פֿאַר פּראַקטישקייט און אָרגאַניזאַציע פֿון איר מאַן. אויף איר איז גע־לעגן די גאַנצע לאַסט פֿון דערליידיקן די שווערסטע ענינים און באַזייטיקן פֿאַרשידענע רייבונגען אין רעדאַקציע, בפֿרט, ווען מיין פֿאָטער פֿלעגט אָפּפֿאָרן פֿון וואַרשע אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער. פֿון די אַלע דאגות און זאָרגן איז זי יונג גרוי געוואָרן, זי מיט איר שיין פּנים, וואָס האָט געשטראַלט מיט חכמה און גוטסקייט, מיין מוטער, רעגינאַ סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען די נשמה פֿון דעם אַלעמען. זי איז געווען פֿאַר אַלעמען, אין דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע, ווי אַ שוץ־מלאך. אַלע האָבן זי ליב געהאַט און אָפּ־געגעבן כבוד און ס'איז פּשוט אוממעגלעך געווען זיך פֿאָרצושטעלן די עקזיסטענץ פֿון דער „הצפֿירה" אָן איר.

אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט מען זיך נישט אויפֿהערן צו דרייען איבער אונ־דזער צימער. דאָס האָט דער פּערסאָנאַל פֿון דער רעדאַקציע, אָדער אַדמי־ניסטראַציע, געזוכט מיין מוטער בכדי זיך מיט איר צו באַראַטן אין פֿאַר־שידענע פֿראַגן. בלויז אין זעלטענע פֿאַלן פֿלעגן זיי אַריין אין שרייבצימער פֿון פֿאָטער, וועלכער האָט נישט ליב געהאַט, אַז מען זאָל אים שטערן בעתן שרייבן. בכלל האָט ער אויסגעמיטן צו האָבן געשעפֿטלעכע געשפּרעכן און האָט זיך פֿולשטענדיק פֿאַרלאָזט אויף די באַשלוסן פֿון דער מוטער. ווען ער האָט געהאַט פֿאַרענדיקט זיין אַרטיקל, פֿלעגט ער עס אַליין אַוועק־טראָגן צו ר' אליה, אָדער עס איבערגעבן עמעצן פֿון די קינדער אַוועק־צוטראָגן.

צוריקקומענדיק פֿון דער גימנאַזיע, פֿלעג איך געוויינלעך שפּילן מיט מיין ברודער אין שאַך. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט זיך אָפּשטעלן די באַ־וועגונג אין אונדזער צימער, נישט דערפֿאַר, ווייל דער פּערסאָנאַל האָט אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג, נאָר ווייל די רעדאַקציע־מיטגלידער, זעצער און אַדמיניסטראַציע־פּערסאָנאַל האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ גאַלעריע פֿון

קיביצער, וואָס האָט זיך אויסגעשטעלט אַרום אונדזער טיש און יעדער איינער האָט געגעבן אַן אַנדער עצה, ווי צו שפּילן. שאָך האָט געהערט ביי אונדז, אין יענע צייטן, צו אַ גאָר אַנגענעמער משפּחה־פאַרווייילונג. דער פאָטער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון שאָך־שפּיל. ער פלעגט זאָגן, אַז שאָך איז די ערלעכסטע שפּיל, אין וועלכער מען קאָן נישט אָפּנאַרן, אָדער באַשווינדלען, ווו מען קאָן געווינען בלויז אַ דאַנק דעם ספּעקולאַטיוון געדאַנקען־גאַנג, קענטעניש און אייגענער אַנשטרענגונג אָן שותּפים. צו שותּפים האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט קיין גליק. ער איז געווען באַפריינדעט מיט פיל אָנגעזעענע שאָך־שפּילער, ווי למשל, שמעון ווינאַווער, דעם זיגער אין אינטערנאַציאָנאַלע שאָך־טורנירן. דער פאָטער איז געווען אַ גוטער שפּילער, אָבער צום ליבסטן פלעגט ער זיך צוקוקן, ווי אַנדערע שפּילן און זיך איבער זיי געווויצלט. מיך האָט אויסגעלערנט צו שפּילן שאָך מיין פאָטערס ברודער, סטאַניסלאָוו. שפּעטער, ווען איך האָב געמאַכט באַדייטנדיקע פאָרשריטן אין שאָך־שפּיל זענען מיינע קעגנער געווען צוו. אַנד. ד״ר עליאַשעוו (בעל מחשבות) און דוד פרישמאַן.ביידע זענען געווען גלענצנדיקע שאָכשפּילער. ס׳האָט ביי אונדז קיין מאָל נישט געפעלט קיין שאָכשפּילער. די גאַנצע „הצפירה״ האָט געשפּילט אין שאָך.

סאָקאָלאָוו האָט געהערט צו די גוטמוטיקסטע שעפן. ס׳איז אים בכלל געווען פרעמד דער באַגריף פון באַפעלן אָדער פאַראָרדנען. ער האָט קיין מאָל נישט אַנגעוואָרפן זיין ווילן זיינע מיטאַרבעטער, צו וועלכע ער פלעגט זיך באַציען חבריש. ער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ עמעצן אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט, צוליב וואָס די צייטונג האָט נישט אין מאָל געליטן. ווען ס׳וואָלט נויטיק געווען, וואָלט ער געקאָנט אויספילן אַליין אַ גאַנצע צייטונג.

צי איז ער געווען אַ גוטער רעדאַקטאָר? אַז מען וועט נעמען די הייַנטיקע באַגריפן אַלס ביישפּיל, איז סאָקאָלאָוו געווען דער פולשטענדיקער היפּך פון אַ היינטצייטיקן רעדאַקטאָר פון אַ טעגלעכער צייטונג, וואָס איז איינגעשטעלט אויף אַקטואַליטעט. אין זיין פילאָזאָפיש־היסטאָרישן צוגאַנג צו פּראָבלעמען און געשעענישן האָט בכלל נישט געקאָנט פּאַסירן עפּעס נייעס אונטער דער זון. ער האָט פיינט געהאַט תכלית שנאה סענסאַציעס, און נישט געקאָנט הערן קיין רכילות און איז געווען אויסערגעוויינלעך

דיסקרעט. ער איז געווען אַ סאָליסט און נישט איינער פֿון אָרקעסטער. אַ לערער, אָבער נישט אַן אָנפֿירער. ער האָט תמיד מער געשריבן, ווי רעדאַגירט.

פֿאַר דער „הצפֿירה" איז אין יענע צייטן נישט געווען אַזוי וויכטיק, די ידיעה, וואָס זי האָט געבראַכט, ווי דער קאָמענטאַר, דער פּשט צו דער ידיעה און דער ליטעראַרישער טייל. דאָס האָבן די לייענער הויפּטזאַכלעך פֿאַרלאַנגט. ס'זענען אָבער אָנגעקומען אַנדערע צייטן און די „הצפֿירה" האָט זיך געמוזט צו זיי צופּאַסן, בפֿרט דעמאָלט, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן נאָך צייטונגען אין דער העברעישער שפּראַך, ווי דער „הצופֿה", וואָס איז אויך דערשינען אין וואַרשע און האָט אַפֿילו קאָנקורירט מיטן פּרייז פֿון דער צייטונג.

סאָקאָלאָוו איז געווען זייער קריטיש געשטימט צו אָט דעם מין לייכטן זשורנאַליזם. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג. די „הצפֿי־רה" האָט גענומען זאָרגן וועגן באַקומען גענויע, ריכטיקע און דער עיקר שנעלע אינפֿאָרמאַציעס, זיך שטעלנדיק אין פֿאַרבינדונג מיט אַ ריי טעלע־גראַפֿישע אַגענטורן. ווען די טעלעגראַמעס זענען אָנגעקומען אין די נאַכט־שעהען, פֿלעגט דער פֿאָטער זיך באַקלאָגן, אַז זיי נעמען ביי אים צו די מנוחה. כ'דערמאָן זיך, ווי איך האָב, אַנומלט, דערלאַנגט מיין פֿאָטער אַ דיקן קאָנווערט פֿון אַ טעלעגראַפֿן־אַגענטור. ער איז שוין געלעגן אין בעט און געלייענט דעם ענגלישן „טיימס". נישט עפֿענענדיק דעם קאָנווערט, האָט ער אים אַוועקגעלייגט אונטערן קישן, אויסגעלאָשן די ליכט און איינ־געשלאָפֿן. שפּעטער האָט זיך אָבער געענדערט זיין געמיטלעכע באַציונג צו ידיעות און צו דער צייטונג. קיינער האָט זיך בעסער נישט געהאַט צוגעפּאַסט צו די נייע צייטן, ווי טאַקע סאָקאָלאָוו. ווען ער פֿלעגט אַוועק־פֿאָרן, און אין די ניינציקער יאָרן איז ער אַלע מאָל געווען אונטערוועגנס, האָט ער זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן ערשטראַנגיקן קאָרעספּאָנדענט, שרייבנ־דיק מיטן סאַמע מאָדערנסטן זשורנאַליסטישן סטיל. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך זענען עס נישט געווען קיין סענסאַציאָנעלע רעפּאָרטאַזשן, נאָר כלערליי איינדרוקן, בילדלעך, סילועטן און ערנסטע אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס. זשורנאַליסטיק איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס מען קאָן טייל מאָל

אַראָפּפאַלן פון עטלעכע שטאַפּלען, אָבער נישט אַראָפּגיין, און דעמאָלט איז פּובליציסטיק אַנגעגאַנגען פאַר אַ העכער שטאַפּל אין דער זשורנאַליסטיק.

דער פאָטער איז געווען אַ געבוירענער ענציקלאָפּעדיסט. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס ער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן כסדר געטרוימט וועגן אַרויסגעבן אַן ענציקלאָפּעדיע אין דער העברעיִשער שפּראַך. זיין געדאַנק האָט ער, אַנומלט, באַרירט אין דער צייטונג און אַט האָט זיך אָפּגערופן אַ ייד פון דרום־אַפריקע, אַ געוויסער ה׳ טוראַק, מיין פאָטער האָט אים בכלל נישט געקענט. יענער האָט פאָרגעשלאָגן אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר צוגרייטונגס־אַרבעטן. די דאָזיקע איניציאַטיוו האָט אויך געפונען אָנ־הענגער ביי אַ ריי ליבהאָבער פון העברעיִש, אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט אויף צו גרינדן אַ פאַרלאַג און ס׳איז פאַרזיכערט געוואָרן דער אָנטייל פון ערנסטע וויסנשאַפטלעכע כוחות. די זאַך איז געווען אויפן בעסטן וועג, טראָץ דעם, וואָס דער פאָטער האָט, צוליב מאַנגל אין צייט, נישט געקאָנט זיך פולשטענדיק ווידמען דער ענצי־קלאָפּעדיע.

אַלס דעם לייטער פון די פאָרשונגס־אַרבעטן האָט מיין פאָטער אַנגאַ־זשירט אַן אויסערגעוויינלעך אָריגינעלן און ווערטפולן מענטש. דאָס איז געווען ד״ר יוסף משורר, אַ כעמיקער פון באַרוף, וואָס האָט אין משך פון יאָרן געהערט צום נאָענטסטן קרייז מענטשן, מיט וועלכע מיין פאָטער האָט פאַרקערט אין וואַרשע. משורר האָט געשטאַמט פון פּאָדאָליע, שטודירט אין דייטשלאַנד און איז געווען זייער ענלעך צו טעאָדאָר הערצל. ער האָט אַמטירט אין לאָקאַל פון דער ענציקלאָפּעדיע, וואָס האָט זיך געפונען בשכ־נות פון דער „הצפירה״ און ער פלעגט יעדן טאָג צו אונדז אַריינקומען. ער איז געווען אַ שווייגער און תמיד געהאַט זיין אייגענעם, זייער אָפּט טיפן און טרעפלעכן, צוגאַנג אָדער מיינונג וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען. ער האָט געהערט צו דעם זעלטענעם טיפּ אינטעלעקטואַלן מיט זייער דרייס־טע איבערצייגונגען און אומבויגזאַמע כאַראַקטערן. משורר האָט געשריבן דראַמעס, אין איבסענס סטיל, וואָס זענען קיין מאָל נישט געשפּילט גע־וואָרן. ער אַליין האָט אויך פאַרענדיקט זיין לעבן אויף אַ דראַמאַטישן אופן. צוריקקערנדיק זיך צו זיינע כעמישע פאָרשונגען האָט ער געאַרבעט איבער

אַ דערפֿינדונג, וואָס איז אים נישט געלונגען, צוליב וואָס ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

נישט ווייניקער אָריגינעל איז אויך געווען דער צווייטער מיטאַרבעטער פֿון דער ענציקלאָפּעדיע, יצחק ווײַנבערג. דאָס איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער פֿילאָלאָג, אַ העבראַיסט און אָריענטאַליסט פֿון גאָר אַ הויכער מדרגה. ווײַנבערג האָט געהערט צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ווען מען האָט אים אַרעסטירט, האָט מען ביי אים געפֿונען נאָטיצן, געשריבן אין עפּעס אַ מאָדנער שפּראַך. דאָס זענען געווען קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן, וואָס ער האָט פֿאַרצייכנט אין דער אַלט־קאָפּטישער שפּראַך. בעתן פֿאַרהער אין דער תּפֿיסה האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו געבן וואָסערע נישט איז אויפֿקלערונגען. די פּאָליציי האָט זיך געהאַט געווענדעט צו פֿאַרשידענע רוסישע פּראָפֿעסאָרן פֿון אָריענטאַלישע שפּראַכן, צו וועלכע דער צאַרישער רעזשים האָט געהאַט צוטרוי. קיינער פֿון זיי האָט אָבער נישט געקאָנט דע־שיפֿרירן די נאָטיצן. נישט האָבנדיק קיין אַנדער עצה, האָט די פּאָליציי אַוועקגעשיקט די נאָטיצן צום גרעסטן מומחה אויף דעם געביט, צו אַן אוניווערסיטעט־פּראָפֿעסאָר אין פּעטערבורג. ער איז טאַקע געווען דער איינציקער מענטש אין גאַנץ רוסלאַנד, וואָס האָט געקאָנט פֿאַרראַטן ווײַנבערגס סוד. דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אידעלער מענטש און אים נישט פֿאַרראַטן.

בכלל איז די גאַלעריע פֿון טיפּן, וואָס פֿלעגן זיך דרייען אַרום דער „הצפֿירה", געווען אַ פֿאַרשידנאַרטיקע, שוין נישט רעדנדיק וועגן ברייטערן קרייז פֿון פֿרײַנד און באַקאַנטע, די שטענדיקע איינגייער אין הויז פֿון מיינע עלטערן, אויף מאַריאַנסקע 2. וועגן זיי וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. דער נישט געלונגענער פּרווו מיט דער ענציקלאָפּעדיע האָט פֿאַרשאַפֿט מיין פֿאָטער פֿיל עגמת נפֿש. ער האָט אָבער קיין מאָל נישט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג, אַז דאָך וועט דאָס אים זיך איינגעבן צו פֿאַרווירקלעכן.

דער סוף פֿון די נייַנציקער יאָרן און אָנהויב פֿון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט האָבן געהערט צו דער בלי־תּקופֿה פֿון דער „הצפֿירה", וואָס האָט באַקומען, וואָס אַ מאָל, אַלץ מער לייענער. דער דרייפֿוס־פּראָצעס, די

ציוניסטישע קאָנגרעסן, די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און די פּאָגראָמען, האָבן געהאַט נישט קיין קליינעם חלק אינעם דערפאָלג פון דער „הצפירה". די צייטונג האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און אויף די נאָלעווקעס האָט מען אַפילו געעפנט אַ ביכער־געשעפט פאַרן פאַרלאַג „הצפירה".

אַ שטורמיש געשעעניש איז געווען אויף מאַריאַנסקע גאַס, דער טאָג, ווען מען האָט דאָרט אויפגעשטעלט די ראָטאַציע־מאַשין פון דער „הצפירה". דאָס הויז האָט געציטערט, ווען מען האָט די מאַשין געלאָזט אין גאַנג. זי האָט געאַרבעט מיט אַ געוואַלטיקן רעש, נישט לאָזנדיק שלאָפן די לאָקאַטאָרן, צוליב וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין פיל צרות. די גוטע, ווילע לאָקאַטאָרן פון יענעם הויז האָבן אָבער שנעל שלום געמאַכט מיט זייער גורל — אַזוי גרויס איז געווען דער רעספּעקט צו דער „הצפירה".

בעת דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט די ראָטאַציע־מאַשין פון דער „הצפירה" געאַרבעט אָן אויפהער, ביי טאָג און ביי נאַכט. וואָרעם נישט נאָר די „הצפירה" און דעם „טעלעגראַף" האָט מען אויף איר געדרוקט. יעדן טאָג פלעגן אַריינפאַלן אין דער דרוקעריי „באַיוווקעס", די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע קאַמף־גרופּן פון דער יידישע סעקציע פון דער פּויל־ישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, „בונד", אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן און אַלע האָבן זיי געדרוקט דאָרטן זייערע אויפרופן און פלוג־בלעטלעך.

דערנאָך זענען געקומען די רעפּרעסיעס, קאָנפיסקאַציעס, פּרעסע־פּראָצעסן און דאָס פאַרמאַכן די „הצפירה" אויף אַ ריי יאָרן, ביז זי איז אין יאָר 1911 ווידער באַנייט געוואָרן און אין יאָר 1912 האָט מען געפייערט איר 50־יאָריקן יובל. דער פאָטער איז שוין דעמאָלט געווען בלויז אַ גאַסט אין וואַרשע, ווהין ער פלעגט צושיקן זיינע אַרטיקלען.

קאַפּיטל 6

דער עסקן

„די נשמה פון אַ פאָלק איז, ווי אַ מימאָז. ביי דער קלענסטער באַרירונג מאַכט זי זיך צו. אַזוי פילבאַר איז זי צו אַ פּרעמדקערפּער. דאַקעגן צע־בליט זי זיך אין שטראַלן פון פריינדשאַפט. מען קאָן מיט אַ ברייטער האַנט פונאַנדערטיילן רייכטימער און האָבן גרייט אַ שקאָטולקע מיט פּרינציפּן. מען קאָן זיך אָפּגרענעצן פון עולם און טראַכטן ביחידות וועגן סדר העולם. אָבער פון די דאָזיקע אַלע הויכקייטן דערזעט מען נישט מער דעם ים פון קליינע, טאָג־טעגלעכע מענטשלעכע צרות און נויטן. און ווער פון אונדז קאָן עס אַזוי לאַנג אויסהאַלטן אין די הויכקייטן, וווּ די לופט איז טאַקע זייער אַ ריינע, וווּ עס איז אָבער אויך אייז קאַלט. דער רייסנדיקער לעבנס־שטראָם ציט צו צו זיך, דערנענטערט און פאַרבינדט, וואָס זיינע דער־פאַלגן אָדער מפּלות לאָזן זיך גאָרנישט איינצוימען אין קיין שום געזעצן אָדער קאָנווענאַנסן".

אַזוי האָט נחום סאָקאָלאָוו געשריבן אין די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט און מיט אָט דער איינשטעלונג האָט ער זיך וואָס אַ מאָל מער און מער טיפער אייגעפלאָכטן שוין נישט מיט אַ דינעם פאָדעם, נאָר מיט אַ ליכטיקן, וואַרעמען דרים אין די אַזוי פאַרוויקלטע און פאַרפּלאָנ־טערטע יידישע גלות־פּראָבלעמען.

ווען ער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע האָט זיך די דעמאָלסטיקע קהילה געפונען אין די הענט פון די חסידים און אַסימילאַטאָרן. דער דאָזי־קער בונד האָט אַזוי אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן. די אַסימילאַטאָרן האָבן זיך בכלל נישט געמישט אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון דער קהילה און די חסידים האָבן געהאַט פרייע הענט ביים פאַרוואַלטן מיט דער קהילה. זיי האָבן זיך נישט געמישט אין די ענינים פון כשרות, חדרים און בכלל רעליגיעזע פראַגן, איבערלאָזנדיק פאַר זיך בלויז די רעפּרעזענטאַנץ כלפּי

חוץ, לגבי דער פּוילישער געזעלשאַפט און דער צאַרישער מאַכט. געווען צווישן זיי אָפּפערוויליקע מענטשן באַהויכט מיטן בעסטן ווילן. דער דאָזי־קער שידוך אָבער פון דער אַסימילאַציע מיט די חסידים איז געווען אַ גרויסע שטערונג פאַרן פּראָגרעס פון די יידישע מאַסן אין פּוילן. די חסידים האָבן די מאַסן אָפּגעגרענעצט פון דער אויסערלעכער וועלט מיט אַ מויער פון רעליגיעזע פאַראורטיילן, נישט צום דורכברעכן. זיי האָבן זיך בלויז נישט אָפּגעזאָגט פון צו נעמען ביי די אַסימילאַטאָרן זייער פילאַנטראָפּישן ביישטייער, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז „בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָן אַ יידן, בפרט, ווען דאָס איז אַ רייכער ייד”. די אַסימילאַ־טאָרן האָבן טאָלערירט דאָס נייע פריווילעגיע געטאָ, אין דער האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועט עס פון זיך אַליין אויפהערן צו עקזיסטירן, און מיטן פאַרבעסערן זיך פון דער עקאָנאָמישער לאַגע וועלן די יידישע מאַסן זיך אַלץ מער אַסימילירן. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זייער אויפ־קלערערישע טעטיקייט אין פּוילישן גייסט האָט געהאַט אַ מינימאַלן איינ־פלוס. דערצו נאָך איז לא די, וואָס די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך נישט פאַרבעסערט, נאָר די נויט און עלנט זענען מוראדיק געשטיגן און פאַר־אורזאַכט אַ מאַסן־עמיגראַציע, דער איינציקער רעגולאַטאָר פון יידישער עלנט אין יענע צייטן.

סאָקאָלאָוו האָט באַקעמפט ביידע, סיי די אַסימילאַטאָרן, סיי די חסידים, און ווען אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך געהאַט געענדערט דער כוחות־צוזאַמענשטעל און אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג זענען אַריין די ציוניסטן, האָט ער שוין מער נישט געווינט סטאַביל אין וואַרשע. מען האָט זיך תמיד גערעכנט מיט זיין איינפלוס, וואָס ער האָט אויסגעאיבט אויף דער יידישער עפנטלעכער מיינונג און מען פלעגט אים צוציען צו פאַר־שידענע קאָמיטעטן. ער, פון זיין זייט, האָט קיין מאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט פון געזעלשאַפטלעכע פליכטן. דערצו נאָך האָט מיין פאָטער געהאַט אויסער־געוויינלעכע קוואַליפיקאַציעס. גרויס איז דעריבער געווען זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די יידישע מאַסן נישט נאָר פון וואַרשע און פּוילן, נאָר אויך אין ליטע, אוקראַינע און אין גאַנצן יידישן תחום פון רוסלאַנד. און אַלס אויס־געצייכנטער פּובליציסט און רעדנער אין פּויליש, האָט ער ווירדיק פאַר־

טראָטן די יידישע אינטערעסן לגבי דער פּוילישער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

ווילטעטיקייט, רעפֿאָרם פֿון חדרים, האַנטווערקער־שולן, לאַנדווירט־שאַפֿטלעכע קאָלאָניעס, עמיגראַציע — צאָלרייך זענען געווען די פּראָבלע־מען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַשעפֿטיקט אין יענער פּאַזע פֿון זיין טעטיקייט, איידער ער האָט זיך דערנאָך פֿולשטענדיק געווידמעט דעם ציוניזם.

נישט געווען קיין זאַך, צו וועלכער ער זאָל נישט האָבן צוגעלייגט אַ האַנט. טראָץ דעם, וואָס ער האָט באַטראַכט די לאָקאַלע יידישע ענינים, ווי בלויז פֿראַגמענטן פֿון איין גרויסן פּראָבלעם, האָט ער דאָך נישט גע־זשאַלעוועט קיין מי, און זיך באַטייליקט אין יעדער רעטונגס־אַקציע. אַזעלכע האָבן קיין מאָל נישט געפֿעלט.

די יידישע נויט און אָרעמקייט זענען געשטיגן נישט בלויז צוליבן אַרויסשטויסן יידן פֿון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, צוליב דער מאָדער־ניזירונג פֿון די פֿאַבריקן, אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע און קאָמוני־קאַציע, נאָר אויך צוליב סטיכישע קאַטאַסטראָפֿעס, ווי שׂרפֿות, פֿאַרפֿליי־צונגען און עפּידעמיעס. יאָר־יערלעך פֿלעגן ברענען יידישע שטעטלעך, און פֿון צייט צו צייט פֿלעגן אָוועק מיטן רויך אויך גרעסערע שטעט, ווי למשל, בריסק. די „הצפֿירה" האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים טראָגן הילף די נשׂרפֿים, אָדער רויִנירטע פֿון אַ פֿאַרפֿלייצונג. אַזאַ דרינגענדיקע הילף האָט אָבער געקאָנט בלויז אויף אַ ווייל לינדערן די נויט. ס'איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט פֿון אונטערנעמען אַ מער קאָנסטרוקטיווע אַקציע. מ'האָט געמוזט דעם יידישן „לופֿטמענטש" אויסלערנען אַ מלאכה, צוגעוווינען צו לאַנדאַרבעט, אָדער אים דערמעגלעכן צו עמיגרירן אין אַזעלכע לענדער, ווו ער האָט געהאַט אויסזיכטן זיך צו קאָנען איינאָרדענען און מאַכן אַ לעבן.

דאָס זענען געווען צייטן, ווען מענטשן האָבן נאָך געקאָנט זיך פֿריי באַוועגן פֿון איין לאַנד אין אַנדערן, ווען ריזיקע מאַסן יידן זענען אַריבער־געשווומען דעם ים קיין אַמעריקע. סאָקאָלאָוו האָט זיך זייער אַקטיוו באַ־שעפֿטיקט מיט אָט די אַלע פֿראַגן, סיי אַלס פּובליציסט, און סיי אַלס געזעלשאַפֿטלעכער טוער. זיין הילף איז אויך געווען אַ ממשותדיקע, אַ דאַנק זיינע באַציונגען, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן מיט אַ ריי גרויסע יידישע

אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד און רוסלאַנד, ווי למשל, די „אַליאַנס״, „יקאַ״, „אָרט״ אין פּעטערבורג און אַזו״ו. אָבער שוין דעמאָלט האָט ער נישט גע־גלויבט, אַז פילאַנטראָפּיע אַליין, מעג זי זיין אויסגערעכנט אין גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב, וועט נישט זיין ביכולת צו לייזן די יידישע פראַגע.

סאָקאָלאָוו האָט תמיד געזאָגט, אַז נישטאָ קיין שענערע זאַך, ווי פּיל־אַנטראָפּיע, אַז אויף דער גוטסקייט פון מענטש איז געבויט דער קיום פון דער געזעלשאַפט. נישט אַלע פילאַנטראָפּיעס זענען אָבער גלייך. ער האָט פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַ גרויסער, קאָנצענטרירטער אָנשטרענ־גונג אויף דעם געביט, דאָקעגן האָט ער געוואָרנט פאַר דער פילאַנטראָ־פּישער ביוראָקראַטיע און פאָרמאַליסטיק, אָפּעלירנדיק, קודם־כל, צו יידי־שע הערצער און צו אינדיווידועלע מעשים טובים. אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דערמאָנט ער אַ כאַראַקטע־ריסטיש בילדל ביי מענדעלע מוכר־ספרים, ווי אַזוי ס׳זעט אויס דער חדר פון אַ קהילה־טוער: ס׳גייען אַריין און אַרויס, אָן אויפהער, אַ סך אָרעמע יידן, יונגע און אַלטע, פרויען, מיידלעך און קינדער. פאַראַן צווישן זיי אויך בכבודיקע יידן, אין זייערע אַטלעסענע קאַפּאָטעס. אויך זיי קומט עפּעס, ווען מען איז אַזוי איינגעטונקען אין יחוס. נאָך זיי, גייט דער מגיד, דער נשרף, דער קלינגער מיט דער פּושקע, וואָס איז געקומען פון ארץ ישראל, אָן עגונה, וואָס דער מאַן איז פון איר אַנטלאָפן. דערנאָך קומען אַריין די גבאים מיט אָדער אָן פּושקעס. איינער זאַמלט פאַר דער מאיר־בעל־הנס־פּושקע, אַן אַנדערער פאַר דער תלמוד־תורה, אַ דריטער אויף נדן פאַר אַ פאַרזעסענער מויד, אַ פערטער פאַרן הקדש, אַ פינפטער פאַר עפּעס אַ חברה, אַ זעקסטער פאַרן נר תמיד. דערנאָך קומען אַריין די גבירים און רעדן אַריין עפּעס אַ סוד אין אויער און זאָגן דערנאָך שוין הויך: „איצטער פאַרשטייט איר שוין אויף וואָס״ — און נעמען!

אין אָט דעם בילדל זענען געוויסע איינצלהייטן — די טענות און תרעומות אויף די אַמאָליקע פאַרהעלטענישן אין די קהילות — געווען שוין צו ביסלעך פאַרעלטערט אין סוף פון נייצנטן יאָרהונדערט. דער פאָן, די קאָנווע, דער כאַראַקטער, אינהאַלט האָבן זיך אָבער לחלוטין נישט געענ־דערט: די טיר, וואָס מאַכט זיך קיין מאָל נישט צו.



די גרויסע סינאַגאָגע אין וואַרשע

— און איצט לאָמיר אַריינקוקן — שרייבט ווייטער סאָקאָלאָוו — אין אַן אַנדער יידישער שטוב, שוין מער מאָדערניזירט, זאָל עס זיין אַפילו מיין אייגענע שטוב. און ווידער דאָס זעלבע בילד. ווי שאָטנס קומען זיי אָן אויפהער אַריין צו מיר, מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער און באַרוף און אַלע בעטן זיי אַן עצה, אָדער הילף.

פאַר דער גאַנצער צייט פון סאָקאָלאָווס לעבן אין וואַרשע האָבן טויזנ־טער מענטשן אָפּגעקלאַפּט די שוועל פון אונדזער וווינונג אויף מאַריאַנסקע גאַס. דער רוב פון זיי האָט שפּעטער עמיגרירט אין די מערב־לענדער, דער עיקר אָבער קיין אַמעריקע. גאַנץ ספּעציעל האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער שטודירנדיקער יוגנט, וואָס איז, אָן אַ פּרוטה אין טאַש, געפאָרן זיך לערנען אין אויסלאַנד. ער האָט געשריבן אַ סך פאַרטרוי־בריוו און גוט־געזאָגט פאַר זיי. פיל פון זיינע פּראָטעזשירטע האָבן זיך שפּעטער אויסגע־צייכנט אויף פאַרשידענע געביטן. מען גיט איבער, אַז צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען די באַרימטע סאָציאַליסטישע טוערין ראָזאַ לוקסעמבורג.

אָפט מאָל פאַרגעסט מען אין גאַנצן, ווי גרויס איז געווען די ראָלע פון די דאָזיקע מיליאָנען יידן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון מזרח קיין מערב. וויפל איז געווען צווישן זיי אַנזאָגערס און פאָראויסזאָגערס פון די אָנקומענדיקע געוויטער־שטורעמס, וויפל טרוימעריי און גאָלדענע חלו־מות, קאָכעדיקע און ווילדע פאַנטאַזיעס, דינאַמיזם, פון ניט שפּאָרן קיין כוחות, פון אַקערן מיט דער גאַנצער ערד, וויפל אינוועניצ, אויפטו און טאַלאַנט, וואָס דאָס אַלץ האָט באַרייכערט די לענדער פון אימיגראַציע. אַ באַדייטנדיקער טייל פון פוילישן יידנטום, אין וועלכן סאָקאָלאָוו איז אויס־געוואַקסן, האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. דער שטאָם פון אָט דעם בוים איז פאַרברענט געוואָרן אין די היטלעריסטישע קרעמאַ־טאָריע־אויוונס. די צווייגן פון דאָזיקן בוים האָבן אָבער ערגעץ אַנדערש ווי געשלאָגן נייע וואָרצלען. זיכער האָט ער נישט פאָרויסגעפילט די מורא־דיקע טראַגעדיע פון אומקום פון מיליאָנען יידן. דער געזונטער יידישער אינסטינקט, וואָס איז פול געווען מיט זאָרג פאַרן גורל פון זיינע ברידער־יידן האָט אים אָבער דיקטירט, אַז נישטאָ פאַר זיי קיין שום צוקונפט אין מזרח־אייראָפּע. צו וואָס ער האָט יאָ געשטרעבט איז געווען דער ווונטש,

אַז די עמיגראַציע זאָל נישט דערפירן צום צונויפשמעלצן זיך מיט אַנדערע פעלקער, נאָר צום ווידערגעבורט אויף דער אייגענער ערד.

צדקה און מעשים טובים האָבן תמיד געהערט צו די שענסטע יידישע מידות. מיין מוטער האָט זיך געהאַט אירע אייגענע „קליענטן", וואָס פלעגן אַריינקומען דורך דער הינטערטיר — אירע בעטלער און אָרעמע לייט. אין זכרון פון מיינע קינדער־יאָרן איז פאַרבליבן די געשטאַלט פון אַ הויכן, דאַרן מאַן, וואָס האָט עפּעס געהאַט אַזאַ איידלקייט אין זיך. ער פלעגט רעגולער קומען צו מיין מוטער און מיט איר אָפּהאַלטן באַראַטונגען. ער איז געווען אַן אָרעמער מענטש, איז אָבער נישט געקומען נאָך אַ נדבה. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס האָט געזאָרגט וועגן אַנדערע און דער עיקר וועגן יתומים. אַנומלט האָט ער געבראַכט צו אונדז צוויי קינדער־יתומים, ביי וועמען די עלטערן־עמיגראַנטן זענען געשטאָרבן אין אַמעריקע. אין משך פון אַ לענגערער צייט האָבן אָט די קינדער געפונען אַ היים אין אונדזער הויז.

מערקווירדיק און מאָדנע איז געווען די פאַרשידנאַרטיקייט פון דער גאַלעריע טיפּן, וואָס פלעגן אַריינקומען צו אונדז אין הויז. מען האָט פון זיי געקאָנט מאַכן אַ קווערשניט פון אַלע קלאַסן, ריכטונגען, באַרופן און שטאַנדן. נישט געווען אין וואַרשע אַ כלל־טוער, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס פאַר יידישע פּראָבלעמען, אַז ער זאָל נישט קומען צום פאָטער. מיטן לויף פון יאָרן האָט זיך אַלץ מער אויסגעברייטערט דער קרייז פון זיינע פריינד — ליטעראַטן, געלערנטע, אַרטיסטן, זשורנאַליסטן — די אנשי־שם, די „סמעטענע" פון דער יידישער אינטעליגענץ און נישט בלויז יידישער.

דער וועג, וואָס האָט געפירט סאָקאָלאָוון פון דער געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישער טעטיקייט ביז צום ציוניזם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נאַטירלעכן און קאָנסעקווענטן פּראָצעס. עס האָט מיט אים רעגירט תמיד דער זעלבער אימפּולס און טיפער גלויבן. נאָך אין די יונגע יאָרן האָט ער דורכגעמאַכט די עוואָלוציע פון קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער השכלה ביז צום גייסט־ציוניזם. די העברעישע שפּראַך האָט אים אין דעם באַפּעסטיקט. העברעיש איז געווען זיין פאָטערלאַנד. אין „חיבת ציון" האָט ער באַגרינדעט

זיין שטעלונג לגבי דער באַוועגונג „חובבי ציון", ווען ער איז נאָך אין די אַכציקער יאָרן געווען גאָר אַ יונגער מאַן. ער האָט נאָך דעמאָלט טיף גע־שטעקט אין אַבסטראַקטן יהדות, בכדי דערנאָך מיט אַ מאָל צו ווערן מיט־גערינסן פון דער ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס סמאָלענסקי האָט פּראָפּאַגירט. ער האָט געהאַט באַוואָרענישן און ספקות, וואָרעם נאָר אין פּוסטע קעפּ איז נישט פֿאַראַן קיין ספקות, אין זיין קאָפּ אָבער איז געווען אַן ענציקלאָפּעדישער סדר. די ליניע, וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט, האָט אים קאָנסעקווענט געפירט איבער עטלעכע עטאַפּן אַהין, ווו ער איז ענד־גילטיק אָנגעקומען אין יאָר 1897 — צום פּאָליטישן ציוניזם, וואָס האָט זיין גייסטיקן, קולטורעלן, פילאָזאָפישן ציוניזם געגעבן דעם פּראָגראַם און די ראַם פאַר זיין טעטיקייט.

*

אַ ספּעציעלן אינטערעס האָט סאָקאָלאָוו געהאַט פאַר לאַנדווירטשאַפט־לעכער אַרבעט פון יידן און ער איז טאַקע געווען איינער פון די מיטגריג־דער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם אין טשענסטאָכאָוו, ביי וואַרשע. ער האָט געוועקט און גערופן יידן, אַז זיי זאָלן זיך נעמען צוריק צו לאַנד־ווירטשאַפט, ווי צו איינער פון אונדזערע עלטסטע תנ"ך־טראַדיציעס, און די אַלע אומגלייבער, צווייפלער, אַז יידן זענען בכלל פעיק זיך צו ווידמען דער אַרבעט אויפן פעלד, אָדער, אַז עס ליגט נישט אינעם פאָלקס־כאַראַק־טער פון יידן זיך צו באַהעפטן מיט דער נאַטור, האָט ער זיי געעצהט אַריינ־צוקוקן אינעם קאַפּיטל ק"ד פון תהילים, וואָס הויבט זיך אָן מיט „ברכי נפשי". זייער אָפט האָט ער דערמאָנט די ווערטער פון הומבאָלדט, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור האָט זיך נישט דערהויבן צו אַזעלכע הויכקייטן פון נאַטור־דערקענטעניש, ווי מען געפינט דאָס אין אָט דעם קאַפּיטל תהילים. זיינע עלטסטע אַרטיקלען, נאָטיצן און בריוו זענען פול מיט באַמערקונגען, וואָס זאָגן עדות, ווי טיף ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל. מיט וואָסער פרייד ער פלעגט אויפנעמען יעדן סימן פון פּראָגרעס אויף דעם געביט. „פון גאָר אַ גרויסער וויכטיקייט — שרייבט

ער אין יענע צייטן — איז דער פאַקט פון אַנטשטיין פון אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל". נעבן די קאָלאָניסטן שאַפט זיך דער דאָזיקער קלאַס אין דער געגנט אַרום צפת, ווו עס אַרבעטן הונדערטער יידישע לאַנד־אַרבעטער. דער שווער־פונקט טראָגט זיך איבער פון ירושלימער קלויז אין דער שולע און פאַרם, צו פעלדער און לאַנקעס.

אַ שטאַרקן רושם האָט אויף אים געמאַכט דער רוף פון באַראָן הירש, ווי אַ המצאה פון אַ מיליאָנער־פילאַנטראָפּ. ער האָט אָבער נישט געגלויבט אין אַ דויערהאַפטיקן דערפאָלג פון אָט דעם עקספּערימענט. דאַקעגן איז ער געווען באַגייסטערט פון די קאָלאָניעס, וועלכע באַראָן ראָטשילד, דער נדיב הידוע, האָט געגרינדעט אין ארץ־ישראל. ס'האָט אויך אַנדערש נישט געקאָנט זיין, וואָרעם דער לייטמאָטיוו ציון האָט ביי אים געוועלטיקט איבער אַלץ און אַלעמען און געפונען ביי אים דעם העכסטן אויסדרוק. געווען איז דאָס אין צייטן, ווען די יידישע אינטעליגענץ אין פּוילן איז נאָך געווען אונטער אַנדערע איינפלוסן און זיך איינגעהערט אין אַנדערע מעלאָדיעס.

דער סאָציאַליזם האָט געהאַט אין זיך אַ ספּעציעלן רייץ, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך דעם יינגערן דור. גלאָריפיצירט אין קאַמף, האָט ער אַפּעלירט צום געפיל און ווי אַן אידעע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט האָט דער סאָציאַליזם באַאיינפלוסט נישט נאָר די אַקאַדעמישע יוגנט, נאָר אויך די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן אין אים אויסגעפונען פּלאַמיקע לאָזונגען פון די נביאים. איז עס דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס פון די רייען פון אָט דער יוגנט זענען אַרויס פיל רעוואָלוציאָנערע קעמפער. דער מאַרק־סיזם האָט לייכט געטראָפן צו די מוחות, אויסגעשליפן אינעם פּלפּול פון דער גמרא. איינער פון די באַדייטנדיקע יידישע פּיאָנערן פון סאָציאַליזם אין פּוילן, ליבערמאַן, איז געווען אַ מומחה אין העברעיש און די ערשטע סאָציאַליסטישע אויפרופן פון די יידן אין לאָנדאָן זענען דערשינען אין דער העברעישער שפּראַך. פון דער אַנדערער זייט האָבן די קאַסמאָפּאָלי־טיש־ליבעראַלע שטראָמען אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן צווישן די מעסיקערע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ. ערשט שפּעטער האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט די אידעישע באַזע פון יענעם יידישן דור. די יעניקע, וואָס האָבן טיף געשטעקט, מיט אַלע זייערע רמ"ח אברים אין די

היסטאָרישע טראַדיציעס פֿון יידנטום און האָבן געהאַט אַן אינטעלעקטועל־נאַציאָנאַלע איינשטעלונג, (מיר מיינען נישט די ראַציאָנאַליסטן, נאָר די ראָמאַנטיקער), ווי אויך די יעניקע וואָס האָבן פּרינציפּיעל אָפּגעוואָרפֿן דעם געדאַנק פֿון אַסימילאַציע און האָבן פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין דער לייזונג פֿון יידישן פּראָבלעם אין גלות, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — בירגערלעכער, אָדער אַרבעטנדיקער. אַנדערע גרופּן פֿון דער יידישער אינטעליגענץ אין פּוילן האָבן זיך געשטעלט אין די רייען פֿון „בונד", אָדער זיך באַטייליקט אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווי אויך אין דער ליבעראַלער. מיטן לויף פֿון דער צייט זענען אַלץ מער איינגעשרומפּן געוואָרן די רייען פֿון די אַסימילאַטאָרן און די אַנטי־ציוניסטישע גרופּע „פֿאָלקיסטן" האָט קיין מאָל נישט געשפּילט קיין גרעסערע ראָלע אין פּוילן.

אין איינעם פֿון זיינע עסייען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין ענגליש אַ פֿערטל יאָרהונדערט שפּעטער א. נ. „דער נייער ייד", פּירט סאָקאָלאָוו אַריין די געשטאַלט פֿון אַ יידן, דערצויגן אין גייסט פֿון די עלטסטע און בעסטע יידישע טראַדיציעס, וואָס האָט גלייכצייטיק אויך איינגעזאַפּט אין זיך די קולטור פֿון מערב, שטודירט פֿילאָזאָפֿיע און אַנדערע וויסנשאַפֿטן, פֿיל אַריינגעטראַכט, באַהאַנדלט אַלע אַספּעקטן פֿון יידישן פּראָבלעם און געקומען צו דער ענדגילטיקער מסקנה, אַז מען מוז לעבן מיט אַן אייגן לעבן און נישט מיט אַ פֿרעמדן. דאָך האָט ער אָפּגעוואָרפֿן די אידעע פֿון עפּעס אַ ספּעציעלער יידישער מיסיע, האַלטנדיק, אַז די גרויסקייט, פּראַכט און רום פֿון יידישן פֿאָלק איז זיין רעליגיע, וואָס איז אומצערייסבאַר צונויפֿגעוואַקסן מיט דער נאַציאָנאַלער אידעע. דאָס איז אַ לעבעדיקער כוח, און נישט עפּעס אַ מעטאַפֿיזישע קאָנצעפּציע. אויב ס'איז טאַקע באַשערט, אַז יידן זאָלן אויסאיבן אַן איינפֿלוס אויף אַנדערע פֿעלקער, דאַרף מען זיי אין דעם ניט שטערן, זאָל מען זיי אָבער לאָזן קודם כל זיין פּשוט אַ פֿאָלק, און נישט אַן איבער־פֿאָלק, דאָס אתה־בחרתנו־פֿאָלק. דער עיקר אָבער דאַרף מען שאַפֿן די יידישע ווירקלעכקייט.

צוויי נעמען, וואָס זענען אָפּט דערמאָנט געוואָרן אין אונדזער הויז, זענען פֿאַרבליבן אין מיין זכרון פֿון די סאַמע יינגסטע יאָרן: לאָורענס

אָליפאַנט און דאָן פּעדראָ. אָליפאַנט איז געווען אַ ליטעראַט, דיפּלאָמאַט און רייזנדער פון אַן אַוואַנטוריסטישן פאַרנעם. ער איז געווען אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון ארץ־ישראל און דער פאַרקעמפער פון ציוניזם. נאָך די פּאָ־גראָמען אין רוסלאַנד, אין די אַכציקער יאָרן, האָט ער זיך באַטייליקט אין דער רעטונגס־אַקציע און געשטאַנען אין באַציונגען מיט די טוער פון חובבי ציון. סאָקאָלאָוו האָט זיך מיט אים באַקענט אין לעמבערג אין יאָר 1885 און ער האָט איבערגעזעצט זיין בוך וועגן ארץ ישראל א. ג. „דאָס לאַנד פון גלעד" אויף העברעיש. אָליפאַנט האָט געהערט צו די ערשטע קריסטן מיט וועלכע מיין פאָטער האָט זיך צונויפגעטראָפן, וואָס האָבן זיך איבער־גענומען מיט דער אידעע פון ווידער אויפלעבן פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. ער האָט אים תמיד דערמאָנט מיט סענטימענט, ווי וועגן איינעם פון יענע „אומדערשראָקענע ריטער", וואָס האָבן זיך אין פאַרשידענע תקופות באַוויזן אויפן האָריזאָנט פון גלות, און געוועקט די האָפענונג ביי די יידישע מאַסן. נישט איין מאָל האָט מען מגזם געווען אין זייער באַדייט און וויכ־טיקייט, אָבער תמיד האָבן זיי געהאַט אַ רייץ ביים פאָלק. דאָס זענען געווען די בלאָנדזשענדיקע ריטער פון רענעסאַנס, ראָמאַנטיזם, ווען גע־לערנטע און פּאָעטן האָבן זיך אָנגענומען די עוולה פון יידן און זיי געפּרוווט צו פאַרטיידיקן. במשך פון זיין וויטערדיקער קאַריערע האָט זיך סאָקאָלאָוו אָנגעשטויסן אויף פיל וויכטיקערע, קריסטלעכע קעמפער פון דער יידישער זאַך און ציוניזם, פון דעסטוועגן איז אים תמיד פאַרבליבן אין זכרון די געשטאַלט פון אָליפאַנט, וועלכע האָט אים אַזוי שטאַרק באַאיינדרוקט. ער האָט אויך געהאַט בדעה אָנצושרייבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן אים און זיך פאַר דעם צוועק פאַרשטענדיקט מיט אָליפאַנטס קוזין סער לאָנסעלאָט, געוועזענער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין בריסל.

דער בראַזיליאַנער קייזער דאָן פּעדראָ ד'אַלקאַנטאַראַ, וועמען סאָקאָלאָוו האָט געשיקט זיין ערשט בוך, האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן ציוניזם. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער פריינד פון יידן און דער איינציקער געקרוינטער, וואָס האָט געקענט העברעיש. אין זיינע זכרונות וועגן דאָזיקן מלך שרייבט סאָקאָלאָוו אין יאָר 1891: „אויף מיין שרייבטיש וועט איר געפינען די סאַמע לעצטע, דערשינענע ווערק אין פאַרשידענע

שפּראַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער העברעישער שאַפונג, ווי למשל, מיסטישע מאמרים פון צדיקים, דעם קאָמפּליצירטן פּלפּול פון די תּלמודיסטן, די איבערגעשפּיצטע ווערטלעך פון די דרשנים, און גלייכ־צייטיק ווערטפולע ווערק פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור, שיינע פּאָעזיעס און מעשהלעך פון אַפּיקורסים, וואָס האָבן גערופן דאָס פאָלק צו בילדונג און פּראָגרעס". אָבער קיין שום בוך האָט אויף אים נישט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, ווי דאָס ביכעלע „פּאָעזיאָס העבראַיקאָ־פּראָווענסאַלעס", וועמענס מחבר איז געווען דער בראַזיליאַנער קייזער דאָן פּעדראָ דער צווייטער.

די צייטן, ווען מלכים האָבן געהייסן ברענען יידישע ספרים אויף די שייטערהויפנס, זענען פאַרביי. אין די אָדערן פון קייזער דאָן פּעדראָ פליסט דאָס בלוט פון אַ דינאַסטיע, וואָס איז אַמאָל געווען פיינטלעך צו יידן, זיין האַרץ אָבער איז פול מיט איידלקייט און נשמה־גרויסקייט. ער האָט ביי זיך אָפּגעשאַפט שקלאַפעריי און געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים פאַר־שפּרייטן קולטור און וויסן אין זיין לאַנד. די שפּראַך פון די נביאים האָט אים ווי געכישופט. אומפאַרגעסלעך וועט פאַרבלייבן דער באַזוך פון דאָזיקן מלך אין דער בריסעלער סינאַגאָגע, ווו ער האָט פאַר די מתפּללים געלייענט אַ פּרשה פון דער תּורה און מעביר געווען די סדרה מיטן סקאַרבאָווען ניגון און טראָפּ, ביי וועלכן נישט איין בעל־קורא האָט זיך געמעגט לערנען. אינעם דערמאָנטן ביכל האָט דאָן פּעדראָ דערוויזן זיין גרויסע בקיאות אין יהדות און העברעיש. די העברעישע פּאָעזיעס פון פּראָוואַנסאַלער קאַנט, וואָס שטאַמען פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט און זענען באַקאַנט געווען אין די פיר יידישע קהילות: אַוויניאָן, קאַרפּענטראַס, ל'יל און קאַוויעלאַר, זענען אמתע פּערל פון רעליגיעזער פּאָעזיע, און די באַמערקונגען פון מלך דאָן פּעדראָ זאָגן עדות נישט נאָר וועגן זיין גרויסער בקיאות, נאָר אויך וועגן זיין טיפער מאָראַלישער טענדענץ. אָט ווי אַזוי ער טייטשט אויס חד־גדיא פון דער הגדה: „אויף די שפּיצן פון מענטשלעכע מעשים טוט אַכטונג טוען די אייביקע גערעכטיקייט, וואָס שטראָפט אָדער באַלוינט, לויט די פאַרדינסטן. דאָס איז די אידייע פון טרייסט פאַר די דערנידעריקטע

און פאַרשעמטע, דער קוואַל פון כוח, אויסדויער און עקשנות פאַר אַ פאָלק, וואָס ווערט פאַרפאָלגט זייט דורות״.

דער קייזער דאָן פעדראָ האָט באַשלאָסן זיך אויסצולערנען העברעיש, בכדי אַזוי אַרום קאָנען בעסער פאַרשטיין די יידישע געשיכטע און ליטע־ראַטור, דער עיקר אָבער — די העברעישע פאָעזיע, די נביאים און דעם אָנהויב פון קריסטנטום. זיין ערשטער „מלמד״ איז געווען דער שוועדישער ייד אַקערבלאָם. שפּעטער האָט ער זיך געלערנט ביים פּראָטעסטאַנטישן פּאַסטאָר קאָך און ביים פּראָפעסאָר פון אָריענטאַלישע שפּראַכן סעיבאָלדט:

דער ענטוזיאַסט פון העברעיש אויפן בראַזיליאַנישן טראָן האָט ביי סאָקאָלאָוון אַרויסגערופן אַ גאַנץ ספּעציעלן רעספּעקט צו אים. ער איז תמיד געווען זייער עמפּינדלעך אויף דער פאַראינטערעסירונג פון די וויניקע קריסטן מיט דער שפּראַך פון תנ״ך. דאָס אויפלעבן פון העברעיש האָט ער באַטראַכט אַלס אַ פאָרבאַדינג פון יידישן רענעסאַנס.

און ווי האָט זיך סאָקאָלאָוו באַצויגן צו דער גלות־שפּראַך יידיש, וואָס האָט שוין אין די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אירע הייסע אָנהענגער און פאַרברענטע פאַרטיידיקער? סאָקאָלאָוו האָט נישט געגלויבט אין דער צוקונפט פון יידיש, אָבער קיין מאָל זי נישט באַקעמפט. ער האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן סענטימענט פאַרן דאַזיקן אוצר פון יידישן פאָלקלאָר, מיט וועלכן ער האָט זיך פשוט געקוויקט און אין די שפּעטערע יאָרן פיל געשריבן און גערעדט אויף יידיש. אויף גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פלעגט אָפט קומען צו שטורמישע סצענעס, ווען אַ טייל פון עולם האָט פאַרלאַנגט, נישט פאַרשטייענדיק קיין העברעיש, אַז סאָקאָלאָוו זאָל רעדן יידיש. זיין יידיש איז געווען אַ בלומען־שפּראַך, רייך און בילדעריש, קערנ־דיק און יאַדערדיק, אָבער גלייכצייטיק פשוט און צוטריטלעך, אַז אַלע האָבן אים געקאָנט פאַרשטיין. ער האָט זיך געפילט אין יידיש, ווי אַ פיש אין וואַסער. זיינע אַרטיקלען פאַר דער יידישער פּרעסע פון פּוילן און אַמעריקע האָבן געהאַט אַ גרויסן אָנזען און דערפאָלג.

באַרימטע יידישע שרייבער, ווי פרץ, אַש, נאָמבערג, שניאור, רייזין און אַנדערע, האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע קאַריערע מיט שרייבן דער עיקר העברעישע פאָעזיע, וואָס זיי האָבן געדרוקט אין דער „הצפירה״,

דאַקעגן די העברעישע שרייבער האָבן ליב געהאַט צו „זינדיקן" מיט יידיש. צו יענע צייטן פלעגן פרץ און פרישמאַן זיין אָפטע איינגייער ביי אונדז אין הויז. פרץ איז געווען מיט צען יאָר עלטער פון מיין פאָטער. פרישמאַן האָט געהאַט גלייכע יאָרן. שפעטער איז שוין פרץ צו אונדז געקומען זעלטענער. ער האָט שוין געהאַט זיין אייגענעם קרייז פאַרערער פון יונגע יידישע שרייבער, אָבער תמיד ביזן סוף פון זיין לעבן איינגעהאַלטן פריינד־לעכע באַציונגען מיט מיין פאָטער. געווען צייטן, ווען זיי האָבן גאַנצע אָוונטן פאַרבראַכט צוזאַמען, געשמועסט און אַפילו געפלוידערט. ער, מיט זיינע פלאַמיקע אויגן און געדיכטע וואָנצן, מיט זיין גרויסן קאַפעלוש און פעלערינע, דער אייביק יונגער און ראָמאַנטישער יצחק לייבוש פרץ, איז געווען אַ וווּנדערבאַרער שמועסער און אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון יידישן פאָלקלאָר. קיינער האָט בעסער פון אים נישט געקאַנט און פאַר־שטאַנען דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן, אין אַלע זיינע קווערשניטן. סאָקאָ־לאָוו האָט הויך אָפּגעשאַצט זיין אַזוי אָריגינעלן און ריזיקן טאַלענט. ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן פרצס ערשטע נאָוועלן, האָט סאָקאָלאָוו גערופן דעם יידישן עולם צו לייענען די דאָזיקע נאָוועלן, וואָס זענען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַ מוסטער, ווי אַזוי מען דאַרף באַשרייבן יידיש לעבן און אַ באַשטעטיקונג פון אַן אַלטן אמת, אַז פאָלקס־מאָטיוון זענען ווי אַ מוזיקאַ־לישער אינסטרומענט, וואָס ווער, אַנגערירט פון אַ געניטער האַנט, אַרויס־געבן פון זיך אַן אַקאָרד פול מיט האַרמאָניע, ביי אַ פאַרטאַטש אָבער קומט אַרויס אַ גרילץ.

פרישמאַן איז געווען גאָר אַן אַנדערע אינדיווידואַליטעט, אָבער אין גאַנצן נישט ענלעך צו פרצן, דעם וווּנדערבאַרן מיטשמועסער, וואָס האָט מיט זיין עלאָקווענץ און באַרעדעוודיקייט צוגעשמידט צו זיך דעם צוהע־רער. אַ דאַרער, דראַבנער און אויסגעטריקנטער און תמיד פיין און עסטע־טיש אָנגעטאָן האָט פרישמאַן געקוקט מיט זיין איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן דורך זיינע ברילן, באַראַמט אין גאָלד. ער האָט זייער ווייניק גערעדט. האָט ער זיך אָבער אָפּגערופן, איז עס געווען באַגלייט מיט אַ וויץ און דערצו נאָך אַ סאַרקאַסטישער. סאָקאָלאָוו האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די בעסטע העברעישע שרייבער.

צו די שרייבער פון עלטערן דור, מיט וועלכע מיין פאָטער איז געווען באַפריינדעט, האָט אויך געהערט שלום-עליכם. יעדעס מאָל, ווען שלום-עליכם איז פאַרבייגעפאָרן וואַרשע, האָט ער באַזוכט מיין פאָטער. בעת די דאָזיקע באַזוכן, האָט דאָס געשפּרעך פון בעל-הבית מיט זיין גאַסט זיך פּשוט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרמעסט פון דערציילן וויצן, אַנעקדאָטן, אַריינזאָגע-נישן, שטאָכווערטלעך און סתם חכמות, פון וועלכע מען איז צעזעצט גע-וואָרן פון געלעכטער. שלום-עליכם האָט געשאָטן מיט וויצן, ווי פון אַרבל. די יונגע יידישע שרייבער, ווי שלום אַש, ד״ר עליאַשעוו (בעל מחשבות) און אַנדערע האָבן זיך באַוויזן אויף אונדזער משפּחה-האָריזאָנט פיל שפּע-טער, אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

צו איינעם פון די גרעסטע מעצענאָטן פון יידישן פאָלקלאָר האָט גע-הערט איגנאַצי בערנשטיין, אַ רייכער אינדוסטריעלער און אַ ברייטהאַרצי-קער נדבן, וואָס האָט זיך געלאָזט פיל קאָסטן פאַר יידישע כלל-זאַכן. אים האָט מען צו פאַרדאַנקען דאָס באַרימטע ווערק: „זאַמלונג פון יידישע פאָלקס-ווערטלעך״, אַ בוך פון 700 זייטן. בערנשטיין, וואָס האָט געהערט צו די חובבי ציון, איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט מיין פאָטער, וועל-כער האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר זיינע אַרבעטן און אָפט מאָל אים געדינט מיט אַן עצה. בערנשטיין האָט העכער דרייסיק יאָר געזאַמלט יידישע פאָלקסווערטלעך. געטאָן האָט ער עס מיט ליבע און ממש ליידנ-שאַפטלעכער מאַניע. ער איז געווען דער באַזיצער פון אַ ריזיקער ביבליאָ-טעק, וואָס האָט אַרומגענומען פיל געביטן, צווישן זיי אויך אַ רייכע זאַמ-לונג פון אַפאָריזמען און ווערטלעך פון פאַרשידענע לענדער און שפּראַכן. אַ טייל פון דער זאַמלונג — די יודאַיסטישע אָפּטיילונג — האָט ער אַוועק-געשאָנקען דער וואַרשעווער סינאַגאָגאַלער ביבליאָטעק.

געווען איין איינציק מיטל אויף צו קאָנען ווערן באַפריינדעט מיט אָט דעם גרויסן נדבן. מען האָט געדאַרפט קומען צו אים מיט עפּעס אַ נייעם שפּריכוואָרט, וועלכן ער האָט נישט געקענט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פלעגט מען וועגן אים דערציילן אַן אַ שיעור אינטערעסאַנטע געשיכטעס. אָט איז איינע פון זיי. אַ געוויסן טאָג איז צו אים געקומען אַ קליינשטעטל-דיקער סוחר, בכדי צו קויפן ביי אים אַ גרעסערן טראַנספּאָרט צוקער פון

זיין צוקער־פֿאַבריק. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען מען האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט מושווה ווערן מיטן פּרייז, האָט דער סוחר, אומבאַוווּסטזיניק, זיך באַנוצט מיט אַ פֿאָלקס־ווערטל, וועגן דער לעבנס־חכמה פֿון אײַנגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס. ער האָט, נעמלעך, געזאָגט: „אַז מען קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער". בערנשטיין איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין אָרט, אַרײַנגעלאָפֿן אין אַ צווייטן צימער, פֿון וואַנען ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויס, דיק בוך און געבעטן דעם סוחר איבערצוחזרן דאָס ווערטל, וואָס ער האָט פֿריער געזאָגט. פֿון אָנהויב האָט זיך דער סוחר דערשראָקן און געמיינט, אַז ער האָט מיט עפּעס באַליידיקט בערנשטיינען, און אַז פֿון געשעפֿט וועט שוין גאָרנישט ווערן. ווען בערנשטיין האָט זיך גענומען בעטן ביי אים, אַז ער זאָל דאָך איבערחזרן דאָס ווערטל, האָט זיך דער סוחר באַרויִקט און געזאָגט אָט דעם אַפֿאָריזם. בערנשטיין איז געווען גליקלעך. דאָס געשעפֿט איז צו שטאַנד געקומען. דער סוחר האָט באַקומען זיין באַשטעלונג פֿאַר אַן אויסערגעוויינלעך נידעריקן פּרייז און אויף קרעדיט. און דאָס אַלץ פֿאַר איין יידיש שפּריכוואָרט. אַזאַ ענטוזיאַסט איז געווען בערנשטיין פֿאַר יידישע שפּריכווערטלעך, וואָס האָבן אים באַגייסטערט מיט זייער קאָנדענסירטער לעבנס־חכמה.

אין זיינע זכרונות וועגן בערנשטיינען האָט סאָקאָלאָוו באַרירט אַ ברייטערע טעמע. ער האָט נעמלעך געזאָגט, אַז די דאָזיקע שפּריכווערטלעך פֿירן אונדז אַריין אין דער וועלט פֿון געפֿיל און געדאַנק פֿון פּוילישן, ליטווישן און אוקראַינישן יידנטום. דאָך קאָן מען זיי נישט באַצייכענען אַלס נאַציאָנאַל־יידישע. זיי זענען נישט מער, ווי אַ לאָקאַלער פּראָדוקט, געננוי, ווי דאָס איז — יידיש. לויט סאָקאָלאָוון איז נאַציאָנאַל בלויז דאָס, וואָס איז דאָס אייגנטום פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק, וואָס וועט באַווייזן אויפֿצוציטערן דאָס יידישע האַרץ, סיי פֿון ספֿרדישן, אַשכנזישן און סיי פֿון בוכאַרער, אָדער תימנער ייד. דאָס איז די יידישע רעליגיע, געמיינזאַמער געשיכטלעכער גורל, ארץ ישראל, די העברעישע שפּראַך און אַלץ, וואָס איז מיט דעם אַלעמען פֿאַרבונדן. דאָס מיינט נישט, פֿון דעסטוועגן, אַז די אָרטיקע שאַפֿערישקייט פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין זייער צעשפּרייטקייט אַנטהאַלט נישט אין זיך פֿיל ווערטן פֿון אַלגעמיין־יידישן גייסט. אויך דאָס איז אים געווען טייער־ליב און נאָענט צום האַרצן.

קאַפּיטל 7

איבער שטעט און שטעטלעך

פונקן, פלאַמעלעך. יוגנטלעכע בענקשאַפט, וואָס עלטערט זיך קיין מאָל נישט. נסיעות אין דער אומענדלעכקייט, אין צייט, און דער עיקר אין דמיון. אָבער אײן לייטמאָטיוו, וואָס גלעט דאָס אויער הערשט איבער דעם אַלעם, איין טאָן־שליסל, אָדער רעפריין, וואָס חזרט זיך איבער. מיין פאָטער האָט עס באַצייכנט אַלס דער לייד־מאָטיוו פון יידישן פאָלק. די יידישע, אַזוי האַרציק־נאָגנדיקע, לירישע מעלאָדיע. די מעלאָדיע פון די יידישע היימען, פון וואַנען ער איז אַרויס, פון די אים אַזוי האַרציק־נאָענטע און טייערע שטעטלעך.

פונקן לעשן זיך אויס און צינדן זיך ווידער אָן. אָט גלימערן זיי. בלינצלען און פינקלען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עפּעס אַ מאַגישער כוח שטעקט אין זיי, דער עליקסיר פון אויפהאַלטן אין משך פון דורות, די קראַפט פון סענטימענט און לאָיאַליטעט צום אַלטן, שוין צוויי טויזנט יאָריקן געפיל פון כל ישראל אחים. דער כוח פון בענקשאַפט צו דיין געבוירן־אָרט און היסטאָרישער האַרץ־בענקעניש צו ציון.

מיט אָט די מעלאָדיעס פון יידישן לעבנסקוואַל איז געוועזן איבערפולט סאָקאָלאָווס אַזוי רייכע ליטעראַרישע, פּובליציסטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין די ניינציקער יאָרן, יענע איבערגאַנגס־תקופה, פאַר זיין אַריינוואַרפן זיך מיט אַלע זיינע רמ״ח־אברים אינעם פּאָליטישן ציוניזם.

מיט פיל יאָרן שפּעטער האָט סאָקאָלאָוו נאָך אַלץ נישט געהאַט פאַרגעסן אָט יענע יאָרן און געשריבן מיט אַזוי פיל האַרץ, סענטימענט און נאָגנדיקער בענקשאַפט וועגן יענע צייטן, זיין אַרבעט, זיינע פּאַסירונגען, וועגן מענטשן און געשעענישן פון אָט דער תקופה. און די זכרונות זיינע זענען אַזוי פריש, ווי דאָס אַלץ וואָלט פּאַרגעקומען ערשט נעכטן. דאָס אַלץ האָט געפונען אַ פאַרבנרייכן און פּלאַסטישן אויסדרוק אין אַ סעריע פון זיינע

העברעישע נאָוועלן א. נ. „די דריי פּיאָנערן", ווי אויך אין צאָלרייכע ווערק, וואָס ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע לענדער און שפּראַכן.

דער עכאָ פון זיין היימבענקעניש וועט זיך אָפּרופן אין זיין נשמה ווי אַן אומעטיקע, צאַרטע סימפאָניע פון פּוילישן יידנטום, ווען אין טעג פון זיין אַקטיווסטער טעטיקייט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועט ער זיך אָפּרייסן פון וויכטיקע ענינים און וועט זיך אָנוועקזעצן ביי זיין לאָנדאָ־נעם שרייבטיש, בכדי אָנצושרייבן איינע פון זיינע שטימונגפולסטע און בעסטע עסייען: „דאָס בוך פון מבול".

פאַרשטייט זיך, אַז אויפן ערשטן אָרט איז געגאַנגען די משפחה. און צי האָט עס געקאָנט זיין אַנדערש? צי איז דען נישט דאָס משפחה־געפיל שטאַרקער פון אַלע אַנדערע, וואָס מענטשן האָבן געשאַפן, אָט דער נאָ־טירלעכער באַהעפט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַלע פּראָבן, אין אַלע צייטן. איז דאָך די תורה דער אַפּאָטעאָז פון משפחה־קולט פון אונדזערע אָבות. די גאָלדענע קייט פונעם המשך פון שטאַמבוים איז די פאַרלענגערונג פון לעבן, אויף וועלכן דער טויט האָט נישט קיין שליטה. נישטאָ ביי יידן דער באַגריף פון נירוואַנאַ, אָדער וואַלהאַלאַ. דער טויט איז נישט מער, ווי אַ שלאָף אין שויס פון די אָבות. דער תנ"ך איז ווי אַ גרויסער שלאָפצימער, אין וועלכן ס'חלומט זיך די געטלעכע שכינה און דער משיחישער תחית המתים.

אָבער לאָמיר ליבערשט הערן, וואָס דערציילט סאָקאָלאָוו וועגן זיין היים־ווינקעלע, איידער מיר וועלן מאַכן מיט אים צוזאַמען זיינע יידישע פאָלקלאָר־וואַנדערונגען איבער פּוילן אין דער באַגלייטונג פון יצחק לייבוש פּרץ.

„דאָס איז נישט טונעיאַדעווקע פון זיידע מענדעלע אָדער קאַ־סרילעווקע. דאָס איז מיין שטעטל אין פּוילן. מיין פּלאַצק. דאָס איז מיין לעבן, מיינע נאָענטסטע און טייערסטע, מיט וועלכע מיין נשמה האָט זיך באַהעפט מיט אומצעררייסבאַרע פעדעם. אפשר איז עס טאַקע ענלעך צו יענע שטעטלעך. כ'מיין אָבער, אַז דאָך איז דאָס לעבן אין פּוילן געווען אַ ביסל אַנדערש.

אַ פרייטיק צו־נאַכטס. ס'איז ערב שבת. דער זומערדיקער טאָג

פון שווערער האַרמאָניע שטאַרבט אָפּ רויִק און געלאַסן, ווי אַ צדיק. ערגעץ ווייט אויפן האָריזאָנט, ווו דער הימל גיסט זיך צונויף מיט דער ערד, שלענגלט זיך די בלוי־גרויע לענטע פון דער ווייסל. פון אירע וואַסערן טראָגט זיך אַ דערפרישנדיקער קילער ווינט. אַלץ גייט אַהיים מיט איילנדיקע טריט צוצוגרייטן דעם שבת. די ווייבער מוזן דאָך אָנצינדן די ליכט. פאַר דעם נאָך לויפט מען צום בעקער מיט די טשאָלנט־טעפּ. אין דער לופט טראָגט זיך דער ריח פון פריש געבאַקענער חלה און ראָזשינקעס־ווײַן.

די מאַמע טראָגט אויף זיך דאָס שבתדיקע זײַדענע קלייד מיט דער בלויער אַטלאַסענער שלייף. זי שטייט ביי די לייכטערס מיט אָנגעצונדענע ליכט, צודעקנדיק איר ליכטיק פּנים מיט אירע צאַרטע פינגער. לויטערע, הייליקע טרערן טריפן איר אַראָפּ פון די אויגן דורך די פינגער אויפן שניי־ווייסן טישטוך...

מיין טייערע שטאָט, מיינע נאָענטסטע. דאָס איז נישט קיין מאַ־שין־אַרבעט. דאָ אַרבעט דאָס האַרץ. די האַרמאָניע פון געפילן...

זאָג מיר, מיין פריינד:

ווו זענען קינדער מער צוגעבונדן צו זייערע עלטערן, ווי אין מיין שטאָט?

ווו האָבן עלטערן מער ליב זייערע קינדער?

ווו העלפט מען מער די קרובים?

ווו איז גרעסער דאָס רחמנות־געפיל צו נויטליידנדיקע?

ווו איז מער פאַראַכטעט דער כאָם?

ווו גיט מען אָפּ מער כבוד אַ למדן?

ווו האָט מען אַ גרעסערן רעספּעקט פאַר אַ ספר?

ווו ווערן די זקנים מער פאַרערט און זענען ענלעכער צו די פאַטריאַרכן? זאָג מיר, מיין פריינד! וואָרעם איך ווייס נישט".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און איצט, לאָמיר זיך אַריבערטראָגן אין אַנדערע שטעטלעך. ווי אַזוי האָט זיך געלעבט דעם אָרעמען יידישן פאָלקס־מענטש? ווי אַזוי האָבן זיך אַן עצה געגעבן די „לופט־מענטשן", פון וועלכע נישט איינער, ווען ער איז

אַרויס אויף דער ברייטער וועלט, האָט ער באַוויזן ווונדער, און געוואָרן אַ מיליאָנער... סאָקאָלאָוו האָט שטודירט די יידישע טיפּן פון קינדוויז אָן. ער האָט זיי געקאָנט דורך־און־דורך און וועגן זיי געשריבן מיט ליבע און האַרץ אין זיינע צאָלרייכע בילדלעך.

נעמט, למשל, אַזאַ טיפּ, ווי שמעון שמואל, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אַהער, ערגעץ פון מזרח, פון יענער זייט בוג. מיט איין וואָרט — אַ ליטוואַק. שמעון פלעגט אַזוי זאָגן: „וויס, אַז דו ביסט אַ ייד, אַז דו האָסט אַ ווייב מיט קינדער. הייגט ביסטו דאָ און מאָרגן ווייסט איין גאָט. דער טאַטע האָט דיר נישט איבערגעלאָזן, נישט קיין הויז, נישט קיין פאַרמעגן און נישט קיין שניט־געשעפט. פאַרשטיי דאָס און זיי אַ מענטש״. דעם דאָזיקן פּזמון האָט שמעון געזאָגט, ווען מען האָט אים געפרעגט, ווי האַלט עס מיט פרנסה. די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט זענען געווען טרוקענע און האַרטע. ער האָט געהאַט אַ שפּיציק־שאַרפע נאָז. אין דער האַנט האָט ער תמיד געהאַלטן אַ טלאָמאָקל. אַרבעט האָט אים קיין מאָל נישט געפעלט. אַרויסגייענדיק פון דער שטוב איז ער צו ערשט אַריין אין שטעלעכל און צוגע־שיט די גענדז און הינער צום עסן. דערנאָך האָט ער געפיטערט די אינדיקעס. פון דאָרט איז ער ערשט אַרויס אויף דער גאַס. אין די מאַרק־טעג פלעגט שמעון איינקויפן כלערליי תבואות, זעק מיט מעל און זאָמען זענען ביי אים געווען אין פאָדערהויז. ער פלעגט אויך איינקויפן אַלטוואַרג און געהאַנדלט מיט שמאַטעס און ביינער. ער האָט אויך געהאַנדלט מיט שמעלץ־אייזן און געפאָרן מיט אַנגעזעענע סוחרים אויף ליציטאַציעס, פון וועלכע ער פלעגט באַקומען פון צייט צו צייט צו עטלעכע רובל, ער זאָל זיי לאָזן צורו. צוריק פלעגט ער קומען אויפן מאַרק מיט פיש, אייער, הינער און אַנדערע עופות. צו דעם אַלעמען פלעגט נאָך שמעון פוצן גאָלדענע און זילבערנע חפצים, נייען קאָלדרעס, און מאַכן קאַנאַפּעס און פאָטעלן. ער האָט געשריבן אהבה־בריוולעך פאַר חתנים, אָדער כלות, געפיטערט גענדז פאַר גוים, און טייל מאָל פאַרקויפט די פויערים טיי אויף גלעזער.

בעת די ימים נוראים איז ער געווען אַ חזן אין די דערפער,

ווי יידן האָבן געוווינט און איז אויך געווען אַ גוטער שופר־בלאָזער. ווי איר זעט איז ר' שמעון נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק.

ר' שמעון שמואל האָט אויך געמישט אין קעסל אַש מיט פאַרב און דערמיט געפאַרבט מלבושים. די קאַפּאָטעס און די הויזן פון יענעם שטעטל יידן האָבן זיך געעלטערט צוזאַמען מיט זייערע בעלי־הבתים און מינדעסטנס יעדע פיר יאָר האָט מען געמוזט אויפפרישן דאָס בגד. חוץ דעם האָט שמעון שמואל באַקומען אַ נייע באַשעפטי־קונג. ער איז געוואָרן חזן אין קליינעם בית־המדרש אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם איטשע וואָלף און באַקומען 35 קאָפּיקעס פאַר יעדן שבת.

זיין ווייב גיטל האָט זיך, ווידער, געהאַט אירע געשעפטן. זי איז געווען אַ גאַנצע גבאיטע און קאָכלעפל אויפן רבינס הויף. זומערצייט האָט זי צוגעגרייט מאַלינעס־זאַפט, אויסגעקנעטן פערפלעך און גע־מאַכט אויף ערב יום־כפור וועקסענע ליכט. מיט איין וואָרט, זי איז געווען אַ גאַנצע כל־ולך ביי די נשים אין רבינס הויף. יעדעס יאָר צו ערב פסח פלעגט זי פאַר זיי אָרויפציען די פּערל אויף נייע שנורן. אויפן מאַרק איז זי געווען די פאַרקויפערין פון פאָסן, טיכלעך און הענטשקעס. זי איז געגאַנגען איבער די הייזער און פאַרקויפט גע־שאָכטענע גענדזלעך, פון איר מאַנס שחיטה... דאָס זענען געווען גענדזלעך אָן אַ טראָפן שמאַלץ, ווייל די גריוון און גענדזנשמאַלץ האָט שמעון שמואל אַליין פאַרקויפט אויפן מאַרק.

פון צייט צו צייט פלעגט גיטל פרעגן איר מאַן: „ווי לאַנג וועלן מיר נאָך האָבן אַזוי פיל מלאכות און אַזוי ווייניק ברכות?". אויף וואָס ער פלעגט ענטפערן קורץ און שאַרף: „און דאָך האָסטו יעדן טאָג וואָס צו נעמען אין מויל אַריין און אויך די קינדער גייען אַרום ב"ה נישט הונגעריק. דו האָסט אויך וואָס אָנצוטאָן אויף זיך. און מכוח מלאכות? אַפילו דער אייבערשטער אַליין האָט אונדז געהייסן האָבן פיל מלאכות. אויף פסח ווערט דער ייד אַ בעקער און באַקט מצות, אויף שבועות ווערט ער אַ גערטנער, אויף סוכות ווערט ער

דער קוטנער רב ר׳ ישראל־יהושע טרונק (באַקאַנט א. נ. רב שיעלע קוטנער)
איינער פון נחום סאָקאָלאָווס רביים

אַ בוימייסטער, אויף חנוכּה מאַכט ער דריידלעך און ראש־השנה בלאָזט ער אין שופר..."

די יידן פון שטעטל האָבן זיך געהאַט שוין צוגעוווינט צו שמעון שמואלן. שוין פופצן יאָר, ווי ער האָט געלעבט אין שטעטל. קהל האָט אים באַהאַנדלט מיט דרך ארץ, ווי צו אַ מענטש, וואָס קאָן אַלץ. בלויז איין זאַך האָט מען אים נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער איז געווען אַ... ליטוואַק און אויך זיינע קרובים זענען, רחמנא־ליצלן, ליטוואַקעס. אַנומלט בעת אַ סעודה נאָך דעם, ווי מען האָט שוין גע־מאַכט אַ שפּאָר ביסל „לחיימס", האָט שמעון שמואל זיך פאַרראַטן און אויסגעגעבן דעם סוד, אַז ער שטאַמט פון „יענע" מקומות. זיין פאָטער איז געווען אַ מלמד אין סלאָנים, וואָס איז דריי מאָל אין טאָג אויסגעגאַנגען פון הונגער. טעג און נעכט האָט ער נישט אויפגע־הערט צו לערנען און געזעסן איבערן זוהר און אַנדערע קבלה־ספרים. די קינדער זיינע, נישט האָבנדיק קיין חיונה אין דער היים, זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן. ער, שמעון שמואל, האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט פון תחום־המושב אין רוסלאַנד, געפאָרן אויף טראַטוועס פון האָמעל קיין קרעמענטשוג, פאַרקויפט פאַנטאָפל אין שקלאָוו, גע־ווען אַ משרת אין בערדיטשעוו, לאָמזשע און ריגע, ביז ער האָט זיך, ענדלעך, באַזעצט אין דאָזיקן שטעטל. איינער פון זיינע ברידער האָט זיך געשמדט און געוואָרן אַן אַקטיאָר אין אַ ווינער טעאַטער, אַן אַנדערער ברודער האָט אַוועקגעוואַנדערט אַזש קיין טראַנסוואַל און ווער ווייסט, צי ער איז נאָך אַ ייד. די שוועסטערס? ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען און וואָס איז פון זיי געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם.

שמעון שמואל איז געווען אַן אמתער וואַנדערפויגל, אַ נע־ונדניק, פאַר וועלכן דאָס פּוילישע שטעטל, אין וועלכן ער האָט זיך באַזעצט, איז גע־וואָרן אַמעריקע. אָט דער דאָזיקער יידישער טיפּ פון אַ גלות־אַפּריכטער, האָט פאַראינטערעסירט סאָקאָלאָוון מיט זיין פאַנטאַסטישער ענערגיע און קלוגע איינפאַלן. אין יענע צייטן האָט אָבער סאָקאָלאָוו געזוכט גאַנץ אַנדערע יידן, וואָס זאָלן האָבן אַ געפיל פאַר לאַנדאַרבעט און אַ פּויעריש לעבן אויפן

דאָרף, פאַרבונדן מיט אַ יידישן סענטימענט, די פּאָטענציעלע פּיאָנערן פון ארץ־ישראל, די צוקונפטיקע חלוצים.

שוין אין דער ערשטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט זענען דורך געוויסע יידישע גוטבאַזיצער געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון באַזעצן פּוילישע יידן אויפן לאַנד. צווישן די פאַרקעמפער פון אָט דער באַוועגונג האָבן זיך אויסגעצייכנט סאָלאָמאָן פּאָזנער, דער גרויסער גוטבאַזיצער פון קוכאַרי, בערנאַרד קאַפּטאַל — דער גוטבאַזיצער פון אמיעטשין און מיכאל בערגסאָן — דער גוטבאַזיצער פון וועגזשישין. די דאָזיקע אַקציע האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויסן פאַרנעם און האָט זיך נישט אַנטוויקלט. דאַקעגן זענען דערגרייכט געוואָרן ערנסטע רעזולטאַטן אין דרום־רוסלאַנד, אין די כער־סאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גוברניעס, ווו עס האָבן זיך באַזעצט לערך דרייסיק טויזנט יידישע קאָלאָניסטן, און געמאַכט אַ שיין לעבן אין די קאָלאָניעס. ערשט דער אַרגענטינער עקספּערימענט פון באַראָן הירש, אין די נײַנציקער יאָרן, האָט געשטאַרקט דעם אינטערעס פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין פּוילן פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. אין וואַרשע איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן נחום סאָקאָלאָוו איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער, און, ווי איך האָב שוין געהאַט דערמאָנט, איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פאַרם אין טשענסטאָכאָוו.

אין יענע צייטן האָט סאָקאָלאָוו געהאַט נאָך אַן אינטערעסאַנטע גע־לעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אָט דעם פּראָבלעם. דער גרויסער פילאַנטראָפּ יאַן גאָטליב בלאָך, וועגן וועלכן ס׳וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן, האָט אונטערגענומען סטאַטיסטיש אויסצופאָרשן די סאָציאַלע סטרוקטור פון די יידן אין פּוילישן קעניגרייך און דער עיקר — מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך. ער האָט נעמלעך צוגעגרייט אַ מעמאָריאַל פאַר דער רוסישער רעגי־רונג, אין וועלכן ער האָט דערוויזן, אַז יידן זענען נישט קיין פּאַראַזיטן און אַז זייער אַרבעט איז נישט ווייניקער פּראָדוקטיוו, ווי פון די אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אין דאָזיקן מעמאָריאַל האָט אויך באַדאַרפט באַ־רירט ווערן די מעגלעכקייט פון באַזעצן יידן אויפן לאַנד ביי לאַנדווירט־שאַפט. טראָץ דעם, וואָס סאָקאָלאָוו, ווי אויך פּרץ האָבן זיך סקעפּטיש באַ־

צויגן צו די רעזולטאַטן פֿון בלאָכס באַמיונגען צו פֿאַרבעסערן די יידישע עקזיסטענץ, האָבן זיי דאָך זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַנקעטע און באַזוכט אַ ריי פֿון יידישע שטעטלעך אין פּוילן.

דאָס איבערפֿאָרן זיך איבער די שטעט און שטעטלעך האָט זיי געלאָקט און אינטריגירט. דאָס אָנקניפּן אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן פֿאָלק איז פֿאַר זיי תמיד געווען אַן אינספּיראַציע.

פּרץ האָט דערנאָך זיינע איינדרוקן פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער „יידישע ביבליאָטעק", וואָס ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט. מיין פֿאָטער האָט עס באַשריבן אין צאָלרייכע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער „הצפירה" און אין דער פּויליש־יידישער וועכנטלעכער צייטשריפֿט „איזראַעליטאַ". אויפֿן פֿאָן פֿון די דאָזיקע זכרונות האָט ער, פֿיל יאָרן שפּע־טער, אָנגעשריבן דריי גרעסערע נאָוועלן: „יוסף משוגע", „ר' משה פּריץ" און דער „ראָמאַן פֿון אַן עילוי".

אַ כאַראַקטעריסטישע זאַך, וואָס געוויסע קריטיקער האָבן אָנגעוויזן וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פֿון נחום סאָקאָלאָוו: אין אַ געוויסן זין איז ער געווען אַן אויסנאַם און אַ זעלטענער פֿאַל. אין דער צייט, ווען געוויינלעך דערגרייכן די שרייבער די העכסטע שטופֿע פֿון זייער שעפֿערי־שער קאַריערע ווען זיי זענען נאָך יונג און אין בעסטן פֿאַל, אין די רייפֿע יאָרן, דאַקעגן ווערט זייער שעפֿערישקייט אַלץ שוואַכער, ווען זיי ווערן אַלט, האָט סאָקאָלאָוו געשריבן וואָס אַ מאָל בעסער ביזן סוף פֿון זיין לעבן. די צייט האָט איבער אים נישט געהאַט קיין שליטה און זיינע בילדער זענען געווען אַלץ קלאָרער און שאַרפֿער.

מיין פֿאָטער און י. ל. פּרץ האָבן צעטיילט צווישן זיך די ראָלן. אויף דער לובלינער ערד האָט זיך פּרץ געפֿילט, ווי ביי זיך אין דער היים. סאָקאָלאָוו ווידער — אין פּלאָצקער קאַנט. פּרץ האָט געפּאַרשט און רעגיס־טרירט דעם יידישן פֿאָלקלאָר, לעבנסשטייגער, געריכטס־פּראָצעסן (יונגער־הייט איז ער געווען אַ געריכטס־פֿאַרטיידיקער), קאָנפֿליקטן מיט דער פּאָ־ליציי. סאָקאָלאָוו ווידער, האָט פֿאַרנאָטירט פֿאַקטן און מענטשן, אויף געביטן, ווו ער האָט זיך געפֿילט צו זיין אַ זאַכקענער. ער האָט גערעדט מיט ישיבה־בחורים פֿון די בתי־מדרשים, מיט רבנים, משכילים און חסידים. נישט

קיין ווונדער, דעריבער, וואָס אין זיינע הענט איז אַריינגעפאַלן אַזאַ טיפּ, ווי דער ווילנער יאָסל מינץ, וואָס איז פאַר אים געוואָרן, ווי אַ סימבאָלישע רענעסאַנס־געשטאַלט. די פּרעכטיקע דערציילונג וועגן „יוסף משוגע" האָט דערנאָך איבערגעזעצט אויף פּויליש דער קאַטוילישער גלח כראַפּוסטאַ, דעמאָלט נאָך אַ יונגער געלערנטער פון קראָקאָווער אוניווערסיטעט, אַ גרויסער קענער און ליבהאָבער פון העברעיש.

די שטאָט פון „יוסף משוגע", וועלכע פּרץ און מיין פאָטער האָבן באַזוכט, האָט געהערט, פאַר אונדזערע צוויי געוויסנהאַפטע פאָרשער, צו די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטעט פון יידישן פאָלקלאָר. אָט, ווי אַזוי סאָקאָלאָוו באַשרייבט זי:

„צונויפגעדריקטע הייזקעס, הויפטזאַכלעך הילצערנע, נידעריקע, אַלטיטשקע, איינגעבויגענע, תמיד פאַרהילט אין שאָטן, וואָס האַלטן זיך קוים פון איין שריפה ביז אַ צווייטער. אַ טייל פון זיי האַלט שוין ביים איינפאַלן. אָן אַ שיעור געדרייטע שטעגלעך און סטעזשקעס, בערגלעך, פאַרקאַנעס און פּלויטן, וואָס פירן צום מאַרקפּלאַץ מיט זיינע עטלעכע קאָמיעניצעס. אין שטעטל לעבן לערך פיר הונדערט יידישע משפחות. פיל בעל־מלאכהס, לערך צוואַנציק בעלי־עגלות, אַרום פופציק מלמדים, עטלעכע בעקער, דריי שטריקמאַכער, היטלמאַכער, שניידערס, שוסטערס, אַ רב, אַ ווינקל־מורה־הוראה, דריי שוחטים, פינף שמשים, אַ חזן מיט משוררים, צוויי זייגער־מאַכערס און אַ דריטער, וואָס מאַכט אויך צורעכט פאַראַסאָלן, אַ סופר, וואָס פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, אַ טליתים־מאַכער, עטלעכע גלעזערס, וואָס ווינטער האָבן זיי אַריינגעשטעלט שויבן אין די פענצטער און זומער געווייסט און געקאַלכט די ווענט, דריי אָדער פיר טרעגערס, לערך פערציק משרתים און אַמען. אין גאַנצן צוויי אָדער דריי נגידים אין שטעטל. איינער פון זיי איז אַ פאָדראַטשיק און האָט צען אַנגעשטעלטע, וואָס זאָגט זיי קיין מאָל נישט אָפּ, צי עס איז יאָ דאָ אַרבעט אָדער נישט. געווען אַ דאַמפּמיל, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן און מען האָט זי מער נישט צוריק אויפגעבויט. פאַראַן אויך דאָרט אַ כמאַרע פון מעקלערס און שדכנים. פאַראַן משפחות, ביי וועלכע מען קאָן בכלל נישט פעסטשטעלן זייערע פּרנסות. דער פאָטער פאַרנעמט זיך מיט פאַרקויפן לאָטעריי־צעטע־

לעך, הייוון און ראַזשינקעס־ווייַן. די מוטער, ווידער, פאַרקויפט אויבסט פון קיישל, מאַכט צורעכט זעק, פּליקט פעדערן, נייט און לייגט לאַטעס.

אָן אַ שיעור געוועלבלעך, קראָמען און קלייטלעך. אָבער ווו נעמט מען אַ פּאָר גילדן אויף איינצוקויפן סחורה און בכלל ווי פאַרדינט מען אויף אַ שטיקל ברויט? און אָט דער מענטש־געזעמל לויפט אַרום פאַרהאַוועט, פאַרשמאַיעט, מיט רעש, געפילדער אין דעם פאַרצווייפלטן קאָנקורענץ־קאַמף פאַר אַ ביסל חיונה. ס׳קומט אָן דער טאָג פון צאָלן די וועקסעלעך און דאָ איז נישטאָ קיין גראָשן ביי דער נשמה. די איינציקע רעטונג איז דעמאָלט אַ גמילות־חסדל. אויף אַ טאָג, אויף אַ שעה, אויף אַ מינוט, ביז די ישועה וועט דערווייל נישט קומען פון אויבן. מען לייט ביי יאַקלען און מען גיט אָפּ שמערלען און פּאָר מאָרגן וועט שוין גאָט זאָרגן. מענטשן ווערן דערדריקט אונטער דער שווערער לאַסט, וואָס הייסט — לעבן. אַ באַרג פון הוצאות: דירה־געלט, דאָס געוועלב, דער האַנדלס־פּאַטענט, און נאָך אַ פּאַטענט און ווידער אַ פּאַפּירל. דאָס מלכות נאָגט פון זיי אויס דעם לעצטן טראָפּן בלוט און ערשט דער כאַבאַר, וואָס מען מוז צאָלן די לאַפּאָווניקעס, די פּאָליציאַנטן און באַאַמטע. און די קאַצאַפּן הייסן זיך צאָלן פאַר אַלץ, וואָס זיי טוען פאַר דיינעטוועגן און גיכער דערפאַר, וואָס זיי טוען נישט.

פּאַקטיש אָבער, זענען אָט די אַלע געשעפטן, אָט דער דאַזיקער ביטע־רער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס ווערט געפירט נישט מיט די ציין און נעגל, נאָר מיט אומפאַרגלייכלעכער חכמה און איינפאַל, פאַר זיי נישט דער עיקר און דער זין פון לעבן, וואָס פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך דערמיט איבערנעמען. וואָס איז יאָ וועזנטלעך און וויכטיק אין די אויגן פון אָט די יידן קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם בית־המדרש, ישיבה, רב, שבת און ימים־טובים, ווען די בעלי־בתים זענען מיט געלאַסענע, רויִקע טריט, גע־גאַנגען אין שול אַריין, האַלטנדיק די טליתים־זעקלעך אונטער די אָרעמס און ווען זייערע קינדער און איידעמס זענען זיי נאָכגעגאַנגען, אַלס סימן פון המשך פון דור און טראַדיציע. באַזונדער זענען געגאַנגען די חסידים אין זייערע סאַמעטענע היטעלעך, וואָס זענען געווען אָדער טיף אַראָפּגערוקט אויפן שטערן, אָדער גאָר אַרויפגערוקט אויפן סאַמע שפּיץ קאָפּ, מיט די

געקרייזלטע פּאות, וואָס האָבן זיך ברייט געשאָקלט ביי יעדער באַוועגונג מיטן קאָפּ״.

„מיר האָבן זיך באַמיט — שרייבט סאָקאָלאָוו — אַז אונדזער אָנוועזנ־הייט און דער עיקר אונדזער אויסזען זאָל נישט אַרויסרופן קיין פּראָטעסטן בײם עולם. מיין אויסזען האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, אָבער די ברייטע און דיקע וואָנסעס פון פּרצן, ביי וועמען די באָרד איז גלייכצייטיק געווען אָפּראַזירט, האָט אַרויסגערופן אַן אומרו אין שטעטל. אַ חוץ די דאָזיקע פּרצס וואָנסעס, וואָס האָבן פּראָוואָצירט די קליינשטעטל־דיקע יידן, האָט ער, פּרץ, באַאומרויִקט די יידן צוליב נאָך אַ סיבה. ער האָט געטראָגן אַ ברייטע פּעלערינע, וואָס איז אים אַראָפּגעהאָנגען פון די אָרעמס, און וואָס ער האָט געהאַט פאַרקנעפּלט בלויז אויף דעם איינציקן קנעפּל, ביים האַלדז. „האָב רחמנות, — זאָג איך אים — נעם אַראָפּ די פּע־לערינע, וואָס קאָן אונדז נאָך פאַרשאַפן די גרעסטע צרות״. פּרץ האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און ס׳איז געשען, וואָס איך האָב פאָרויסגעזען. די פּלפּול־קעפּ פון יענעם שטעטל האָבן געפּסקנט, אַז פּרץ טאָר נישט טראָגן די דאָזיקע פּעלערינע אום שבת, ווייל זי האָט נישט קיין אַרבל, און ווען דער ווינט בלאָזט, ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ זעגלטוך, צוליב וואָס זי הערט אויף צו פאַרעמען דעם קערפּער און איז בלויז אַ משא״.

צום גליק האָט דער קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב אָט דער פּעלערינע, נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און די אָרטיקע יידן האָבן זיך אַפילו באַמיט צו העלפן פּרצן און סאָקאָלאָוון אין זייערע אַרבעטן.

יאָסל מינץ איז געווען דער זון פון דעמאָלט שוין פאַרשטאָרבענעם ר׳ אבלי דעם מורה־הוראה, וועלכער האָט געהאַט פיל מער אָנזען אין שטעטל, ווי דער רב. ר׳ אבלי איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ גאָטספאַרכ־טיקער ייד. ער האָט געלעבט ביחידות און האָט באַקעמפט די אַזוי־גערו־פענע כלי־קודש, וואָס „האַנדלען מיט דער תורה״, ווי ער האָט זיי באַצייכנט. אַן ענטוזיאַסטישער ליבהאָבער פון דער נאַטור און אַ טיפער דענקער האָט ער געהאַט אין זיך עפּעס פון בעל־שם. מען האָט זיך אָנדערציילט לעגענ־דעס וועגן זיין גרויסער ליבע צו מענטשן און חיות. מען פלעגט איבער־חזרן זיינע קלוגע, דערהויבענע מסקנות, וואָס ער האָט געמאַכט פון די

שענסטע געדאַנקען אין דער תורה, פּוסקים און ש״ס. ער איז געווען דורך און דורך אַ ליבעראַל, פול מיט טאָלעראַנץ און פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן צווייטן. ער האָט נישט פֿאַרטראָגן און געהאַט תרעומות אויף אַזעלכע, וואָס האָבן געצוווּנגען צו טראַכטן, אַזוי ווי זיי. ער האָט זיי פֿאַרגליכן צו יענעם נאַר, וואָס איז געשטאַנען אין וואַלד און געהאַלטן אין איין קריטיקירן: „דער בוים איז צו הויך, יענער — צו קליין, דער האָט בלעטער, יענער האָט נעגעלעך אָדער שטעכלקעס. איך וויל, אַז אַלע זאָלן זיין גלייך״. די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער שלמותדיקייט און פּערפעקציע איז ביי אים געווען, ווען עמעצער איז אומדערשראָקן. דאָס איז, פּלעגט ער זאָגן, די אייגנשאַפט פון אמתדיק גאַטפּאַרכטיקע מענטשן, וואָס ציטערן באימה וביראה נאָר פֿאַר זיין ליבן נאָמען, אָבער מער פֿאַר קיינעם נישט און פֿאַר גאָרנישט. ער האָט געלערנט אַסטראָנאָמיע, און ווען מען האָט אים געפרעגט, צי ער דאַרף דאָס קענען אויף צונויפשטעלן דעם לוח, האָט ער געענטפערט: „ניין, איך לערן זיך חכמת־התכונה בלויז דערפֿאַר, ווייל דאָס איז די בעסטע רפואה צו מענטשלעכער גאווה, איינרעדעניש און בלאָזעניש. גאווה איז אַ מיאוסע תאווה״, פּלעגט ער זיך אויסדריקן. זיין מיסטיק איז געווען מלא חן און ער האָט זי פֿאַרבונדן מיט מוזיק. מעלאָדיעס באַשטייען פון קלאַנגען און די טענער זענען באַהויכט פון גייסט, פון רוח־הקודש און נשמה־ציטער. דער גרעסטער באַגער פון ר׳ אבלי איז געווען דאָס אַרויסבאַקומען פונעם אַש נאָך אַ פונק פון גייסט, וואָס שטעקט אין יעדן געטלעכן באַשאַף. יעדן ייד, וואָס וואָלט זיך אויפגעפירט אַזוי ווי ר׳ אבלי וואָלט מען פֿאַרשריגן ווי אַן אַפּיקורס און מען וואָלט אים דורס געווען פון קהל. אים אָבער האָט מען אַלץ מוחל געווען. זיינע קעגנער האָבן פֿאַר אים געציטערט אימת מות, וואָרעם גרויס איז געווען זיין נאָמען ביים פּשוטן יידישן מענטש.

ר׳ אבלי איז געשטאָרבן פֿאַר דער צייט און געבליבן איז נאָך אים דער זון יוסף, וואָס איז געווען אין אים געראָטן. ער האָט געירשנט נאָך אים דעם פֿאַנאַטיזם פון אמת, מוט, אומדערשראָקנקייט און דעם רעוואָלט פון גייסט. זיין טעמפּעראַמענט האָט אָבער געפונען אַן אַנדערן תיקון. ער האָט זיך גוט געלערנט, אָבער, זייענדיק נאָך אין חדר פּלעגט ער שוין איינרייסן מיט די מלמדים און געשטעלט קשיות, אויף וועלכע זיי האָבן

נישט געקאָנט ענטפערן. אינעם בית־המדרש איז אים שוין געווען ענג אין זיינע ד׳ אמות. פון די דומפיקע, פאַרגעלבטע גמרא־בלעטער האָט אים געצויגן אין שויס פון דער נאַטור, ווו ער האָט אריינגעאָטעמט אין זיך די פרישע ריחות פון פעלד און וואַלד. ס׳איז אים אויך באַשערט געוואָרן צו מאַכן דעם געוואַגטן שפרונג פון גמרא־פלפול און קבלה־ספרים צו שווערער פיזישער אַרבעט אויפן לאַנד. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער שפרונג! אַ יידישער פויער! יאָסל משוגענער! — האָבן אים די יידן אין שטעטל גערופן. יאָסל איז אָבער געוואָרן אַ מוסטערהאַפטער בעל־הבית פון זיין לאַנדווירטשאַפט און איז געוואָרן אַ ביישפּיל פון ריכטיקן בעלי־ביתעווען ביי די אַרומיקע פויערים.

ווען סאָקאָלאָוו איז געקומען אין יענעם שטעטל מיטן צוועק דורכצופירן די סטאַטיסטישע אַנקעטע האָט ער אויך באַזוכט דאָס פּאַלוואַרקל פון יאָסל מינץ. ער איז געוואָרן באַגייסטערט פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט דאָרט געזען. ער איז געבליבן דאָרט נעכטיקן און פאַרבראַכט לאַנגע שעהען אין אַ געשפּרעך מיט יאָסל מינץ. אַ ברייטע פּלייצע, אַ לייבן־קאָפּ, די פויערישע תמימות, באַוועגונגען פול מיט ווירדע — אַזוי שילדערט סאָקאָלאָוו זיין אויסזען. „יאָסל דער משוגענער” האָט אויספירלעך געענטפערט אויף אַלע געשטעלטע פראַגן און דער עיקר וועגן זיין לעבנס־וועג, וואָס איז געווען פול מיט שווערער האַרעוואַניע, אַ לעבן פון כסדרדיקן קאַמף מיט דער אומגעבונג און סביבה, ווו עס האָבן געלויערט אויף אים אַזוי פיל געפאַרן. יאָסל האָט זיך אָבער געפילט גליקלעך אויף זיין שטיקל ערד און ס׳איז אים אַפילו געלונגען צוצוציען אַ גרופּע פון יידישע קאָלאָניסטן, וואָס זענען געווען ענלעך צו אים. די נאַציאָנאַל־יידישע באַוועגונג האָט אים נישט אינטערעסירט. דערפאַר אָבער האָט שוין זיין זון, דער יונגיטשקער אבלי, געלייענט טעג און נעכט העברעישע ביכער און געחלומט וועגן עולה זיין קיין ישראל און דאָרט זיך באַזעצן אויף פעסט.

דער ווייטערדיקער גורל פון „יוסף משוגע”, איינעם פון די ערשטע יידישע פּיאָנערן פון לאַנדווירטשאַפט אין פּוילן, איז געווען טראַגיש אין זיין סימבאָליק. פיל שפּעטער איז סאָקאָלאָוו וועגן דעם געוואָר געוואָרן און עס באַשריבן. דער יונגער אבלי איז אַנטלאָפן קיין ארץ ישראל, פון וואַנען

ער האָט געשריבן ענטוזיאַסטישע בריוו. ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ קיבוץ. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט און איז געווען גליקלעך. ער האָט כסדר גע־רופֿן צו זיך דעם פֿאָטער, ער זאָל ענדלעך זיך אויך באַזעצן אין ארץ־ישראל. „יאָסל משוגענער" האָט אַלץ זיך נישט געקאָנט באַשליסן צו פֿאָרן. ענדלעך האָט ער געפֿאַסט דעם באַשלוס צו לעבן צוזאַמען מיט זיין זון און אייניק־לעך אין ארץ־ישראל. ער איז אָפּגעפֿאָרן קיין אַדעס. אויפֿן וועג האָט ער אָבער זיך אָפּגעשטעלט אין די יידישע קאָלאָניעס פֿון דער כערסאָנער גובער־ניע, וועלכע ער האָט געוואָלט באַזוכן. אין אַ שכנותדיקער שטאָט פֿון אַזאַ קאָלאָניע איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אויף יידן. צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלאָניסטן איז יאָסל אַוועק אין דער שטאָט, בכדי זיך צו באַטייליקן אין דער יידישער זעלבסטשוץ. בעת די קאַמפֿן איז ער אומגעקומען.

אין איינעם פֿון זיינע נאָטיץ־ביכלעך האָב איך ביי מיין פֿאָטער געפֿו־נען פֿאָלגנדיקע באַמערקונג: „די ביכער זענען קיין מאָל נישט געווען ביי מיר דער הויפּט־מקור פֿון מיין וויסן. אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אין די שטעט און דערפֿער האָב איך זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרשטיין דאָס פּוילי־שע יידנטום. יעדעס שטיקל אָרט, וואָס איך האָב באַזוכט, יעדע זאַך, וואָס איך האָב געזען, האָבן באַרייכערט מיין וויסן און דערקענטעניש. תמיד האָב איך נאָטירט מיינע איינדריקן".

דאָס איז די סיבה, פֿאַר וואָס איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף די אַזוי פֿאַרבנרייכע יידישע טיפּן און סצענעס פֿון מיין פֿאָטערס דור. דאָס איז געווען דער עיקרדיקער פּאָן, מיט וועלכן מיין פֿאָטער איז געווען צו־נויפֿגעוואַקסן און צונויפֿגעבונדן מיט טויזנטער אומצערייסבאַרע פֿעדעם און וואָס האָבן אויסגעפֿילט דעם אינהאַלט פֿון זיין לעבן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש.

*

נישט בלויז אין דער משפּחה פֿון מיין מוטער זענען געווען לאַנדווירטן. ר' משה גראָובאַרד, דער מחותן פֿון מיין זיידן, האָט געהאַט אין פּאַכט אַ גרויס גוט ביי וואַרשע, ווו מיר האָבן איין יאָר פֿאַרבראַכט אויף „זומער־וואַ־נונג". זיין זון האָט חתונה געהאַט מיט מיין פֿאָטערס שוועסטער. זיי

זענען פרי געשטאָרבן און איך האָב קיין מאָל נישט געזען מיין מומע און נישט דעם פעטער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פערד. זיי האָבן איבערגעלאָזט צוויי זין. איינער האָט יונגערהייט עמיגרירט קיין אַמעריקע און יעדער סימן אָדער צייכן איז נאָך אים נישט געבליבן. מיטן צווייטן זון גדליה האָבן זיך באַשעפטיקט מיינע עלטערן. ער איז אויפגעוואַקסן אין זעלבן פּאָלוואַ־רעק וואָוזשישעוו און זיך געלערנט אויף צו ווערן אַ לאַנדווירט. ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט און זיך אַריבערגעטראָגן אין דער שטאָט, ווו ער האָט מצליח געווען אַלס סוחר. די מענטאַליטעט זיינע איז אָבער פאַר־בליבן „פּאַרפּויערישט". ווי אויף אַ יידן איז ער געווען צו נאַיוו און האָט ליב געהאַט צו פילאָזאָפירן. ער האָט געהערט צום אַזוי גערופענעם טיפּ פון „פילאָזאָפירנדיקן פּויער".

כ׳געדענק אויך זייער גוט דעם צווייטן זון פון ר׳ משה, שוין דערפאַר אַליין, וואָס גראָד ער האָט מיך צום ערשטן מאָל אַרויפגעזעצט אויף אַ פערד און מיך אויסגעלערנט רייטן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער פּריץ, אַ שלאַכטשיץ און איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רייטער. נאָכן פאַרקויפן דעם גוט איז ער געווען דער אייגנטימער פון אַ רעמיזע פאַר קאַטשן אין וואַרשע. זיין זון איז אומגעקומען, קעמפנדיק אין די רייען פון פּילסודסקיס לעגיאָנען.

די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלט איז אָבער געווען ר׳ משה אַליין, אָדער ווי מען האָט אים באַנאָמענט „דער לאַנגער משה". מיין פאָטער האָט אים זייער ליב געהאַט און געוויסע שטריכן פון דאָזיקן אונטערגעגאַנגענעם טיפּ יידן האָט ער פאַרטרעטירט אין זיין דערציילונג „ר׳ משה פריץ". דער אַלטער גראָובאַרד האָט אויסגעזען, ווי אַ ריז און איז פאַקטיש געווען אַ ייד אַ גברן. דער פאָטער פלעגט דערציילן, אַז ווען ר׳ משה גראָובאַרד האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, האָט אַלץ געציטערט פאַר אים. ער האָט געהאַט אַזאַ מעכטיק קול, אַז מען האָט אים געהערט איבערן גאַנצן פאָלוואַרק.

דער פאָלוואַרק וואָוזשישעוו האָט זיך געפונען אין גאַנצן עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון וואַרשע און מען האָט געקאָנט אַהין צופאָרן מיט אַ דראָזשקע. האָט דעריבער דאָרט קיין מאָל נישט געפעלט קיין געסט. גאַנץ אָפט פלעגט דער פאָטער מיטנעמען אַהין עמעצן פון זיינע פריינד, אָדער

באַקאַנטע און געווען פֿאַלן, ווען אַהין איז, אויף שבת, אָפּגעפֿאָרן די גאַנצע רעדאַקציע פֿון דער „הצפֿירה". עטלעכע מיטאַרבעטער פֿון דער „הצפֿירה" האָבן געהאַט געדינט אין מיליטער, ווו זיי האָבן זיך אויסגעלערנט רייטן אויף אַ פֿערד. איז געווען פֿריילעך אויפֿן פּאַלוואַרק, ווען זיי האָבן גענומען רייטן אויף די פֿייערדיקע סוסים און טאַקע באַלד געלעגן אויף דער ערד. דעם גרעסטן אינטערעס האָט אָבער פֿאַר אונדז קינדער געהאַט דאָס אייגענע פֿערד פֿון נחום סאָקאָלאָוו. אַט דאָס פֿערד פֿאַרדינט, אַז מען זאָל אים ווידמען כאָטש עטלעכע שורות.

די דאָזיקע שקאַפֿע האָט שוין געמוזט זיין זייער אַלט. אין דער „הצפֿירה" האָט מען זיך געוויצלט, אַז לויטן עלטער מוז דאָס דאָזיקע „איידעמל אויף האָבער" זיין יעדנפֿאַלס נישט יינגער פֿון אַלטן חיים זעליג סלאָנימסקי, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אין די ניינציקער יאָרן. אַנדערע האָבן מיין פֿאָטערס פֿערדל פֿאַרגליכן מיט מענדעלעס קליאַטשע. אַזוי צי אַזוי, האָט מיין פֿאָטערס „לאָשיק", ווי ער האָט עס גערופֿן, זיך געהאַט זיינע געוווינהייטן און אַפֿילו קאַפּריזן. ווען ער האָט זיך געשטעלט אין מיטן וועג, איז נישט געווען אַזאַ כוח אים צו קאָנען רירן פֿון אָרט. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. די בייטש אויך נישט. פֿלעגט טאַקע דער פֿאָטער, אין אַזעלכע פֿאַלן, זיך באַנוצן מיט אַ יידיש פֿאָלקסווערטל: „שמייס דאָס פֿערד מיט האָבער, נישט מיט דער בייטש", דאָס האָט תּמיד געהאָלפֿן. קיין זאָטלפֿערד איז דאָס נישט געווען. ווען ס'איז אָבער נויטיק געווען, האָט די קליאַטשע געשפּילט די ראָל פֿון אַ רייטפֿערד, וואָס עס האָט בפּירוש, נישט ליב געהאַט. איינער פֿון זיינע קאַפּריזן איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט פּלוצים, אָן שום סיבה, טיף אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ, ביז צו דער ערד און דער רייטער פֿלעגט צו אַלעמענס געלעכטער זיך אַראָפּגליטשן אויף זיין לאַנגן קאַרק און אַראָפּפֿאַלן. אין דער דאָזיקער קאָמישער לאַגע האָב איך געזען עטלעכע זייער חשובֿע יידישע שרייבער. סאָקאָלאָווס פֿערדאַטשינע האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אַפּעטיט. עס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט האָבער, גערשטן אָדער קאָניטשינע, וואָס עס פֿלעגט באַקומען אין אומבאַגרענעצטע מענגעס, נאָר עס פֿלעגט אויך אויפֿפֿרעסן די שטרויענע קאַפּעליושן (דעמאָלט זייער אין דער מאָדע) פֿון די יידישע שריי-

בער, וואָס האָבן זיך צו אים דערנענטערט. נישט אָן רעכט האָט די קליאַטשע פון מיין פּאָטער אויך באַקומען דעם צונאָמען „אַנטיסעמיט״.

די דאָזיקע שקאַפּע האָט מיין פּאָטער זיך איינגעקויפט אויף איינצושפּאַנען מיט איר די ברישקע, וואָס איז יעדן טאָג געפאָרן קיין וואַרשע, בעת די זומער־חדשים, ספּעציעל צום יידישן שפּיטאָל, בכדי פון דאָרט אָפּצופירן צו אונדז דעם דאָקטאָר גרשון לעווין און אים אָפּפירן צוריק אין שטאָט. קיינער איז ביי אונדז, חלילה, נישט געווען קראַנק. ד״ר לעווין, וואָס איז דעמאָלט געווען שפּיטאָל־דאָקטאָר, פלעגט צו אונדז קומען צו פאָרן, אַלס דער פריינד פון אונדזער משפחה, דער לערער פון די קינדער, וואָס האָט אונדז צוגעגרייט צו די עקזאַמענס אין דער גימנאַזיע. בכלל איז ער געווען פאַר אונדז אַ ליבהאַרציקער גאַסט, וואָס האָט פאַרשאַפט פיל נחת רוח בעת די אָוונטן אין וואַווזשישעוו מיט זיין מוזיק. ער האָט וווּנדערבאַר געשפּילט אויף דער וויאָלאָנטשעל.

וואַווזשישעוו האָט געהערט צו איינע פון אונדזערע ערשטע זומער־וווינונגען, ווו מיר פלעגן אַרויספאָרן אויף דאַטשע. עטלעכע יאָר פאַר דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 איז געווען אַ צייט, ווען דאָס יידישע געזעלשאַפט־לעכע לעבן האָט זיך גאָר שטאַרק אַנטוויקלט אויף די זומער־וווינונגען, און, הויפּטזעכלעך, אויף דער „נאַדווישלאַנער״ באַן־ליניע, ווי למשל, וואַווער, פאַלעניץ, מיכאַלין, שווידער און אָטוואָצק. ווייניקער איז געווען אַנט־וויקלט די ליניע פון דער ווינער באַן, ווי רודאַ גוזאָווסקאַ. דאָרט פלעגט מען זיך באַקענען און נישט איין שידוך איז דערפון צו שטאַנד געקומען. אין דער פרייער אַטמאָספער פון יענע יאָרן האָט זיך צעבליט דאָס יידישע ליטעראַ־ריש־אַרטיסטיש־פּאָליטישע לעבן. אויף דער ליניע האָט געווימלט פון אינטע־ליגענץ, הויפּזעכלעך, פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, סטודענטנשאַפט און יונגע ליטעראַטן. יעדע וואָך פלעגט דער פאָטער אַרויספאָרן צו אונדז, בכדי זיך אויסרוען אַ ביסל. דער פאָטער פלעגט קומען באַלאָדנט מיט אַזוי פיל גוטע זאַכן און מתנות. עטלעכע מאָל האָט פּאַסירט, וואָס דער פאָטער איז נישט געקומען מיט דער באַן, נאָר צופוס קיין וואַווער און איין מאָל אַפילו צופוס קיין אָטוואָצק, וואָס ליגט לערך דרייסיק קילאָמעטער פון וואַרשע.

אין יענע צייטן איז מיין פאָטער געווען אַ גלענצנדיקער פוסגייער און

ער האָט זייער ליב געהאַט צו וואַנדערן, בפרט ביי נאַכט, ווען ער האָט געהאַט אַ פּאַסיקע געזעלשאַפט. איינער פון זיינע בעסטע באַגלייטער אין אַזעלכע אויספלוגן איז געווען יצחק לייבוש פּרץ. מען האָט זיך געווײנלעך אָפּגעשמועסט צו טרעפן אויף אָוונטברויט, און דערנאָך, שמועסנדיק, איז מען אַרויס צו דער ווייסל. ביי אַ שיין וועטער און דערצו נאָך אין אַ לבנה־נאַכט האָט מען אַזוי געוואַנדלט שעהענווייז. פאַר טאָג זענען זיי, מידע און פאַרשטויבט פון וועג, אָנגעקומען צו זייערע זומער־וווינונגען. נישט איין ליטעראַרישער געדאַנק איז געבוירן געוואָרן ביי זיי, בעת אַט די זומערדיקע אויספלוגן צופוס.

די הויפּט־טעמע פון די שמועסן אין קרייז פון מיין פֿאָטער איז געווען — ליטעראַטור. מען איז געווען באַגייסטערט פון איבסען, סטרינדבערג, האַמסון. יעדעס ניי ווערק, וואָס איז דערשינען, איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן.

צו יענע צייטן איז מיין פֿאָטער געווען ביי זיינע בעסטע שאַפערישע כוחות. אַ חוץ זיין נאַרמאַלער, זייער אָנגעשטרענגטער פּובליציסטישער און זשורנאַליסטישער אַרבעט, האָט ער דעמאָלט אָנגעשריבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן פון בר־כוכבאס צייטן א. נ. „בעורי הנשר", אַ ריי נאָוועלן און דער־ציילונגען, אַ קעמפערישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן עסיי „למורנים ורב־נים". ער האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש הערצלס „אַלט־נײלאַנד" אונ־טערן טיטל „תל אביב", פון וואַנען עס שטאַמט טאַקע דער נאָמען פון דער ערשטער שטאָט פון אויפסניי אַנטשטאַנענעם ישראל. ער האָט געמאַכט די איבערזעצונג פון גרעצס „געשיכטע פון יידן", ווי אויך אָנגעשריבן עטלעכע ווערק פון פילאָזאָפישן כאַראַקטער.

סאָקאָלאָוו האָט נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס קאָנען גאָרנישט טאָן און זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, אָדער סתם זיך אָנטציקן מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור. ווען קיין געסט זענען ביי אונדז אויף דאַטשע נישט געווען, פלעגט ער זיך אָוועקזעצן אויף דער וועראַנדע, אָדער אין סאָסנע־וואַלד און שרייבן.

פאַרן קרייז פון סאָקאָלאָווס פריינד אין פוילן און זיינע יידישע פען־קאָלעגן איז דער ציוניזם נאָך דעמאָלט געווען גיכער אַ ליטעראַרישע, ווי

אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע קאָנצעפּציע. צום פּאָליטישן ציוניזם און זיין אויסווירקן זיך האָט מען זיך דעמאָלט נאָך זייער סקעפּטיש באַצויגן און מען פלעגט אַרויסרוקן קעגן אים אַ ריי באַוואָרענישן, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער שאַרפער אָפּאָזיציע צו אים און אַפילו שנאה מצד די בונדיסטן, אויטאָנאָמיסטן, יידישיסטן און אַנדערע גרופּן. די עפּיגאָנען, די נאָכקומער פון דער השכלה־באַוועגונג, האָבן אויסגעדריקט די מורא, אַז דער ציוניזם זאָל נישט באַשאַפן נאָך איינעם פון די נאַציאָנאַליזמען, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט ווי אַ פּלאָג פאַר דער מענטשהייט. זיי פלעגן מעלאַנכאָליש דערמאָנען די ווערטער פון רענאַן, ווי ער באַשרייבט יציאת־מצרים: „ישראל איז געקומען אַהין, ווי אַ שבט און אַרויס פון דאָרט מיטן געדאַנק פון ווערן אַ פאָלק. פון די מילדע פּאַסטוכער־משפחות איז געוואָרן אַ שטרענג און עקשנותדיק פאָלק. ישראל איז שוין אויס שבט, ישראל איז אַ פאָלק. ליידער! זייט וועלט איז וועלט האָט מען נאָך נישט געזען אַ ווייכהאַרציק און אַ צאַרטפיליק פאָלק".

איבעריקנס זענען דאָס געווען בלויז דיסאָנאַנסן און חילוקי־דעות, וואָס האָבן תיכף אויפגעהערט, ווען אויף יידן זענען געפאַלן אַלץ נייע קלעפּ, און דאָס האָט קיין מאָל נישט געפעלט. אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט דער אָנזאָג פון אַ פּאָגראָם־כוואַליע, אָרגאַניזירט פון דער צאַרישער מאַכט. איז מען דעריבער געגאַנגען ווייטער אין געשלאָסענע רייען, און ס'איז נישט געווען וויכטיק, ווען עמעצער איז אָפּגעפאַלן אויף אַ סטאַציע, אָדער אָפּשטעל. זענען די יידישע שרייבער פון מיין פאָטערס דור און די יינגערע, וואָס האָבן געשריבן אין פאַרשידענע שפּראַכן, ווען אָבער עס האָט פאַראייניקט איין און דער זעלבער גרויסער יידישער גייסט, ווי אַן אַוואַנגאַרד געגאַנגען פאָרויס, פאַראייניקט אין דער גרויסער אידעע פון יידישן רענעסאַנס און ליבע צו אָט דעם אומבאַקאַנטן און נישט פאַרשטאַנענעם פאָלק, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל שיינע מידות און מענטשלעכע ווערטן. אָט די אָ ווערטן האָבן זיי געוואָלט אַנטדעקן און ווייזן דער וועלט. זיי, די שרייבער, זענען געווען, ווי די זוכער פון פּערל, וואָס האָבן געלויכטן און געפינקלט מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, די פּערל פון טיפן גלות־ים.

קאַפּיטל 8

אויף דער שוועל פון שטורעם

מיין פאָטער האָט תמיד געצויגן צום מערב, צו זיין קולטור און ציוויליזאַציע, זיין קונסט און וויסן. בכלל איז ער געווען, סיי מיט זיין טעמפּעראַמענט, זיין פאַר שיינקייט, קולטיווירטן געשמאַק און עסטעטישן געפיל, אַ מענטש פון מערב. די שטראָמען, וואָס זענען געקומען פון מזרח, האָבן נישט געהאַט אויף אים קיין שום איינפלוס, בפרט, ווען זיי האָבן געטראָגן מיט זיך דאָס געוויטער פון פאַרניכטנדיקע דאָקטרינען.

אין יאָר 1894 האָט סאָקאָלאָוו אונטערגענומען זיינע ערשטע גרעסערע נסיעות קיין מערב־אייראָפּע. דייטשלאַנד און רוסלאַנד און בלויז איבערפלעכלעך פראַנקרייך האָט ער געהאַט באַזוכט שוין פיל פריער. ער האָט נישט געהערט צום טיפּ פון רייזנדיקע טוריסטן. ער האָט געוואַנדערט איבער דער וועלט, נישט בכדי צו באַוואונדערן ווייטע לענדער. יעדע נסיעה איז פאַר אים געווען אַ טיפע איבערלעבעניש. די ענדערונג פון דער סביבה, דער קאָנטאַקט מיט נייע מענטשן, קונסטווערק, ביבליאָטעקן — דאָס האָט אים גערייצט און באַגייסטערט צום מערסטן, שוין נישט רעדנדיק וועגן זיינע שפּעטערדיקע נסיעות, ווען ער האָט דורכגעקרייצט די וועלט אין דער לענג און ברייט, ווי דער שליח פון ציוניזם. ער האָט לייכט איבערגעטראָגן, אַפילו אין די עלטערע יאָרן, די אַזוי מאַטערנדיקע נסיעות. צום ליבסטן איז אים געווען צו פאָרן מיט דער שיף. ער האָט אָבער אויך זיך געלאָזט אין ווייטן וועג מיט דער הילף פון אַעראָפּלאַן, ווען דאָס דאָזיקע פאַרקער־מיטל איז נאָך נישט געווען אַזוי פּאָפּולער, ווי איצט. אין יאָר 1934 איז ער, אין דער באַגלייטונג פון זיין טאָכטער צעלינאַ, אָפּגעפלויגן פון עגיפּטן קיין דרום־אַפריקע. בעת די נסיעות האָט ער נישט איבערגעריסן זיין אַרבעט. ער האָט געשריבן, פליענדיק אַפילו אין אַוויאָן. זיין באַגאַזש איז באַשטאַנען דער

עיקר פון ביכער און פּאַפּירן. לויט זיין כאַראַקטער איז ער געווען אַ קאָסמאָ־פּאָליט, דער וועלט־בירגער. אין ערגעץ נישט האָט ער זיך געפילט ווי אַ פרעמדער. זיין שפּראַכן־קענטעניש האָט אים נישט וויניק אין דעם צוגע־האָלפן.

מיט זיינע נסיעות אין 1894 און שפּעטער האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלע כוונה. ער האָט געוואָלט אָנקניפּן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט מענטשן, וועלכע ער האָט געקאָנט פון הערן, אָדער פון דורכשרייבן זיך מיט זיי. ער האָט אויך געוואָלט אויפן אָרט זיך באַקענען מיט די פאַרשידענע אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אים, אַלס זשורנאַליסט, געגעבן אַ רייכן שטאָף פון איינדרוקן.

אין דער תקופה פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, פלעגט ער זיינע רייזע־איינדרוקן באַשרייבן נישט נאָר אין זיינע קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיק־לען אין דער „הצפירה״ און אַנדערע צייטונגען, נאָר אויך אין די בריוו צו זיין פרוי, און אין וועלכע ער האָט געקאָנט זיך אַרויסזאָגן פיל פרייער, נישט זייענדיק געשטערט אין דעם פון דער צענזור. די דאָזיקע בריוו שטעלן מיט זיך פאָר אַ ווערטפולן ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, וואָס איז רייך מיט אַן אַ שיעור פּרטים און וואָס זענען בכלל נישט באַקאַנט דעם ברייטערן עולם. אין אָט די בריוו טיילט ער זיך מיט זיין געליבטער פרוי מיט זיינע איינדרוקן, דערציילט איר וועגן זיינע פּלענער, באַשרייבט די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט און זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגן פאַרשיידענע לענדער. דאָס אַלץ האָט ער געשריבן פעליעטאָנאַרטיק און מיט אַ לייכטן סטיל, שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ לעבעדיק בילד פון זיינע וואַנדערונגען.

*

„פאַר דייטשלאַנד האָט מען מורא״, „פאַר ענגלאַנד האָט מען רעספּעקט״ און „פראַנקרייך מוז מען ליב האָבן״. דאָס דאָזיקע ווערטל איז פולשטענדיק ריכטיק, האָט מיין פאָטער געהאַלטן. ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די דייטשן. כ׳געדענק גוט, ווי ער פלעגט זאָגן, אַז מען טאָר די דייטשן נישט געבן קיין געווער אין האַנט. פראַנקרייך האָט אים פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן און האָט אים אינספּירירט. ער האָט זיך באַגייסטערט מיט

נחום סאקאלאוו אין בערלין 1883

איטאַליע. ענגלאַנד איז אים געפֿעלן געוואָרן צוליב איר געמיטלעכקייט, מנוחה, דזשענטעלמענישער קולטור, אָריגינאַליטעט. אָט דאָס דאָזיקע אַלט־ענגלאַנד, דאָס ליבעראַלע, טאָלעראַנטע, וואָס נעמט זיך אָן די עוולות פֿון אונטערדריקטע, ווו דער רוף פֿאַר גערעכטיקייט האָט תמיד געפֿונען אָן אָפּ־קלאַנג. אַ חוץ דעם האָט ענגלאַנד אים געצויגן צו זיך, ווי צו אַ אינדזל, פֿון וואַנען מען האָט געקאָנט צום בעסטן אָבסערווירן די צעקריגטע צווישן זיך אייראָפּעישע לענדער, בעת ענגלאַנד האָט זיך תמיד געהאַלטן אין אַ זייט, ווייט פֿון די פּאָליטישע לײדנשאַפֿטן, אַנטאַגאָניזמען, צעריסנקייט, קאָנפֿליקטן און קריגערייען.

געווען זענען עס דעמאָלט צייטן פֿון פֿאַרהעלטנישמעסיקער מנוחה אויף דער וועלט און פֿון ווױלשטאַנד. יידן האָבן אין אַלגעמיין געלעבט צו יענע צייטן ביכולתדיק, בעל־הביתיש, נגידיש. כ׳דערמאָן זיך, ווי מיין פֿאָטער פֿלעגט טאָקע חוזק מאַכן פֿון די גבירים און אויף זייער אַדרעס שיטן מיט ווערטלעך, ווי למשל, כסף וזהב מטהר ממזרים ובפרט נגידים וחזירים, אָדער אַז געלט איז די בעסטע זייף — ס׳נעמט אַרויס דעם גרעסטן פֿלעק... אָדער דעם נגידס נאַרישקייט גילט מער ווי דעם אָרעמאַנס חכמה און אַז ביי די נגידים איז געלט וואָלוול און שכל טייער... און אַז אַ קבצן דאַרף געלט און אַ גביר כבוד. מען האָט זיך אַזוי געוויצלט גוטמוטיק, הגם ס׳האָט נישט געפֿעלט פֿון דעסטוועגן קיין באַאומרויִקנדיקע סימפּטאָמען. דער באַלקאַן האָט כסדר געדראָט מיט מלחמה־געפֿאַרן. די אינערלעכע נאַציאָנאַליטעט־רייסערייען האָבן אַלץ מער און מער אַ תל געמאַכט פֿון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע. ס׳איז מוראדיק געוואָקסן דער קיין מאָל נישט געזעטיקטער אַפּעטיט פֿון דייטשלאַנד, וואָס האָט כסדר פּראָוואָצירט די וועלט. דאָס צאַ־רישע רוסלאַנד, אָדער ווי מען האָט עס באַצייכנט „דער קאָלאָס (ריז) אויף די ליימענע פֿיס״ האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק און אַ פּחד נישט נאָר אויף די פֿעלקער, וואָס זי האָט פֿאַרשקלאַפֿט, נאָר אויף גאַנץ אייראָפּע. די דריטע, פֿראַנצויזישע רעפּובליק אַ זאַטע און רייכע, די טאַנגעבערין אויף פֿיל געביטן, אָבער פֿול מיט אינערלעכע סקאַנדאַלן און פּאַרטיי־רייסענישן האָט געזוכט אָן אָנשפּאַר אין אַ בונד מיט רוסלאַנד. אין ענגלאַנד האָט זיך גע־ענדיקט די וויקטאָריאַנישע תקופה. געווען זענען עס צייטן פֿון אַנאַרכיס־

טישע אַטענטאַטן אין מערב און רעוואָלוציאָנערע אין רוסלאַנד. דער סאָ־ציאַליזם איז אַרויף אויף דער וועלט־אַרענע אין די ראַמען פון דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַריזם.

נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אין יאָר 1894, האָט זיך אונ־טער די ערגסטע סימנים אָנגעהויבן דאָס הערשן פונעם לעצטן צאַר פון הויז ראָמאַנאָוו, ניקאָלאַי דעם צווייטן. בעת די קרוין־פייערלעכקייטן אין מאָסקווע איז אויפן כאָדינער פעלד, וווּ עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ ריזיקער המון, אויסגעבראָכן אַ פּאַניק און 3.000 מענטשן זענען צעטראָטן געוואָרן צום טויט. דער בונד מיט פראַנקרייך האָט נישט געהאָט דעם מינדעסטן איינפלוס אויף צו מילדערן דעם צאַרישן רעזשים. דער שאַרפער קורס קעגן פרעמדע אין רוסלאַנד און קודם־כל קעגן די יידן, איז אָנגעגאַנגען ווייטער מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און טראָץ דעם, וואָס אין אַמעריקע איז געווען אַ קריזיס, איז די עמיגראַציע פון רוסלאַנד כסדר געשטיגן.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען דער שונא נומער איינס פון די יידן. דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן די גרעסטע רדיפות אויף יידן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט פּאָגראָמען. דער אַנטיסעמיטיזם איז אויך געווען אין דייטש־לאַנד און עסטרייך, די יידן פון יענע לענדער האָבן זיך אָבער ווי ס'איז אַן עצה געגעבן מיט די היימישע אַנטיסעמיטן און די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט איז צוליב דעם נישט באַאומרויִקט געוואָרן. חוץ דעם זענען עס אין אַלגעמיין געווען פאַרמעגלעכע יידן און זיי האָבן זיך נישט גענויטיקט אין מאַטעריעלער הילף. דאַקעגן איז די אָרעמקייט געווען גרויס אין די לענדער פון קאָנגרעס־פּוילן, גאַליציע און רוסישן תחום המושב, און הילף איז געווען דרינגענדיק נויטיק.

דער צאַריזם איז באַשטאַנען פון אַ ביזאַנטיש־דייטשישן געמיש — פון שלעכטן דייטשנטום און שלעכטן ביזאַנטיזם. אונטער דער דאָזיקער הער־שאַפט איז די לאַגע פון די יידן געוואָרן אַלץ מער האָפענונגסלאָז. אמת, די דאָקטרין פון פּאָביעדאָנאָסצעוו איז נישט געווען אַזאַ גרויזאַמע ווי היטלערס, אָבער אויך זי האָט געשטרעבט פטור צו ווערן פון די יידן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן פון רוסלאַנד. דאָס איז געווען מער דער פאַרדינסט פון די דייטשע איינפלוסן, אייגנטלעך פון די פּרייסישע טעוטאָנען, ווי פון די ביזאַנטישע.

זינט די צייטן פֿון דער דעספּאָטישער יעקאַטערינאַ דער צווייטער, האָט מיט רוסלאַנד רעגירט די קאַסטע פֿון די באַלטישע באַראָנען, די דירעקטע אָפּ־שטאַמיקע פֿון די קרייצציגלער. אָבער אויך די פּראַוואָסלאַוונע קירך האָט געהאַט איר חלק אין טרייבן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. נאָך פֿון די גאָר אַלטע צייטן האָט די פּראַוואָסלאַוונע קירך פֿאַרפֿאָלגט די יידן און אומברחמ־מנותדיק באַקעמפֿט די „יידישע הערעזיע" („זשידאָווסטוווישטשוויו יע־רעס"), די כלערליי רוסישע רעליגיעזע סעקטעס, וואָס האָבן דאָך איבער־געהאַלטן די רדיפֿות, ווי די „סובאָטניקעס", „קינדער פֿון ישראל" א"אַ.

דער פּראָקוראָר פֿון העכסטן סינאָד, פּאָביעדאָנאָסצעוו, האָט עס טאַקע באַשלאָסן צו פֿאַרווירקלעכן די שטעלונג פֿון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך. דער צאַריזם איז אויך געווען אַן אַזיאַטיש ווערק, ענלעך צו די אַנדערע אַזיאַטישע קסענאָפֿאָבישע מלוכות, וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצוהיטן און באַ־שיצן דאָס „הייליקע רוסלאַנד" פֿון די „פֿאַרניכטנדיקע" מערבדיקע איינ־פֿלוסן. פֿון דאַנען איז אַנטשטאַנען די באַוועגונג פֿון די סלאַוויאַנאָפֿילן, רע־אַקציאָנעריש דורך און דורך, וואָס האָט דערמאָנט מיט איר כאַראַקטער דעם פֿאַנגערמאַניזם. אָפּילו סטאַלין האָט זיך בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה באַנוצט מיט סלאַוויאַנאָפֿילישע לאָזונגען, אָנערקענענדיק דערמיט זייער ווערט און באַדייטונג.

איינער פֿון די איידלסטע רוסישע ליבעראַלן, אַלעקסאַנדער הערצען, האָט דעמאַסקירט זיינער צייט די צביעות, די היפּאָקריזיע פֿון די כלומרשטע סלאַוויאַנישע אידעאָלאָגן, וואָס פֿלעגן אונטערן דעקמאַנטל פֿון פֿרייהייט־לאָ־זונגען דערמיט בלויז דינען די אינטערעסן פֿון צאַרישן אימפּעריאַליזם, פֿון אונטעריאָכן נישט בלויז דאָס אייגענע פֿאָלק, נאָר אויך די אַנדערע פֿעלקער, פֿאַרשקלאַפֿטע פֿון צאַריזם. דעריבער ווערט קלאָר, אַז אָט דער „סלאַוויאַ־נאָפֿיליזם" האָט זיך אַזוי פֿיינטלעך באַצויגן צו יידן און האָט אָפּילו געפֿונען אַן „אידעישע" באַזע פֿאַר די יורידישע באַגרינדונגען אויף צו פֿאַרפֿאָלגן די יידן זייט די אַכציקער יאָרן ביז צום אויסברוך פֿון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1917. אויב, טראָץ דעם אַלעמען, איז נאָך פֿאַרבליבן אַ געוויסער סענ־טימענט פֿאַר רוסלאַנד, קאָן מען דאָס פֿאַרענטפֿערן סיידן מיטן ברייטן שטעל פֿון פֿאָניען, מיט זיין די־והותרדיקייט, מיט זיין גוטמוטיקייט, שוין נישט

רעדנדיק וועגן דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס איז אין איר גרעסטער צאָל געווען ליבעראַל און אַפילו רעוואָלוציאָנעריש, וואָס איז אַפילו אין די ערגסטע צייטן מוטיק אַרויסגעטראָטן אינעם קאַמף ביים פאַרטיידיקן די יידישע רעכט.

ווי אַ זשורנאַליסט און פובליציסט האָט סאָקאָלאָוו זייער אָפט זיך באַשעפטיקט מיט אָט די פּראָבלעמען. ער האָט אויך געהערט צו די בעסטע אינפאָרמאַטאָרן פאַרן אויסלענדישן יידנטום, ווען ער האָט די יידן פון מערב־איראָפּע אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע פון זייערע ברידער אין מזרח־איראָפּע. צו יענע צייטן האָט זיך שוין סאָקאָלאָוו דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער יידישער וועלט און ער האָט שוין געהאַט אַ לייכטן צוטריט צו אינסטיטוציעס און וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

גראָד דעמאָלט איז די גאַנצע יידישע וועלט אויפגעטרייסלט און דערשיטערט געוואָרן פון אַ געשעעניש, וואָס איז זיך פאַרלאָפן דווקא אין מערב־איראָפּע און נישט ווי געוויינטלעך אין מזרח. מיט ווייטיק און צער האָבן זיך יידן פון גאָר דער וועלט איבערצייגט, אַז נישט בלויז רעאַקציאָנערע לענדער האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף אַנטיסעמיטיזם, נאָר אַז ער האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אויך אינעם רעפּובליקאַנישן פראַנקרייך. דאָך איז דער דרייפוס־פּראָצעס נישט געווען אַזאַ מוראדיקע איבעררראַשונג פאַר די יידן אין פּוילן, ווי פאַר דעם מערב־איראָפּעישן יידנטום, וואָס איז, ווי מיט אַ מאָל אויפגעוועקט געוואָרן פון זיין איינגערעדטן, אילוזאָרישן, זיסן זיכערקייט־געפיל. ביי די יידן פון מזרח־איראָפּע, פאַר וועלכע רדיפות און פאַרפאָלגונגען זענען געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג און וועלכע האָבן מיט אַ בענקשאַפט אין האַרצן געחלומט וועגן דער מערב־דעמאָקראַטיע, איז דער דרייפוס־פּראָצעס געווען אַ ביטערע אַנטוישונג. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט אָבער גלייכצייטיק דערוויזן, אַז געבענטשט איז די עפנטלעכע מיינונג פון דער דעמאָקראַטישער וועלט און איר מאָראַלישער כוח איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו די מעכטיקסטע און פינצטערסטע קליקעס מוזן זיך פאַר איר בייגן צו דער ערד, און אַז דער אמת מוז זיגן.

נחום סאָקאָלאָוו האָט נאָכגעפאָלגט דעם דרייפוס־פּראָצעס מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און פשוט געפיבערט מיט אים. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט די קלענסטע איינצלהייטן פון דער דרייפוס־אַפערע און איז

עטלעכע מאָל ספּעציעל געפֿאָרן קיין פּאַריז, ווו ער האָט זיך באַקאַנט מיט די באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דעם דרייפוס־פּראָצעס. כ׳געדענק, ווען כ׳בין נאָך געווען גאָר אַ קליין יינגל, האָט מען אין משך פֿון יאָרן נישט אויפֿגעהערט ביי אונדז אין דער היים צו רעדן און דערמאָנען עמיל זאָלאַ, קלעמאַנסאָ, פּיקאַר, שויערער, קעסט־נער, בערנאַר לאַזאַר, נעמען, וואָס מען האָט ביי אונדז אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ און יראת־הכבוד.

די נסיעות, וועלכע מיר באַשרייבן אין איצטיקן קאַפּיטל, האָט סאָקאָלאָוו נאָך אָנגעהויבן צו מאַכן אין יאָר 1894. פֿאַר דעם נאָך געפֿינען זיך אין זיינע טאָגביכער אינטערעסאַנטע שילדערונגען פֿון זיינע נסיעות קיין דייטשלאַנד. אַזוי למשל, שרייבט ער וועגן ביסמאַרקן אין יאָר 1883: „כ׳האָב געזען ביסמאַרקן אין רייכסטאָג. ער אימפּאָנירט מיט זיין פֿיגור און געשטאַלט און זעט אויס אַזוי, ווי אויף די פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, כאָטש דאָס געזיכט איז ביי אים אַ ביסל מילדער און נישט אַזוי שטרענג. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ גרויסע, לעדערנע טעקע מיט פֿיל פּאַפּירן, אין וועלכע ער פֿלעגט אָפֿט אַריינקוקן. ער פֿלעגט תמיד קומען אין רייכסטאָג אין זיינע מיליטערישע בגדים. האַרט ביי דער טריבונע איז געשטאַנען מאַלטקע און געהאַלטן די האַנט ביים אויער, נישט וועלנדיק פֿאַרלירן קיין איינציק וואָרט פֿון ביס־מאַרקס רעדע, וואָס האָט געדויערט לערך אַ האַלבע שעה. ביסמאַרק איז אַ שלעכטער רעדנער. יעדע ווײַלע האָט זיך אים די שטימע איינגעבראָכן. אויך זענען ביי אים די האַנט־באַוועגונגען עפּעס אַזעלכע האָמעטנע, שווערע. נאָך אים האָט גערעדט דער לידער פֿון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, אויגען ריכטער, אַ דיקער און אַ שווער־לייביקער, מיט אַ גרויסער, געדיכטער, קודלעוואַטער באָרד. מען האָט אים פֿיל מער אַפּלאָדירט, ווי ביסמאַרקן, וועלכער האָט טאָקע פֿאַרלאָזט דעם זאַל, ווען ריכטער האָט גענומען רעדן”.

דאָס מאָל האָט שוין סאָקאָלאָוו אָנגעקניפּט באַציונגען מיט אַ פֿיל גרע־סערן קרייז מענטשן, ווי בעת זיין ערשטער רייזע קיין בערלין, ווען ער איז נאָך געווען אַ זשורנאַליסט, אַן אָנפֿאַנגער. דאָס מאָל האָט ער אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט פֿאַרשידענע יידישע גרופּירונגען, וואָס האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ פֿאַרביסענעם קאַמף. צום שטאַרקסטן האָט ער זיך באַפֿריינדעט

מיטן ד״ר גוסטאַוו קאַרפּעלעס, אַ באַקאַנטן געשיכטע־פאָרשער פון דער אַלגעמיינער און יידישער ליטעראַטור און וואָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „צייטונג דעס יודענטומס״. די דאָזיקע פריינדשאַפט האָט דערנאָך אָנגעהאַלטן אין משך פון לאַנגע יאָרן. ד״ר קאַרפּעלעס האָט געהערט צו די באַדייטנדיקסטע קענער פון היינריך היינע. ער איז געווען דער באַזיצער פון אַ פּרעכטיקער ביבליאָטעק און פון אַ סך זאַכן און אַנטיקן, וואָס זענען פאַרבליבן נאָכן געניאַלן פּאָעט. צו אים פלעגט אויך קומען די גרויסע פאַר־ערערין פון היינע, די עסטרייכישע קייזערין עליזאַבעט, די פרוי פון פראַנץ יאָזעף. זי איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן אין גענף דורך אַן איטאַ־ליענישן אַנאַרכיסט. קאַרפּעלעס האָט חתונה געהאַט מיט אַננאַ מענדעלסאָן, די טאָכטער פון וואַרשעווער יידישן אַריסטאָקראַט וואָלף מענדעלסאָן. ער האָט געהאַט אַ שם אין דער יידישער וועלט, געווען איינגעטונקען אין יחוס און געשפּילט די ערשטע פידל אין דער שטאָט. קאַרפּעלעס מיט זיין פרוי האָבן געפירט ביי זיך אַן אַרטיסטיש־ליטעראַרישן סאַלאָן. סאָקאָלאָוו האָט זיך געפילט גאָר היימיש אין אָט דער קינסטלערישער סביבה. דאָרט האָט ער זיך אויך באַקענט מיטן ברודער פון דער פרוי קאַרפּעלעס, סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, אַ באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער און מיטגרינדער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צוואַנציק יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן סאָקאָ־לאָווס איידעם.

דער פאַקט, וואָס סאָקאָלאָוו האָט זיך אַזוי שטאַרק באַפריינדעט מיט די קאַרפּעלעס און איז געוואָרן אַזאַ אָפטער איינגייער אין זייער הויז, איז שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן דעם אָרטאָדאָקסישן אָנפירער הרב ד״ר היל־דעסהיימער. נחום סאָקאָלאָוו האָט אים שטאַרק רעספּעקטירט, ווי אַ מומחה אין תלמוד און אַלטן חובבי ציון. אין אַ בריוו צו זיין פרוי באַקלאָגט ער זיך אויף די דייטשע אָרטאָדאָקסן: „קאַנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי גרויס ס'איז דער תהום צווישן די היגע פאַרשידענע יידישע גרופּירונגען. הילדעס־היימער איז אויף מיר באַליידיקט. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך האָב גע־דאַוונט אין טעמפּל (רעפאָרמירטע שול) און אַז כ'האָב געגעסן ביי קאַרפּע־לעסן״. סאָקאָלאָוו איז אָבער אויך געווען אַן אָפטער גאַסט אין ציוניסטישן „פאַראיין יונג ישראל״, וואָס איז שטאַרק באַקעמפט געוואָרן, סיי פון די

אָרטאָדאָקסן און סיי פֿון רעפֿאָרמירטן יידנטום. דער דאָזיקער פֿאַראיין האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט א. נ. „ציון״.

סאָקאָלאָוו באַזוכט גענוי די כּלערליי אינסטיטוציעס פֿון דער בערלינער יידישער קהילה. ער איז געווען טיף גערירט, שטייענדיק פֿאַרן קבר פֿון משה מענדעלסאָן. וועגן דעם קליינעם טאַוול, וואָס איז איינגעמויערט אין הויז, ווו ער האָט געלעבט, שרייבט סאָקאָלאָוו: „צו וואָס דאָס טאָוועלע? צי ווייסט מען דען נישט אַזוי אויך, אַז די גאַנצע היינטצייטיקע יידישע ליטעראַטור איז דאָס ווערק פֿון מענדעלסאָנען?״. סאָקאָלאָוו איז נאָך פֿון זיינע גאָר יונגע יאָרן געווען אַן ענטוזיאַסטישער פֿאַרערער פֿון מענדעלסאָנען. ער האָט באַוווּנדערט זיין מעכטיקן אינטעלעקט און האָט נישט געקאָנט מוחל זיין דעם אַלטן סמאָלענסקי זיינע געוואַלטיקע אַנפֿאַלן אויפֿן דאָזיקן גרויסן יידישן גייסטיקן מנהיג.

זייער בילדעריש זענען ביי סאָקאָלאָוון אַרויסגעקומען זיינע נסיעות מיט דער שיף אויפֿן ריין. ער באַשרייבט די אַלטע שלעסער, וויינגערטנער, שיינע לאַנדשאַפֿטן. ער פֿאָרט ספּעציעל קיין דרעזדן, בכּדי צו זען די סיקסטינער מאַדאָננע פֿון ראַפֿאַעל. מיט פֿיל ליבע באַשרייבט ער די יידישע אַלטערטימלעכקייטן, וואָס ער האָט געזען אין פֿראַנקפֿורט אַם מיין, וואָרמס, מיינץ. עס געפֿעלט אים די לאַנדשאַפֿט פֿון טורינגיען. אין אַלגעמיין אָבער, פֿילט ער זיך נישט גוט אין דייטשלאַנד. אייך זאָך אין דייטשלאַנד לויבט ער אָבער שטאַרק. דאָס זענען די באַנען. „ווינען דאַרף מען אין פֿראַנקרייך — שרייבט ער — דעם תּענוג פֿון פֿרייהייט קאָן מען האָבן אין ענגלאַנד, אָבער פֿאָרן מיט באַנען זאָל מען אין דייטשלאַנד״. סאָקאָלאָוו געהערט נישט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס ווערן נתפּעל פֿון אָרדענונג און אָרגאַניזאַציע. ער זוכט גאַנץ אַנדערע איינדרוקן. אין דייטשלאַנד געפֿינט ער זיי נישט. „טראָץ דעם אַלעם — שרייבט ער — מאַכן די דייטשן אויף מיר דעם איינדרוק פֿון באַרבאַרן״.

פֿאַריז פֿאַרכּישופֿט אים אין גאַנצן. „ערשט איצט, פֿאַרשטיי איך — שרייבט ער — פֿאַר וואָס די פֿראַנצויזן באַטראַכטן זייער פֿאַריז, ווי דאָס האַרץ פֿון דער וועלט... זיי זענען גערעכט. קיין שום אַנדערע הויפּטשטאָט פֿון דער וועלט, קאָן זיך נישט פֿאַרגלייכן מיט פֿאַריז. אַזאַ אויסערגעוויינלעכן

צוּיבער האָט אָט די שטאָט! די מענטשן, געביידעס, דענקמעלער, די פּער־ספּעקטיוו, באַוועגונג אויף די גאַסן, דאָס אַלץ רייצט, אַנטציקט און באַ־גייסטערט. פריער האָב איך זיך געמאָטערט ביים אָנשרייבן אַן אַרטיקל. איצטער פיל איך מיד, ווי אַן אָנגעזאָפּטער שוואָם! כ׳וואָלט געקאָנט שרייבן אָן אַ סוף!״ ער האָט, ווי אויפגעלעבט. ער פילט זיך לייכט און מונטער. ער ווערט פאַרכאַפּט פון דער פּאַריזער אַטמאָספער, וואָס ער אָטעמט טיף אַריין אין זיך. שפּאַצירט איבער די בולוואַרן, באַזוכט די טעאַטערן, איז זיך מחיה מיט דער שיינקייט פון דער שפּראַך, מיטן „עספּרי״ פון די פּראָנצויזן און זייערע פיינע מידות.

ער שרייבט אַ בריוו צום אויבער־ראַבינער פון פראַנקרייך צדוק כהן, צו וועלכן ער האָט נאָך פון מאָסקווע געשיקט זיינע ערשטע העברעישע לידער. צדוק כהן ענטפערט אים אָפּ און לאַדט אים איין צו זיך אויף יום־טוב. גלייכצייטיק שיקט ער אים אָן איינלאַדונג צו דער גרויסער ראָטשילד־סינאַגאָגע, אויף „רי דע לאַ וויקטואַר״. ער באַקומט אַן ערן־פּלאַץ ביי דער מזרח־וואַנט, נעבן די ראָטשילדס. סאָקאָלאָוו באַשרייבט דערנאָך אויספיר־לעך זיינע איינדרוקן פון דער שול צו כל נדרי, ווו די גאַנצע סמעטענע, די פּני העיר, נישט נאָר פון דער פינאַנץ־וועלט, נאָר אויך פון דער אינטע־לעקטועלער, האָבן זיך פאַרזאַמלט.

בעת אַן אויפנאַמע אין דער וווינונג פון אויבער־ראַבינער, וועלכער שענקט אים פיל אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע, האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די נאָטאַבלען, די גייסטיקע אַריסטאָ־קראַטיע פון יידישן פראַנקרייך, ווי למשל, פּראָפעסאָר אָפּערט, אַ באַרימ־טער אָריענטאַליסט, ווי אויך מיטן באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, דעם נדיב הידוע, מיט וועלכן ס׳פאַרבינדט אים דערנאָך אַ לאַנג דויערנדיקע פריינד־שאַפט און מיטאַרבעט לטובת ארץ ישראל. סאָקאָלאָוו האָט געהאַלטן עולם ומלואו פון אויבער־ראַבינער צדוק כהן און אים תמיד דערמאָנט לשבח. ער איז אים געווען דאַנקבאַר, ווייל ווי באַוווּסט האָט זיך באַראָן ראָטשילד זייער שטאַרק גערעכנט מיט יענעמס מיינונג און אין אַ גרויסער מאָס האָט מען טאַקע געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם אויבער־ראַבינער, וואָס אים איז גע־לונגען צו פאַראינטערעסירן דעם נדיב הידוע מיטן פּראָיעקט פון גרינדן

קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. סאָקאָלאָוו האָט באַטראַכט צדוק כהנען ווי דעם אידעאַלן גייסטיקן מנהיג פון מערב־איראָפּעישן יידנטום, וואָס האָט מיט זיך פאַרקערפּערט יראת־אלהים, צידקות מיט הויכער וועלטלעכער קולטור.

צו יענע צייטן האָבן זיך אין פּאַריז קאָנצענטרירט גרויסע יידישע פּראָבלעמען. דאָ האָט ער זיך געקאָנט צום בעסטן דערוויסן, ווי עס האַלט מיט ראָטשילדס קאָלאָניעס און וועגן פּלאַן פון באַראָן הירש צו באַזעצן יידן אין אַרגענטינע, דער פּלאַן, וואָס האָט אויפגערודערט די יידישע מאַסן פון מזרח־איראָפּע. אומעטום באַציט מען זיך פריינדלעך צו סאָקאָלאָוון און מען גיט אים גענויע אינפאָרמאַציעס. דעם באַראָן הירש האָט ער נישט געטראָפן אין פּאַריז. זיין פאַרטרעטער און פאַרטרויונגס־מאַן ד״ר זאָנענ־פעלד זאָגט אים, אַז באַראָן הירש האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיין מעמאָריאַל אין ענין אַרגענטינע און טיילט די זעלבע מיינונג אין פיל פּראַגן, ער שטעלט זיך אויך אין קאָנטאַקט מיט זיין צווייטן פאַרטרעטער דוד פיינבערג, ביי וועלכן ער באַמיט זיך צו באַקומען אונטערשטיצונג פאַר דער פאַרמער־שולע אין טשענסטאָכיעוו, ביי וואַרשע, ווי אויך מיט דער לייטונג פון די קאָלאָניעס אין ישראל. איינער פון אירע הויפּט־אָנפי־רער ד״ר עמיל מאירסאָן, אַ באַקאַנטער פילאָזאָף און מיטגליד פון חובבי־ציון אין פּאַריז, דער שפּעטערדיקער גענעראַל־דירעקטאָר פון דער „איקאַ״, האָט געשטאַמט פון פוילן. ער איז געווען דער אַלטער פריינד פון מיין פאָטער, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן אָפט געהאַט פאַרשידענע מיינונגען און נישט געקאָנט דורכקומען אין פיל פּראַגן.

ווי געזאָגט האָט סאָקאָלאָוו זיך באַפריינדעט מיט אַ ריי אָנגעזעענע, פּאַריזער תושבים. די קאָלאָניע פון יידישע עמיגראַנטן אין פּאַריז איז דע־מאָלט געווען אַ צאָלרייכע און וואָגיקע. דאָס זענען געווען הרב לובעצקי, אינזשיניער שידערסקי און ד״ר נחום סלושטש, דאָצענט פון דער סאָרבאָנע, אַן ענטוזיאַסט פון דער העברעישער שפּראַך און קאָרעספּאָנדענט פון דער „הצפירה״. זיין נאָענטסטער פּערזענלעכער פריינד איז אָבער געווען ד״ר האָנרי נאָכטעל, מיט וועלכן מיין פאָטער איז געשטאַנען אין נאָענטן קאָנ־טאַקט העכער אַ פערטל יאָרהונדערט. ד״ר נאָכטעל איז געווען באַדייטנדיק עלטער פון מיין פאָטער. ער האָט געשטאַמט פון וואַרשע, ווו עס האָט

געלעבט זיין משפּחה פון איינפאַכע, באַשיידענע, פרומע יידן פון אַלטשטאָט. מען ווייסט נישט גענוי ווי אַזוי איז נאַכטעל געקומען קיין פּאַריז. וואָרשיינלעך האָט אים עפּעס אַ קרוב נאָך אַלס קינד געבראַכט אַהין. געווען איז עס נאָך פאַר די צייטן פון צווייטן קייזערטום. ווען דער קרוב האָט עמיגרירט, אָדער איז גאָר געשטאָרבן, האָט מען דעם קליינעם נאַכטעל אָפּגעגעבן אין אַ קאַטוילישער שולע. נאַכטעל פלעגט דערנאָך דערציילן, אַז בעת דער לעקציע פון רעליגיע, ווען דער גאַנצער קלאַס האָט געזונגען רעליגיעזע לידער, האָט ער בלויז געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זינגט, באַוועגנדיק בלויז מיט די ליפּן. ענדלעך האָט עס דער גלח באַמערקט און דער קליינער נאַכטעל האָט זיך באַלד מודה געווען, אַז ער איז אַ ייד. דער גלח האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן איידעלער מאַן און זיך פאַרנומען מיט זיין ווייטערדיקן גורל. נאָכן ענדיקן די שולע האָט ער שטודירט מעדיצין. אַלס דאָקטאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה פון יאָר 1870. שפּעטער האָט ער געקעמפט אויף דער זייט פון דער קאָמונע און איז געווען אַן עדות פון אומוואָרפן דעם וואַנדאָם־זייל. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכער אַמעריקאַנערין. ווען זי איז געשטאָרבן, איז ער צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך און געוואָרן דאָקטאָר אין די אַריסטאָקראַטישע הייזער פון פּאַריז. ער איז געווען אַ שלאַנקער, שיינער מאַנסביל און האָט זיך דערוואָרבן אַ געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אין פּאַריז. זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט האָט ער צו פאַרדאַנקען הויפּטזאַכלעך דעם פאַקט, וואָס ער איז עס געווען דער גרינדער פון דער ערשטער גיכער הילף אין פּאַריז. טראָץ דעם, וואָס ער צו פאַרדאַנקען הויפּטזאַכלעך דעם פאַקט, וואָס ער איז עס געווען דער נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך זיינע קרובים און פלעגט פאָרן קיין וואַרשע, בכדי זיי צו העלפן. אַנומלט איז ער געקומען צו מיין פאָטער און דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון זייער פריינדשאַפט.

יעדעס מאָל, ווען מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, האָט ד״ר נאַכטעל אים באַגלייט אין זיינע שפּאַצירן איבער דער שטאָט און אים באַקענט מיט זיינע צאָלרייכע פריינד פון דער פּאָליטישער, ליטעראַ־

רישער און קינסטלערישער וועלט. ד״ר נאַכטעל איז געווען אַ מיטגליד פֿון מיליטערישן קלוב און אַנדערע עקסקלוסיווע קלובן. ער איז געווען אויסגעצייכנט מיט דער קאָמאַנדאַריע פֿון ערן־לעגיאָן און אַנדערע הויכע אויסצייכענונגען. סאָקאָלאָוו האָט זייער ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען זיין פֿרייע צייט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון ד״ר נאַכטעל און אַזוי אַרום זיך געקאָנט אַלזייטיק דערוויסן וועגן פּאַריז. מיין פֿאָטער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן סענטימענט פֿאַר אַזעלכע אָפּשפּליטער פֿון פּוילישן יידנטום, וועמען דער גורל האָט פֿאַרוואָרפֿן אין פֿרעמדע לענדער. ס׳האָבן אָבער אין זיי ווייטער געטליעט פֿונקען פֿון יידישקייט.

ער האָט תמיד געשטרעבט צו זיין אין לאָנדאָן. האָט ער דעריבער זייענדיק אַזוי נאָענט פֿון ענגלאַנד באַשלאָסן כאָטש אויף עטלעכע טעג אַריינכאַפּן זיך קיין לאָנדאָן, טראָץ דעם וואָס פֿון וואַרשע זענען אָנגעקומען אַלאַרמירנדיקע בריוו, וואָס האָבן אים גערופֿן תיכּף צוריקצוקומען. ס׳האָבן זיך אָנגעזאַמלט דאָרט פֿיל דרינגנדיקע ענינים און דער עיקר — שווערע אומאָנגענעמלעכקייטן מיט דער צענזור, ווייל ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון וואַרשע, אָן דעם וויסן פֿון דער צענזור. סאָקאָלאָוו, וואָס איז פֿון כאַראַקטער געווען נאָכגיביק און ווייכהאַרציק, איז אָבער געוואָרן אומבייגעוודיק און אָן עקשן, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן מאַכן אַ נסיעה. דער ענין פֿון „ויסעו ויחנו״, פֿון אויספֿאָרן אַ וועלט האָט ביי אים געהערט צו איינער פֿון די וויכטיקסטע לעבנס־באַדערפֿענישן. כ׳דערמאָן זיך, ווי מיין פֿאָטער האָט בעת אַ געשפּרעך מיט זיין פֿריינד פֿון וואַרשע ד״ר זיגמונט פֿונק, דעם דערפֿינדער פֿון וויטאַמינען, אים דערוויזן, אַז ס׳איז אויך פֿאַראַן אינעם גוף אַ „וויטאַמין פֿון וואַנדערן״, אָן וועלכן דער מענטש ווערט פֿאַרוועלקט, איינגעדאַרט און איינגעטריקנט.

אויף צו קומען מיט אַ באַזוך קיין לאָנדאָן, האָט אים אויך נישט ווייניק באַאיינפֿלוסט און געמוטיקט דער האַרציקער בריוו, וואָס ער האָט באַקומען אין פּאַריז פֿונעם רעדאַקטאָר פֿון „דזשואיש קראָניקל״, מאַיערס, וועלכער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אַלס זיין גאַסט, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט אים באַקענען מיט די וויכטיקסטע לאָנדאָנער פּני־העיר און מיט דער

שרייבערישער וועלט. מיטן „דזשואיש קראָניקל" איז מיין פאָטער זייט יאָרן געשטאַנען אין פאַרבינדונג, זייענדיק איר וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט.

לאָנדאָן האָט אויף אים געמאַכט אַ גאַנץ אַנדערן איינדרוק, ווי פּאַריז. ער איז געוואָרן איבערראַשט פון דעם געוואַלטיקן אונטערשיד פון דער קולטור, פון אָט די צוויי אַזוי נאָענטע און דאָך אַזוי ווייטע לענדער, הגם עס טיילט זיי אָפּ נישט מער ווי אַ שמאָלער ים־קאַנאַל. ער האָט דאָ נישט געפונען אַפילו קיין סימן פון דער פראַנצויזישער אויפגערוימטקייט, גע־מיטלעכקייט, לעבנספריידיקייט, פונעם עולם־הזהווען, פון דער פראַנצויזישער לעבנס־פילאָזאָפיע, אַז אייביק לעבט מען נישט און צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט און דעריבער איז די וועלט אויך אַ וועלט...

אינעם לאָנדאָנער האָטעל־צימער האָט ער געציטערט פון קעלט, און ווען ער האָט זיך דערויף באַקלאָגט, האָט מען אים געראָטן צו פאַרציען דעם פאָרהאַנג, וועט ווערן וואַרעמער. דערפאַר אָבער האָט אויף אים גע־מאַכט אַ שטאַרקן רושם די אָנגענעמע אַטמאָספער פון דער ענגלישער היים. קיין שפּראַך־שוועריקייטן האָט ער נישט געהאַט. ער האָט שוין דעמאָלט גערעדט ענגליש, געוויס אַזוי פליסיק און געלויפיק, ווי פראַנצויזיש. ער האָט זיך באַרימט פאַר זיין פרוי, אַז אין פּאַריז, ווי אין לאָנדאָן, ווערט מען צע־זעצט פון געלעכטער פון זיינע אַנעקדאָטן, וויצן און ווערטלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן דערפאָלג, נעמענדיק אין אַכט די ענגלישע „פלעגמע".

לאָנדאָן אימפּאָנירט אים מיט זיין גרויסקייט, סאָלידקייט, חשיבות און באַדייט. ער איז אַנטציקט פון דער פּאַרלאַמענט־געביידע און דער סאַן־פּאָל־קירכע.

רעדאַקטאָר מאַיערס און דער אַדמיניסטראַטאָר פון „דזשויש קראָניקל" דיפּאַרק וואַרטן אים אָפּ אויפן וואָקזאַל, אַנגעטאָן אין וויזיט־ראָק און צי־לינדער, ווי ס׳איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צו באַגעגענען חשובע לייט. אויף סאָקאָלאָוון האָט עס געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק און טראָץ זייערע מלבושים האָבן זיי אים דערמאָנט זיינע וואַרשעווער יידן. זיינע בריוו פון יענע צייטן זענען פול מיט אומדערוואַרטעטע, אונטערגעכאַפּטע בליץ־פאַרגלייכונגען, אַנאַלאָגיעס און ענלעכקייטן, וואָס כאַראַקטעריזירן אַזוי

סאָקאָלאָוון. ער האָט תמיד מער געלעבט אין דער וועלט פֿון ענלעכקייטן, ווי אונטערשידן, אָט זיין גרויסע פֿעיִקייט פֿון קאָנען זען בחוש און מיט אָפֿענע אויגן, פֿון דערקענען דעם אונטערשיד, פֿון באַנעמען, אויפֿנעמען און פֿונאַנדערקלייבן זיך אין דעם געמיש פֿון טיפּן, כאַראַקטערן, פּראָבלעמען און געשעענישן, וואָס ער האָט אַלץ אָנגעטראָפֿן אין זיין לעבן.

אויפֿן קבלת פּנים ביי מאַיערסן, ווו ער איז געווען דער ערן־גאַסט, האָט זיך סאָקאָלאָוו באַקענט מיט די וויכטיקסטע יידישע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי אויך מיט ישראל זאַנגוויל און זיין ברודער לואי. מאַיערס פֿירט אים אויך אַוועק צום הרב הכולל ד״ר הערמאַן אַדלער, וועלכער נעמט אים אויף זייער האַרציק. ער מאַכט אָבער נישט אויף סאָקאָלאָוון אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, ווי ס׳האָט אויף אים געמאַכט דער רב הכולל פֿון פֿראַנקרייך צדוק כהן.

ס׳איז גראָד דעמאָלט געווען סוכות־צייט און סאָקאָלאָוו ווערט פֿאַרבעטן אין דער סוכה פֿון הרב הכולל. ער באַקענט זיך דאָרט מיט דער משפּחה פֿון אויבער־ראַבינער און באַפֿריינדעט זיך מיט זיין ברודער ד״ר אלחנן אַדלער, מיט וועלכן עס פֿאַרבינדן אים דערנאָך יאָרן פֿון האַרציקער פֿריינד־שאַפֿט. ד״ר אַדלער איז געווען פֿון באַרוף אַן אַדוואָקאַט, האָט ליב געהאַט פֿיל צו רייזן און איז געווען אַ גרויסער זאַמלער פֿון קונסט־ווערק און כתב־ידן. סאָקאָלאָוו באַזוכט די וויכטיקסטע יידישע אינסטיטוציעס פֿון לאָנדאָן. ער איז אַן אָפֿטער איינגייער אין „וויטשעפּל", דעם יידישן שטאָט־קוואַר־טאַל, ווו ער אינטערעסירט זיך ספּעציעל מיטן לעבן פֿון די יידישע עמי־גראַנטן און באַשרייבט אויספֿירלעך די שולע, אין וועלכער ס׳לערנען זיך 3.000 יידישע קינדער. זיינע שפּאַצירן און וואַנדערונגען איבער לאָנדאָן, מאַכט ער אין דער געזעלשאַפֿט פֿון הרב כהן, וואָס איז אויך אַ העברעיִשער שרייבער. אינעם בריטישן מוזיי דאַקעגן האָט אים צום ערשטן מאָל אַריינ־געפֿירט דער הרב הכולל בכבודו ובעצמו, אין דעם מוזיי, וואָס איז פֿאַר אים געוואָרן איינס פֿון די באַליבטסטע ערטער פֿון דער וועלט. די ידיעה, אַז נחום סאָקאָלאָוו געפֿינט זיך אין לאָנדאָן איז זיך ברייט פֿונאַנדערגעגאַנ־גען איבער דער שטאָט און ס׳האָבן גענומען צו אים גיין פֿאַרשידענע דעלעגאַציעס פֿון פּוילישע און רוסישע עמיגראַנטן. דאָרט האָט ער זיך

אויך באַקענט מיט הערמאַן לאַנדוי, דעם גרויסן כלל־טוער און פילאַנטראָפּ. ער האָט געשטאַמט פון וואַרשע און מיין פאָטער האָט פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ.

די טראַדיציעס פון משה מאָנטעפיאָרע זענען נאָך געווען שטאַרק איינגעוואָרצלט אין ענגלישן יידנטום און ביים צונויפטרעפן זיך מיט זיינע פאַרשטייער, האָט סאָקאָלאָוו געמאָנט ביי זיי לטובת די קרבנות פון רדיפות אויף יידן. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט.

סאָקאָלאָוו איז געווען זייער צופרידן פון אָט דער ערשטער נסיעה קיין לאָנדאָן. ער האָט אַלץ דערגרייכט, צו וואָס ער האָט געשטרעבט. ער האָט אָנגעקניפּט באַציונגען מיט פירנדיקע יידישע פערזענלעכקייטן, מיט דער ענגליש־יידישער און ענגלישער פּרעסע און זיך באַקענט מיטן גרעסטן וועלטצענטער לאָנדאָן, די הויפּטשטאָט פונעם פאָלק, וועלכעס ער האָט תמיד באַוווּנדערט. דאָך איז אים דעמאָלט פּאַריז פאַרט געווען נענטער צום האַרצן, ווי מען קאָן דאָס זען פון זיינע דעמאָלסטיקע בריוו. אין יענע צייטן האָט ער אַפילו נישט פאָרויסגעפילט, אַז זיין צוקונפטיקער גורל וועט אים אַזוי ענג צונויפבינדן מיט לאָנדאָן.

אַ זאַטער פון איינדרוקן איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע. די דאָזיקע רייזע איז בלויז געווען דער אָנהויב פון זיינע ווייטערדיקע נסיעות צום מערב, וואָרעם פון דעמאָלט אָן פלעגט ער שוין יעדעס יאָר פאָרן פון וואַרשע קיין אויסלאַנד, ביז ער האָט זיך דאָרט שוין באַזעצט אויף תמיד.

אין איטאַליע איז ער צום ערשטן מאָל געווען אין יאָר 1895. ער איז גליקלעך און באַגייסטערט פון דער פּראַכט פון דער נאַטור און די אומשטערבלעכע קונסט־אוצרות. ער איז אַהין געקומען פון וויען, ווו ער האָט זיך געזען מיט ד״ר בלאָך, רעדאַקטאָר פון דער „עסטרייכישער וואָכנשריפט״, ראובן בריינין, קאָרעספּאָנדענט פון דער „הצפירה״, ראַבינער ד״ר גודעמאַן און מיט אַנדערע פריינד. אַלע האָבן זיי זיך באַקלאָגט אויפן אַלץ מער וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט אים שטאַרק דערדריקט און דערשיטערט. אונטערן הימל פון איטאַליע האָט ער אָבער שנעל צוריק באַקומען זיין הומאָר און לעבנסלוסט. דער ציקל פון זיינע איטאַליענישע בריוו שפּיגלט צום בעסטן אָפּ זיין דעמאָלטיק געמיט און שטימונג. ער

געפֿינט זיך אונטער אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, וואָס איטאַליע מאַכט אויף אים, אַז אָפֿט מאָל שרייבט ער צוויי בריוו אַ טאָג, אַ חוץ זיינע אַרטיקלען, וואָס ער שיקט צו רעגולער צו דער „הצפירה". דערנאָך קומט אָבער פֿלור־צים אַ הפסקה אינעם שרייבן, וואָס ער דערקלערט אַזוי: „ווי מאָדנע ס'זענען די שטימונגען, וואָס באַהערשן מיך. בדרך כלל, האָב איך דאָך נישט קיין שום שוועריקייטן ביים שרייבן, קיין טעמע פֿעלט מיר אויך נישט און אָן אַ שיעור געדאַנקען ליגן מיר, אָדער דרימלען זיך אין קאָפּ. דאָך זענען פֿאַראַן טעג, ווען איך קאָן נישט נעמען די פֿעדער אין האַנט". ער כאַזוכט ווענעדיק, פֿלאָרענץ, רוים, נעאַפּאָל, ליוואָרנאָ. ער איז זיך מחיה מיט די וווּנדער פֿון דער נאַטור און די קונסט־ווערק. דעם שטאַרקסטן רושם מאַכט אויף אים ווענעדיק. זיינע ווענעציאַנישע אימפּרעסיעס באַטראַכט ער אַלס זיין בעסט ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין זיין לעבן. ער ווערט אַזוי באַגייסטערט פֿון דער שיינקייט פֿון דער וועלט, אַז ער באַקומט אַ ביטול־באַציונג צו פּאָליטיק. „איך באַשטים דיך אַלס רעדאַקטאָר פֿון מיינע פּאָליטישע אַרטיקלען", שרייבט ער צו זיין פֿרוי, „איל זיך נישט מיט זיי און ס'איז נישט וויכטיק וועלכן אַרטיקל דו וועסט פֿריער אָפּ־דרוקן. נעכטן האָבן איך זיך, צו ביסלעך, פֿאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט איז פֿאַראַן אַ צענזור און זיך צעיאַכמערט מיט אַ היציקן אַרטיקל וועגן גאַריבאַלדי, אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַנטהילן אַ דענקמאָל לכבוד אים. די היגע יידן לעבט זיך דאָ צו גוט, בכדי צו געדענקען, אַז זיי זענען יידן. אין דאָך געדענקען זיי. וואָרעם רעליגיע איז אַ ענין פֿון האַרץ און נישט פֿון שכל. זיי פֿילן די באַדערפֿעניש פֿון רעליגיע, ווייסן, אַז זייערע אָבות האָבן מקריב געווען זייער לעבן און אויסגעהויכט זייערע נשמות על קידוש השם און אַז מען דאַרף, דעריבער, היטן אָט די ירושה און אָט די צוואה... מיין בריוו שרייב איך איצט ביי דער באַגלייטונג פֿון אַן איטאַליעניש פֿאָלקס־ליד, וואָס עס זינגט מיר צו, אַזוי זיס, דער גאָנדאָליער. ווי גערן וואָלט איך פֿון דאַנען מיטגענומען אַ גאַנצע פֿאַס וויין, ווען נישט די מורא, וואָס „אדוני קאָזאַק" וועט זי מיר אויף דער גרענעץ צונעמען".

סאָקאָלאָוו גייט אַרום איבער רוים אין גאַנצן אַ פֿאַרכישופֿטער. זייער כאַראַקטעריסטיש איז איינער פֿון די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן פֿון

רוים צו זיין פרוי, און וואָס ווייזט, אַז טראָץ דעם, וואָס מיין פּאָטער איז געווען אַזוי שטאַרק עמפּינדלעך אויף שיינקייט, האָט עס אָבער דאָך קיין מאָל נישט פאַרטויבט אין אים, זיין טיפן יידישן סענטימענט. אָט ווי ער שרייבט: „כ׳קום נאָר וואָס צוריק פון דער באַזיליקע פון הייליקן פּעטרוס, און, היות, וועגן דעם וועל איך אין דער „הצפירה" ניט שרייבן, וואָרעם מער וואָלט מיר שוין גאָרנישט געפעלט, ווען איך טו דאָס, וויל איך זיך בלויז מיט דיר טיילן מיט מיינע איינדרוקן... איך בין שטאָלץ דערפון, וואָס גראָד ער, וואָס איז געווען דורך און דורך ייד און דערצו נאָך דער אַרי־גינעלסטער ייד פון ארץ ישראל, האָט עס באַוויזן צו אינספּירירן טויזנטער קינסטלער, בוי־מייסטער, סקולפּטאָרן, העלדן, פירשטן, הערשער, גייסט־לעכע פון פאַרשידענע פעלקער און ראַסן, וואָס זאָלן אים אויפשטעלן אַזאַ דענקמאָל, ווי די באַזיליקע. כ׳בין איבערראַשט פון דער מעכטיקייט און הערלעכקייט פון אָט די אַלע אַרקאַדן, זיילן, טורעמס און טויערן, מיט דער רייכקייט און חן פון די סטאַטועז, מאָזאַיקן, בראָנזן, מאַרמאָרס. דאָס איז אַ גרויסקייט, וואָס באַגייסטערט און וואָס צעקוועטשט און דערדריקט דיך גלייכצייטיק. לגבי אָט דעם געניוס פון דורות ווערט דער מענטש ביי זיך אַליין נישטיק און ווערטלאָז. און ווידער הויבט אָן ביי מיר אין מוח עגבערן די אייביקע פראַגע פון בראשית און אין מיין יידישן קאָפּ ווענדן זיך די געדאַנקען קיין ירושלים, ווו איך קום צום אויספיר, אַז אָט דאָס אַלץ, די מאַיעסטעט פון רעליגיע, אָט דער גאַנצער בליאַסק און רייץ פון דער אידעע פון ליבע, שטאַמט נישט פון אַלטערטימלעכן רוים, אָדער פון גריכנלאַנד, נאָר, אַז דאָס האָט אַ ייד, פון דער לערע פון אונדזערע נביאים און פּראָ־פעטן, געמאַכט די מסקנה פון ואהבת לרעך כמוך. דאָס זענען זיינע צוויי תלמידים פון ארץ ישראל פּעטער און פּאָול געקומען אין קיסרטום פון רוים, וואָס איז נאָך געווען איינגעהילט אין דער פינצטערניש פון געצנ־דינעריי, די צוויי אָרעמע יידן, יועמען מען וואָלט איצט נישט דערלויבט צו לעבן אין פּעטערבורג. און אָט טאַקע די צוויי ישראלים האָבן עס איבער־געקערט דאָס אַלטע רוים מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, שאַפנ־דיק די נייע ציוויליזאַציע, וואָס רופט זיך איצט די קריסטלעכע און וואָס איז אָבער אין תוך געגומען — אַ יידישע. אמת, מיר קאָנען נישט ציזעלירן,

אָדער אויסהאַמערן אַזעלכע מאָנומענטן אָדער מאָלן אַזעלכע בילדער, ווי מיקעל אַנדזשעלאָ און ראַפֿאַעל, אָבער מיר, יידן, האָבן זיי אינספּירירט פֿאַר אַט די מייסטערווערק... איך בייג מיין קאָפּ פֿאַר די דאָזיקע אומשטערב־לעכע ווערק, פֿאַרן געניוס פֿון די דורך גאָט געבענטשטע קינסטלער און איך פֿרעג זיך: צי וועט נאָך דאָס יידישע פֿאָלק זיך דערוואַרטן צו אַזאַ ענלעכן היכל, אָדער זענען מיר שוין אויף אייביק פֿאַרמשפּט צו פֿירן אַן אונטערטעניק פֿאַרפֿאָלגט און אָרעם לעבן, דאָקעגן ווירקן בלויז מיטן גייסט?"

זיין וווּנדערבאַרע צייט אין איטאַליע, די אידיליע, וואָס ער האָט דאָרט דורכגעלעבט איז אָבער כסדר געשטערט געוואָרן פֿון די בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פֿון רעדאַקציע און דער מוטער. זי האָט זיך כסדר באַ־קלאָגט אויף די דאגות און זאָרגן, מיט וועלכע זי קאָן זיך אַליין נישט געבן קיין עצה. ס'איז מיין פֿאָטער געווען אַ גרויס רחמנות אויף דער מוטער און ער האָט זיך באַמיט כאָטש פֿון דער ווייטנס צו ווירקן אויף איר מיט זיין אייביקן אָפּטימיזם. „מאַטעריעלע זאָרגן — האָט ער צו איר געשריבן — זענען ווי די בינען, וועלכע מען מוז פֿון זיך אָוועקטרייבן כל זמן עס לאָזט זיך. ס'טרעפֿט און זיי גיבן אַ ביס. איז פֿאַרפֿאַלן, אָבער מען דאַרף זיך נישט איבערנעמען דערמיט אין פֿאָרויס. לערן דיך אויס פֿון מיר, ווי אַזוי צו נעמען דאָס לעבן פֿון זיין בעסטער זייט. דאָס לעבן איז ווי אַ פֿולער כוס. אויף זיין דנאָ געפֿינט זיך אַ מיאוסער, מוטנער אָפּזאָץ.ליידער מוז מען עס פֿון צייט־צו־צייט טרינקען. אָבער כל־זמן מען קאָן דאַרף מען נישט שאָקלען און אויפֿטרייסלען דעם כוס, וואָרעם דעמלט מישט זיך אויס די פֿליסיקייט מיטן אָפּזאָץ. נאָר אַזוי אַרום קען מען איינהאַלטן יוגנטלעכקייט און פֿריי־הייט".

איינע פֿון די „שוואַכקייטן" פֿון מיין פֿאָטער איז געווען זיין ליידנשאַפֿט אויסצוגעפֿינען לאַנדסלייט אין דער פֿרעמד, דער עיקר צו כאַפּן אַ שמועס מיטן עלטערן דור. ווען ער האָט צום צווייטן מאָל באַזוכט לאָנדאָן, עטלעכע יאָר שפּעטער, האָט ער באַזוכט מיכאל בערגסאָן, דעם פֿאָטער פֿון באַרימטן פֿילאָזאָף הענרי בערגסאָן. וועגן דער משפּחה בערגסאָן האָט מיין פֿאָטער געהאַט אָנגעשריבן אַ היסטאָרישע סקיצע. דער שטאַמפֿאָטער פֿון אַט דער

באַרימטער משפחה איז געווען שמואל זביטקאָווער. וועגן זיינע מעשים טובים און רייכקייט זענען פאַרבליבן אָן אַ שיעור לעגענדעס. מיכאל בערגסאָן איז פאַרכישופט געוואָרן פון שאָפּענס מוזיק. ער האָט זיך געלערנט ביי שאָפּענען, און ווען יענער האָט פאַרלאָזט פוילן, איז ער אים נאָכגעפאָרן. מיכאל בערגסאָן איז געווען אַ קלאַוויר־ווירטואָז, קאָמפּאָזיטאָר און פּראָפעסאָר פון קאָנסערוואַטאָריע אין עטלעכע הויפּטשטעט פון אייראָפּע, ביז ער האָט זיך ענדגילטיק באַזעצט אין לאָנדאָן. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע אָפּערעס, אָן אַ שיעור לידער, עטיודן און הימנען. ער איז געווען באַפריינדעט מיט די גרעסטע מוזיקער פון זיין דור. דער אַלטער בערגסאָן איז געווען שטאָלץ מיט זיין געניאַלן זון, דעם פילאָזאָף, וואָס האָט צום פּראַכט, גלאַנץ, חשיבות און באַדייט פון אָט דער משפחה, איר נאָך צוגעגעבן אויך דעם וויסנשאַפטלעכן רום. העניר בערגסאָן האָט חתונה געהאָט מיט לואיז נויבורגער, דער טאָכטער פון ראָטשילדס לאָנגיאָריקן פאַרטרויונגס־מאַן. זיין חתונה אין יאָר 1892, וואָס איז פאָרגעקומען אין ראָטשילדס סינאַגאָגע אויף רי דע לאַ וויקטואַר, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס געזעלשאַפטלעך געשעעניש פון די פאַריזער פּני־העיר. דער רעקטאָר פון דער סאָרבאָנע האָט געפירט דעם חתן צו דער חופה און די כלה — דער באַראָן אַלפאָנס ראָטשילד. צווישן די איינגעלאַדענע געסט צו דער חתונה האָט מען געזען די פּרינצעסין מאַטילדע באָנאַפּאַרט, די קוזינע פון קייזער נאַפּאָלעאָן דעם דריטן און פּרינץ זשואַנוויל, דעם זון פון קעניג לואי פיליפּ.

„דער זיידע פון מיכאל בערגסאָן — שרייבט סאָקאָלאָוו אין זיינע זכרונות — האָט געשאָטן מיט רענדלעך, בכדי צו ראַטעווען יידן בעת דער פּראַגער שחיטה, וואָס דער צאַרישער גענעראַל סוואָראָוו האָט בעתן איינעמען וואַרשע אויסגעפירט. די מוטער זיינע איז נאָך געווען זייער אַ פרומע יידענע. זי האָט אויפגעשטעלט עטלעכע בתי־תפילה. די שוועסטער זיינע האָט נאָך חתונה געהאַט מיט אַ משכיל פון ליטע. איר זון יששכר האָראָוויץ איז געווען אַ העברעישער פּאָעט. אָבער מיכאל בערגסאָן אַליין האָט געוואָנדערט איבער דער גרויסער וועלט, טראַגנדיק אין האַרצן דאָס ליריש־באַגנדיקע ליד פון שאָפּענס מוזיק, פון וועלכער ער איז געווען דער ערשטער

פּאָפּולאַריזאַטאָר און פֿאַרשפּרייטער. כ׳האָב באַזוכט אָט דעם אַכציק־יאָריקן זקן קורץ פֿאַר זיין טויט אין זיין וווינונג אויף שעפּערדס בוש, אין לאָנדאָן. ער האָט מיט טרערן אין די אויגן דערמאָנט זיין וואַרשע, צו וועלכער ער האָט געבענקט דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט מיך אויסגעפֿרעגט גענוי איבער אַלע פּרטים פֿון זיין היימשטאָט, קרובים, יידישער קהילה. ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן שאָפּען, איז ער מיט אַ מאָל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונגן מענטש. די קנייטשן אויפֿן איינגעטריקנטן פּנים זענען פֿאַרשוווּנדן, און זיינע יידישע, פּויליש־יידישע אינספּירירנדיקע און פֿאַרבענקטע אויגן האָבן גענומען גליִען, ווי ברענענדיקע קוילן...״

קאַפּיטל 9

דער איבערברוך

דאָס יאָר 1897. דער איבערברוך אין נחום סאָקאָלאָווס לעבן. ווען ער איז געפאָרן קיין באַזעל צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט ער זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון דער אומגעהויערער באַדייטונג פון אָט דער געשעעניש פאַרן יידישן פאָלק. אַ סקעפּטיקער פון דער נאַטור איז ער געווען פול מיט באַוואָרענישן לגבי הערצלס איניציאַטיוו, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַן אוטאָפּיע, פאַר אַ גאָלדענעם חלום. דערצו נאָך האָט ער פאַרויסגעזען די אומגעהויערע שוועריקייטן. דערביי האָט ער אין דעם אַלעמען נישט געזען קיין שום אַנטפּלעקונג, אָדער רעוואָלוציע.

אין הערצלס רוף צו דער יידישער וועלט האָט אים באַגייסטערט נישט אַזוי פיל דער פּראָגראַם, נישט אַזוי פיל די בענקשאַפט, וואָס איז שוין פיל שטאַרקער און פלאַמיקער פאָרמולירט געוואָרן פון די חובבי־ציון, נישט אַזוי ווייט די אָרגאַניזאַציע (פון דעם איז ער קיין מאָל נישט געווען קיין חסיד), ווי דאָס אָנקוּמען אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט מענטשן, וואָס זענען באַלעבט און באַהויכט מיט איין אידעע, מיט וועלכער ער איז מיטגעריסן געוואָרן זייט זיינע פריעסטע יוגנט־יאָרן, דעם רענעסאַנס פון יידישן פאָלק.

ער האָט פון אָנהויב געזוכט דעם קולטורעלן און גייסטיקן רענעסאַנס. פון דעסטוועגן האָט אים אָבער אויך צוגעצויגן צו זיך אַן אַנדערער מאָמענט, דער אַקטיווער, דער ראָמאַנטישער, דער פּאָליטישער אַספּעקט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער פרייהייטס־באַוועגונג.

אויפן קאָנגרעס האָט סאָקאָלאָוו געפונען פאַר זיך די אידעאַלע אַטמאָספער — אַ יידישע און גלייכצייטיק אַן אינטערנאַציאָנאַלע; מענטשן, וואָס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן טיף איינגעבאַקן אין זיין האַרץ. ער איז שוין דעמאָלט נישט געווען קיין פּנים חדשות אויפן קאָנגרעס, האָבנדיק

הינטער זיך יאָרן פֿון ליטעראַרישער און פּובליציסטישער אַרבעט און גע־ניסנדיק פֿון אַ גרויסער פּאָפּולאַריטעט פֿון די יידישע מאַסן אויפֿן מזרח, גראָד פֿון די יעניקע מאַסן, אויף וועלכע דער ציוניזם האָט זיך דער עיקר געדאַרפֿט שטיצן ביים רעאַליזירן זיין אידעע. הערצל האָט דאָס פֿאַרשטאַ־נען אָפּצושאַצן. אין די קאָנגרעס־קרייזן האָט מען סאָקאָלאָוון האַרציק אויפֿ־גענומען, טראָץ דעם וואָס ער איז געקומען צום קאָנגרעס נישט אַלס דעלע־גאַט, נאָר אַלס זשורנאַליסט און אָבסערוואַטאָר.

ער איז אויך שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פֿון דער הויכער ליטעראַ־רישער מדרגה פֿון די גייסטיקע מנהיגים, ווי הערצל, נאָרדוי, זאַנגוויל. בכלל האָט ער אויפֿן קאָנגרעס געפֿונען אַלץ, צו וואָס ער האָט געשטרעבט: די מערב־קולטור, דעם פֿלאַמיקן ענטוזיאַזם פֿון די רוסישע חובבי־ציון און אַ ברייט פֿעלד פֿאַר זיך אַלס זשורנאַליסט, שרייבער, געזעלשאַפֿטלעכן טוער און ועל כולם אַ זאַך פֿון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט — די געמיינזאַמע פּלאַטפֿאָרם און טריבונע פֿון צוויי יידישע וועלטן, פֿון וועלכער ס'איז אָנ־געזאָגט געוואָרן אַ מלחמה קעגן דעם, וואָס ער האָט מיט זיין שכל און אינסטינקט אַ לעבן לאַנג באַקעמפֿט.

הערצל האָט אים אין גאַנצן באַצויבערט. סאָקאָלאָוו, וואָס האָט זיך תמיד קריטיש באַצויגן צו די אַזוי גערופֿענע „פֿירער", האָט אין הערצלען — וואָס האָט ווי אַ מעטעאָר זיך באַוויזן אויפֿן יידישן האָריזאָנט, די פּרעכ־טיק־שיינע געשטאַלט, אויף וועלכער די שכינה האָט גערוט — דערזען די אַנטפּלעקונג, די פֿאַרקערפּערונג פֿון יידישן רענעסאַנס. ער, וואָס איז גע־קומען צום יידישן פֿאָלק פֿון אַ פֿרעמדער וועלט, וואָס איז אַזוי פֿיינטלעך געווען צו אָט דער אידעע, וועלכע ער האָט געפּרעדיקט.

הערצל, וואָס האָט אַזוי ווייניק געקענט און פֿאַרשטאַנען דאָס יידנטום; ער, וואָס איז געווען דורך און דורך אַסימילירט, און אין וועלכן ס'האָט מיט אַ מאָל זיך אָנגעצונדן אַ פֿונק פֿון ווידערגעבורט, וואָס האָט אויפֿגע־פֿלאַקערט אין אַ גרויס פֿייער; ער, וואָס קומט צוריק ווי משה צו זיין פֿאָלק, האָט אויף מיין פֿאָטער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע השפּעה, האָט אים פּשוט באַגייסטערט, פֿאַרכישופֿט. אַפֿילו זיין אוטאָפּיזם, וויזיאָנערישקייט, אידעאַליזם און ראָמאַנטיזם, האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן, טראָץ דעם, וואָס,

אין אַלע אַנדערע פֿאַלן, האָט מיין פֿאָטער זיך אין אַלגעמיין געהאַלטן אין רעזערוו און זיך סקעפּטיש באַצויגן צו אַלעמען. הערצל האָט אים צוגע־צויגן צו זיך, ווי מיט עפּעס אַ מאַגנעטישן כוח. אויף סאָקאָלאָוון האָבן תמיד געהאַט אַ גרעסערן איינפֿלוס מענטשן פֿון גייסט, ווי דאָקטרינערן.

אין זיינע זכרונות וועגן הערצלען שרייבט ער, אַז איין מאָל איז צו אים צוגעגאַנגען הערצל, (געווען איז עס פֿאַרן דריטן קאָנגרעס) און אים גע־פֿרעגט וועגן די אויסזיכטן פֿון עפּעס אַ פּראָיעקט; צי מיינט ער, אַז ער וועט דורכגיין אויפֿן קאָנגרעס. מיין פֿאָטער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע מיינונג בנוגע אָט דעם פּראָיעקט, וואָס שייך די אויסזיכטן אויף צו ווערן אָנגענומען אויפֿן קאָנגרעס, האָט ער אַרויסגענומען אַ בליישטיפֿט פֿון טאַש און גענומען ציילן.

— וואָס ציילט איר עפּעס? — האָט אים געפֿרעגט הערצל, ווי ער וואָלט אים וועלן מאַכן אַ פֿאַרוווּרף.

— איך באַרעכן די שאַנסן פֿון דער אָפּשטימונג — האָט אים מיין פֿאָטער געענטפֿערט. „דעמאָלט, שרייבט מיין פֿאָטער, האָט הערצל אויף מיר אָנגעשטעלט זיינע טרויעריקע, גרויסע, טיף־שוואַרצע אויגן און אַ צוויי־טיקטער, מיט אַ זיפֿץ, זיך אָפּגערופֿן: „צי זענען מיר שוין טאַקע אַזוי נידעריק געפֿאַלן?" דערויף האָב איך אים געענטפֿערט, אַז דאָס זענען נאָר־מאַלע זאַכן, אַז אויך אין פֿראַנצויזישן פּאַרלאַמענט פֿירט זיך נישט אַנדערש און אויך דאָרט זענען פֿאַראַן ריכטונגען און פּאַרטייען... דערויף האָט הערצל געענטפֿערט: „אוי, איז מיר דאָס באַקאַנט. איך פֿאַרשטיי זיך אויף פּאָליטיק. אָבער ביי אונדז יידן דאַרף עס זיין אַנדערש. יידן וועלן גיין אויף זייערע באַראַטונגען, נישט געבונדן פֿון דער פּאַרטיי. ווען זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז דער ענין איז אַ גערעכטער, וועלן זיי זיך דערלאַנגען די הענט צו אַ געמיינזאַמער אַרבעט".

היינט קלינגט דאָס אַלץ רירנדיק־נאַיוו. מען קאָן אָבער נישט צוליגן אַ היינטיקע מאָס צו יענע ווייטע צייטן, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, ווי דאָס אַלץ וואָלט פֿאַרגעקומען מיט פֿיל דורות צוריק... דערצו נאָך האָט סאָקאָ־לאָוו געוויגן אַ מענטשן קודם כל לויט זיין התרוממות הרוח, אינספּיראַ־ציע, עלית־נשמה און דעם געטלעכן פֿונק, וואָס טליעט אין אים. איז מיין

פֿאָטער געשטאַנען פֿאַרן גרויסן רעטעניש און זיך געפֿרעגט — פֿון וואַנען האָט זיך דאָס אַלץ גענומען ביי אָט דעם עלעגאַנטן ווינער זשורנאַליסט, ליטעראַט, מחבר פֿון דראַמאַטישע פּיעסן, דעם ליבלינג פֿון די סאַלאָנען, ביי אים, וואָס האָט מיטן יידנטום נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס? דער פֿאַקט, וואָס הערצל האָט דערפֿילט, אַז ער איז אַ ייד, זייענדיק בעתן דריי־פֿוס־פּראָצעס אין פּאַריז אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿון דער „נייע פֿרייע פּרעסע", איז ווייט נאָך נישט קיין גענוגנדיקע אויפֿקלערונג.

די מערקווירדיקע דערשיינונג, וואָס הערצל האָט מיט זיך פֿאָרגע־שטעלט, האָט געהאַט אַ ספּעציעלן רייץ פֿאַר מיין פֿאָטער, וועלכער האָט טיף געגלויבט אין דעם אומאויפֿהערלעכן און פּערמאַנענטן ווידערגעבורט, רענעסאַנס און באַנייונג פֿון יידנטום. די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון יידן אויפֿן מערב האָט זיי באַפֿרייט פֿון די געטאָס, אָבער ס'איז נישט געקומען די דערלייזונג פֿאַר זייער נשמה. און נייע צרות האָבן זיך גענומען שיטן אויף זייערע קעפּ. די אַסימילאַציע האָט זיי געשטעלט פֿאַר אַ שווערן נסיון. די פֿונקען זענען אָבער נישט אויסגעלאָשן געוואָרן און האָבן ווייטער געטליעט אין די הערצער און נשמות פֿון יידישן פֿאָלק. און פּלוצים האָט דער גורל אומגעריכט ווי אַ בליץ פֿון הימל דורכגעריסן די שווערע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך געזאַמלט איבער יידישע קעפּ, נישט נאָר אויפֿן מזרח נאָר אויך אין מערב און געוויזן אַ וועג די אַלע, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט געזען דעם שטורעם, וואָס ציט אָן און צופֿרידענע ווייטער געלעבט מיט דער אילוזיע פֿון זיכערקייט. דאָס איז געווען הערצל.

מען וואָלט געקאָנט צונויפֿזאַמלען אַ גאַנצן באַנד, וואָס סאָקאָלאָוו האָט אַלץ אָנגעשריבן וועגן הערצלען, ווי וועגן דעם מערקווירדיקן און אויסער־געוויינלעכן פֿענאָמען און דערשיינונג פֿון נייצייטיקן יידנטום. די דאָזיקע אידעלע געשטאַלט האָט זיך טיף איינגעקריצט אינעם באַוווסטזיין פֿון מיין פֿאָטער. צוריקקומענדיק פֿון אַ קאָנגרעס האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו דערציילן זיינע קינדער וועגן הערצלען. ער פֿלעגט פֿאַר אונדז לייענען הער־צלס פּרעכטיקע נאָוועלן, וואָס ער האָט אַליין איבערגעזעצט פֿאַר דער „הצפֿירה". כ'דערמאָן זיך, ווי מיר זענען געווען אַנטציקט פֿון דער נאָוועלע וועגן אַ יוגנטלעכן גריך, עוקאַמאַס, וואָס האָט דערפֿונדן אַ מיטל אויף צו

באַגליקן די מענטשהייט, און געווי אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט זיין לעבן, ווי איקאַר...

אין דער העברעישער איבערזעצונג האָט זיך באַלד אויך באַוויזן הערצלס „אַלט־נײַלאַנד", וואָס מיין פאָטער האָט אָנגערופן — „תל אביב". דאָס דאָזיקע וואָרט איז אַריין אין דער געשיכטע, באַקומענדיק דעם נאָמען פון דער ערשטער יידישער שטאָט. מיר האָבן זיך באַגייסטערט מיט הערצלס פּאָרטרעט, וואָס איז געהאָנגען אין שרייבצימער פון מיין פאָטער. מיר זענען אויך געווען נישט ווייניק שטאָלץ אויף דעם פּאָטאָ־בילדל, וואָס הערצל האָט געשענקט מיין עלטערער שוועסטער מרים מיט דער אייגנהענטיקער צושריפט: „ווער ס'האָט נישט קיין אידעע, פאַר וועלכער ער איז גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבן, איז נישט ווערט, אַז ער זאָל לעבן". הערצל איז נישט געווען אַ רייכער מענטש, ווי די גרויסע יידישע פילאַנטראָפּן. זיין וועג האָט ער אויסגעטראָטן בלויז מיט זיין גרויסער, ריינער אידעע. הערצלס טויט האָט אויפגעטרייסלט און דערשיטערט מיין פאָטער ביז צו די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה. ער האָט עס אין גאַנצן נישט פאַרויסגעפילט, אַז דער גורל, זאָל אַזוי שנעל גראַד אים באַשטימען צו האַלטן אַ הספד איבער זיין קבר.

הערצל ענטפערט אָפּ, אויף מיין פאָטערס געפילן צו אים, מיט סימפּאַטיע און אָנערקענונג. זיי שרייבן זיך איבער זייער אָפט און די בריוו, וואָס מיין פאָטער באַקומט פון אים, זענען זייער האַרציקע. אין דער הקדמה צום יובל־בוך פון נחום סאָקאָלאָוו, שרייבט הערצל: „פאַר די מערב־אייראָפּעישע יידן, וואָס האַלטן רק אין נאָכטאַנצן אַנדערע פעלקער, איז סאָקאָלאָוו אין גאַנצן אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. אָט האָבן מיר פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס לעבט זיך אויס אינעם גייסט פון אַ נייער תקופה, וואָס פאָלגט נאָך ליידנשאַפטלעך, דעם לויף פון די געשעענישן, אַ זשורנאַליסט אין בעסטן זין פון וואָרט, אָבער די וועלט, וועלכער ער ווידמעט אַלע זיינע כוחות און פעיקייטן, איז די יידישע. אין סאָקאָלאָוון זע איך איינעם פון די סאַמע ערשטע שעפער פון געזונטן און פרייען געזעלשאַפטלעכן געדאַנק אינעם שויס פון יידישן פאָלק. אמת איז, אַז נישט אַלע מאָל טייל איך זיינע מיינונגען. דערפאַר טאַקע לייען איך מיט נאָך אַ גרעסערן אינטערעס און נוצן,

אַלץ וואָס ער שרייבט. די פֿליכטן, וואָס ער האָט אויסצופֿירן זענען גאָר שווערע. ער פֿירט זיי אויס דרייסט, מיט טאַלענט און טאַקט. איך בין פֿעסט איבערצייגט, אַז פֿאַר די קומענדיקע דורות וועט ער דינען, ווי אַן אומפֿאַרגלייכלעכער ביישפּיל פֿון אַט דער יידישער רענעסאַנס־תּקופֿה, אין וועלכער מיר קעמפֿן און ליידן".

הערצל האָט פֿאַרמאָגט אין זיך דעם רוח־נבֿואה, איז געווען פּקיחיש, גייסטרייך און גאוניש, אָבער נישט פֿאַנאַטיש. זיין איינציקער פֿאַנאַטיזם איז געווען זיין אומדערשיטערלעכער גלויבן אין דער גערעכטיקייט פֿון דער זאַך, פֿאַר וועלכער ער האָט זיך מקריבֿ געווען. ער האָט געגלויבט, אַז די עוולה, דאָס שלעכטס, וואָס איז דעם יידישן פֿאָלק געטאָן געוואָרן, מוז פֿאַרגיטיקט און צורעכטגעמאַכט ווערן, ווי אויך, אַז דער קאַמף פֿאַרן אויסלייזן דאָס יידישע פֿאָלק איז אים באַשערט געוואָרן פֿון גורל. ער איז געווען דער הומאַניטאַריער מיט אַ ברייטן האָריזאָנט און דאָס האָט טאַקע מיין פֿאָטער צום שטאַרקסטן צוגעצויגן צו הערצלען, וואָרעם ביידע האָבן זיי געהאַט דעם זעלבן צוגאַנג צום יידישן רענעסאַנס. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז וועגן ווידעראויפֿשטיין פֿון מדינת ישׂראל, אָבער אויך אין דעם, ווי אַזוי אַזאַ מדינה דאַרף אויסזען.

אַ חוץ צו הערצלען האָט זיך סאָקאָלאָוו אויך דערנענטערט צו זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער. מאַקס נאָרדוי האָט אים שטאַרק באַאיינדרוקט מיט זיין פּרעכטיקן סטיל בעת די אויפֿטריטן אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. אָט דער שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען, וואָס איז אַזוי ווייט געווען פֿון יידישקייט, אָט דער שאַרפֿער קאָפּ, דורך און דורך רעאַליסטיש און קריטיש, האָט זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען פֿון קאַמף; ישׂראל זאַנגוויל האָט אים באַגייסטערט מיט זיין בליצאַרטיקן אינטעלעקט, מיט זיין חכמה און אָדלערבליק. אַ טיפֿן רושם האָט אויף סאָקאָלאָוון אויך געמאַכט בערנאַרד לאַזאַר, אַ פֿראַנצויזישער ייד, אַ פּאָעט און סאָציאַליסט, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל אין דרייפֿוס־פּראָצעס. דאָס זענען דעמאָלט געווען די צייטן פֿון ליטעראַרישן, אינטעלעקטועלן און אַרטיסטישן ציוניזם. הערצלס רוף צו די יידן אין מערבֿ־אייראָפּע האָט געפֿונען אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג בלויז צווישן די ווייניקע, „נישט־פּראַקטישע" קרייזן פֿון

אַסימילירטן יידנטום. די מאַסן זענען געבליבן שטום. ס׳האָבן זיך בלויז אָפּגערופן קליינע גרופּן פון די חובבי־ציון, אָדער פון דער יונג־קונסט און ליטעראַטור. ערשט שפּעטער, ווען ס׳איז אַנטשטאַנען די גרויסע באַוועגונג און די אָרגאַניזאַציע, איז דער דאָזיקער ליטעראַרישער אַוואַנגאַרד אָפּגעטראָטן אויף אַ וויטערן פּלאַן נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין ראָל.

נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע האָט מיין פאָטער, פול מיט פרישע איינדרוקן און באַפליגלט מיט נייעם גייסט, זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן ברען צו דער אַרבעט. ער האָט פאַר זיך שוין אַ קלאָרן וועג און ציל. די ראָל פון אַ זשורנאַליסט, שרייבער, אָדער לאָקאַלן יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער, באַפרידיקט אים שוין מער נישט. ער פילט זיך צו זיין באַרופן צו פיל וויכטיקערע אויפגאַבן. ער האָט באַשלאָסן זיך פולשטענדיק צו ווידמען דעם ציוניזם. יעדעס יאָר פאָרט ער צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן און דאָרט ציט ער די אויפמערקזאַמקייט צו זיך מיט זיינע אָרויסטריטן אין די פראַגן פון דער העברעישער קולטור. ער קעמפט פאַר אַריינגעמען אין פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויך די אַנטוויקלונג פון דער העברעישער קולטור, וועלכער ס׳קומט אַ געהעריקער פּלאַץ צוגלייך מיט דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט. דער דיפּלאָמאַטישער אַספּעקט פון ציוניזם האָט אים דעמאָלט ווייניקער אינטערעסירט. דאָקעגן האָט די גלייכגילטיקייט און אַפילו גרינגשעצונג צו די קולטור־פּראָבלעמען פון ציוניזם געווירקט אויף אים זייער דערדריקנדיק. אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיין פרוי פון לאָנדאָנער קאָנגרעס, אין יאָר 1906 שרייבט ער: „דער קאָנגרעס איז אַ כאַאָטישער, אַ שטורמישער און אַ נישט אָנגענעמער. נעכטן אין די אָוונט־שעהען האָב איך געהאַלטן מיין רעפעראַט. די טעמע איז געווען אַ שווערע פאַרן עולם. מבינים זאָגן אָבער, אַז דער דאָזיקער רעפעראַט דאַרף אָפּגעדרוקט ווערן. אויפן קאָנגרעס איז אָבער פאַראַן אַ האַרטנעקיקע אָפּאָזיציע קעגן באַהאַנדלען און באַטראַכטן קולטור־פּראָבלעמען — עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער רעוואָלט פון רבנים, צבועיאַקעס, איגנאָראַנטן און סתם עם־הארצים. באַלד וועל איך מוזן ווידער גיין אויפן קאָנגרעס און נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. כ׳בין נישט אַזוי ווייט אויסגעמאַטערט, ווי

גייסטיק צעבראָכן. דער גאַנצער קאָנגרעס געפֿעלט מיר נישט. כ׳באַמי מיך צו געפֿינען כאָטש איין גוטע זאַך אויפֿן קאָנגרעס, עפּעס אַ ליכטיקן פּונקט. כ׳געפֿין אָבער גאָרנישט״.

אַזעלכע מאָמענטן פֿון אַנטוישונג האָבן אָבער לאַנג נישט געדויערט ביי מיין פֿאָטער. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר שוועריקייטן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער וועט האָבן אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף, סיי אין דער אָרגאַניזאַציע גופֿא, און וואָס איז געווען נאָך פֿיל וויכטיקער, אויך מחוץ דער אָרגאַניזאַציע.

פּוילן און אייגנטלעך יענער טייל, וועלכן רוסלאַנד האָט פֿאַרנומען, דאָס אַזוי גערופֿענע קאָנגרעס־פּוילן, האָט אין יענע צייטן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסערגעוויינלעך שווער געביט פֿאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אויפֿקלערונגס־אַרבעט. אין ערגעץ האָט דער ציוניזם נישט געהאַט קעגן זיך אַזאַ אויסגעברייטערטע קאָאַליציע פֿון קעגנער, ווי גראָד אין קאָנגרעס־פּוילן. מען האָט געמוזט אונטערנעמען אַ גלייכצייטיקן קאַמף אויף עטלעכע פֿראָנטן מיט אַ מאָל און דערצו נאָך ביי גאָר נישט גינסטיקע באַדינגונגען. די דאָזיקע פּיאָנערישע אַרבעט האָט אים אָבער פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסע מאָראַלישע באַפֿרידיקונג, וואָרעם גראָד דאָ און אין תחום המושב פֿון צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך געפֿונען דער גרעסטער יידישער ציבור אויף דער גאָרער וועלט און טאָקע נאָר דאָ האָט דער ציוניזם געקאָנט אָננעמען אַ מאַסן־כאַראַקטער. וואָס אַן אמת, האָט דער ציוניזם נישט דעראָבערט די יידישע גאַס מיט שטורעם, אָבער באַלד ווי די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן צו פֿירן אַן אָרגאַניזירטע אַגיטאַציע, אַזוי האָט זי זיך באַלד דערוואָרבן דעם גרעסטן דערפֿאָלג פֿון אַלע אַנדערע יידישע גרופּירונגען. אין משך פֿון אַ קורצער צייט זענען כמעט אין אַלע גרעסערע פּונקטן פֿון פּוילן אַנטשטאַנען אָרטיקע ציוניסטישע קאָמיטעטן און אונטער איר אָנפֿירונג אויך פֿאַרשידענע קולטורעלע, דערציערישע, אַרטיסטישע און אויך ספּאָרט־אינסטיטוציעס. חוץ דעם האָבן ציוניסטן גענומען אַריינדרינגען אויך אין אַנדערע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, ווו זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט און מאַניפֿעסטירט אַלס די סאַמע לעבעדיקסטע, ענערגישסטע ברען־היציקע עלעמענטן. דערפֿאַר טאָקע האָבן די קעגנער פֿון

ציוניזם אויפגעהויבן אַזאַ געוואַלטיקן אַלאַרם און סאָקאָלאָוו, אַלס דער מנהיג פון דער באַוועגונג אין פוילן, האָט אין משך פון אַ ריי יאָרן געהאַט אויסצושטיין אַ פאַרביסענעם קאַמף אויף אַלע זייטן.

די דאָזיקע תקופה פון סאָקאָלאָווס ציוניסטישער טעטיקייט איז רייך געווען אין פיל שפּאַנענדיקע און דראַמאַטישע עפּיזאָדן. אָנגעהויבן האָט זי זיך באַלד נאָכן ערשטן קאָנגרעס אין יאָר 1897 מיט אַ געוואַלטיקער העצע אין דער פּרעסע מיט טרייבן רכילותן, זידלערייען, מיט פאַרשפּרייטן פאַלשע קלאַנגען, בילבולים, ביז ס'איז דערגאַנגען צו פּשוטער מסירה. פאַרענדיקט האָט זיך די דאָזיקע תקופה האַרט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט שטורמישע דעמאָנסטראַציעס פון דער אַנטיסעמיטישער יוגנט אין גאַליציע און מיט אַ שיסעריי אויף נחום סאָקאָלאָוו, אויף אַ ציוניסטישן מיטינג אין ניי־סאַנדעץ.

טראָץ דעם זענען יענע שטורמישע, אַזוי דערהויבענע צייטן פאַרבליבן ביי מיין פאָטער ווי די האַרציקסטע דערינערונגען. איז דאָס דאָך געווען דער קאַמף מיט דער צאַרישער מאַכט, וואָס האָט זיך גאַנץ ספּעציעל אין קאָנ־גרעס־פוילן אַזוי פיינטלעך באַצויגן צום ציוניזם. ס'איז אויך געווען דער קאַמף מיט דער אַסימילאַציע, מיט דער אַגודה, מיט דער גלייכגילטיקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ, מיט דער פּוילישער פּרעסע פון פאַרשי־דענע ריכטונגען און מיטן אַלץ שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם.

„פאַרנדיק צום ערשטן קאָנגרעס — שרייבט דער פאָטער אין זיינע זכרונות — בין איך גאָרנישט געווען זיכער, צי עס וועט מיר געלינגען צוריק צו פאָרן אַהיים. נאָכן צווייטן קאָנגרעס בין איך דורך די רוסישע זשאַנדאַרן פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער גרענעץ און ס'איז מיר ענדלעך געלונגען אויף אַן אומוועג זיך צו דערשלאָגן קיין וואַרשע, פאַרלירנדיק דער־ביי פיל צייט. נאָכן דריטן קאָנגרעס בין איך אַוועק צום רוסישן קאָנסול אין בערן, בכדי צו פאַרלענגערן מיין פּאַס. דער קאָנסול האָט מיר אָנשטאָט צו פאַרלענגערן דעם דאָקומענט דערקלערט, אַז ווען ער קאָן וואָלט ער מיך געהייסן אַרעסטירן. ער איז געווען אין כעס אויף מיר צוליב מיין רעדע אין באַזעל וועגן דער שלעכטער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד. ווידער בין איך געווען געצוווּנגען צו שמוגלען די רוסישע גרענעץ. נאָכן צוריקקומען קיין

וואַרשע האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָליציייאישע רדיפות. אונדזער אָרגאַניזאַציאָ־נעלע אַרבעט, ווי פאַרקויפן שקלים, קרן קימת, מאַכן פאַרזאַמלונגען, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן און פיל פון אונדזערע חברים זענען פאַר די דאָזיקע „פאַרברעכנס" געזעסן אין תפיסה. די איינציקע רעטונג איז געווען אַריינשטעקן אין האַנט אַריין שוחד־געלט. מען האָט כסדר געמוזט אָפּחורשן די פּאָליציי. אונטערן אויסרייד פון איינאָרדענען אַ משפחה־פייערלעכקייט, ווי אַ חתונה, תנאים, בר־מצווה, האָט מען אָפּגעהאַלטן די פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען אָפט פאָרגעקומען אַפילו אין די סינאַגאָגעס. נישט תמיד זענען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען גלאַטיק אַדורכגעגאַנגען, אַפילו דעמאָלט, ווען די פּאָליציי פון באַטרעפנדיקן באַצירק איז געווען אונטערגעשמירט. ס'איז גענוג געווען, אַז עמעצער זאָל סליחהבען און פאַרשיטן אַזאַ פאַרזאַמלונג און שוין איז אַריינגעפאַלן אַ פרעמדע אָפּטיילונג פון פּאָליציי, פונאַנדערגעטריבן דעם עולם און דורכגעפירט אַרעסטן. כ'דערמאָן זיך אַזאַ פאַרזאַמלונג אין דער פראַגער שול ביי וואַרשע, ווו עס איז געווען פּלאַץ פאַר עטלעכע הונ־דערט מענטשן, האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט טויזנטער יידן. ווי נאָר איך בין אַרויף אויף דער בימה, איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אַ באַנדע פּאָליציאַנטן און געהיים־אַגענטן. על פּי נס איז מיר דעמאָלט געלונגען ניצול צו ווערן פון זייערע הענט און אַנטלויפן. מיינע חברים זענען אָבער אין משך פון עטלעכע טעג געווען פאַרשפּאַרט אין תפיסה. און דאַך! טראָץ די אַלע רדי־פות, נגישות און שטערונגען האָט מען אין איין וואַרשע געזאַמלט העכער צוואַנציק טויזנט שקלים יערלעך — טאָפּלט מער, ווי אין גאַנץ אַמעריקע". אַ געהיימער צירקולאַר פון דער צאַרישער פּאָליציי, פון וועלכן אַ קאָפּיע געפינט זיך אין די אַרכיוון פון מיין פאָטער, האָט פאַראָרדנט אָנצונעמען די שאַרפסטע מיטלען קעגן דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, און דער עיקר נישט צו דערלאָזן צו קיין שום פאַרזאַמלונגען, ווי אויך צו פאַרבאָטן איינ־צואָרדענען צוזאַמענפאָרן, אויף וועלכע ס'האָבן געדאַרפט פאָרקומען וואַלן צום קאָנגרעס.

די אַסימילאַציע האָט באַטראַכט דעם ציוניזם נישט נאָר ווי אַן אויס־זיכטלאָזע האָפענונג, ווי אַ צערונענעם חלום פון אַ הייפל היצקעפּ, אָבער אויך ווי אַ שעדלעכער פרווו, וואָס גראָבט אויס אַ תהום צווישן די יידן און דער

פוילישער געזעלשאַפט, און אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען וועט דער אַנטיסעמיטיזם זיך נאָך מער פאַרשאַרפן. די אַסימילאַציע האָט דעריבער אָנגעגריפן די ציוניסטן, זיי באַצייכנט אַלס די שונאים פון פוילן, וואָס בויען מיט זייער אויטאָפּיסטישן ראָמאַנטיזם בלויז לופט־שלעסער, דערביי אָבער טרייבן זיי יידישן שאָוויניזם, און אויב דאָס איז נאָך ווייניק זענען זיי אויך רוסיפיקאַטאָרן! זי, די אַסימילאַציע, האָט אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס אין די ערשטע צייטן פון ציוניזם אין פוילן, האָבן זיך געפונען ציוניס־טישע טוער פון ליטע, אוקראַינע, אָדער רוסלאַנד.

די פוילישע געזעלשאַפטלעכקייט, אַפילו איר פאַרגעשריטענער און ליבעראַלער טייל, האָט באַלד פון אָנהויב אָן זיך נעגאַטיוו באַצויגן צום ציוניזם, נישט באַמיענדיק זיך אַפילו תופס צו זיין, וואָס דער ציוניזם שטעלט מיט זיך פאָר. אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי, איינער פון די באַדייטנ־דיקסטע, דעמאָלטיקע פאַרשטייער פון פוילישן ליבעראַליזם, האָט אונטערן איינדרוק פון סאָקאָלאָווס אַרטיקלען געשריבן: „סאָקאָלאָוו האָט אויף אַ זייער שיינעם אופן פאָרמולירט זיינע אידעען, איך וויל אָבער נישט, אַז אַט דער קאַנאַריק זאָל טרילערן און זינגען אין מיין מאָגן״. זיי האָבן אויך גע־שאַפן דעם סלאָגאַן, אַז ציוניסטן ווילן שאַפן אַ מלוכה אין אַ מלוכה, צוויי פעלקער ביי דער ווייסל, די „יודעאָ־פּאָלאָניאַ״ אאַז״וו. ס׳זענען אויך געווען, פאַרשטייט זיך, אויסנאַמען, צווישן וועלכע מען דאַרף דערמאָנען די דריי באַרימטע פוילישע שריפטשטעלערינס, באַקאַנט מיט זייערע סימפּאַטיעס צו יידן: עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ, מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ און גאַבריעלאַ זאַפּאָלסקאַ. די קאָנאָפּניצקאַ האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן אינטערעס פאַרן ציוניזם און איז אַפילו געפאָרן צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל.

די חסידים האָבן באַקעמפט דעם ציוניזם נישט ווייניקער פאַרביסן און האַרטנעקיק ווי די אַסימילאַטאָרן. דערביי דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז צו יענע צייטן האָט דער ציוניזם מיט זיך פאָרגעשטעלט נישט מער ווי צוקונפט־מוזיק. וועגן עולה זיין קיין ארץ ישראל אין אַ גרעסערן פאַרנעם איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין רייד. די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דעריבער, נישט קאָנענדיק דערוויל ברענגען אַ ראַדיקאַלע, דרינגנדיקע לייזונג פאַר די יידישע מאַסן, האָט זי זיך באַגרענעצט פאַרלויפיק מיט וועקן דעם נאַ־

ציאָנאַלן גייסט ביים פֿאָלק, מיטן גלייכצייטיקן פּרווו פֿון אָרגאַניזירן זיי אויף שפּעטערע צייטן. געווען זענען עס יאָרן, ווען די עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט זיך שנעל אַנטוויקלט און נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט זי אין אָנהויב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט. נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען האָט דער ציוניזם אין פּוילן דאָך געשלאָגן אַלץ טיפֿערע וואָרצלען, טראָץ דעם וואָס זיינע קעגנער האָבן אים אויסגע־לאַכט און דעם ציוניזם באַטראַכט אַלס אַן אילוזיע, מיראַזש, פּוסטע פֿאַנ־טאַזיע, אַן איי אויף מאָרגן.

דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט געהערט צו די סאַמע נאָרישסטע אַנטיסעמיטיזמען. על פּי שכל הישר האָבן דאָך די פּאָליאַקן געדאַרפֿט באַ־טראַכטן די יידן אַלס זייערע נאַטירלעכע פֿאַרבינדעטע אינעם קאַמף מיט זייער געמיינזאַמען אונטערדריקער — דאָס צאַרישע רוסלאַנד. פּאַקטיש איז עס אַזוי געווען, אָבער נאָר בעת די אויפֿשטאַנד־תּקופֿות, ווען גרויסע, גייסטיקע פּוילישע געשטאַלטן האָבן זיך באַמיט צו געווינען די יידן פֿאַר זייער זאַך מיט דער הילף פֿון פֿרייהייט־לאָזונגען לויט די שענסטע פּוילישע טראַדיציעס. דער דור פֿון פּוילישע יידן, צו וועלכן מיין פֿאָטער האָט גע־הערט, איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אויפֿריכטיקן סענטימענט פֿאַר פּוילן. די פּויליש־יידישע אינטעליגענץ האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפֿן צום פֿאַרשפּרייטן די פּוילישע קולטור און אַרויסגעגעבן פֿון זיך אַ ריי פֿון באַ־רימטע פּערזענלעכקייטן אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן, וויסנשאַפֿטלעכן, ליטע־ראַרישן און קינסטלערישן געביט. דער פּוילישער פּויער און אַרבעטער האָבן אין אַלגעמיין געלעבט בשלום מיט יידן. די פּוילישע אַריסטאָקראַטיע האָט בכלל אַן יידן זיך נישט געקאָנט באַגיין. דער אַנטיסעמיטיזם האָט דאַ־קעגן געפֿונען דעם גינסטיקסטן באָדן אין די רייען פֿון פּוילישן קליינביר־גערטום, מיטלשטאַנד און באַרופֿס־אינטעליגענץ. אַ גרויסע ראָל האָבן אין דעם פֿאַל געשפּילט קאָנקורענץ־טעמים. דערצו נאָך האָט די קאַטוילישע קירך אָנשטאָט צו מילדערן די אַנטאַגאָניזמען, זיי אָפֿט נאָך פֿאַרשאַרפֿט און צוגעשפּיצט.

מען האָט דאָך געקאָנט מיינען, אַז דאָס צוזאַמענלעבן פֿון די יידן און

פּאָליאַקן אין משך פון עטלעכע הונדערט יאָר, וועט אַרויסרופן אַ טיפערן און ערנסטערן אינטערעס.

לאַגיש גענומען האָט דאָס צוזאַמענלעבן פון די פּאָליאַקן און יידן אין משך פון הונדערטער יאָרן באַדאַרפט אַרויסרופן אַ פיל טיפערן אינטערעס ביי די פוילישע אינטעלעקטועלע קרייזן צו זייערע איינגעזעסענע, היימישע מיטשכנים — יידן. אין דער ליטעראַטור פון פוילישן ראָמאַנטיזם, ביי מיצ־קיעוויטשן און סלאָוואַצקין, קאָן מען געפינען נישט ווייניק פּרעכטיקע זייט־לעך וועגן יידן. דאָס יידישע לעבן האָט געפּאַרשט און באַשריבן די אײדעלע אָרזשעשקאָווא, מיט וועלכער מיין פאָטער איז געווען באַפריינדעט. מיטן מאָמענט אָבער ווען צום וואָרט איז געקומען דער קעמפערישער פוילישער מיטלשטאַנד און דאָס קליינבירגערטום, האָבן זיך געענדערט די שטימונגען. אַפילו די יעניקע פוילישע שרייבער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאָר־אורטייל לגבי יידן און געהאַט וועגן זיי אַן אָביעקטיווע מיינונג, האָבן אויך פאַרלוירן זייער האַרץ צו זיי. קלעמענס יונאָשאַ, וואָס איז געווען אויסגע־לעבט מיט יידן, וואָס האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט יידיש און איבערגע־זעצט אויף פויליש מענדעלעס „די קלאַטשע", איז שפּעטער געוואָרן אַ פאַר־ביסענער אַנטיסעמיט, צוזאַמען מיט אַנדערע פוילישע שרייבער. וואָס אַן אמת, איז די שפּעטערדיקע פוילישע ליטעראַטור פריי געווען פון וועלכע נישט איז נאַציאָנאַליסטישע אַקצענטן, ווי למשל, ביי זשעראָמסקין, פּשי־בישעווסקין און זשולאָווסקין. דער לעצטער איז געווען אַ גרויסער יידן־פריינד און איז געווען דער מחבר פון אַ טעאַטער־פּיעסע „שבתי־צבי". די דאָזיקע ליטעראַטור האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף די מאַסן, וואָס איז אין אַנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט באַהערשט גע־וואָרן אין אַ גרויסער מאָס פון דער אַזוי־גערופענער נאַציאָנאַלער דעמאָ־קראַטיע, אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ טרויעריקע ראָל אין דער פוילישער געשיכטע. דער אַלטמאָדישער אַנטיסעמיטיזם איז דורך איר מאָדערניזירט געוואָרן לויטן דייטשן מוסטער און איז געוואָרן איר פּאָליטי־שער פּראָגראַם און אַ ווערקצייג פון דעמאַגאָגיע.

אין רוסלאַנד איז די רעגירונג געווען אַן אַנטיסעמיטישע, פון דעסט־וועגן האָבן די יידן דאָרט געקאָנט רעכענען אויף דער הילף און אונטער־

אַן אָריגינעלע פאָטאָגראַפיע, וואָס י. ל. פּרץ האָט געשענקט נחום סאָקאָלאָוון

שטיצונג מצר אַ גרויסן טייל פֿון דער אינטעליגענץ, אירע וויסנשאַפֿטלעכע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע קרייזן. אָנהויבנדיק פֿון די אַזוי גערופֿענע „קאַדעטן" (קאָנסטיטוציע־דעמאָקראַטן) און ווייטער אויף לינקס האָבן די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן באַקעמפֿט דעם צאַר, געפֿאָדערט אָפּצושאַפֿן די באַגרענעצונגען אויף יידן. אין פּוילן דאַקעגן, האָט מען געקאָנט נאָר לינקס פֿון צווישן די אָפּשטאַרבנדיקע ליבעראַלן און אין די ליטעראַריש־קינסט־לערישע קרייזן אָנטרעפֿן אויף אַ סימפּאַטישער באַציונג צו דער יידן־פֿראַגע. דער פּוילישער פּאַטריאָטיזם האָט זיך געפּאָרט מיט אַנטיסעמיטיזם. די פֿאַר־געשריטענע פּאָליאַקן האָבן זיך ליידער נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פֿון די פֿאַטאַלע, צעשטערערישע איינפֿלוסן און אויסווירקן זיך פֿון דער אַנטי־סעמיטישער אַגיטאַציע, זי גרינגגעשעצט, און די טענות און תרעומות פֿון די יידן האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר איבערגעטריבן. די פּוילישע סטודענטן זענען מערסטנטייל געווען „ענדעקיש" געשטימט. די אַנטיסעמיטישע „תורה" האָט צו זיי דערלאַנגט גיכער פֿון דייטשלאַנד, ווי פֿון רוסלאַנד, וואָרעם די פּאָ־ליאַקן פֿון די קרעסן און רוסלאַנד זענען געווען אין אַלגעמיין ליבעראַל גע־שטימט און פֿון זייערע רייען זענען אַרויס פֿיל אָנגעזעענע קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון פּוילן, סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן.

מיט פֿיל פּאָליאַקן, פֿון די פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע קרייזן, איז מיין פֿאָטער געווען שטאַרק באַפֿריינדעט. צו זיי האָט געהערט דער באַרימטער פֿילאָלאָג, פּראָפֿעסאָר פֿון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, יאַן באָדוען דע קורטענעי, צו וועלכן מיין פֿאָטער האָט זיך גאָר שטאַרק דערנענטערט בעת דער רוסישער רעוואָלוציע פֿון יאָר 1905. באָדוען דע קורטענעי, אַן אָפּ־שטאַמיקער פֿון די פֿראַנצויזישע אימיגראַנטן, וואָס האָט פֿאַראייניקט אין זיך דעם פּוילישן פּאַטריאָטיזם מיטן אינטערנאַציאָנאַלן הומאַניזם, איז גע־ווען אַ גרויסער אוהב־ישראל און זייער הייסער פּאַרטיידיקער. אין יענע פֿינצטערע צייטן, ווען אַפֿילו צווישן די רייען פֿון די פּוילישע ליבעראַלן און ראַדיקאַלן האָט מען נישט געקאָנט געפֿינען ווער ס'זאָל זיך וועלן אָנ־נעמען פֿאַר דער יידישער זאַך, אַזוי גרויס איז געווען זייער מורא, האָט ער, אַן אומדערשראָקענער, פֿול מיט כעס און גרימצאָרן אָנגעגריפֿן די פּוילישע שאָוויניסטן, צוליב וואָס ער האָט געמוזט אויסשטיין העפֿטיקע אָנפֿאַלן מצד

דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע. ער האָט זיך ספּעציעל באַרימט געמאַכט מיט זײַנע מוטיקע אַרויסטריטן, ווען די ענדעציע האָט פּראָקלאַמירט דעם בויקאָט אויף יידן. די לעצטע האָבן אים דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן און פיל יאָרן שפּעטער, שוין אינעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָבן די יידישע דעפּוטאַטן אין פּוילישן סיים דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעשטעלט זײַן קאַנדידאַטור אַלס מלוכה־פּרעזידענט.

אַזעלכע ליכטיקע געשטאַלטן, ווי עס איז געווען באַדוען דע קורטענעי, האָט פּוילן ליידער נישט געהאַט פיל, און אין יענע צייטן האָט מיין פאָטער גענומען אַנטוויקלען זײַן גרויסע ציוניסטישע אַקטיוויטעט. די לינקע עלעמענטן, סיי יידישע און סיי נישט־יידישע האָבן, פון זייער שטאַנדפּונקט, שטאַרק באַקעמפט דעם ציוניזם. פאַרשטייט זיך, אַז די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן געקעמפט מיטן אַנטיסעמיטיזם, אָבער אין אַלגעמיין האָבן זיי זיך באַמיט אויסצומיידן די יידן־פראַגע, מורא געהאַט פאַר קאָמפּליקאַציעס, פאַרמינערט די באַדייטונג פון אַנטיסעמיטיזם, און טייל מאָל אַפילו אים פאַרלייקנט, פאַרניינט און נעגירט אַלס אַ באַזונדער פּראָבלעם.

אין די נײַנציקער יאָרן, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט נאָך נישט געהאַט אָנגענומען אַזאַ צעיושעטן כאַראַקטער, האָבן זיך אויף דעם פעלד אויסגעצייכנט צוויי וועכנטלעכע זשורנאַלן: „ראָלאַ" און „ביוואַ". זייער הויפּט־מיטאַרבעטער און אינפאָרמאַטאָר איז געווען דער משומד, וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים יעזשי אָהר. ער האָט געשפּילט אַ שענדלעכע ראָל ביים פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. מיין פאָטער האָט ער זיך געהאַט אויסגעקליבן אַלס זײַן ספּעציעלן אָביעקט אויף צו טרעפן מיט זײַנע גיפטיקע, אַנטיסעמיטישע פײַלן. שפּעטער פלעגט ער באַזאָרגן כמעט די גאַנצע פּוילישע פּרעסע מיט אינפאָרמאַציעס פון דער יידישער פּרעסע, וואָס ער האָט ספּעציעל צוגעגרייט פאַר איר. ער פלעגט שוין אויסזוכן פּיקאַנטע „ראַזשינקעס", מיט וועלכע ער איז אויסן געווען צו פאַרמיאוסן די יידן אין די אויגן פון די פּאָליאַקן און אַרויסרופן צו זיי אַן עקל. דאָס האָט אַזוי געדויערט אין משך פון לאַנגע יאָרן און ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין שום הכחשות. נישט געווען קיין רכילות און אַפילו בילבול, פאַר וועלכן אַט דער בילער און מסור זאָל זיך אָפּהאַלטן, נישט אויפהערנדיק צו רעדן אָסור

לדבר אויף יידן, און קודם כל אויף מיין פאָטער. אָנקלאָגן אים אין געריכט איז געווען צוועקלאָז, ווייל די רוסישע מאַכט האָט באַגינסטיקט די יידנפרע־סערישע העצע, און די צענזור האָט קיין מאָל נישט געשטראָכן אַ ידיעה, וואָס אָהר פלעגט צושטעלן.

מיין פאָטער האָט געהאַט אויסצושטיין פון אים געברענטע צרות און ערשט אין די שפּעטערע יאָרן האָבן זיך עטלעכע פּוילישע ערנסטע צייטונ־גען, און אַפילו פון ענדעקישן לאַגער, געווענדעט צו סאָקאָלאָוון, אַז ער זאָל פאַר זיי אויפקלערן די צילן און אויפגאַבן פון ציוניזם. אַ סעריע פון צוועלף אַרטיקלען האָט זיך באַוויזן אין דער דעמאָלטיקער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" פון יאָר 1903 א. ג. „די טאָוולען", וואָס האָבן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם אינ־טערעס און אַפילו גינסטיקע קאָמענטאַרן לטובת דעם ציוניזם.

וואָס שייך דעם עקלדיקן משומד יעזשי אָהר דערמאָנט זיך מיר אַ זייער כאַראַקטעריסטישער אינצידענט וועגן וועלכן אַ באַקאַנטער פּוילישער זשור־נאַליסט האָט מיר דערציילט. יעזשי אָהר איז איין מאָל שפּעט ביי נאַכט אַריינגעלאָפן צו אים אין רעדאַקציע און געבעטן, אַז ער זאָל אַרויסנעמען פון עמוד עפּעס אַ ידיעה, וואָס ער האָט יענעם טאָג געבראַכט וועגן יידן. דער רעדאַקטאָר איז געוואָרן שטאַרק פאַרחידושט פון זיין ביטע און אים גענומען פרעגן, וואָס איז די סיבה פון זיין מאָדנער בקשה. אָהר האָט זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען פון צו געבן אַן ענטפער. אַ צוגעדריקטער צו דער וואַנט האָט ער מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז זיין קינד איז פּלוצים אַוועקגעפאַלן חרוב־קראַנק און קייקלט זיך פאַר ווייטאָג. דער מסור האָט, ווייזט אויס, זיך דערשראָקן פאַרן גזר מן השמים, פאַר גאָטס שטראָף.

קאפיטל 10

אויף דער שוועל פון נייע צייטן

דער לויף פון די געשעענישן אויף דער שוועל פון נייעם יאָרהונדערט האָט געקאָנט אָנפילן דעם מענטש מיט אָפּטימיזם און גלויבן אין אַ בעסע־רער צוקונפט פון יידישן פאָלק, כאָטש ס׳האָבן דעמאָלט אויך נישט גע־פעלט קיין טראַגישע קלעפּ, וואָס זענען געפאַלן אויף זייערע קעפּ. די צייטן זענען געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט און שפּאַנענדיק. שטאַרקע סאָציאַלע פערמענטירונגען, דער טריומף־צוג פון דער מערב־דעמאָקראַטיע, דער אויפ־שוווּנג פון סאָציאַליזם, די נייע ריכטונגען און שטראָמען אין דער ליטע־ראַטור.

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט געוועקט האָפענונגען ביי די פאַר־שקלאַפּטע פעלקער, וואָס האָבן געשמאַכט אונטערן רוסישן יאָך. זייער אונ־טערדריקער האָט איצט באַקומען די גערעכטע שטראָף. ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן דער אומפאַרמיידלעכער געשיכטלעכער פּראָצעס פון פוילעניש און צוזאַמענברוך פון צאַריזם. פון דעסטוועגן איז ער נאָך דעמאָלט גענוג שטאַרק געווען אויף צו דערשטיקן אין בלוט און פייער די ברויזנדיקע רעוואָלוציע. זיינע פונדאַמענטן האָבן זיך שוין אָבער אָנגעהויבן צו וואַקלען. די צאַרישע רעגירונגען האָבן זיך באַנוצט מיט דעם אַלטן, אויסגעפּרוווטן מיטל פון אָפּ־ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק צוליב די מפּלות אויפן פראָנט און געגומען העצן דעם פינצטערן המון קעגן די „אינערלעכע שונאים" און קודם כל — קעגן יידן. די כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט און מאָביליזירט די פּראָגרעסיווע עפנטלעכע מיינונג לטובת די פאַרפאָלגטע יידן.

נחום סאָקאָלאָוו לעבט דעמאָלט איבער צייטן פון אויסערגעוויינלעכער דינאַמיק. ער אַרבעט סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט. זיין ליטעראַרישע, שעפע־

רישע טעטיקייט איז צו יענע צייטן זייער אַ רייכע און פּרוכטבאַרע. ער פֿלעגט פֿיל פֿאַרברענגען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זיינע פּען־קאָלעגן און מיט פֿרייד באַגריסט דאָס באַוויזן זיך פֿון נייע טאַלענטירטע שרייבער, העברעישע, אָדער יידישע. צוגלייך מיט זיין אָנגעשטרענגטער ציוניסטישער אַרבעט אויף די קאָנגרעסן און אין דער היים, איז ער אויך שטאַרק טעטיק אַלס דער קעמפּער פֿאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. זיין טעטיקייט גייט שוין ווייט אַרויס פֿון די ראַמען פֿון זיין אַרבעט אין דער „הצפירה" און די פּויליש־יידישע פּראַגן. ער איז שוין אין וואַרשע גיכער אַ גאַסט, האַלטנדיק אין איין אַרומפֿאָרן איבער דער ברייטער וועלט. זיין נאָמען צעשפּרייט זיך איבער דער גאַרער וועלט, גאַנץ ספּעציעל אַלס אַ גלענצנדיקער רעדנער. ווי זאָגט אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט, אַז „אַ פּאָעט מוז מען געבוירן ווערן, אָבער אַ רעדנער קאָן מען ווערן". מיין פֿאָטער האָט בלויז באַשטעטיקט דעם דאָזיקן אַלטן אמת. ער איז נישט געוואָרן מיט אַ מאָל דער גרויסער, גלענצנדיקער רעדנער. ער האָט אָפּט געאַרבעט גאַנצע נעכט ביים צוגרייטן זיך צו זיינע ערשטע עפֿנטלעכע אויפֿטריטן און ערשט מיטן לויף פֿון די יאָרן איז ער דערגאַנגען צו אַזאַ פֿולקאָמענקייט און פּערפֿעקציע, אַז ער האָט באַוויזן צו אימפּראָוויזירן פֿיל שעהעדיקע רעדעס, אַרויסגעזאָגט אין אַ בלוי־מען־שפּראַך, רייך, עלאָקווענט, בילדעריש, אַ מאָל קרעפֿטיק און שטאַרק, אַן אַנדערש מאָל וואַרעם הייס, גליענדיק, אָדער מיט בייסיקער, שניידיקער איראָניע, אָבער קיין מאָל נישט באַנאַל. ער האָט פֿאַראייניקט אין זיך די גלענצנדיקע רעדנערישע פֿעיקייטן מיט אַ טיפֿער קענטעניש פֿון פּראָבלעם און דערביי נאָך באַרייכערט זיינע רעדעס מיט אָן אַ שיעור פֿון מעשהלעך, ווערטלעך און וויצן, וואָס האָבן זיך ביי אים געשאָטן ווי פֿון אַרבל אַרויס. די ציוניסטישע באַוועגונג איז רייך געווען אין פֿיל באַרימטע רעדנער, אָבער אַלס פּאָליגלאָט, דער פֿיל שפּראַכן־קענער, וואָס האָט געהאַלטן רעדעס אין אַכט שפּראַכן, האָט זיך מיט סאָקאָלאָוון קיינער נישט געקאָנט פֿאַרגלייכן.

מאַטעריעל האָט זיך מיין פֿאָטער דעמלט נישט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן. דער טיראַזש פֿון דער „הצפירה" און פֿון זיינע אַנדערע אויסגאַבן איז שנעל געשטיגן. דער פֿאָטער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין דאגות פּרנסה און זיך געקאָנט דערלויבן צו מאַכן אָפֿטע נסיעות קיין אויסלאַנד.

מיינע עלטערן האָבן דעמאָלט געפירט אין וואַרשע אַ ברייט הויז, און קיין געסט האָבן קיין מאָל נישט געפעלט.

אין משך פון אַ ריי יאָרן זענען אין אונדזער הויז אויף מאַריאַנסקאַ 2 יעדן מאָנטיק פאַרגעקומען דיסקוסיע־אָוונטן, צו וועלכע ס׳פלעגן קומען פאַרשטייער פון דער פויליש־יידישער אינטעליגענץ פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען — פון די אַסימילאַטאָרן פון אַלטן שניט ביז ציוניסטן און סאָציאַליסטן. מיין פאָטער איז געווען נישט נאָר דער בעל־הבית, אָבער אויך די נשמה און דער צוציונגס־צענטער פון די דאָזיקע אָוונטן, וואָס זענען געוואָרן אַ שם דבר אין שטאָט. אויף אָט די אָוונטן האָט מען נישט אָנגענומען קיין שום באַשלוסן. ס׳האָבן זיך דאָרט בלויז געקרייצט די סאַמע עקסטרעמסטע מיינונגען. הויפּטזאַכלעך האָט מען באַהאַנדלט אַקטועלע טעמעס און פּאָליטישע פּראָגראַמען. די אָוונטן פלעגן זיך אָנהויבן מיטן האַלטן אַ רעפעראַט אויף דער געגעבענער טעמע, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן יידישן פּראָבלעם. צוזאַמען מיטן עלטערן דור פלעגט קומען צו די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען אויך די אַקאַדעמישע יוגנט. די דיסקוסיע איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ. יעדער איינער האָט געקאָנט פריי אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען אין דאָזיקן סאַלאָן, וואָס האָט אָפּגעשפּילט זיין גרויסע ראָל נישט נאָר אין פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין פּוילן, נאָר אויך אין וועקן דעם אינטערעס פאַר דער יידישער פראַגע פון אַלע אירע אַספּעקטן.

צו איינעם פון די פייערדיקסטע רעדנערס פון אַלטן דור האָט געהערט אַדוואָקאַט איזידאָר יאַשינאָווסקי. ער איז געווען דער דעלעגאַט פון וואַרשע צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אין זיין גרויסן קאַפּעלוש און מאַנטל, מיט זיין רויט געזיכט און זילבער־ווייסער באָרד האָט ער דערמאָנט גאַריבאַלדין. ער האָט פאַרמאָגט אַ לייבן־שטימע און ווען ער פלעגט זיך צעהיצן בעתן רעדן האָט דאָס מעבל געציטערט אין צימער. דאָס איז געווען אַ מענטש — אַ דימענט מיט אַ זעלטענעם כאַראַקטער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס בפרט אויף די אַסימילירטע קרייזן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך אָבער צוריקגעצויגן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט מיין פאָטער, אים פיל מאָל, ביי פאַר־

שידענע געלעגנהייטן, געהאָלפֿן, גאַנץ ספּעציעל בעת די צאָלרייכע פּרעסע־פּראָצעסן און קאָנפֿליקטן מיט דער מאַכט.

די מאַנטיק־אָוונטן, וואָס מיין פֿאָטער האָט ביי זיך רעגולער איינגעפֿירט, זענען מיט דער צייט געוואָרן די רעדנער־טריבונע פֿון פּוילישן ציוניזם. דאָ האָבן געשליפֿט זייערע רעדנער־פֿעיקייטן אַ ריי יונגע ציוניסטן, וואָס האָבן טאַקע אין מיין פֿאָטערס הויז אָנגעהויבן זייערע ציוניסטישע קאַריערעס, ווי למשל דער פּריציייטיק פֿאַרשטאָרבענער יאַן קירשראָט, אויף וועלכן מען האָט געלייגט אַזוי פֿיל האָפֿענונגען, יצחק גרינבוים, משה קערנער, שמעון זיידענמאַן, נחום סירקין, אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, זעליק ווייצמאַן און פֿיל אַנדערע. צו אונדז פֿלעגט אויך קומען ד״ר הענריק גאָלדשמידט, אַ טאַלענטירטער פּוילישער ליטעראַט, וואָס איז באַקאַנט געוועזן אונטערן פּסיידאָנים יאַנוש קאָרטשאַק, אַ זעלטענע, איידעלע געשטאַלט, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווייט פֿון פּאָליטיק. זיין גאַנץ לעבן האָט זיך יאַנוש קאָרטשאַק געווידמעט דעם יידישן קינד אַלס דאָקטאָר, לערער און פֿריינד. בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה איז ער אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט אין וואַרשעווער געטאָ, ווען ער איז געגאַנגען מיט זיינע עטלעכע הונדערט קינדער צום אומקום אויפֿן „אומשלאַג־פּלאַץ“ און פֿון דאָרט צום פֿאַרניכטונגס-לאַגער טרעמבלינקי. די קינדער האָבן אים פּשוט פֿאַרגעטערט און אים גערופֿן : „דער דאָקטאָר איז אונדזער מלאך“.

צו די שטענדיקע איינגייער אויף די דאָזיקע מאַנטיק־אָוונטן האָט אויך געהערט ד״ר שמואל גאָלדפֿלאַם, דער פֿילאַנטראָפּ, הומאַניסט, וואָס האָט תמיד זיך באַטייליקט אין וויכטיקע אַקטיוויטעטן לטובת דער יידישער באַפֿעלקערונג און וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן אויך דערנענטערט צום ציוניזם. „זיין האַרץ איז געווען, ווי יענע האַרפֿע, וואָס איז געהאַנגען צוקאָפּנס פֿון דוד המלכס בעט“, האָט אים מספּיד געווען מיין פֿאָטער. „דער גרויסער נערוון־דאָקטאָר און מוזיקער, דער וועלט־מענטש און שטאָלצער ייד, וואָס פֿלעגט אויפֿציטערן, ווען מען האָט באַליידיקט דעם כבוד און ווירדע פֿון זיין פֿאָלק. אַ זון פֿון אַ רייכן סוחר, האָט ער געבענקט נאָך פֿרייהייט און דאָס שיינע אין לעבן. ער האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך דעם אידעאַלן פּויליש־יידישן וואַרשעווער טיפּ, ווען וואַרשע האָט געגלאַנצט

מיט איר גייסט און פּראַכט און פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם סינטעז פון מזרח און מערב. מיט זיין אַוועקגיין פון אונדז איז מיר אַ שאָד נישט נאָר דעם מענטשן, נאָר אויך די תקופה, וואָס איז מיט אים אַוועק! וואָרעם גאָלדפלאַם האָט געהערט צו איינעם פון די לעצטע טיפּן פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע".

כ'דערמאָן זיך, ווי אויף איינעם פון די דאָזיקע אָוונטן האָט ד"ר לודוויג זאַמענהאָף, דער שעפער פון דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך, געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער נייער רעליגיע, וואָס ער האָט געשאַפן, און וואָס האָט מיט זיך געזאָלט פאַרשטעלן דעם קאָמפּראָמיס צווישן קריסטנטום און יהדות. זיין נייע רעליגיע האָט ער אַ נאָמען געגעבן — „הילעליזם", ווייל זי האָט זיך, הויפּטזאַכלעך, געשטיצט אויף הלל מאָראַלישע פּרינציפּן. דער דאָזיקער עספּעראַנטאָ־גלויבן האָט אָבער נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג ביי די אַנוועזנדיקע, הגם ס'איז שווער געווען וואָס פאַרצוואָרפן דער דאָזיקער נייער רעליגיע, וואָס איז פון אים אַזוי איינפאַלעריש, פּיקחיש און גייסטרייך קאָנסטרוירט געוואָרן. ווייזט אויס, אַז די אומרויקע צייטן, דער אַנזאָג פון דערנענטערן זיך פון די גרויסע שטורעמס, האָבן נישט באַגינסטיקט דאָס באַשעפטיקן זיך מיט רעליגיעז־קאָסמאָפּאָליטישע, אַבסטראַקטע פּראָבלעמען.

ד"ר זאַמענהאָף, דער שטילער, באַשיידענער מענטש, איז אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען אַ הייסער חובבי־ציון. שפּעטער אָבער האָט דער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט געשטעקט אין אים, גובר געווען זיין בענקשאַפט צו ציון. פון באַרוף אַן אויגן־דאָקטאָר, האָט ער געוואָלט די מענטשן עפענען די אויגן אויף די ענלעכקייטן, וואָס פאַרבינדן די מענטשן און זיי אויסהיילן פון אַלע נאַציאָנאַליזמען. פאַרטאָן אין די ווערטער־ביכער האָט ער כמעט ווי נישט געזען, וואָס אַרום אים קומט פאָר. זאַמענהאָף האָט געהערט צו די סאַמע קאָנסעקווענטע און טאַלענטירטע אַנהענגער פון פעלקער־דערנענטערונג, און זיין וועלטשפּראַך עספּעראַנטאָ האָט געהאַט און האָט אויך איצט דעם גרעסטן דערפאָלג פון אַלע פּרוּוון פון דעם מין.

סאָקאָלאָוו האָט געקענט זאַמענהאָפן זייער לאַנג און האָט אים מקרב געווען צו זיך. מיט דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך האָט זיך אָבער מיין פאָטער

נישט געפּלעגט באַגייסטערן. פֿון אָנהויב האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן דאָזיקן עקספּערימענט פֿון אַ וועלטשפּראַך און די ערשטע מעטאָדע פֿון עס־פּעראַנטאָ אין דער העברעישער שפּראַך איז דערשינען אין די אַכציקער יאָרן אַלס אַן אויסגאַבע פֿון פֿאַרלאַג „הצפירה". מיין פֿאָטער האָט צו ביס־לעך אַפּילו מקנא געווען זאַמענהאָפֿן, וואָס ער האָט זיך דערוויטערט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע ענינים און זיך פֿולשטענדיק אַריינגעטאָן אין פֿילאָלאָגישע זוכענישן, להיפּך צו מיין פֿאָטער, וואָס האָט מיט אַלע זיינע חושים און רמ"ח־אבֿרים געשטעקט אין יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, זייענדיק אַזוי עמפּינד־לעך אויף אַלע יידישע געשעענישן. פֿלעגט ער דעריבער פֿון צייט צו צייט נישט קאַרגן קיין איראָנישע באַמערקונגען אויפֿן אַדרעס פֿון זיין פֿריינד וועגן וועלכן ער האָט אין „די וועלט" פֿון יאָר 1905 געשריבן:

„תמיד דער זעלבער זאַמענהאָף. די אַכציקער יאָרן: די וועלט ברויזט מיט רדיפֿות, גזירות, באַגרענעצונגען, עקסצעסן און פּאָגראָמען און איר זיצט אין וואַרשע, אויף דער דזשיקע גאַס און מאַכט אייך די וועלטשפּראַך. די ניינציקער יאָרן: נייע שטורעמס, עמיגראַציע־כוואַלעס, טויזנטער אונ־טערנעמונגען, שטאַרקע שטראָמען, פּאַרטייען, רייבונגען. און איר זיצט אייך וויטער אויף דער דזשיקע־גאַס, ווי קיין מאָל גאָרנישט און מאַכט די וועלט־שפּראַך. איצטער האַלטן מיר שוין ביים יאָר 1905 מיט אַ קריגס־צושטאַנד, רעוואָלוציע, אַטענטאַטן, מאַסן־באַוועגונגען און איר זיצט נאָך אַלץ אויף דער דזשיקע־גאַס וווּ עס גייען פֿאַר אייך פֿאַרביי אומענדלעכע לוויות, און איר האַלט וויטער אין איין שלייפֿן און אויסבעסערן אייער וועלטשפּראַך".

נאָך די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן די דיסקוסיעס אויף די מאָנטיק־אָוונטן אָנגענומען אַלץ אַ מער ליידנשאַפֿטלעכן כאַראַקטער. די אַסימילאַטאָרן האָבן טיילווייז זיך צוריקגעצויגן פֿון אַט די אָוונטן און אויפֿ־געהערט צו קומען, אַנדערע דאַקעגן האָבן זיך אונטערגעגעבן, אָוועקגע־לייגט דאָס געווער און זיך אַלץ מער גענייגט צום ציוניזם. דערפֿאַר האָבן אָבער גענומען קומען צו אַט די דיסקוסיע־אָוונטן אַלץ מער יונגע מענטשן מיט ראַדיקאַלע אָנשויונגען, לינק־געשטימטע ציוניסטן, בונדיסטן און פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. כ'געדענק, ווי פֿון די בונדיסטן פֿלעגן קומען צו מיין פֿאָטער: בראָניסלאַוו גראָסער, וועמען מיין פֿאָטער

האָט זייער ליב געהאַט און הענריק ערליך. ס'פלעגן אויך אַריינפאַלן צו אונדז פאַרבייפאָרנדיקע געסט, סיי פון מזרח, און סיי פון מערב. אויף יעדן איינעם פון די מאַנטיק־אָוונטן פלעגט מיין פאָטער רעדן דער לעצטער, מאַכנדיק אַ סך־הכל פון די באַרירטע פראָבלעמען.

די דאָזיקע אָוונטן האָבן באַקומען אַזאַ שם אין וואַרשע, אַז אויך די פּאָליציי האָט זיך מיט זיי פאַראינטערעסירט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון די אָנטיילנעמער, דער עיקר צווישן דער יוגנט.

דער קאָמיסאַר פון אַכטן פּאָליציי־באַצירק, קאָנסטאַנטינאָוו, איז געווען דאָס געשפּענסט פון גאַנצן ראַיאָן, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד און אַ מורא אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג. צוזאַמען מיטן זשאַנדאַר פון דער אָכראַנע־אָפּטיילונג קולאַקאָוו האָבן זיי דורכגעפירט ביי אונדז אין דער וווינונג די ערשטע רעוויזיע. געקומען זענען זיי אין דער טיפער נאַכט. דער פאָטער איז געזעסן אין זיין שרייבצימער און געאַרבעט, דער פאָטער האָט זיך גע־האַלטן זייער רויִק. די פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן האָבן דורכגענישטערט די גאַנצע וווינונג. ווען זיי זענען אָבער אַריינגעקומען אין מיין פאָטערס שרייבצימער און דערזען די בערג מיט צייטונגען און ביכער, האָבן זיי פאַר־לוירן דעם חשק ווייטער צו זוכן. און גראַד דאָרט אין דער ביכער־שאַנק זענען געווען פאַרשטעקט די רעוואָלווערן פון דער יידישער זעלבסטשוץ. די רעוויזיע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אָפּפירן מיין עלטערן ברודער הענריק אין תפיסה.

בעת דעם פאַרהער אין דער „אָכראַנע” פון די אָנטיילנעמער אין די מאָנטיק־אָוונטן אין אונדזער הויז, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאָליציי איז געווען גאַנץ גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט און געטאָן אויף די דאָזיקע אָוונטן. ס'איז אונדז קיין מאָל נישט געלונגען זיך צו דערוויסן, צי דאָס איז עמעצער פון די אָנטיילנעמער באַגאַנגען אַן אומפאָרזיכטיקייט, אָדער, וואָס איז נאָך טרויעריקער, געווען אַ קאָנפידענט פון דער „אָכראַנע”. די רעוויזיעס אין אונדזער וווינונג האָבן זיך אַזוי איבער־געחזרט עטלעכע מאָל. קאָנסטאַנטינאָוו האָט לאַנג נישט אָנגעצויגן. אַ באַמ־בע האָט אים צעריסן אויף שטיקער, וואָס דער יונגער קעמפער, דער רע־

וואָלוציאָנער ברוך שולמאַן האָט אויף אים געוואָרפן, אין יאָר 1905. שולמאַן איז שפּעטער אומגעקומען מיט אַ העלדישן טויט אויף דער תּליה.

די שׂנאה און דער האַס צו דער צאַרישער מאַכט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די ספּערן פון דער פאַרמעגלעכער בורזשואַזיע, סיי פּוילישער, סיי יידישער, שוין אָפּגערעדט פון דער באַרופס־אינטעליגענץ, האָבן דירעקט און אומדירעקט געשטיצט דעם טעראָר קעגן דער רעגירונג, אויסבאַהאַלטן ביי זיך די קעמפער און פינאַנסירט די רעוואָלוציע. נישט איינער פון די רעוואָלוציאָנערן האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אונדזער הויז, אויף מאַריאַנסקע 2.

די יידן האָבן גענומען נישט קיין קלענערן אָנטייל אין דער פּוילישער פרייהייט־באַוועגונג, ווי אין דער רוסישער. ווער ס'האָט נאָר מיטגעמאַכט דעם פּראָגרעס פון יענע צייטן האָט אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן זיך באַמיט צו העלפן אָט דעם באַפרייונגס־קאַמף. ווען די פּוילישע פרייהייט־קעמפער האָבן פּראָקלאַמירט דעם בויקאָט אויף די רוסישע שולן און דערמיט אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן פּרוּוו צו רוסיפיצירן דאָס לאַנד, האָט סאָקאָלאָוו אָפּגענומען זיינע קינדער פון די רוסישע גימנאַזיעס. דאָס איז געווען אַ גרויסער קרבן, וואָרעם ס'איז גאָר נישט געווען פון די לייכטע זאַכן זיך אַריינצובאַקומען אין אַ רוסישער רעגירונגס־גימנאַזיע. פיל אַסימילירטע יידן, וואָס האָבן כּסדר דעקלאַמירט וועגן זייער פּאַטריאָטיזם און איבערגעגעבנקייט צו פּוילן, זענען נישט בייגעשטאַנען אָט דעם נסיון און געבראָכן דעם בויקאָט. פאַר מיין פאָטער איז עס אָבער געווען אַ פראַגע פון יידישן כּבֿוד ביים סאָלידאַריזירן זיך מיט דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט אין איר קאַמף פאַר פרייהייט. פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיט דער גאַנצער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר בלויז מיט אַ טייל פון איר, וואָרעם, ווי ס'איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון פּוילישן פאָלק באַהערשט געוואָרן פון דער „ענדעציע", וואָס האָט גאָר צוגעהאָלפן דער צאַרישער מאַכט צו דערשטיקן די רעוואָלוציע. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אונטער דער אָנפירונג פון ראָמאַן דמאָווסקי אין משך פון לאַנגע יאָרן פאַרסמט די אַטמאָספער פון פּוילן. מיט אַ סאַדיסטישער פרייד פלעגן זיי אויפנעמען יעדעס מאָל די ידיעה וועגן אַ נייער שיקאַנע אָדער

באַגרענעצונג וואָס די צאַרישע מאַכט האָט פאַראָרדנט לגבי יידן. גלייכצייטיק האָבן די ענדעקעס מיט אַ געוואַלדיקער פאַרביסנקייט באַקעמפט דעם פוילישן סאָציאַליזם, וואָס איז אין יענע צייטן געווען די אַקטיווע קראַפט אינעם קאַמף פאַר פרייהייט.

די וועלט איז נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. ס׳האָבן זיך געענדערט די אומשטענדן, קריזיסן זענען רייף געוואָרן, די פּאָליטישע האָריזאָנטן זענען אַ מאָל פאַרוואָלקנט, אַן אַנדערש מאָל אויסגעלייטערט געוואָרן, ס׳האָבן זיך באַוויזן נייע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, נייע לאָזונגען און נייע מענטשן זענען געקומען צום וואָרט. דאָס יידישע פּראָבלעם, אין מזרח־אייראָפּע, האָט זיך אָבער סיסטעמאַטיש אַלץ מער פאַרשאַרפט אין אָט יענע גורלדיקע צייטן, אויף דער גרענעץ פון צוויי יאָרהונדערטער, ווערנדיק דערביי דער טערמאָמעטער פון אינטערנאַציאָנאַלער מאָראַל, דער סייסמאָגראַף פון אָנקומענדיקע אויפטרייסלונגען און דער סיגנאַל, וואָס רופט נאָך הילף און רעטונג.

אַלץ איז רעלאַטיוו אויף דער וועלט. שוין נישט רעדנדיק וועגן גרויל פון דער לעצטער מלחמה, איז דאָך דער קישעניעווער פּאָגראָם אין פאַרגלייך מיט די מוראדיקע שחיטות אויף יידן אין אוקראַינע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען נישט מער, ווי אַ קליינער עפּיזאָד, בעת וועלכן ס׳זענען דערמאָרדעט געוואָרן עטלעכע צענדליק יידן. דער קישעניעווער פּאָגראָם האָט אָבער אַלעמען געטראָפן ווי אַ דונער, און נישט בלויז יידן אַליין. די גאַנצע וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דאָזיקן, ווי אויף יענע צייטן, אומדערהערטן, ווילדן אַקט פון באַרבאַריזם און רציחה.

ווי נאָר ס׳זענען דערגאַנגען צו מיין פאָטער די ידיעות וועגן קישעניעווער פּאָגראָם, איז ער תיכף אַהין אָפּגעפאָרן. ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן אין זיין שרייבצימער און שרייבן וועגן פּאָגראָם פון דער ווייטנס. ער איז פון אָט דער ידיעה געוואָרן אַזוי דערציטערט און אויפגעטרייסלט, אַז ער האָט בכלל נישט געקאָנט מער שרייבן. ס׳האָבן אים פאַרפעלט ווערטער. חוץ דעם, וואָסער פּעולה האָט שוין בכלל, אין דעם פאַל, געקאָנט האָבן דאָס שרייבן, ווען מען מוז תיכף אונטערנעמען אַ גרויסע הילפס־אַקציע און גלייכצייטיק מרעיש־עולם־זיין די עפנטלעכע וועלט־מיינונג.

כ׳געדענק, ווי מיין מוטער איז געווען אומרויִק, ווען דער פֿאָטער איז אַהין אָפּגעפֿאָרן. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען ידיעות וועגן אויסברוך פֿון פּאָגראָמען אויך אין אַנדערע אָרטשאַפֿטן. דער פֿאָטער האָט פֿון וועג כסדר צוגעשיקט דער מוטער באַרויִקנדיקע בריוו. פֿון קישעניעוו איז אים שווער געווען צו שרייבן בריוו צו דער „הצפירה״, אָדער אַנדערע צייטונגען אין פּוילן און רוסלאַנד. די צענזור אין וואַרשע איז געווען די סאַמע שטרענג־סטע. דער אַלטיטשקער, ווילינקער אלאַפּין, מיין לערער פֿון רעליגיע אין דער רוסישער גימנאַזיע, וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענזאָר פֿון העב־רעיש, האָט באַקומען אינסטרוקציעס אויסצושטרייכן אַלע דראַמאַטישע באַשרייבונגען פֿון קישעניעווער פּאָגראָם. דאַקעגן איז די צענזור אין פּעטער־בורג שוין געווען אַ מער ליבעראַלע. די יידיש־רוסישע צייטונגען, וואָס זענען דאָרט דערשינען, זענען נישט געווען אַזוי געשטערט אין זייערע אינפֿאָרמאַציעס, ווי אין וואַרשע. פֿאַר דער „הצפירה״ איז דעמאָלט אַנט־שטאַנען אַן אומדערטרעגלעכע לאַגע. זי איז דעמאָלט געווען די פּאָפּולער־סטע יידישע צייטונג נישט נאָר אין די שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן, נאָר אויך אין רוסישן תחום המושב, וואָס איז צום שטאַרקסטן געווען באַ־דראָט פֿון פּאָגראָמען. האָט די צענזור אַרויפֿגעלייגט איר לאַפּע אויף דער „הצפירה״ און זי פּשוט געשטיקט, נישט לאָזנדיק שרייבן קיין וואָרט וועגן פּאָגראָם.

אַ חוץ דער אינערלעכער באַדערפֿעניש, וואָס האָט דיקטירט מיין פֿאָטער, צו פֿאָרן קיין קישעניעוו, האָט ער געהאַלטן, אַז זייענדיק אויפֿן אָרט, וועט אים זיין לייכטער צו אַלאַרמירן די יידן פֿון גאָר דער וועלט און אויך קאָנען זאַמלען באַוויַז־מאַטעריאַלן פֿאַר די גרויסע יידישע פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי די „אַליאַנס איזראַעליט״, „איקאָ״ און „הילפֿספֿאַראיין״, מיט וועלכע ער האָט זיך תיכף פֿאַרבונדן, ווי אויך מיט דער אויסלענדישער פּרעסע, ספּעציעל מיט דער ענגלישער און אַמעריקאַנער. צווישן אַנדערע צייטונגען האָבן זיך באַוויזן זיינע אויספֿירלעכע באַריכטן וועגן קישע־ניעווער פּאָגראָם, פֿאַרשטייט זיך אָן אַן אונטערשריפֿט, אין דער לאָנדאָ־נער „טיימס״ און „דזשוויש קראָניקל״.

סאָקאָלאָוו האָט, זייענדיק אין קישעניעוו, געהאַט אַ געשפּרעך מיטן

גובערנאַטאָר, איינער פון די ליבעראַלסטע מענטשן, וואָס איז געווען אויפ־געבראַכט צוליבן פּאָגראָם, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט פאַרהיטן. ער איז געווען אוממעכטיק און הילפלאָז לגבי דער „אכראַנע", וואָס האָט גע־האָט אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם. אַ ביסל שפּעטער האָט דער גובערנאַטאָר באַקומען דימיסיע.

אויב דער פאָטער מיינער האָט נישט געקאָנט אַלץ שרייבן אין דער „הצפירה" וועגן קישעניעווער פּאָגראָם צוליב דער שטרענגער צענזור, האָט ער עס אָבער געטאָן אין זיינע פּריוואַטע בריוו צו דער פרוי. אָט זענען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון די דאָזיקע בריוו: „שוין אויף דער באַן האָבן מיך אָפּגעוואָרט פיל מענטשן, וואָס האָבן מיך אָפּגעפירט אין האָטעל און נישט אָפּגעטראָטן פון מיר. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט די טיר זיך נישט צוגעמאַכט פון די מאַסן יידן, וואָס האָבן אָן אויפהער געשטראָמט צו מיר. איך בין אין גאַנצן דערשיטערט און צעשמעטערט פון וויטיק, צער און צאָרן פון דעם אַלעמען, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט דאָרט. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז די רוצחים, וואָס האָבן פאַרגאָסן אונדזער יידיש בלוט אויף די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע, זענען געווען מענטשלעך אין פאַרגלייך מיט די כוליגאַנעס, מיטן דאָזיקן פעבל און געהינטעכץ, וואָס האָט געמאָרדעט, געשאָכטן און געקוילעט קאַלטבלוטיק און גלייכגילטיק, ווי אין אַ שעכטהויז. הילף איז דרינגענדיק נויטיק. די ביז איצטיקע „טראָפּנס" האָבן קיין שום באַדייטונג נישט. אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי געראַודפט געוואָרן, וועמען מען האָט געטראָטן מיט די פיס, באַשפּיגן, באַליידיקט, געמאַטערט און געפּייניקט, באַרויבט און באַגזלט, גייט אויס פון הונגער. פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" האָב איך באַקומען אַ טעלע־גראַם, ווו מען פרעגט מיך אָן וועגן פּרטים... דאָס וועטער איז דאָ מחיהדיק פריש און דאָס לאַנד גופא — אויסערגעוויינלעך שיין. ווי שרעקלעך גרוי־זאַם און מאָנסטעריש איז עס, וואָס גראָד דאָ זענען אויסגעפירט געוואָרן אַזעלכע מוראדיקע רציחות... און טראָץ דעם, וואָס איך האָב מיר אַלץ אַזוי געגעבן פאַרגאַטירט, איז מיר שווער אינעם כאַאָס און צעמישונג, אין וועלכן איך געפין זיך, עפּעס וואָס אָנצושרייבן. כ'קאָן נישט... שוין נישט רעדנדיק מיינע טעגלעכע באַזוכן איבער די שפּיטעלער, באַראַקן, רויִנען און קברים,

לאָזן מיך נישט אָפּ די מענטשן אַפֿילו אויף אַ רגע. ביז שפּעט אין דער נאַכט קומען אָן און גייען אַוועק איין דעלעגאַציע נאָך דער אַנדערער, בעטנ־דיק הילף... דערנאָך קאָן איך נישט איינשלאָפֿן. די מוראַדיקע בילדער פֿון פּאָגראָם פֿאַרפֿאָלגן מיך, ווי די געשפּענסטער. אַ מידער שטיי איך אויף און ווידער הויבט זיך אָן דאָס זעלבע... נעכטן האָב איך אין קאָמיטעט פֿאַר־הערט די עדות, היינט פֿאָר איך אַרויס אויף די ערטער פֿון דער שחיטה, מאָרגן טרעט איך אויף אויף אַ גרויסן מיטינג. דערווייל שרייב איך נאָך גאָרנישט, נאָר אויב איך וועל אָנהויבן צו שרייבן, וועלן אַפֿילו שטיינער וויינען... אויף דיין פֿראַגע, צי איך באַדויער, וואָס איך בין אַהער געפֿאָרן, ענטפֿער איך דיר אָפֿנהאַרציק, אַז ניין. מען האָט דאָס געמוזט אַליין איבער־לעבן, נישט בלויז זען, נאָר טאַקע איבערלעבן".

סאָקאָלאָווס באַזוך איז אויף לאַנגע יאָרן פֿאַרבליבן אין זכרון פֿון די קישעניעווער יידן און ווען מיין פֿאָטער איז אין יאָרן אַרום, שוין זייענדיק פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווידער געקומען אויף אַ באַזוך קיין קישעניעוו, וואָס האָט שוין געהערט צו רומעניע, האָט מען אים דערמאָנט פֿיל איינצלהייטן פֿון יענע טעג.

שתדלנות, אינטערווענץ, פּראָטעקציע, איינפֿלוס און השפּעה... אין די יאָרן, ווען די נאַציאָנאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען האָבן גענומען ווערן רייף, האָט מען זיך מיט בטול און גרינגשעצונג באַצויגן צו די אַלטע מעטאָדן פֿון פֿאַרטיידיקן יידן, מיט וועלכע די יידישע גבירים און אַריסטאָ־קראַטן האָבן זיך באַנוצט. מען האָט אַרויסגעוויזן פֿאַראַכטונג צו זיי, נישט בלויז דערפֿאַר, וואָס מען האָט בכלל אויפֿגעהערט צו גלויבן אין דער ווירק־זאַמקייט פֿון די שתדלנות־מעטאָדן, נאָר די לינקע, ראַדיקאַל געשטימטע קרייזן האָבן זיי אויך געהאַלטן פֿאַר אַ באַליידיקונג, פֿאַר אַ חרפּה, בזיון און דערנידעריקונג פֿון יידישן כבוד. פֿאַקטיש אָבער איז דאָס דאָזיקע שת־דלנות, אין גרויסן סטיל, אָנגעגאַנגען אין משך פֿון לאַנגע יאָרן אַלס אַ ווירקזאַם מיטל פֿון דער יידישער דיפּלאָמאַטיע אין גלות. מיט אָט דעם מיטל האָט מען געפּרוּווט, קודם כל, צו ווירקן אויף דער צאַרישער מאַכט. זייט די צייטן פֿון משה מאָנטעפֿיאָרי איז דאָס געוואָרן אַ טראַדיציע, וואָס האָט גאַנץ אָפֿט אויך געבראַכט אויפֿן אָרט רעזולטאַטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז

דערמיט זענען די פּראָבלעמען נישט געלייזט געוואָרן. דאָך האָבן די רדיפות אין אַ געוויסער מאָס נאָכגעלאָזן און יידישע לעבנס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. די ראָטשילדס, באַראָן הירש און אַנדערע יידישע מאַגנאַטן, סיי פון אויסלאַנד און סיי פון רוסלאַנד אָדער פּוילן, האָבן זיך באַמיט אויף דעם אופן צו לינדערן די יידישע נויט.

אין די יאָרן פון פאַר דער ציוניסטישער תקופה, ווען מיין פאָטער האָט זיך נאָך געהאַט פאַרנומען מיט פילאַנטראָפּיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, האָט ער אָנגעקניפּט באַציונגען מיט אַ ריי פון יידישע נאָטאַבלען אין פּוילן; מיט די בערגסאָנס, וואַוועלבערגס, ווי אויך מיט יאַן בלאָך, וואָס טראָץ דעם שמד, האָט ער זיך נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער יידישער פראַגע, גאַנץ ספּעציעל מיט באַזעצן יידן אויפן לאַנד און האָט נישט אויפ־געהערט ווייטער צו שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט די פאַרשידענע געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

יאַן בלאָך האָט אין זיינע צייטן געהערט צו די רייכסטע מענטשן אין פּוילן. ער האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל ביי וואַרשע און פון אָרעמע עלטערן. ער האָט זיך אַליין, מיט זיינע אייגענע כוחות, דערשלאָגן צו אַ ריזיק פאַרמעגן און האָט געהאַט גרויסע באַציונגען אין פּעטערבורג. מען האָט אים געשעצט, ווי אַן אָנגעזעענעם געשעפטסמאַן, אינדוסטריעלער, מיט שוווּנג און איניציאַטיוו. בלאָך האָט, צוו. אַנד. זיינע ווערק, אויפגעבויט איינע פון די וויכטיקסטע באַן־ליניעס אין פּוילן, וואָס האָט פאַרבונדן וואַרשע מיט לאָדזש. ער האָט באַקומען דעם טיטל פון ווירקלעכן מלוכהשן ראַט־מאַן און איז געווען מיטגליד פון וויסנשאַפטלעכן קאָמיטעט ביים רוסישן פינאַנץ־מיניסטעריום, ווו עס האָט אויך מיטגעאַרבעט גראַף וויטע. יאַן בלאָכן האָט מיין פאָטער געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס אין די קריטישע טעג פון יאָר 1905 איז אים געלונגען זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיטן גראַף וויטע, מיטן דעמאָלסטיקן פּרעמיער־מיניסטער פון רוסלאַנד, וואָס האָט גע־הערט צו די ליבעראַלסטע רוסישע מלוכה־מענער. אָבער וועגן וויטע, וועט מיר נאָך אויסקומען שפּעטער צו שרייבן.

יאַן בלאָך איז געווען איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. איך דערמאָן אים

פאָסטקאַרט פון עספעראַנטיסטן־קאָנגרעס אין לאָנדאָן 1916
צוגעשיקט פון ד״ר זאַמענהאָף צו נחום סאָקאָלאָוו

דערפֿאַר, ווייל מיין פֿאָטער האָט געשריבן וועגן אים מיט אַן אויפּריכטיקן סענטימענט, ווען ער האָט געשילדערט די אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו פֿילאַנטראָפּיע, נאָר איז אויך געווען איינער פֿון די גרעסטע פּאַציפֿיסטן אין אייראָפּע. אַט דער דאָזיקער ייד, וואָס האָט זיינע קינדער־יאָרן פֿאַרבראַכט אין אַ קליין פּויליש שטעטל, וואָס האָט זיך אַליין דורכגעשלאָגן זיין וועג אין לעבן און דערגרייכט אַלץ, צו וואָס ער האָט געשטרעבט: געוואָרן אַ גרויסער מיליאָנער, פֿאַרקערט אין די העכסטע קרייזן, אויסגעגעבן זיינע טעכטער פֿאַר פּוילישע אַריסטאָקראַטן, געהאַט כבוד, באַציונגען, איינפֿלוסן. און דאָך האָט ער זיך געפֿילט פֿרעמד אין דער נייער סביבה. דאָס אַלץ האָט אים נישט גליקלעך געמאַכט און ס׳האָט נישט באַפֿרידיקט זיינע גייסטיקע באַדערפֿענישן, מיט וועלכע ער איז געקומען אויף דער וועלט. ער האָט געוואָלט, ס׳זאָל נאָך אים פֿאַר־בלייבן כאָטש אַ שפּור, און אויף די גאָר אַלטע יאָרן האָט זיך אים פֿאַר־בענקט נאָך אַ גרויסער אידעע. מען האָט וועגן אים שוין לאַנג פֿאַרגעסן, אָבער יאַן בלאָך איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט געגרינדעט דעם מוזיי פֿאַר שלום אין לאָזאַן. דאָס האָט ער געהערט צו די מיטגרינדער פֿון פֿרידנס־פּאַלאַץ אין האַאַג, וווּ ס׳געפֿינט זיך איצט דער אינטערנאַציאָנאַלער גע־ריכטס־טריבונאַל. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ווערק אין עטלעכע בענ־דער, אין וועלכן ער האָט דערקלערט אַ מלחמה דער מלחמה. לײדער האָבן זיינע באַמיונגען, אין וועלכע ער האָט געהאַט אַריינגעלייגט אַזוי פֿיל האַרץ און נשמה, נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַט. ער איז אָבער געווען נישט דער ערשטער שלום־פֿרעדיקער אויף דער וועלט, וועמען ס׳האָט געטראָפֿן דער זעלבער גורל.

די יאַפּאַניש־רוסישע מלחמה איז נישט געווען פּאָפּולער ביים רוסישן פֿאָלק, אַ פּשיטא שוין ביי דער פּוילישער און יידישער באַפֿעלקערונג. דאָס איז געווען אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט און ס׳האָט אויך נישט געקאָנט זיין אַנדערש. מיט אַ געפֿיל פֿון צופֿרידנקייט און דערלייכטערונג האָט וואַרשע אויפֿגענומען יעדע ידיעה וועגן די רוסישע מפּלות אויפֿן יאַפּאַנישן פֿראָנט. יעדע נייע מפּלה האָט פֿאַרגרעסערט די האָפֿענונג אויף פֿרייהייט און אויס־לייזונג פֿון צאַרישן יאָך און פֿאַרשקלאָפֿונג. פֿון דעם שטאַנדפּונקט גענומען

האָבן די יאַפּאַנער נישט אַנטוישט. זיי האָבן אומבררחמנותדיק דערלאַנגט דעם שונא קלעפּ אויף קלעפּ, דעמאַסקירנדיק דערמיט זיין שוואַכקייט, אומ־אָרדענונג און כאַאָס און די קאָרומפּירטקייט פון אָט דעם ריז, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַזאַ פּחד און שרעק אויף גאַנץ אייראָפּע. די צייטונגען פלעגט מען זיך פּשוט אַרויסרייסן פון די הענט און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ נייעם נומער, טראָץ דעם וואָס די צענזור האָט נישט דערלויבט אויפּ־צודעקן דעם גאַנצן אמת, און אַפילו געפעלשט די פאַקטן. די רעדאַקציעס האָבן אָבער געהאַט די פּריווילעגיע צו באַקומען נישט צענזורירטע צייטונ־גען פון אויסלאַנד און אין דער „הצפירה" פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַ סך באַקאַנטע, בכדי געוויר צו ווערן די פרישע ידיעות.

ס'איז דעמאָלט געווען אַ בליענדיקע תקופה פאַרן פּאָליטישן וויץ און סאַטירע. אין די זעלטענע פרייע מינוטן פון אַרבעט פלעגט זיך מיין פאָטער אַריינכאַפּן אין קאַפע, וווּ ער האָט אין קרייז פון זיינע באַקאַנטע און פריינד אַרומגערעדט די מלחמה־געשעענישן. דער רעדל־פירער איז דעמאָלט גע־ווען ד"ר סלאָנימסקי, וועמענס קלוגע און וויציקע ווערטלעך זענען זיך שנעל פונאַנדערגעגאַנגען איבער גאַנץ פּוילן. זיין בליצאַרטיקן וויץ און חכמה האָט ער געירשנט פון זיין פאָטער, חיים זעליג, דעם גרינדער און פאַר־לעגער פון דער „הצפירה" און די זעלבע גייסטיקע באַגאַבונג האָט ער איבערגעגעבן זיין זון, אַנטאָני סלאָנימסקי, דעם אויסגעצייכנטן פּוילישן פּאָעט און שרייבער. מיין פאָטער האָט זייער ליב געהאַט צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט. אַ געוויסע צאָל דאָקטוירים, שטאַם־געסט אויף די מאַנטיק־אָוונטן ביי מיין פאָטער, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן יאַפּאַנישן פראָנט, ווי למשל ד"ר גרשון לעווין, און אונדז צוגעשיקט פון דאָרט בריוו. ער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער פריינד פון אונדזער משפחה, אַ ציוניסט און גרינדער פון „הזמיר". אַ זון פון אַ חזן אין לובלין איז ער געווען זייער מוזיקאַליש און ער האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים פאַרשפּרייטן און פּאָפּולאַריזירן יידישע פאָלקס־מוזיק. ער איז אויך געווען אַ גרויסער וויצ־לער. כ'דערמאָן זיך, ווי מיין פאָטער איז געווען אַנטציקט פון איינעם פון זיינע בריוו, געשריבן אין העברעיש, אין וועלכן גרשון לעווין, דערציילנ־דיק וועגן דער מוראדיקער מפּלה פון די רוסן ביי מוקדען האָט ער זיך

אויסגעדריקט, אַז ער דאַנקט דעם רבונו־של־עולם פֿאַר דער זכיה צו קאָנען זען מיט די אייגענע אויגן פּאָניעס מפּלה. אַזעלכע זענען געווען די שטי־מונגען, וואָס האָבן געהערשט אין פּוילישן יידנטום, וואָס האָט באַטראַכט די מוראדיקע מפּלה פֿון רוסלאַנד אויפֿן ווייטן מזרח פֿאַרן סאַמע יושר־דיקסטן און גערעכטן משפּט פֿון דער השגחה פּרטית.

קאַפּיטל 11

אין דער וואַרעמער היים־סביבה

מיין פאָטער האָט הייס ליב געהאַט זיין היים־שטעטל, נאָך וועלכן ער האָט תמיד געבענקט. אָט, ווי ער באַשרייבט אין יידיש דאָס בית־מדרש פון זיין שטעטל, אַ בילד פון זיין קינדהייט — אַ בילד, וואָס האָט קוים אַ גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור:

„אין מיטן בית המדרש שטייט דער געשניצטער ברייטער באַלעמער. ער שטייט וואַזשנע און ערנסט. אַ שטיקל ממשלה, אַ צענטער.

נענטער ביים אָרון־קודש דער עמוד מיטן „שויתי" מיט די קאַלירטע פּסוקים און די אותיות מרובעות מיט די קריינדלעך. אַ רעמל אין אַ רעמל, געפלאָכטן און געדרייט, מיט ווייַמפּערלעך און מיל־גרוימען און איילבירטן, מזלות און חושן ואפוד און גלעקלעך. מיט מנורהלעך און פישעלעך און פייגעלעך, שווימענדיק און פליענדיק מיט פסוקים פון תנ"ך, מאמרים פון פרק און פון מדרש און אַ ביסעלע קבלה. און די פרומע, גאָטספּאַרכטיקע חיות, וואָס דער־מאָנען, אַז מען האָט צו זיין שטאַרק... צו טאָן דעם רצון פון השם יתברך און איבער אַלעם... די קרוין פון דער מלכה: די הייליקע תורה!

און דער מזרח איז באַזעצט מיט די שיינע יידן. צו־וואַכנס — די גרויסע פעסטע תפילין, און די אַלטע ווייס־זילבערנע עטרות אויף די פּערלמוטער טליתים מיט די ברייטע תכלת־פּאַסן, אויף די הויכע למדנישע שטערנס. בעל־הבתים, לייטישע מענטשן, איינער ווי דער אַנדערער. און שבת און יום־טוב, בשעת קריאת התורה, שטייען זיי מיט די פנימער צום באַלעמער, מיט די „מקראות גדולות" אין די הענט. און די קלוגע אויגן פאָלגן נאָך מיט ערנסטער, מנוחה־דיקער כוונה און אַ ברייטלעכן נחת־רוח דאָס לייענען. און וואַרפן

אַ מאָל אַ בליק אין די ליבע זייטן־געסלעך, אין דעם תרגום אונקלוס, דעם גר־צדק, דעם אַלטן, מיט די געציילטע ווערטער, אַ מאָל ווידער, דעם שפּעטערן און מער דרשנישן יונתן בן עוזיאל, דעם ירושלמי, און אַראָפּ, אונטער דעם פּנים, אין דעם גוטן, געטרייען רש״י, אַן וועלכן מען קאָן זיך בכלל נישט געבן קיין ריר, ווי אַ קינד אָן אַ מאַמע.

און איז דאָ אַ פרייע רגע — אין דעם שטענדיק־פייערדיקן און באַגייסטערטן רמב״ן, אין אבן עזרא, וואָס זיינע ווערטער זענען ווי זיין מזל, טונקל און טיף, און אַ מאָל אויך אין ר׳ יעקב, דעם בעל־הטורימס גימטריאות, אַזוי דרך אגב, צוליב אַ טשעקאַוואַשטש.

די שיינע יידן זענען אַנגעלענט מיטביידע עלנבויגנס, אַ ביסל איינגעבויגן, איטלעכער ביי זיין פעסטן שטענדער פון דעמבאָוון האָלץ — די אַלטע שטענדערס סקריפּען שוין אַ ביסל, און ווען די שיינע יידן שאָקלען זיך אַ ביסל צו, וויגן זיי זיך צוזאַמען מיט די שטענדערס, און ווען זיי רופן „שאַ״, קלאַפּן זיי אויפן משופּעדיקן שטענדער־ברעט. און זעצן זיי זיך אויף די שטעט מיטן רוקן צום מזרח, שטייט פאַר זיי דער שטענדער מיט אַ הרחבת הדעת, און טראָגט אויף זיך די גאַנצע יידישע אַמוניציע: דעם חומש, דעם נחורא־סידור, אַ חוקל, אַ משניותל, אַ קאַלירטע פאַטשיילע, אַ מאָל אויך אַ שאַכטעלע מיט שמעק־טאַבאַק, אַ שייד פון די ברילן און דעם טלית־זאַק... יאָ, דאָס גאַנצע יאָר אַרבעט דער שטענדער מיט עבודת הבורא. מען קלעפּט אויף אים אָן ליכטלעך, חלבנע, וואַקסע־נע, צו סליחות פאַר טאָג. מען סמאַליעט אים אַ ביסל צו, און ער ווייסט שוין, אַז ער מוז אונטערשטיצן, ווען מען האָט אַלע מאָל אויפצושטיין צו „ויעבור ה׳ על פניו ויקרא״.

פורים צו דער מגילה... עפּעס פריילעכער! אויך ליכטלעך, אָבער זיי ברענען גאָר אַנדערש, און עס זינגט זיך אַזוי מאָדנע. אַלע יאָר דער זעלבער ניגון, און נאָר אין דעם טאָג! מען זאָל דאָס הערן אָן אַנדער טאָג דעם ניגון... און אַ שיינער ייד ברענגט אַ געשריבענע פאַרמעטענע מגילה אין אַ בלעכענער ביקס, און וויקלט זי אַלץ אויף,

און זי וויל זיך אַלץ צוריק איינוויקלען. און אַ פּאָר שכנים העלפן צוהאַלטן די ברעגעס, און קוקן אַריין און ברומען מיט... אַ פּאָר־געניגן!

עס איז נישט קיין קליינינקייט אָפּצואַרבעטן אַ ראש השנה־יום כפור... דערפאַר אָבער סוכות... אוי! לעבן זאָל דער יום־טוב! מען ווערט באַשיינט און באַקרוינט! אַט ליגט מיט אַ מין לייכטקייט, אַזוי עלעגאַנט, אַזוי חנעוודיק אויסגעצויגן, אַ צווייג, אַן אַנטיק, גרינלעך, זאַפּטיק. איך וואָלט געשווירן, אַז ער וואַקסט נאָך. אַרומ־געגאַרטלט מיט אַ בוקעט פון שמעקעדיקע הדסים און אַ ביסל מע־לאַנכאָלישע ערבות, און אַן אתרוג, אַ הדר, איינגעוויקלט אין פּאַ־קולעס, אין אַ גרויסער זילבערנער צוקערביקס.

און באַגיסט מיך, דעם אַלטן טרוקענעם שטענדער, מיט כוואַליעס פון ווונדערלעך זיסע ריחות!

און ביי די ווענט פון בית המדרש, שטייען די אַלמערס, מיט די פּאַליצעס. אַט זענען אונדזערע אַלטע היפּאָטעקן, די אוצרות אונדזע־רע, טייערע ווי גאָלד און בריליאַנטן. חומשים און פּוסקים, פאַר־קנייטשט, אויסגעאַרבעט, פאַרבויגן, אַ ביסל אַרומגעריסן, כל מיני דרוקן. פאַרבלאַנדזשעט, ווענעציאַנער אַנטיקן פון דניאל באָמבערג, באַזעל. דירנפורט, פיורדא, גלוגא, פראַנקפורט, קראָקא, פראַג, ווויל־נער האלמנה ואחים ראָם, וואַרשאַ—אָרגעלבראַנד, יצחק גאָלדמאַן, יואל לעבנזאָן, נתן שריפטגיסער, לעמבערג — באַלאַבאַן און פראָסט רומיל, פּיעטרקוב, לובלין — און אַלערליי גמרות. דאָס רוב לערנען גמרות, מיט די אויפגעלאָפענע אונטערשטע לינקע ווינקלען. די דריי בבות מער ווי אַלע, און שטאַרק געניטשטשעט. און ערשט די סעזאָן־מסכתות פון חמשה עשר אָן — ראש השנה — יומא סוכה, צווישן פורים און פסח — פסחים, נישט צום נאָסטאַרטשען...

אָבער עס שטייען אויך אַמסטערדאַמער ש״ס, ווי די פּיראַמידן און ווילנער ש״ס פון וועלכע „עס קוקן אויך אַראָפּ פיל דורות״, און וואָסערע דורות! און די הויכע רמב״מס, ווי די אייזערנע זיילן, שטייען פאַרטראַכט איבער זייער אייגענעם „האַרבן רמב״ם״. און

ערשט די ראשונים, די ברויטגעבערס, דער חשובער רשב״א, דער רייכער ריב״ש, דער קערנדיקער רישב״א, דער שפּיגלקלאָרער רא״ש, דער זיכערער רדב״ז, דער פּשוטער מרדכי, קוקן אַרויס פֿון זייערע אַלטע דרוקן אין די אָפּגעריבענע לעדערנע איינבאַנדן און ברייטע רוקנס, ווי אַלטע שטרענגע טאַטעס אויף די דערוואַקסענע, גרויסע זין, אויף אַ ב״ח, אַ מהר״ם מלובלין, אַ מהר״ם שיף, אויף די גרויסע סענאַטאָרן און טריבונאַלן, די שולחן־ערוכס. און אויף די אייניקלעך, די אחרונים, וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט בקיאות און פּשטלעך...

דאָרט, אַרום די ספֿרים־אַלמערס, ברומט און זומט דער ייִדישער גייסט, ווי אַ שוואָרם בינען אַרום אַ בייט זאַפֿטיקע בלומען. בעלי־בתים מופלגי תורה, יונגעלייט, בחורים, פּאַרטאַן, פּאַרקלערט, מען ווייזט איינער דעם אַנדערן, מען זוכט, מען פֿרעגט, מען ענטפֿערט... עס פֿליען סבֿרות, עס בליצן אויפֿטועןן, ווי אַ קנאַקן פֿון שפּיל־פֿייגע־לעך אין וואַלד, אַ זשורזשען, אַ צימבלען פֿון גילדענע מיקן. מען ראַנגלט זיך, איינער וויל דעם אַנדערן בייקומען, מלחמות, באַמבאַר־דיראָווקעס, נצחונות... אונדזערע מלחמות.

דאָרט ווייטער, שטייען די אַלטע טישן. דאָרט זיצן בחורים און יונגע־לייטלעך אויף קעסט, און מען לערנט זינגענדיק. ווי זילבערנע גלעקלעך קלינגען די יונגע קולות, און די עלטערע באַסאָוועןן צו, און דאָס געזאַנג צעגיסט זיך איבערן גאַנצן בית המדרש. עס פֿלאַ־טערט אַרום די אַלטע, מעשענע הענגלייכטערס, שוועבט אַרום פּרוכת, גליטשט זיך איבערן ברייטן באַלעמער, און פֿליסט אַריין אין די אויערן און אין די הערצער פֿון עולם, וועלכער נעמט אים מיט זיך אַהיים, און וווהין נאָר איר גייט, אין שטוב, אין מאַרק, און ווייט אַוועק, ביז עק־וועלט, און ווי לאַנג מען לעבט.

און אויבן, אין עזרת נשים, זיפֿצט די תּחינה, די תּמימותדיקע, די ליבהאַרציקע, וואָס דער ייִדענעס נשמה האָט געוועבט פֿון ליב־שאַפֿט און צער, קינדלעכקייט און צניעות, יסורים און בטחון, אין ווײנען, אין אמתן מאַמע־לשון, מיט דעם אָפּגלאַנץ פֿון דעם אַלטן, אמתן לשון קודש, אין דעם זיס פֿאַרחלומטן פֿאַרנאַכט... און דבֿורה

„די זאָגערקע" ברומט דעם „צאינה וראינה" און שושקעט „מעמדות", און אַלטע, האַלב־בלינדע באָבעס זאָגן נאָך. און די קולעכלעך פון יידישע קינדער... די ציכטיקע חדר־ייִנגלעך מיט די מיניאַטור־פּנימ־לעך, ווייס ווי ליליען פון פעלד, בלוט און מילך, מיט די פאַרבענקטע אייגעלעך, און די אַרבע־כנפותלעך, און די גמרא „בבא מציעא" אונטערן אָרעם...

דאָס איז מיין שטאָט... נאָך ציטערט אין דער לופט איר אָטעם, נאָך שוועבט אויף מאַטע פליגלען איר לעצט וואָרט, נאָך ליגט אויף אַלעם אַרום מיר עטוואָס פון איר וואַרעמקייט און איר ריח". *

אָט אַזוי האָט מיין פאָטער געמאָלט זיין בית־המדרש, וואָס ער האָט יאָרן שפּעטער איינגעפלאָכטן אין זיין גרויס מלחמה־ווערק „דאָס בוך פון מבול".

דער פאָטער האָט תמיד געהאַט אַ גרויסן סענטימענט צום משפחה־לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו זען די קינדער אַרום זיך. גיכער איז דאָס אָבער געווען אַ ליבע פון אַ מאַטראָז, וואָס פאַרברענגט אַזוי ווייניק אין דער היים. מען זאָגט טאַקע, אַז די מאַטראָזן־פאַרפעלקער זענען די גליק־לעכסטע. אַזוי איז אויך געווען דאָס פאַמיליען־לעבן פון מיין פאָטער. ווי ווייט מיין זכרון זאָל נישט גרייכן אין דער פאַרגאַנגענהייט, זע איך מיין פאָטער ווי ער האַלט אין איין אַרומפאָרן. ער האָט גאָרנישט געהאַט אין זיך פון דעם טיפּ פאַטריאַרכאַלן פאָטער. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געשטערט, אַז די קינדער זאָלן אים ממש פאַרגעטערן. די קינדער זענען געווען שטאָלץ אויף אים און זענען געווען גליקלעך, ווען ער פלעגט אין אַ פרייער מינוט אַריינקומען צו זיי מיטן אייביקן שמייכל אויף די ליפּן און אַזוי אויסגע־גאָסענער גוטסקייט אויפן פּנים. כ׳קאָן מיר נישט דערמאָנען, אַז ער זאָל האָבן ווען עס איז געשריגן אויף אונדז. ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין צייט אויף צו פירן לענגערע געשפּרעכן מיט אונדז, קינדער. ער האָט געוויינטלעך געגלעט און געצערטלט דאָס ייִנגסטע קינד, דעם לעצטלינג, מיזיניק, ווען ער פלעגט אַריינקומען צו אונדז אין צימער פאַר די קינדער.

---

* פון זיין בוך: „דאָס בוך פון מבול" (קאַפּ׳ „אין בית מדרש").

ער האָט געהאַט פֿאַר אונדז עטלעכע באַליבטע לידלעך, מיט וועלכע ער פֿלעגט אונדז איינוויגן צום שלאָף, אָדער געוויזן עטלעכע קונצן, שפּילנדיק זיך מיט אונדז, ווען מיר זענען שוין געלעגן אין די בעטלעך. מיט זיינע פֿינגער פֿון די הענט האָט ער געוואָרפֿן שאָטנס אויף דער וואַנט, וואָס האָבן דערמאָנט חיות און פֿייגל. דאָס איז ביי אונדז שיעור נישט געוואָרן אַ טראַדיציע אין דער משפּחה. צום מערסטן האָט ער געהאַט צייט צו פֿאַר־ברענגען מיט זיינע קינדער, ווען ער איז מיט אונדז געווען אויף זומער־וווינונג, נישט געווען דער פֿאַל, ער זאָל נישט קומען אָנגעלאָדן מיט מתנות פֿאַר די קינדער, און ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן פֿלעגט ער לאָזן פֿאַר אונדזערטוועגן קאָלירטע פֿייערווערקן.

דער פֿאָטער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון אַ ליבעראַלער מעטאָדע פֿון דערציִען די קינדער. ער האָט זיך גערעכנט מיט דער אינדיווידואַליטעט פֿון יעדן קינד. זיין ווונטש איז געווען, אַז אַלע קינדער זאָלן באַקומען אַ העכערע דערציִונג און האָבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייערע איינ־געבוירענע פֿעיִקייטן. ער האָט זיך תמיד באַמיט צו זיין אַ ביישפּיל פֿאַר זיינע קינדער. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך דעליקאַט מיט אונדז. ער האָט נישט אָנגעוואָרפֿן זיין ווילן אויף אונדז, איבערלאָזנדיק אונדז דעם מאַקסימום פֿון פֿרייהייט. געווען אַ צייט, ווען ער האָט, נאָך לעבנדיק אין פּוילן, זיך באַמיט איינצופֿלאַנצן אין אונדז דעם אינטערעס און ליבע צו ליטעראַטור. ער פֿלעגט אונדז לייענען אויפֿן קול זיינע באַליבטע אויטאָרן — שעקספּיר, היינע, מיצקעוויטש און פֿלעגט אונדז איבערזעצן די לידער פֿון יהודה לייב גאָרדאָן און טייל מאָל אויך זיינע אייגענע פֿעליעטאָנען „משבת לשבת". שווער אָבער צו זאָגן, אַז דער פֿאָטער זאָל אונדז האָבן צוגערעדט זיך אויסצווויילן אַ ליטעראַרישע קאַריערע. פֿון אייגענער דער־פֿאַרונג האָט ער צו גוט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שווער און נישט זיכער שטיקל ברויט. טראָץ דעם, וואָס אַליין האָט ער אויך נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פֿון פּראַקטישע מענטשן, האָט ער דאָך געראָטן די קינ־דער, אַז זיי זאָלן זיך אויסוויילן איינעם פֿון די פֿרייע באַרופֿן, ווי למשל, צו ווערן אַ דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, וואָס גיבן אַ סאָלידערע באַזע פֿון עקזיס־טענץ.

ווען מיר זענען שוין אונטערגעוואַקסן, האָט ער נישט געפּרוּווט צו ווירקן מיט דרוק אויף אונדזערע איבערצייגונגען. ער האָט בלויז געזאָרגט דערפֿאַר, איינצופֿלאַנצן אין אונדז די משפּחה־טראַדיציעס און אַ טיפֿן סענ־טימענט צו יידן און יידישקייט. ווען מיר זענען נאָך געגאַנגען אין דער שול האָט ער געהאַט אַן ערנסטע באַציונג צו אונדז. ער פֿלעגט זיך טיילן מיט זיינע איינדרוקן פֿון זיינע נסיעות, אָדער דורכגעלייענטע ביכער. ער האָט בכלל נישט געוווּסט, וואָס עס איז אַזעלכעס אַ גרויסקייט־קאָמפּלעקס. ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט מיט אונדז קינדער גיכער מער אַלס פֿריינד ווי פֿאָטער און פֿלעגט זיך אַפֿילו אין געוויסע מאָמענטן מיט אונדז באַראָטן אין פֿאַר־שידענע פֿראַגן.

ווי אין יעדער צאַלרייכער משפּחה האָט נישט געפֿעלט קיין דאגות און צרות. מיין פֿאָטער איז אָבער געווען אַן אָפּטימיסט פֿון דער נאַטור און ער האָט תמיד געגלויבט, אַז אַלץ וועט זיך, ווי ס׳איז אויסהיילן און דערביי זיך באַנוצט מיטן דייטשן ווערטל „ענדע גוט — אַלעס גוט״. אין ספּעציעל שווערע תקופֿות, ווי למשל אין יאָר 1906, האָט ער זיך באַקלאָגט אין די בריוו צו זיין פֿרוי, אַז די קינדער זענען נישט פֿאַרזאָרגט און אַז ער לאָזט פֿאַר זיי גאָר נישט איבער, סיידן זיין גוטן נאָמען. אָבער דאָס איז אויך עפּעס ווערט, האָט ער געשריבן און זיך געטרייסט מיטן ווערטל: „שם טוב משמן טוב״ און אַז „אַ שם־טוב איז בעסער ווי אַן אבן־טוב״.

געווען יאָרן ווען מיין פֿאָטער פֿלעגט אומדערמידלעך אַרבעטן ביי טאָג און ביי נאַכט. צום בעסטן האָט ער ליב געהאַט צו אַרבעטן ביי נאַכט. ער פֿלעגט זיך אַליין מאַכן אַ גלאָז טיי און געשריבן ביז פֿיר־פֿינף פֿאַר טאָג; אָדער פֿלעגט אויפֿשטיין אַזוי פֿרי און זיך געזעצט שרייבן. אַ יידיש פֿאָלקסווערטל זאָגט, אַז „קליינע קינדער לאָזן נישט שלאָפֿן און גרויסע לאָזן נישט לעבן״. אונדזער פֿאָטער האָט זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט אויף די קינדער, אַז זיי שטערן אים אין דער אַרבעט, אָדער אין זיין שלאָף. מיין פֿאָטער האָט געהאַט אַ פֿעסטן, געזונטן שלאָף, אַז מען האָט אים געקאָנט אַרויסטראָגן. דער שלאָף האָט אים אין אַ גרויסער מאָס אונטערגעהאַלטןביים געזונט.

אויך דאָס שפּילן מוזיק האָט נישט געשטערט מיין פֿאָטער אין דער

אַרבעט. ער האָט אַפּילו ליב געהאַט צו אַרבעטן ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פֿון מוזיק. ווי אין פֿיל וואַרשעווער משפּחות, האָט מען אויך ביי אונדז פֿיל געשפּילט אויפֿן קלאַוויר און ס'פֿלעגן צו אונדז אָפֿט קומען באַדייטנדיקע מוזיקער, ווי למשל, בראָניסלאַוו הובערמאַן, זדזשיסלאַוו בירנבוים, דער שפּעטערדיקער דיריגענט פֿון דעם פֿילהאַרמאָנישן אָרקעסטער אין וואַרשע, אָדער אַרטור רובינשטיין. דער פֿאָטער פֿון רובינשטיין איז געווען אַ מומחה פֿון העברעיִש און פֿלעגט אָפֿט שרייבן אין דער „הצפֿירה". מיין פֿאָטער האָט זיך זייער געהאַט באַפֿריינדעט מיט בראָניסלאַוו הובערמאַן און ער האָט אים באַאיינפֿלוסט צו שאַפֿן און גרינדן דעם סימפֿאָנישן אָרקעסטער אין תּל־אָביב. אונדזער קינדהייט און יוגנטלעכע יאָרן זענען געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון קולט פֿאַר מוזיק, ליטעראַטור און קונסט.

דער פֿאָטער פֿלעגט פֿיל אַכט לייגן אויפֿן עסטעטישן פֿאַרהאַלטן זיך פֿון מענטשן, זייער באַנעמען און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמען. מאַנגל פֿון טאַקט, זיין טריוויאַל און ניבול־פּה, האָבן אויף מיין פֿאָטער געמאַכט תּמיד דעם ערגסטן איינדרוק און אַרויסגערופֿן ביי אים אַן עקל צו דער פּערזאָן. טראָץ דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו זיין אָנגעטאָן אין שיינע און עלעגאַנטע מלבושים, (ער פֿלעגט זאָגן, אַז דאָס נייע קלייד טראָגסטו, דאָס אַלטע קלייד טראָגט דיך), ליב געהאַט צו רויכערן די בעסטע ציגאַרן און צו פֿאַרברענגען אין אַ בעסערער געזעלשאַפֿט — איז ער געווען גאַנץ ווייט פֿון סנאָביזם. דאָס געפֿיל און חוש פֿאַר אַ שיינעם גוף איז ביי אים געווען צונויפֿגעבונדן מיט שיינקייט פֿון גייסט און אינטעלעקט. ס'איז אים פּשוט אוממעגלעך געווען צו אָטעמען אין אַ נישט אינטעלעקטועלער אַטמאָספֿער. האָט ער דאָס נישט געהאַט, איז אים שוין ליבער געווען זיך אין גאַנצן אָפּצוזונדערן און אַריינקוקן אין אַ בוך.

„זיגפֿריד קאַהן איסט איין שלעכטער זיגפֿריד אונד איין שלעכטער קאַהן". מיין פֿאָטער פֿלעגט אָפֿט באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן אַפֿאָריזם, צו־פּאַסנדיק אים צו די לאָקאַלע, פּוילישע באַדינגונגען און דערמיט געוואָלט טרעפֿן אין דער אַסימילאַציע. אין גרונט גענומען זענען עס געווען זייער פֿיינע, ערלעכע און אָפֿפּערוויליקע מענטשן אין פּריוואַטן אָדער געזעלשאַפֿט־

לעכן לעבן. נישט מער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אַ מאַסקע אויפן געזיכט. שוין דאָס וואָרט „ייד" האָט גערייצט זייערע געמיטער. איבעריקנס איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע לענדער, אָבער אין פּוילן האָט עס אָנגענומען אַ גאַנץ שאַרפע פאָרם. אויפן מזרח, ווו ס'האָבן געלעבט גרויסע יידישע מאַסן, איז דער אַסימילאַציע נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו באַהערשן די יידישע גאַס. די אַזוי גערופענע טאָפּלטע לאָיאַליטעט, בפרט אין דעם ראָמאַנטישן נאַציאָנאַליזם פון אונטערדריקטן פּוילישן פאָלק, האָט אָנגעטראָפן אויף אומציילקע שוועריקייטן און די יידישע פראַגע איז פאַר די דאָזיקע מענטשן געוואָרן אַ פּסיכאָלאָגיש פּערזענלעך פּראָבלעם. צום שאַרפסטן איז דער דאָזיקער קאָמפּלעקס געקומען צום אויסדרוק ביי דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ, דערצויגן אין דער אַטמאָספער פון פּאַטריאָטיזם צו פּוילן. זיי האָבן זיך באַמיט צו זיין בעסערע פּאָליאַקן ווי די פּאָליאַקן גופא, און געהאָפט, אַז ס'וועט זיי געלונגען זיך פולשטענדיק צונויפמישן מיט דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס געפיל פון שעמען זיך צוליב דער יידישער אָפּשטאַמונג, האָט זיך דאָ צונויפגעפאָרט מיטן אַמביציעזן דראַנג פון וועלן שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל אין אַ סביבה, וואָס האָט זיי אָפּגעשטויסן פון זיך.

געווען אַ געוויסע קאַטעגאָריע אַסימילאַטאָרן אין פּוילן, וועלכע מיין פאָטער האָט אָנגערופן „מאָגן-יידן". דער מאָגן האָט זיך אין זיי נוקם געווען און געקעמפט מיט דער אַסימילאַציע, נישט קאָנענדיק פאַרדייען קיין טריפות. די דאָזיקע מענטשן, און צווישן זיי זענען געווען פיל באַקאַנטע פון מיין פאָטער, האָבן זיך געלאָזט הוילגיין ערשט דעמאָלט ווען זיי זענען געפאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט געגעסן די טראַדיציאָנעלע יידישע מאכלים. אין וואַרשע האָבן זיי זיך געשעמט, אָדער ס'האָט זיי נישט געפּאַסט צו עסן אין אַ יידישן רעסטאָראַן. זייער אָפט פלעגט זיי טאַקע מיין פאָטער אין אויסלאַנד דערווישן, ווי זיי קוויקן זיך מיט אַ יידישן מאכל און זיי דעמאַסקירן. הגם מיין פאָטער איז נישט געווען פרום, איז ער אָבער געווען זייער צוגעבונדן צו די טראַדיציאָנעלע יידישע מאכלים, וועלכע ער האָט פאַסמאַקעוועט. טראָץ דעם איז דאָס עסן ביי אים נישט געווען דער עיקר, און דערפון נישט געמאַכט קיין שום ווענן. גיכער איז עס פאַר אים געווען

אַ געלעגנהייט אויף אָפּצוהאַלטן געזעלשאַפֿטלעכע שמועסן בעתן עסן. אין קרייז פֿון דער משפּחה און געסט, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געפֿעלט ביי אונדז, פֿלעגט ער בעת אַזעלכע מאָלצייטן ווערן זייער לעבעדיק, זיך וויצלען און דערציילן אַן אַ שיעור אינטערעסאַנטע מעשׂהלעך.

צו איינעם פֿון זיינע געטרייעסטע אָנהענגער און פֿאַרערער האָט געהערט פּנחס קאַנטאָראָוויטש, אַ פּעדאַגאָג און אַרויסגעבער פֿון פֿיל פּאָפּולערע וויסנשאַפֿטלעכע בראָשורן. ער האָט אויך געלערנט העברעיִש מיינע שוועסטער צעלינע, העלענע, זאָפֿיע און דעם ברודער לעאָן. דאַקעגן מיך, ווי אויך דעם עלטערן ברודער און די שוועסטער מרים האָט געלערנט העברעיִש דער גרייז־גרויער אַלטיטשקער ליבערמאַן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. ער איז שוין געווען אַזוי אַלט, אַז ער פֿלעגט איינשלאָפֿן בעת די לעקציעס. אַגב האָבן מיר זיך נישט לאַנג געלערנט ביי אים, ווייל מיר זענען אַפּגעפֿאָרן אין אַ פּראָווינץ־שטאָט זיך צו לערנען אין גימנאַזיע און דאָרט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך ווייטער צו לערנען העברעיִש. דאַקעגן האָבן זיך מיינע ייִנגערע שוועסטערס זייערע פֿלייסיק געלערנט ביי קאַנטאָראָוויטשן. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך געבילדעט, דער עיקר אַ גרויסער ספּעציאַליסט פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט, האָט געשריבן און אַרויסגעגעבן עטלעכע שולביכער. ער האָט אויך אָנגעשריבן די ביאָגראַפֿיע פֿון מיין פֿאָטער צו דער יובל־פֿייערונג פֿון דער „הצפֿירה". לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן האָט ער די ביאָגראַפֿישע איינצלהייטן וועגן פֿאַמיליע־שטאַם פֿון די סאַקאָלאָווס, באַקומען דירעקט פֿון מיין פֿאָטער. מיט אָט דער ביאָגראַפֿיע האָבן זיך באַנוצט עטלעכע ייִדישע ענציקלאָפּעדיעס.

מיר האָבן געהאַט ביי אונדז אין הויז נאָך אַ לערער פֿון העברעיִש. דאָס איז געווען דער טייערער, גוטמוטיקער שפּרינגער, אַ זעלטענע נשמה און דערצו נאָך אַזוי מערקווירדיק נאַיִוו. די ייִנגערע קינדער האָבן זיך זייער פֿלייסיק געלערנט העברעיִש, פֿון וואָס מיין פֿאָטער איז געווען איבערגליקלעך און צופֿרידן.

מיין ייִנגערער ברודער לעאָן האָט נאָך זייענדיק אַ שילער שוין געדרוקט זיינע לידער אין העברעיִש אין דעם קינדער־זשורנאַל פֿון דער „הצפֿירה". אויך איך זייענדיק נאָך אַ שילער האָב אָנגעהויבן צו שרייבן

אין דער „הצפירה״ און געמאַכט באַריכטן פון קונסט־אויסשטעלונגען. איך האָב זיך אונטערגעשריבן מיטן נאָמען „אפרים״. פיל מענטשן האָבן זיך געחידושט, ווי קומט עס, וואָס סאָקאָלאָוו האָט באַנאָמענט זיין זון מיט אַזאַ הונדערט פּראָצענטיקן קאַטוילישן נאָמען פלאָריאַן, וואָס מען טרעפט אים בכלל נישט ביי יידן? זיכער איז דאָס נישט געווען זיין אויפטו מיך אַזוי צו רופן. מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון דייטשן דיכטער און פילאָזאָף לעסינג. האָט ער, ווען איך בין געבוירן געוואָרן, מיר געגעבן דעם נאָמען גאָטהאָלד־אפרים. דערמיט האָב איך גלייכצייטיק באַקומען דעם נאָמען נאָך מיין עלטער־זיידן און נאָך דעם גרויסן דייטשן שרייבער לעסינג, וואָס איז, ווי באַוווסט, געווען אַ גרויסער יידן־פריינד. די פרוי סלאָנימסקי, וואָס האָט תמיד געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף מיין מוטער, האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער קאָמבינאַציע פון נעמען. דאָס קינד וועט ווערן לעכערלעך אין אַלעמענס אויגן, האָט זי געטענהט. אין יענע צייטן האָט די יידישע אינטעליגענץ אין פּוילן געהאַט אַ טבע צו באַנאָמענען זייערע קינדער מיט פּוילישע אָדער „איראָפּעיִשע״ נעמען. איר טאַקע האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין נאָמען — פלאָריאַן. ווייזט אויס, אַז דער נאָמען פונעם פּאַטראָן און באַשיצער פון די פייערלעשער איז איר בעסער געפעלן. און אַזוי איז געבליבן.

די קינדער זענען דערווייל אונטערגעוואַקסן און אונדזער הויז האָט זיך פאַרפולט מיט זייערע שול־חברים. דאָס איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקע יוגנט פון פאַראינטערעסירונגען און איבערצייגונגען, דער עיקר מיט לינקע און אַרטיסטישע נייגונגען. אָט די יונגע חברה האָט געהאַט די גרעסטע סימפּאַטיע פאַר אונדזערע עלטערן. דער פאָטער האָט זייער ליב געהאַט אָט דעם נייעם דור, פון וועלכן ס׳זענען אַרויס פיל אינטערעסאַנטע געשטאַלטן, ווי למשל, אַלפרעד לובעצקי, דער אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש באַגאַבטער, איינער פון די ערשטע שעפער פון פּוילישן פּאָפּולערן ליד, אָדער דער רייצנדיקער ד״ר מיעטשיסלאַוו אקסנער, דער ברודער פון מיין פרוי, אַ באַדייטנדיקער וויסנשאַפטס־מאַן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער דירעקטאָר פון אָקעאַנאָגראַפישן מוזיי אין מאָנאַקאָ, און וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה. צו אונדזער יוגנט־כאַלאַסטרע

האָט אויך געהערט לעאָן אַלטער, אַ באַקאַנטער עמיגראַציע־טוער, אַ באַ־חנטער מענטש פול מיט חסידישן ענטוזיאַזם, אָדער לעאָן בערענזאָן, דער באַרימטער וואַרשעווער אַדוואָקאַט און פאַרטיידיקער פון פיל פּאָליטישע פּראָצעסן אין פּוילן.

פאַרשידענע וועלטן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אונדזער הויז. פון איין זייט די וועלט פון יידישע ליטעראַטן און פּיאָנערן פון ציוניזם, פון דער צווייטער — די וועלט פון סאָקאָלאָוס פּערזענלעכע פריינד פון צווישן דער פּויליש־יידישער אינטעליגענץ, דערצו נאָך די געמישטע וועלט פון פּאָליאַקן און יידן — די אַרטיסטיש־ליטעראַרישע באָהעמע. אַז מען וועט נאָך דערצו דערמאָנען דאָס מתחתן זיין זיך מיט די משפחות מענדעלזאָן, אַקסנער, קרינסקי און ראַטשקאָווסקי וועט מען זיך קאָנען שאַפן אַ בילד פון די פאַר־צווייגטע פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע באַציונגען פון מיין פאָטער בעת די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אויפן וואַרשעווער באָדן. דער פאָטער האָט געלעבט גלייכצייטיק מיטן לעבן פון דריי דורות. מיטן דור פון זיינע על־טערן, פון זיין אייגענעם און מיטן דור פון זיינע קינדער.

די קרייזן, אין וועלכע מיין פאָטער האָט פאַרקערט מחוץ די ציוניס־טישע און פון דער „הצפירה", האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין העברעיש, צוליב וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט באַוואונדערן זיין גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט. ער איז אָבער געווען באַשאָנקען מיט אַזוי פיל אַנדערע טאַלאַנטן און געהאַט אַזוי פיל פּערזענלעכן חן און רייץ, אַז מען האָט אים באַוואונדערט אומאָפּהענגיק פון זיין אַרבעט און טעטיקייט. ער האָט תמיד געהאַט צו דערציילן אַזוי פיל אינטערעסאַנטע זאַכן, אַז אַפילו מענטשן פאַר וועלכע די יידישע פראַגע איז געווען פרעמד, האָבן געזוכט זיך צו געפינען אין זיין געזעלשאַפט. אַט די דאָזיקע אייגנשאַפט זיינע צו זיין אַזוי עלאָקווענט, אַ מאָל שאַרפצונגיק, סאַטיריש, אַן אַנדערש מאָל — וויציק אָדער סאַרקאַס־טיש, אָבער תמיד אינטערעסאַנט צו פאַרקערן אין זיין געזעלשאַפט, האָט אים שפּעטער פיל געהאָלפן ביים אָנקניפּן באַציונגען מיט מענטשן פון פאַר־שידענע נאַציאָנאַליטעטן, לענדער, באַרופן און אַמטן, ווען ער איז געוואָרן דער אַמבאַסאַדאָר פון דער יידישער זאַך און דורכגעפירט אָפט אויך שווערע דיפּלאָמאַטישע מיסיעס. ווען ער האָט פאַרלאָזט פּוילן אויף תמיד האָט דאָס

פוילישע יידנטום נישט איין מאָל דערפילט, ווי ער פעלט אים. ווי אָפט האָט מען געהערט די מיינונג, אַז דער אָדער אַנדערער ענין וואָלט אויסגע־פאַלן אין גאַנצן אַנדערש און ס׳וואָלט נישט געקומען צו אַזאַ שפּאַלטונג און צערייצטער שטימונג, ווען סאָקאָלאָוו וואָלט געווען אין וואַרשע. מיין פאָטער האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן, אַז מען האָט אים נישט דערשאַצט אין פוילן. די יידישע מאַסן האָבן אים נאָך פאַר זיין לעבן איינ־געהילט אין לעגענדעס, וואָס האָבן דערמאָנט די לעגענדעס פון די חסידישע צדיקים. פון וואַנען די דאָזיקע לעגענדעס האָבן זיך גענומען נאָך פון פאַר דער ציוניסטישער תקופה, איז שווער דערויף צו געפינען אַן ענטפער. זיכער האָט אין דעם פיל צוגעהאָלפן די „הצפירה״. דאָס איז אָבער געווען דער רעזולטאַט אויך פון נישט געשריבענעם וואָרט.

די יידישע מאַסן אין פוילן האָבן געגלויבט, אַז סאָקאָלאָוו האָט אַזעלכע גרויסע באַציונגען, אַז ווען ער וויל נאָר, קען ער אַלץ אויספועלן און דורכ־פירן. ער איז אויך אַזוי קלוג, פּיקחיש, שכלדיק און גייסטרייך, אַז קיינער וועט נישט קאָנען געבן אַ בעסערע עצה פון אים. ווי אַ קוריאָז פלעגט דער פאָטער דערציילן, ווי אַזוי דער אַלטיטשקער לערער אונדזערער שפּרינגער איז צו אים געקומען בעטן, אַז ער זאָל מיט זיינע באַציונגען און קאָנט־שאַפטן זיך באַמיען צו באַפרייען זיין זון פון דער איינגעשלאָסענער האַפּן־שטאַט פּאָרט אַרטור, וווּ ער איז דאָקטאָר אין דער רוסישער אַרמיי. שפּרינ־גער האָט זיך דערביי פאַרענטפערט, אַז זיין פרוי האָט אים געשיקט צו אים. זי איז זיכער, אַז סאָקאָלאָוו קען פערזענלעך דעם מיקאַדאָ און וועט באַ־פרייען זייער זון.

מיין פאָטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען זיין לעבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ער, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן און קליינלעכקייטן, האָט אָרגאַניש נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין נאַראָנים, שוטים, טיפּשים, אָבער דער עיקר — די נודניקעס. וועגן אַזעלכע פלעגט דער פאָטער זאָגן אַז „ווען גאָט האָט געטיילט דעם שׂכל ביסטו גע־שלאָפן״. די פאָלקס־לעגענדע האָט זיך געשאַפן איר „כעלעמער נאַר״, אָט יע־נעם גוטמוטיקן, נאַיוון נאַרעלע, וועגן וועלכן מען דערציילט זיך אַן אַזוי פיל אַנעקדאָטן און וויצן. אַזעלכע נאַראָנים, וואָס זענען דאָך פאַקטיש אַ זעלטנ־

הייט, האָבן מײַן פֿאָטער בכלל נישט אויפֿגערעגט, אָדער דענערווירט. דאַקעגן האָבן אים אַרויסגעפֿירט פֿון גלײַכגעוויכט די מיט פּראָזעאַלאָגיע און פּסיי־דאָ־געלערנטקייט פֿאַרמאַסקירטע טיפּשים. אָפֿט פֿלעגט מײַן פֿאָטער די דאָזיקע נאַראָנים סעגרעגירן אויף „זומערדיקע" און „ווינטערדיקע" נאַראָ־נים. אַ זומערדיקער נאַר איז געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס גייט זומער לײַכט אָנגעטאָן און טראָגט נישט פֿיל אויף זיך. אַזאַ איינער זאָגט אײַך אַרויס זײַנע עטלעכע זאַצן, וואָס ער קאָן, און פֿערטיק. דו זעסט באַלד, אַז עס פֿעלט אים אייל אין קאָפּ. אַזעלכע נאַראָנים זענען גיכער קאָמיש, ווי שעדלעך. עפּעס אַנדערש איז אַ „ווינטערדיקער" נאַר. אַזאַ איינער איז ווי אַ מענטש, וואָס גייט אײַך אײַנגעהילט אין אַ דיקן פּעלץ, מיט אַ שאַליק, מיט אַ היטל אַראָפּגערוקט איבער די אויערן. אַזאַ איינער פֿאַרשטעלט זיך מיט אַן אַ שיעור פּראָזן, ציטאַטן, אַפֿאָריזמען און טייל מאָל גערדויערט עס אַ געוויסע צייט ביז מען אָריענטירט זיך, אַז אונטערן דאָזיקן קאָמופֿלאַזש באַהאַלט זיך אויס אַ טיפּש שבטיפּשים. דער געזונטער, פּראַקטישער חוש פֿון פֿאָלק דערשמעקט באַלד אַזאַ איינעם. נישט איין מאָל האָט מען געקאָנט אַזעלכע „ווינטערדיקע" געפֿינען צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרשטיין די נײַע שטראָמען ביים יידישן פֿאָלק און זיך פֿאַר כליניעט מיט די פּוסטע אויסגעדראָשענע פּראָזן, וואָס האָט זיי געמאַכט נאָך פֿאַר גרעסערע נאַראָנים.

דער פֿאָטער האָט אויך נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן אַ געוויסן טיפּ פֿון געזעלשאַפֿטלעכע טוער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין גרויסן, געגאַנגען מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ, פֿול מיט פּרעטענציעזקייט און גאווה, געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף אַלעמען און בפֿרט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צוגעשריבן אַ „היסטאָרישע" ראָל. ער האָט זיי דאָס אַרויסגעשלאָגן פֿון קאָפּ, דער־קלערנדיק, אַז די געשיכטע וועט זיך שוין אַן עצה געבן אויך אָן זיי. צום שטאַרקסטן האָט ער אָבער נישט געקאָנט פֿאַרליידן און ס׳האָט אים געעקלט פֿון פֿאַלשן פּאַטאָס. און אַזעלכע טיפּן האָבן נישט געפֿעלט אין די יידישע קרייזן, אין וועלכע ער האָט פֿאַרקערט אין יענע צײַטן.

אין מאָמענטן פֿון אַנטוישונג, וואָס עס קומט אויס איבערצולעבן, פֿלעגט דער פֿאָטער גוטמוטיק זיך וויצלען, אַז דער יידישער ענין שטייט זייער גוט,

נישט מער, וואָס דער קליענט איז רחמנא־לצלן אַ ביטערער און אַנטיפּאַטיש. יעדער אַדוואָקאַט שטויסט זיך אָן אין זיין פּראַקטיק אויף אַזעלכע טיפּן. זאָגנדיק דאָס, האָט ער בשום אופן נישט געמיינט דעם יידישן כלל, פון וועלכן ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט אויסצושטיין קיין אומאָנגענעמלעכ־קייטן, נאָר די נודניקעס, וואָס האָבן אים דערעסן ביזן ביין. זיין רויִקער פילאָזאָפישער צוגאַנג צו מענטשן און צו דער וועלט בכלל איז געווען די בעסטע רפואה צו אַנטוישונגען און מיסדערפאָלגן. גלייכצייטיק האָט ער דערמיט אַנטוואָפנט זיינע קעגנער און געווירקט אויף די ברייטע מאַסן. אַ דאַנק אַט דער אייגנשאַפט האָט ער געקאָנט אַזוי פּרוכטבאַר מיטאַרבעטן מיט מענטשן פון אַנדערן שניט און טעמפּעראַמענט, וואָס איז אַזוי געקומען צום אויסדרוק אין משך פון זיין לאַנגער קאַריערע, אין קעגנזאַץ צו דער פאַר־שפּרייטער מיינונג, אַז אַ באַדייטנדיקער געזעלשאַפטלעכער טוער מוז האָבן שונאים. פאַלעמיזירנדיק מיט עמעצן האָט ער זיך באמת נישט צו זיין בייסיק און נישט צו צעשמעטערן דעם קעגנער. דאָס האָט ער איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע, האַלטנדיק, אַז אין אַ קעמפּעריש צוזאַמענשטעל מוזן די ראָלן זיין פונאַנדערגעטיילט. אים איז גיכער צוגעפאַלן די ראָל פון אַ שליש, וואָס גלייכט אויס סכסוכים, קעגנזאַצן און געפינט דעם ריכטיקן אויסוועג. די דאָזיקע ראָל האָט ער אויסגעפירט אָדער זיך באמת אויסצופירן בעת די צאָלרייכע קריזיסן אין די ציוניסטישע שפּיצן.

זייער טרעפלעך האָט ביאַליק כאַראַקטעריזירט די אַלזייטיקייט און שיינבאַרע קאָנטראַסטן ביי מיין פאָטער. ער האָט געשריבן, אַז מיין פאָטער איז געווען גלייכצייטיק „דער איינזאַמער בוים און דער וואַלד, דער באַ־זינגער און דער כאָר, אַ הויז און אַ שטאָט“. ער איז אָבער באַשאָנקען געווען מיט דער אַזוי זעלטענער, אינערלעכער האַרמאָניע, וואָס האָט באַוויזן צו פאַראייניהייטלעכן זאַכן, אין אַ געוויסן זין סתירותדיקע. וואָרעם, צי קאָן מען זיין גלייכצייטיק אינדיווידואַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ היס־טאָריקער און זשורנאַליסט, קאָסמאָפּאָליט און נאַציאָנאַליסט? זיין הומאַניזם איז עס טאַקע געווען די אויבערשטע פלאַך, אויף וועלכער ס׳זענען פאַר־ריבן געוואָרן די אַלע דיפערענצן פון דערצויגענע אין פאַראורטיילן, צע־קריגטע פון איגנאָראַנץ און אומוויסן און פאַנאַטיש פון דאָגמען. אָפּשלאָגנ־

דיק די אַרגומענטן פֿון די אַסימילאַטאָרישע קאָסמאָפּאָליטן האָט ער איראָ־ניזירט, אַז אַלץ, וואָס איז מענטשלעך איז זיי נישט פֿרעמד, חוץ זייער אייגענער נאַציאָנאַליטעט. דערפֿאַר אָבער האָט זיין אייגענער נאַציאָנאַליזם נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן באַגריף נאַציאָנאַליזם, ווי מען פֿאַרשטייט אים היינט. אין „חיבת ציון" האָט מיין פֿאָטער געשריבן, אַז אויב דער נאַציאָנאַליזם דאַרף אָנשטאָט צו געבן די אינערלעכע האַרמאָניע פֿאַרן באַטרעפֿנדיקן פֿאָלק, גאָר ברענגען די אויסערלעכע אַגרעסיע, דאַרף מען אַזאַ נאַציאָנאַליזם אויסראָטן. איך שטעל מיך גאָר נישט פֿאָר, אַז מיין פֿאָטער זאָל באמת האָבן געהאַט ריכטיקע שונאים. אַפֿילו זיינע קעגנער האָבן געהאַט פֿאַר אים דרך ארץ. מען האָט אים פּשוט ליב געהאַט. ער האָט פֿון זיך אויסגעשטראַלט עפּעס אַזאַ וואַרעמקייט, וואָס האָט צוגעצויגן צו אים. די אַלע, וואָס האָבן אים געוואָלט שטערן, אָדער טאָן שלעכטס — איך מיין דערמיט זיינע פֿאַרשידענע קאָנקורענטן אין דער יידישער וועלט, אין דער פּרעסע, געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, ציוניזם — האָבן עס געטאָן גיכער פֿון קנאה, ווי פֿון אַנטיפּאַטיע צו אים. מען האָט אים נישט פֿאַר־גינען זיין געוואַלטיקע פּאָפּולאַריטעט, דערפֿאָלג, טאַלאַנט. ער איז געווען פֿאַר זיי אַ שטערונג אין זייערע אַמביציעס און קאַריערעס. אָבער אויך זיי האָט מיין פֿאָטער אַנטוואָפֿנט, ווען ער איז מיט זיי געקומען אין פּערזענלע־כער באַרירונג. מען קאָן זאָגן, אַז מיין פֿאָטער איז געווען אימוניזירט קעגן שנאה.

סאָקאָלאָוו איז געווען אַ רייצנדיקער מענטש אין בעסטן זין פֿון וואָרט. מען איז געוואָרן פֿון אים באַצויבערט. אַזוי שטאַרק האָט ער זיך אויסגע־ווירקט אויף מענטשן. דער דאָזיקער אייגנשאַפֿט זיינער האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זיינע גרויסע דיפּלאָמאַטישע דערפֿאָלגן. אָבער נישט זיין עלאָ־קווענץ, ליכטיקייט פֿון רעדן און אַרגומענטירן האָבן עס באַוויזן צו איבער־צייגן סיי די מעכטיקע גדולים פֿון זיין דור און סיי זיין אויסווירקן זיך אויף די מאַסן. זיין סוגעסטיווער כוח איז באַשטאַנען אין גאַנצן פֿון עפּעס אַנדערש. דאָס איז געווען זיין מערקווירדיקע פֿעיקייט צו געפֿינען אַ געמיינ־זאַמע שפּראַך, אַ געמיינזאַמען טאָן. אויך זיין אוניווערסאַליזם, וואָס האָט אים דערמעגלעכט מיטן זעלבן דערפֿאָלג אָפּצוהאַלטן אַ געשפּרעך מיטן גערער

רבין און מיטן פּויפּסט, מיט ראָטשילדן און גראַף וויטע, מיטן איטאַליענישן קעניג און מיט מאַקסים גאָרקי, מיט מענטשן פון פאַרשידענע קלאַסן, רע־ליגיעס, נאַציאָנאַליטעטן, פּאַרטייען אאז״וו. אַנדערע ציוניסטישע פירער האָבן אפשר געהאַט אין זיך מער דראַמאַטיזם, אַ שטאַרקערע אַרגומענטי־רונג, אַ פעסטערן ווילן, אָבער צי האָט עמעצער פון זיי באַוויזן גלייכצייטיק צו קענען אַזוי אַלזייטיק אַפּעלירן צום יידישן פאָלק, צו זיין האַרץ און אינ־טעלעקט ? אָט, די אַ זיינע רענעסאַנס־אַלזייטיקייט, ענציקלאָפּעדישע חכמה און סענטימענט, פאַראייניקט מיט זיין פענאָמענאַלן שעפערישן גייסט האָבן אים צוגעגעבן אַ גאַנץ ספּעציעלן חן. אַז מען וועט נאָך צו דעם אַלעמען צוגעבן זיין פאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט אַזוי מערקווירדיק האַרמאָניזירט מיט זיין איינגעבוירענעם אַריסטאָקראַטיזם, וועט ווערן קלאָר און פאַר־שטענדלעך, פאַר וואָס ער האָט געשפּילט אַזאַ אויסנאַמס־ראָל אינעם לעבן פון עטלעכע יידישע דורות.

לאָמיר, אָבער, זיך צוריקקערן צו יענע צייטן, צו דער לעצטער פאַזע פון מיין פאָטערס שטענדיקן אויפהאַלטן זיך אין פוילן. דאָס איז געווען די תקופה פון שטורעם און דראַנג פון יונגע יידישע דעמאָקראַטישע און אַר־טיסטישע וויטאַלע כוחות. וואַרשע מיט איר גרעסטער העברעישער און יידישער פּרעסע, מיט אירע צאָלרייכע ביכער־פאַרלאַגן, מיט אירע אויפ־שטייגנדיקע, שרייבערישע טאַלאַנטן, איז געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון זייער טעטיקייט. כמעט אַלע פלעגן זיי אַרויפקומען צו אונדז, אויף מאַריאַנ־סקאַ־גאַס און עטלעכע פון זיי האָבן זיך גאָר שטאַרק באַפריינדעט מיטן פאָטער און זיין הויזגעזינד. יצחק גרינבוים, וואָס האָט שוין דעמאָלט זיך געשניטן אויף צו ווערן אַן אָנגעזעענער פירער פון פוילישן ציוניזם, זעליק וייצמאַן, דער אָרגאַניזאַטאָר פון די ערשטע ציוניסטישע ספּאָרט־פאַראיי־נען, לעאָן לעוויטע, דער אויסערגעוויינלעך אָפּפערוויליקער און איבער־געגעבענער דער ציוניסטישער זאַך, שמעון זיידמאַן און פיל אַנדערע, פלעגן, כמעט טאָג־טעגלעך קומען צו אונדז אין הויז, און קודם כל נחמן סירקין, דער גליענדיק־דינאַמישער און ענערגישער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט יצחק גרינבוים אָנגעפירט מיט דער אידעישער זייט פון דער „הצפירה״ און „טעלעגראַף״, ווען מיין פאָטער פלעגט אָפּפאָרן פון וואַרשע.

אַ ביז גאָר אָריגינעלע געשטאַלט האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט ד״ר אַדאָלף נויפעלד, ער האָט געהערט צום ייִנגערן דור ציוניסטן, פֿון באַרוף אַן עקאָנאָמיסט, פֿול מיט פֿאַנטאַזיע און מאָדנע איינפֿאַלן, וואָס קיינער האָט זיי נישט גענומען ערנסט, אָבער פֿיל יאָרן שפּעטער זענען עטלעכע פֿון זיינע איינפֿאַלן פֿון דעסטוועגן רעאַליזירט געוואָרן דורך אַנדערע. שוין מיט פֿופציק יאָר צוריק איז ד״ר נויפעלד געקומען מיט פֿאַרשידענע פּראָיעקטן פֿון פֿינאַנסירן די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. ער איז געווען דער ראַ־מאַנטיקער פֿון קאַפּיטאַליזם. צווישן אַנדערע איינפֿאַלן זיינע האָט אויך געהערט דער געדאַנק פֿון איינקויפֿן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ האַנדלס־פֿלאָט.

אויפֿן שטח פֿון קאָנגרעס־פּוילן און גאַליציע האָט זיך צו יענע צייטן געהאַט אַנטוויקלט אַ גרויסע ציוניסטישע פּובליציסטיק אין דער פּוילישער שפּראַך. ס׳האָבן געגומען דערשיינען עטלעכע צייטונגען, ווי למשל, דער „וסכוד״ אין לעמבערג, „גלאָס זשידאָווסקי״ און „זשיטשע זשידאָווסקיע״ אין וואַרשע. ס׳זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן עטלעכע אַלמאַנאַכן, ספּעציעלע איינמאָליקע אויסגאַבעס, מען האָט אָרגאַניזירט פֿאָרלעזונגען און רעפֿע־ראַטן און אויפֿגעטראָטן אויף מאַסן־מיטינגען. פֿיל צו פֿאַרדאַנקען האָט מען אויף דעם געביט געהאַט דעם פֿאַרלאַג „ספרות״. אַברהם פּאָדלישעווסקי, מיין פֿאָטערס געטרייער פֿריינד, וואָס איז תמיד געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פֿאַר אים, אַט דער גרויסער ליבהאָבער און מעצענאַט פֿון העברעי־שער ליטעראַטור, האָט געהאַט אויף דעם געביט אומגעהויערע פֿאַרדינסטן. אויף דער הילף פֿון אַט דעם ענטוזיאַסט האָט מען תמיד געקאָנט רעכענען.

ווי אין יעדער גרויסער באַוועגונג, אַזוי האָט אויך דער ציוניזם אָנגע־הויבן דורכצומאַכן פֿאַרשידענע קריזיסן און אינערהאַלב אים זענען אַנט־שטאַנען פּאַרטייען און גרופּירונגען. ס׳האָבן זיך צעפֿלאַקערט פֿאַרביסענע, אינערלעכע קאַמפֿן, דער עיקר אויפֿן שטח פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד. בדרך כלל האָט מיין פֿאָטער זיך געהאַלטן ווייט פֿון אַט די קאַמפֿן, אַרויסרוקנדיק, קודם כל, פּאָסטולאַטן פֿון קולטורעלער אַרבעט להיפּך צו אַנדערע טוער. ער איז געווען אַ קנאַפּער אָנהענגער פֿון דאָקטרינען און פּראָגראַמען.

צו איינער פֿון די חשובסטע דעמאָלטיקע פּערזענלעכקייטן אין וואַרשע

האָט געהערט ד״ר שמואל פּאָזנאַנסקי, דער אויבער־ראַבינער פון דער טלאָ־מאַצקער סינאַגאָגע. ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע אַרבעטן וועגן די קאַראַימער, אַ הייסער ציוניסט, וואָס האָט זיך נישט אינטערעסירט מיטן פּאַרטייאישן לעבן. ער איז געווען באַפריינדעט מיטן פּאָטער זייט לאַנגע יאָרן.

פון צווישן אַלע מזרחי־טוער האָט מיין פּאָטער זיך צום שטאַרקסטן באַפריינדעט מיט העשל פּאַרבשטיין. דאָס איז געווען זייער אַ קלוגער און טעמפּעראַמענטפולער מענטש. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פּוילישער סענאַ־טאָר. אַ געוויסע צייט איז מיין פּאָטער געשטאַנען אין קאָנטאַקט אויך מיט העשלס ברודער דוד פּאַרבשטיין, אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט אין ציריך, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

צו די סאַמע נאָענטסטע מענטשן פון מיין פּאָטער האָט געהערט ד״ר איזידאָר עליאַשעוו (בעל מחשבות), וואָס איז געווען דער ליבלינג פון אונ־דזער גאַנצער משפחה, אַ רייצנדיקער מענטש, אין אַלע הינזיכטן. אַ דאָקטאָר פון באַרוף האָט ער זיך נישט פאַרנומען מיט פּראַקטיק, נאָר זיך פולשטענ־דיק געווידמעט דער ליטעראַטור. ער איז געווען נישט בלויז אַ טאַלאַנטיר־טער ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט, נאָר האָט געהערט צו די יידישע אינטעלעקטואַלן און שיינגייסטער פון דער העכסטער מדרגה, טיף עמפּינד־לעך און פול מיט אָריגינעלע איינפאַלן. אינעם פּריוואַטן לעבן איז ער גע־ווען נאָך אינטערעסאַנטער, ווי אין זיינע ווערק. ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע שרייבער, וועגן וועלכע מען קאָן זאָגן, אַז „ער איז מער פּאָעט, ווי זיינע שאַפונגען״, מיט וואָס ס׳ווערט גאָרנישט פאַרמינערט זיין שאַפונג.

שלום אַש און זיין פרוי מאַטילדע זענען אויך געווען אָפטע איינגייער ביי אונדז אין הויז. אַש איז געווען דער פאַוואָריט פון מיין מוטער, וואָס איז געווען די ערשטע, וואָס האָט זיך דערקענט אויף זיין טאַלאַנט, ווען ער האָט איר איבערגעלייענט עטלעכע דערציילונגען פון זיין „שטעטל״. אַלע יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, וואָס האָבן געלעבט אָדער פאַרבראַכט אין וואַרשע, ווי דינעזאָן, נאָמבערג, וויסנבערג, דער נאָך דעמאָלט יונגער זלמן שניאור, וואָס פלעגט ברענגען זיינע לידער אין דער „הצפירה״, רייזין, ספּעקטאָר, טשערעמינסקי און פיל אַנדערע, פלעגן צו אונדז אַרויפקומען

אויף מאַריאַנסקאַ־גאַס. כ׳געדענק, ווי שלום אַש פֿלעגט אַרויפֿקומען מיט זיין יינגעלע נתן, האַלטנדיק אויף דער האַנט. שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ סטודענט, האָב איך איבערגעזעצט עטלעכע זיינע פּיעסעס אויף פּויליש. פֿון אָנהויב האָט אַש געהאַט זייער אַ שווער לעבן און ביטער גע־קעמפֿט אויף חיונה. ער האָט אָבער נישט בלויז געהאַט אַ גאָט געבענטשטן טאַלאַנט, נאָר אויך פֿיל ענערגיע און מזל צו מענטשן. ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע יידישע שרייבער, מיט וועלכע די פּוילישע ליטעראַריש־אַרטיסטישע קרייזן האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט, און ווען מאַקס ריינהאַרדט האָט נאָך דערצו אָנגעהויבן צו שפּילן זיינע פּיעסן, איז זיין קאַריערע שוין געווען אַ געזיכערטע.

מיר האָבן אין יענע צייטן געהאַט ביי זיך פֿיל דורכפֿאָרנדיקע געסט, דער עיקר פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די קאָריפֿייען פֿון יידישן רע־נעסאַנס אין פּוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע לענדער. אַ שטאַרקן רושם האָט אויף אונדז אַלעמען געמאַכט דער באַזוך פֿון פֿייוול בערטאָלד און דעם מאָלער אפרים משה ליליען. דער פֿאָטער האָט זייער פֿיל געהאַלטן פֿון מאַרטין בובער און אַנדערע פֿאַרקעמפֿער פֿון דער יידישער ליטעראַטור און קונסט, וואָס האָבן זיך געהאַט גרופּירט אַרום דעם ציוניזם, אָדער זיינע פּעריפֿעריעס. שמואל הירשנבערג, הענריק גליצענשטיין, לעאָפּאָלד פּילי־כאָווסקי, מיט וועלכן מיין פֿאָטער האָט זיך שפּעטער שטאַרק באַפֿריינדעט, און פֿיל אַנדערע יידישע מאָלערס און סקולפּטאָרן זענען געווען אָפֿטע געסט ביי אונדז אין הויז אויף מאַריאַנסקאַ. כ׳געדענק אויך זייער גוט דעם מאָמענט ווען צו אונדז אין הויז איז צום ערשטן מאָל געקומען חיים ווייצמאַן. דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון גאָר אַן אַנדער שניט, ווי זיינע ליטעראַרישע חברים פֿון דער דעמאָקראַטישער פֿראַקציע. אַ רירעוודיקער, דינאַמישער און פֿול מיט טעמפּעראַמענט האָט ער געלאָזט פֿון זיך הערן פֿיל מער, ווי זיינע חברים. ער איז געקומען צו פֿאָרן צו אונדז, שוין אַלס אַ באַרימטער כעמי־קער און שוין דעמאָלט האָט ער אַנטוויקלט אַ גרויסע און ענערגישע אַגי־טאַציע לטובת דעם אויפֿשטעלן דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, פּרעזענטאַבל, עלעגאַנט און עסטעטיש אָנגעטאָן האָט ער מיט זיינע שטראַלנדיקע אויגן געפֿונען חן ביי אַלעמען און געווען באַליבט.

דער פאָטער האָט ליב געהאַט זיך אַרומצורינגלען מיט מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר און וויץ, און אַזעלכע האָבן נישט געפעלט אין יענע צייטן. פון יעדער נסיעה, פון יעדן קאָנגרעס פלעגט ער קומען מיט אַ סעריע פון נייע וויצן און ווערטלעך. ער האָט זיך גאַרנישט געקאָנט אָנזעטיקן פון די בליצאַרטיקע, טיפזיניקע און חכמהדיקע וויצן און ווערטלעך פון מאַקס נאָרדוי, זאַנגוויל, שמריהו לעווין, אידעלסאָן, גראָנעמאַן. ער האָט געקוואָלן פון פאָלקסטימלעכן וויץ פון שלום עליכם, וואָס האָט אונדז באַזוכט יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע. אָבער אַפילו, בעת די קאַמפן אויפן אינערלעכן פראָנט איז דער וויץ געווען גאָר אַ ווירקזאַם כלי־זיין. פון דעם געוואַלדיק רייכן יידישן אוצר פון פאָלקס־ווערטלעך האָט ער געקאָנט שעפּן פולע עמערס. נישט איין פּראָפּאַגאַנדע־שלאָגער שטאַמט טאַקע פון אָט דעם אומדערשעפּלעכן קוואַל. אַלס פּובליציסט און רעדנער האָט מיין פאָטער געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר דעם לייכטערן זשאַנער פון פירן ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט לייכטער געטראָפן צו די פאָלקסמאַסן און ער האָט זיך דערמיט באַנוצט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן. כ׳דערמאָן זיך, ווי אין די שפּעטערע יאָרן האָט מיין פאָטער געהאַט אָרגאַניזירט בעת אַ קאָנפערענץ פון רוסישע ציוניסטן, אַ פאַרמעסט ווער פון די אָנטיילנעמער וועט דערציילן די גרעסטע צאָל וויצן. זיין גרעסטער קאָנקורענט אויף דעם געביט איז געווען דער מאָסקווער רב מאַזע, אַ וווּנדערבאַרער שמועסער.

אין די זומער־חדשים פון יאָר 1903, פאַרן אָנהויב פון זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט מיך דער פאָטער מיטגענומען קיין בערלין. איך בין נאָך דעמאָלט געגאַנגען אין גימנאַזיע. אין בערלין האָט זיך מיין פאָטער געזען מיט איינעם פון די גאָר איינפלוסרייכע יידישע פני־העיר, היינריך מאיר קאַן, מיט וועלכן ער האָט אַרומגערעדט דאָס טרויעריקע פּראָבלעם פון אַלץ מער שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד. גאַנץ ספּעציעל האָט זיך קאַן באַקלאָגט צוליבן געוואַלטיקן דערפאָלג פון אַן אַנטיסעמיטיש בוך, וואָס זיין מחבר איז געווען הוסטאָן סטיואַרט טשעמבערלעין, דער איידעם פון רישאַרד וואַגנער. טראָץ דעם, וואָס קאַן איז געשטאַנען נעענטער צו דער

אַסימילאַציע, ווי צום ציוניזם, האָט ער דאָך אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטע־רעס פֿאַר דער העברעישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס מיין פֿאָטער האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן. חוץ דעם האָט קאָן זיך באַמיט צו העלפֿן מיין פֿאָטער, מיט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט אין דער רעטונגס־אַקציע לטובת דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

פֿון בערלין זענען מיר אָפּגעפֿאָרן אין דער שווייץ, ווו איך האָב דעם זומער פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט דער עלטערער שוועסטער מרים, מיטן ברודער העגריק און זייערע שול־חברים. מיר האָבן געוווינט אין הינטער־פינגען, ביי דער אָזיערע טהון, ווו ס׳איז אויך געווען חיים ווייצמאַן מיט זיין בילד־שיינער כלה וויערא קאַצמאַן מיט די ברידער. ס׳זענען מיר פֿאַר־בליבן די שענסטע דערינערונגען פֿון יענע צייטן. חיים ווייצמאַן פֿלעגט מיך מיטנעמען אויף די אויספֿלוגן מיט אַ וועלאָסיפּעד. איינער אַזאַ אויס־פֿלוג האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון, צוליב דעם וואָס אַראָפּ־פֿאָרנדיק פֿון אַ הויכן באַרג בין איך אַראָפּגעפֿאַלן פֿון וועלאָסיפּעד און זיך שטאַרק צעקלאַפּט. דערפֿאַר אָבער האָט מיך ווייצמאַן מיטגענומען קיין זשע־נעווע, ווו איך האָב געוווינט אויף דער לאָמבאַרד־גאַס, אינעם צימער, ווו ס׳האָט זיך געפֿונען דאָס ערשטע ביורא פֿון העברעישן אוניווערסיטעט („יודישע האָכשולע״). ווייצמאַן איז דעמאָלט געווען דאָצענט פֿון כעמישן פֿאַקולטעט אויפֿן אוניווערסיטעט אין זשענעווע. ער האָט זיך שוין אָבער גע־גרייט אָפּצופֿאָרן קיין ענגלאַנד און האָט געלייענט רק ענגלישע ביכער. אין זשענעווע איז דעמאָלט אויך געווען ד״ר עליאַשעוו. ער איז נישט געווען קיין „חסיד״ פֿון ווייצמאַן און נישט געהאַלטן פֿון אים, הגם ער האָט אָנערקענט זיין שטאַרקע אינדיווידואַליטעט. ער פֿלעגט זאָגן, אַז ווייצמאַן, וואָס האָט מיט זיין ווולקאַנישן טעמפּעראַמענט זיך גענומען צו כעמיע און געאַרבעט איבער אַ נייער מעטאָדע פֿון אַרויסבאַקומען פֿאַרבן, וויל די גאַנצע וועלט פֿאַרמאַליעווען אויף זיין קאָליר. ווייצמאַן איז געווען זייער באַליבט אין אונ־דזער הויז און מיין פֿאָטער איז געווען מיט אים אין האַרציקע באַציונגען.

דער פֿאָטער האָט זיך אויסגעצייכנט געפֿילט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון סטודענטן — זיינע קינדער און זייערע קאָלעגן. ער האָט תמיד געהאַט אין זיך עפּעס פֿון דעם באָהעם און איז געווען אויסערגעוויינלעך עמפּינדלעך

אויף נייע גערעלשאַפטלעכע שטראָמען. די סטודענטן־סביבה אין דער שווייץ האָט דעמאָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קוזניע, ווו מען האָט געקאָוועט און אויסגעהאַמערט די רוסישע רעוואָלוציע. ס׳האָט דאָרט געווימלט און גע־שווירבלט פון פּאָליטישע עמיגראַנטן און די רעדל־פירער זענען געווען סאָציאַ־ליסטן פון כלערליי שאַטירונגען. אינעם סאָציאַליזם האָט די דעמאָלטיקע יוגנט געקאָנט צום שטאַרקסטן ברענגען צום אויסדרוק איר אידעישן פּראָ־טעסט. אין אָט דער אַטמאָספער איז דעם ציוניזם גאָר נישט אַזוי לייכט גע־ווען זיך דורכצושלאָגן אַ וועג. אויף די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען האָבן זיך די ציוניסטישע רעדנער אויסגעצייכנט מיט זייער שאַרפזין און בליצאַרטיקע אַרגומענטן, פירנדיק אַ ליידנשאַפטלעכן קאַמף מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און בונדיסטן. אין אָט דער פּאָלעמיק האָט זיך אויך אויסגעצייכנט חיים ווייצ־מאַן. די יידישע סטודענטישע יוגנט פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך אָבער גע־פונען אונטערן מעכטיקן איינפלוס פון רעוואָלוציאָנערע און פרייהייט־לאָזונ־גען. טראָצקי, פּלעכאַנאָוו, מעדעם און אַנדערע גלענצנדיקע רעדנער זענען אַרומגעפאָרן איבער די סטודענטישע קאָלאָניעס און דאָרט געפירט זייער פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט. דערביי האָבן זיי אַנגעגריפן דעם ציוניזם, באַציי־כענענדיק אים, ווי אַ קליינבירגערלעכע און רעאַקציאָנערע באַוועגונג.

ווייצמאַנס בריוו צו מיין פאָטער (און אַזעלכע געפינען זיך אין די הונ־דערטער אין זיינע אַרכיוון) האָבן זיך זייט זייער באַפריינדן זיך אויסגעצייכנט מיט סאַמע לויבווערטער און אַנערקענונג פאַר מיין פאָטער. די בריוו זענען געשריבן הויפּטזעכלעך אויף רוסיש און בלויז עטלעכע פון זיי, שוין אין דער לעצטער תקופה, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען געשריבן אין ענגליש. אורטיילנדיק לויט די דאָזיקע בריוו, שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז ווייצמאַן האָט זיך געפונען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון נחום סאָקאָלאָווס פּערזענלעכן חן און רייץ און געווען אַנטציקט פון זיין שעפערישער טעטיקייט, סיי אַלס שרייבער, סיי אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער און קודם כל פון זיין קאַמף פאַר די קולטור־צילן פון ציוניזם. אויף אָט דעם אָפּשניט שלאָגט ווייצ־מאַן פאָר זיין מיטאַרבעט און שרייבט צו מיין פאָטער אַ בריוו, ווי אַ שילער, וואָס פאַרערט זיין לערער. דעריבער איז עס גאָר נישט צום פאַרשטיין, וואָס אין ווייצמאַנס אויטאָביאָגראַפיע געפינען זיך געוויסע באַמערקונגען,

וואָס זענען אין אַ בולטער סתירה מיטן אינהאַלט פֿון די דאָזיקע בריוו און אַפֿילו פֿאַקטן. „טייערער חבר און מוטיקער קעמפֿער" — שרייבט ווייצמאַן אין איינעם פֿון זיינע בריוו פֿון יאָר 1903 — „איך בין גליקלעך, וואָס מיר איז באַשערט געוואָרן זיך צו דערנענטערן צו אייך. כ׳האָב דאָס אייך גע־וואָלט זאָגן בעת מיין לעצטן אויפֿהאַלט אין וואַרשע. ס׳האָט מיר אָבער פֿאַרפֿעלט מוט. אין דעם כאַאָס און קאָנגרעס־טומל, ווען די אַטמאָספֿער איז אַזוי שטייף־אָפֿיציעל און פֿול מיט עטיקעט, ווו ס׳איז אוממעגלעך אויסצו־דריקן פּערזענלעכע געפֿילן, האָב איך ווידער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. טו איך עס דעריבער איצט, ווען איך פֿיל מיך פֿרייער און ווענד מיך צו אייך, ווי צו דעם אומדערמידלעכן טוער לטובת דער אידעע, צו דעם טוער, וואָס שטראַלט מיט טאַלאַנט".

די לאַגע פֿון די יידן אין רוסלאַנד האָט זיך דערווייל געהאַלטן אין איין פֿאַרערגערן און איז געוואָרן גאָר טראַגיש. קישעניעוו איז געווען בלויז דער אָנהויב. ס׳האָבן גענומען אָנקומען נייע ידיעות וועגן פּאָגראָמען. אונטערן צייכן פֿון אָט די פּאָגראָמען איז פֿאָרגעקומען דער קריטישער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אויף וועלכן ס׳איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער ענין אוגאַנדאַ. ס׳איז געקומען צו דער שפּאַלטונג צווישן דער מערהייט רוסישע ציוניסטן און די מערב־אייראָפּעישע. מיין פֿאָטער האָט איבערגעלעבט שווערע טעג. ס׳איז אים שווער געווען צו פֿאַרלאָזן הערצלען אין יענעם קריטישן מאָמענט. בכלל האָט ער דעם גאַנצן ענין אַפֿילו נישט געהאַלטן פֿאַר קיין פּרינציפּיעלן. ער האָט בכלל נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק פֿון אַ דילעמע: ארץ ישראל אָדער אוגאַנדאַ? דאָס וואָלט געווען פֿאַר אים אַן אַבסורד, דאָס פֿולשטענדיקע פֿאַרלייקענען פֿון אַלץ, צו וועלכן ער האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט. פֿון דער אַנדערער זייט האָט ער נישט געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן זיינע, אים אַזוי אידעיש נאָענטע רוסישע חברים. האָט ער זיך דעריבער אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען, טראָץ דעם, וואָס ער האָט געוווסט, אַז טוענדיק אַזוי, וועט ער זיך פֿאַרשאַפֿן אַ וועלט מיט שונאים ביי ביידע צדדים. ער האָט נישט געזען פֿאַר זיך קיין אַנדערן אויסגאַנג פֿונעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן ער האָט זיך געפֿונען, ווי נאָר דעם. געוויסע קרייזן האָבן דאָס טאַקע געוואָלט אויסנוצן קעגן אים. זיין שטעלונג, וואָס ער האָט דעמאָלט אָנגענו־

מען, האָט אָבער מיט גאָרנישט פאַרמינערט זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט ביי די ברייטע ציוניסטישע מאַסן. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן שם אויף דער וועלט. אויפן זעקסטן קאָנגרעס, בעת וועלכן ער האָט געהאַלטן צוויי רעפעראַטן, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן נישט נאָר פון אַ ריי פּוילישע שטעט, נאָר אויך פון רומעניע, אַמעריקע און אַנדערע לענדער. די גרעסטע פריידּ האָט אים פאַרשאַפט דער מאַנדאַט צום קאָנגרעס פון זיין היים־שטאָט פלאָצק.

אין זיין טאָגבוך האָט סאָקאָלאָוו פאַרצייכנט הערצלס אָנקומען קיין וואַרשע, אין אויגוסט 1903, נישט קיין גאַנץ יאָר פאַר זיין טויט. הערצל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע בלויז אויף עטלעכע שעה, אויף זיין וועג קיין פּעטערבורג. מיין פאָטער האָט געוווסט וועגן דאָזיקן פאַרשטייענדיקן באַזוך. דער טערמין פון זיין אָנקומען איז אָבער געהאַלטן געוואָרן אין סוד, אַזוי וויית, אַז ווען מיין פאָטער האָט זיך געווענדעט צו זיין עלטסטער טאָכ־טער מרים, וואָס האָט שטודירט אין ווין און גוט געקענט הערצלען, אַז זי זאָל זיך דערוויסן עפּעס נענטערע פּרטים פון זיין אָנקומען, איז איר דאָס נישט געלונגען. ערשט אין לעצטן מאָמענט האָט ער וועגן דעם באַקומען אַ מעלדונג. ער האָט אָפּגעוואַרט הערצלען אויף דער באַן־סטאַציע צוזאַמען מיטן אַדוואָקאַט יאַשינאָווסקי, פּאָדלישעווסקי, לעוויטע און אַ הייפל ציוניסטן.

הערצל איז אָנגעקומען אין דער באַגלייטונג פון ד"ר נ. קאַצענעלזאָן פון ליבאַווע, דעם ערשטן דירעקטאָר פון יידישן קאָלאָניאַל־באַנק. אַ דערשיטער־טער ביז גאָר פון די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען איז הערצל אָפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג מיט דער האָפענונג, אַז זיין אינטערווענץ וועט באַווירקן די צאַ־רישע רעגירונג אָפּצושטעלן די באַרבאַרישע מעטאָדן. זיינע באַמיונגען האָבן געהאַט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל און ער האָט געהאַט דערנאָך אויסצושטיין געוואַלטיקע אָנגריפן מצד אַ גרויסן טייל פון דער יידישער עפנטלעכער מיינונג אין פּוילן און רוסלאַנד פאַר באַזוכן אין פּעטערבורג דעם אַזוי פאַר־האַסטן אינערן־מיניסטער פּלעווע.

אין משך פון די עטלעכע שעה, וואָס הערצל האָט פאַרבראַכט אין וואַרשע, האָט ער געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט פאַרנדיק און טיילוויז צופוס. ער האָט קודם כל זיך געהייסן ווייזן דעם יידישן שטאָט־קוואַרטאַל. קענענ־

דיק זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, ווי אויך צוליב דעם קאָנספּיראַטיוון כאַ־ראַקטער פון זיין נסיעה, האָט סאָקאָלאָוו און די איבעריקע זיך באַמיט אים אָפּצוהאַלטן פון דעם. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן און מען האָט אים געמוזט פירן אַהין. הערצל איז געווען טיף דערשיטערט פון דער יידישער נויט און אָרעמקייט. מען האָט אים דערקאַנט אויף דער גאַס און די ידיעה, אַז הערצל געפינט זיך אין וואַרשע, האָט זיך בליץ־שנעל פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטאָט. ווען מען האָט אים שפּעטער געפירט צו העקסעלמאַ־נען אין דעמאָלט אַזוי פּאָפּולערן יידישן רעסטאָראַן, איז שוין דער זאַל געווען אויסגעפּולט איבער די ברעגעס, וואַרטנדיק אויפן גרויסן גאַסט.

*

אין יאָר 1904 האָט דאָס פּוילישע יידנטום געפייערט דעם פינף און צוואַנציקסטן יובל פון סאָקאָלאָווס ליטעראַרישער טעטיקייט. די דאָזיקע פייערונג האָט, אייגנטלעך, געדאַרפט פאָרקומען מיט דריי יאָר פריער. די ערשטע ווערק זיינע זענען געדרוקט געוואָרן, ווען ער איז אַלט געווען 16 יאָר. דאָס פּוילישע יידנטום, און אַפילו די אַסימילאַטאָרן, האָבן זיך באַטיי־ליקט אין דער פייערונג. פון דער פּראָווינץ זענען געקומען צו פאָרן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן. מען האָט געהאַלטן פיל רעדעס, אין וועלכע מען האָט אָנגעוויזן אויף די גרויסע פאַרדינסטן זיינע פאַרן יידנטום בכלל און פּוילישן בפרט, אַלס שרייבער און טוער. פון אויסלאַנד זענען אָנגעקומען פיל טעלעגראַמעס פון אינסטיטוציעס און פּראָמינענטע יידישע פּערזאָנען. מיין פאָטער האָט געהאַט געגוג סיבות אויף צו זיין צופרידן פון די אַלע באַווייזן פון ליבע און איבערגעגעבנקייט צו אים און ער האָט געקאָנט רויִק קוקן אין דער צוקונפט. ווען ער האָט אָבער גענומען דאַנקען דעם עולם פאַר די אויסדרוקן פון אָנערקענונג, האָט ער, צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג, געהאַלטן גאָר אַ קורצע רעדע, בעת וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז ער פילט זיך, ווי ער וואָלט געווען אויף אַ שיף, וואָס אַ מוראַדיקער שטורעם אויפן ים טראָגט זי אויף זיינע ברויזנדיקע כוואַליעס. אַלץ וויגט זיך אונטער אים און ער קאָן נישט איינהאַלטן די גלייכגעוויכט. ער האָט גערעדט אַזוי, ווי ער וואָלט געהאַט אַ פאָרגעפיל פון די אָנקומענדיקע אויפטרייסלונגען אינעם לעבן פון יידנטום און שווערע קריזיסן אין זיין אייגן לעבן.

קאַפּיטל 12

די רעוואָלוציע

און ווידער האָבן יידן גענומען ציען אויף די שליאַכן פון אייראָפּע אין דער ריכטונג צום מערב. געגוי ווי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, אָבער אין אַ פיל גרעסערער צאָל און אַ פיל טראַגישן מצב, האָט דער ייד ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. נישט די נויט האָט אים דאָס מאָל געטריבן צו פאַרלאָזן זיין היים־אָרט, נאָר אַכזריותדיקע שנאה און באַרבאַרישקייט פון געהעצטן המון. ס׳האָבן די פּאָגראָמען, ווי אַ פאַר־פלייצונג, זיך ברייט פונאַנדערגעגאָסן איבער דער לענג און ברייט פון רוס־לאַנד, געטריבן די יידן פון אָרט צו אָרט.

פאַראַן הירשנבערגס אַ בילד, וואָס איז געווידמעט דעם היימלאָזן יידן, ווי ער ווערט געטריבן פון ביטערן גורל. דער דאָזיקער מאָטיוו ווערט פיל איבערגעחזרט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן פון די דעמאָלטיקע קינסטלער. מידע, צעבראָכענע, פאַרטריבענע פון זייערע היימען, וואַנדערן זיי, מיט די טלומעקלעך אויף די פּליצעס, לענען זיך אָן אויף אַ שטיין, וואָס אויפן וועג און גייען, ווו די אויגן טראָגן מיט זייערע משפחות און פּיצלעך קינ־דער. אָט אַזוי האָט אויסגעזען די ווירקלעכקייט. דאַקעגן האָבן אויפן דאָזיקן פאָן אַזוי נישט רעאַל אויסגעזען דעם מאָלער ליליענס אַזוי פיין סטילי־זירטע פּייזאַזשן פון ארץ ישראל. ציון איז ווידער געוואָרן אַ ווייטער מיראַזש, וועלכן מען האָט קוים, קוים דערזען אויפן יידישן האָריזאָנט.

הערצלס טויט, פּאָגראָמען, די ריזיקע עמיגראַציע־כוואַליע, פרייהייט־באַוועגונגען, אינערלעכע פּאַרטיי־רייבונגען, דאָס אָפּטיילן זיך פון די טע־ריטאָריאַליסטן, רעפּרעסיעס. דאָס אַלץ האָט אָפּגעשוואַכט די ציוניסטישע טעטיקייט אין די לענדער פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע. כ׳וויל דערמיט זאָגן, אַז נישט דער ציוניזם גופא איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט, וואָרעם די געשעענישן, וואָס האָבן אָפּ־

געלענקט די אויפֿמערקזאַמקייט צום ציוניזם, און קודם כּל זענען עס געווען די רדיפֿות, האָבן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַוווּסט־זיין פֿון די יידישע מאַסן.

די קולטור־אַרבעט, וועלכער סאָקאָלאָוו האָט צוגעשריבן אַ ספּעציעלע באַדייטונג, איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער גאַנצער ענערגיע. אין די יאָרן 1904—1905 איז סאָקאָלאָוו צוגלייך מיט אַנדערע אַרבעטן שטאַרק באַשעפֿטיקט געווען ביים רעאַליזירן זיין פּראָיעקט פֿון אַ גרויסער העברעי־שער ענציקלאָפּעדיע. ער איז פֿיל אַרומגעפֿאָרן אין דער זאַך און זיך באַ־מיט צוצוציען צו דער מיטאַרבעט די וויכטיקסטע יידישע כּוחות, נישט נאָר פֿון די ציוניסטישע רייען, נאָר אויך אַלגעמיין־יידישע. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגס־אַרבעטן, ס׳זענען פֿאַרלייגט געוואָרן ביוראָען אין וואַרשע און אין בערלין, פֿיל פּראָפֿעסאָרן פֿון פֿאַרשידענע געביטן האָבן מסכּים געווען מיטצואַרבעטן, און ווען נישט די שטורמישע צייטן, וואָס האָבן כּסדר געפֿאָדערט אונטערצונעמען רעטונגס־אַקציעס, וואָלט די העברעישע ענציקלאָפּעדיע, וואַרשיינלעך, דערשינען. דער פֿאָטער האָט אַריינגעלייגט אין דעם פֿיל כּוחות, אייפֿער און צייט.

אין די זעלבע יאָרן האָט מיין פֿאָטער געמאַכט פֿיל נסיעות, אומאָפּ־הענגיק פֿון די ציוניסטישע קאָנגרעסן און אַנדערע קאָנפֿערענצן. זיינע נאָטיצן פֿון יענע צייטן און דער עיקר פֿון זיינע נסיעות קיין פּעטערבורג און לאָנדאָן זענען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט. אַ רייכע גאַלעריע פֿון יידישע און נישט־יידישע טיפּן מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט, וויקלט זיך אויף אין די דאָזיקע נאָטיצן. בעת זיינע אָפֿטע נסיעות קיין דייטשלאַנד שטעלט ער פֿעסט מיט צופֿרידנקייט, אַז דער ציוניזם שטאַרקט זיך דאָרט, ספּעציעל אין די קרייזן פֿון דער יידישער אינטעליגענץ. מיט אַ געפֿיל פֿון באַפֿרידיקונג פֿאַרצייכנט ער אין זיין נאָטיץ־ביכל, אַז די שאַרפֿע קעגנ־ערשאַפֿט צום ציוניזם איז אַפֿילו געפֿאַלן אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן און אַז אַ ריי פֿון געוועזענע ביטערע קעגנער, די אַזוי־גערופֿענע „פּראָטעסט־ראַבינער״ האָבן אונטערגעשריבן אַן אויפֿרוף אויסצוקויפֿן שקלים. ער פֿירט לענגערע געשפּרעכן וועגן דער עקאָנאָמישער צוקונפֿט פֿון ארץ־ישראל מיטן פּראָפֿ׳ אָטאָ וואַרבורג, אַ הייסן ציוניסט. ער שטעלט זיך אין

קאָנטאַקט מיטן פאַרזיצער פון „הילפספאַראיין" פּאָול נאַטאַן וועגן הילף פאַר די פּאָגראָמירטע. ער איז אויך עטלעכע מאָל אין פּאַריז, וווּ ער רעדט אַרום די זאַכן מיט „איקאַ" און „אַליאַנס איזראַעליט".

דעם זומער פון יאָר 1904 פאַרברענגט ער צוזאַמען מיט זיינע צוויי פריינד אין שפּאַניע, מאַראָקאָ און אַלזשיר. ער פאָרט אַרום איבער די דאָזיקע לענדער און ווערט באַגייסטערט פון זייער מאַלערישקייט און גערירט פון דעם, וואָס איז דאָרט געבליבן פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. דאָס אַלץ באַשרייבט ער אַזוי בילדעריש אין דער „הצפירה" און אַנדערע צייטונגען. מיט יראת הכבוד טרעט ער אָפּ אין קאָרדאָוואַ, וווּ ער זוכט דאָס אָרט, וווּ דער רמב"ם איז געבוירן געוואָרן. מיט זיינע געדאַנקען דערלאַנגט ער צוריק אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און באַוויינט דעם גורל פון די בתי־כנסיות און שולן, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קירכעס. ער זאַמלט מאַטעריאַלן וועגן לעבן פון די ספרדישע יידן אין יעדער שטאָט באַזונדער און דאָרט, וווּ ער טרעפט אָן כאָטש אויף אַ הייפל יידן באַמיט ער זיך אויפצופלאַקערן דעם פונק יידישקייט, וואָס טליעט נאָך אין זיי, לטובת ארץ ישראל.

גיבראַלטאַר מאַכט אויף אים אַ מעכטיקן איינדרוק, ווי דער באַסטיאָן פון ענגלאַנדס גרויסקייט. ער קוקט זיך צו צו די מאַנעוורעס פון ענגלישן פלאָט און פילט זיך זיכער אויפן דאָזיקן פעלדז. וואָרעם, וועלכער ייד האָט עס דעמאָלט נישט געחלומט וועגן ענגלאַנד. אין די נאָטיצן הערט דער פאָטער נישט אויף צו מאַכן דעם פאַרגלייך צווישן ענגלאַנד און רוסלאַנד.

ווידער ענדערט זיך דאָס בילד פון זיינע נסיעות. ער באַוואונדערט עסקאָריאַל, אַלהאַמבראַ. ווערט אַנטציקט פון דער אַרכיטעקטור, באַזוכט די גאַלעריעס מיט בילדער, גייט זען אַן אָקסן־קאַמף און אומעטום שטויסט ער זיך אָן אויף פאַרלוירענע, יידישע איבערבלייבענישן אין לאַנד פון דער אינקוויזיציע. ער באַזוכט עטלעכע פריינד אין מאַדריד און זיינעם אַן אַלטן פריינד פון וואַרשע, מילנער, וואָס לעבט אין סאַן סעבאַסטיאַן. פון דאָרט פאָרט ער אָפּ קיין פּאָרטוגאַל, פון וואַנען ער ברענגט אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן די מאַראַנען.

דערנאָך פאָרט ער קיין ביאַריץ, צום ים, וווּ ער איז שוין אַגב געווען

עטלעכע מאָל. אין יענע צייטן, פֿלעגט ער תמיד ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט זיך אַרויסרייסן צום ים. צום ליבסטן — דעם אַטלאַנטישן. דער ים האָט אויף אים גוט געווירקט, בעסער ווי די בערג. אין איינער פֿון זיינע עלטסטע נאָטיצן, האָב איך געפֿונען אַ לאַטייניש אַפֿאָריזם, וואָס זאָגט: „דער ים שווענקט אַלץ אַרום, אַליין ווערט ער אָבער ניט שמוציק". דאָס באָדן זיך אין ים האָט אים געקרעפֿטיקט, געגנוי, ווי אַמאָל אין דער ווייסל. שווימען איז געווען דער איינציקער ספּאָרט, וואָס מיין פֿאָטער האָט גע־טריבן. וואָלט ער געלעבט היינט, וואָלט אים גאַרנישט אַזוי געפֿרייט, ווי דאָס בילד פֿון אַ שיף מיט דער פֿאָן פֿון ישראל. ער האָט זייער פֿיל גע־שריבן וועגן ים און זיין אומענדלעכקייט. דער ים האָט אים שטאַרק באַ־גייסטערט און אינספּירירט. ער האָט תמיד פֿאַרשפּרייט דעם קולט פֿון ים ביי די יידישע מאַסן און ס׳וואָלט, כ׳לעבן, געווען אַ שיינער באַווייז פֿון באַערן סאָקאָלאָווס אָנדענק, ווען אַ שיף פֿון ישראל ווערט אָנגערופֿן מיט זיין נאָמען.

זיינע אַפּרו־טעג אין שפּאַניע האָבן נישט לאַנג געדויערט. וואַרשע האָט אים ווידער גערופֿן. אָן אַ שיעור דאגות און זאָרגן סיי פֿון פּאָליטישער און סיי פֿון פּריוואַטער נאַטור האָבן געפֿאָדערט זיין אָנוועזנהייט אין וואַרשע. טראָץ דער גרויסער קאָנקורענץ פֿון די ניי אויפֿגעשטאַנענע העברעיִשע און יידישע צייטונגען, איז די „הצפירה" ווייטער גוט געגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע אירע ספּעציעלע אויסגאַבן און פֿאַרלאַגן. אויך די בוכהאַנדלונג פֿון דער „הצפירה" האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. נישט מער, וואָס די שיקאַנעס און רעפּרעסיעס פֿון דער מאַכט זענען געוואָרן אומדערטרעג־לעך. די צענזור איז שטאַרק פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן. ס׳האָבן זיך געשאָטן די שטראָפֿן, קאָנפֿיסקאַציעס און פֿאַרצעסן פֿאַר איבערגעבן ידיעות וועגן די פּאָגראָמען. דאָס איז געווען די סיבה פֿון זיין שנעלן צוריקקומען קיין וואַרשע, בכדי צו העלפֿן זיין פֿרוי, וואָס איז פֿאַקטיש געווען די לייטערין און די נשמה פֿון אָט דער שווערער און קאָמפּליצירטער אונטערנעמונג. דאָך האָט ער לאַנג נישט געקאָנט פֿאַרבלייבן אין וואַרשע.

אין מערץ פֿון יאָר 1905 פֿאָרט ער קיין פּעטערבורג. די דירעקטע סיבה פֿון זיין נסיעה איז געווען דער אָנטייל אין דער קאָמיסיע פֿון סענאַטאָר

קאַבעקאַ, וואָס איז געראופן געוואָרן דורך דער רעגירונג, מיטן צוועק אויס־צופאָרשן די לאַגע פון דער פרעסע און באַטראַכטן די אָנקלאַגעס, וואָס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן קעגן דער צענזור. אַלס רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה" האָט סאָקאָלאָוו פאַרטראָטן די העברעישע פרעסע. די דאָזיקע געלעגנהייט האָט ער אויך געוואָלט אויסנוצן, מיטן צוועק אויפצופרישן זיינע אַלטע באַציונגען אין פעטערבורג און געפינען זיך אין צענטער פון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט, האַלטנדיק די גאַנצע וועלט אין שפּאַנונג.

דאָס איז געווען די אומגליקלעכע יאַפּאַנישע מלחמה, וואָס האָט דע־מאַסקירט די שוואַכקייט און קאָרופּציע פון רעאַקציאָנערן רעזשים און דער אַלץ שטייגנדיקער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז, וואָס האָט געצוווּנגען דעם צאַרישן רעזשים צו מאַכן פאַרשידענע צוזאָגן פון פרייהייט־רעפאָרמען און איינגיין אויף געוויסע הנחות.

לאָמיר זיך איבערטראָגן אויף אַ ווייל צו יענע טעג. די יאַפּאַנישע מלחמה דויערט נאָך אַלץ. איר אויסגאַנג איז שוין פאַר אַלעמען אין גאַנצן קלאָר. קלעפּ אויף קלעפּ שיטן זיך אויף רוסלאַנד. נאָכן דערמאָרדן פון פלעווע, אין יוני 1904, ווערט באַשטימט אַלס אינערן־מיניסטער דער ליבע־ראַלער פירשט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי. ס'טרעט אַריין אַ צייטווייליקע באַ־רויִקונג אין דער לאַגע. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָפן נאָך און רעדן זיך איין, אַז די קאָנסטיטוציע וועט דערגרייכט ווערן אָן קאַמף און אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד וועט דער צאַר נאָכגעבן. די רעאַקציע האַלט אָבער נאָך נישט ביים אונטערגעבן זיך. זי האַלט נאָך די מאַכט פעסט אין אירע הענט און אויף די טעראָר־אַקטן ענטפערט זי מיט מוראדיקע רעפּרעסיעס. אין יאַנואַר 1905 פירט דער פּאָפּ גאַפּאָן אַ ריזיקן המון מיט קרייצן און פּראַוואָסלאַווע פענער צום ווינטער־פּאַלאַץ, די רעזידענץ פון צאַר אין פעטערבורג. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע. די צאַרישע אַרמיי שיסט אין המון. העכער טויזנט מאַן ווערן דערשאָסן אָדער פאַרוווּנדעט. אַלס ענטפער דערויף ברעכן אויס סטודענטישע אומרוען, פּויערישע בונטן, שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס. גאַנץ רוסלאַנד פּראָטעסטירט קעגן דאָזיקן

מאָרד. פּירשט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי גייט אין דימיסיע. זיין נאָכפאָלגער איז דער רעאַקציאָנערער ביוראָקראַט בוליגין, צוליב וואָס דער אויפּברויז אין לאַנד ווערט נאָך שטאַרקער און די רעוואָלוציע נאָך שטורמישער. אין פעברואַר פירן אויס די קאַמפּס־גרופּן פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אַ ריי אַטענטאַטן אויף הויכע צאַרישע פּאַרשטייער און פון אַ באָמבע קומט אום אין מאָסקווע דער פעטער פונעם צאַר, גרויס־פירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. די אויפגעציטערטע רעגירונג באַמיט זיך צו באַרויקן די לאַגע מיט נייע מאַניפעסטן פון צאַר מיט אומקלאָרע רעפאָרמען, וואָס דאַרפן איינגעפירט ווערן. עס טרעט אַריין אַ פאַרלויפיקע באַרויקונג, בעת וועלכער די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן גרייטן זיך צו נייע קאַמפן. די לאַגע ווערט אַלץ מער געשפאַנט.

און אַט, אין יענעם מאָמענט פון העכסטער שפאַנונג, קומט אָן מיין פאָטער קיין פעטערבורג. ער איז זייער רירעוודיק, זעט זיך מיט פיל מענטשן און צוגלייך מיט זיין אַרבעט אין דער פּרעסע־קאָמיסיע, באַטייליקט ער זיך אין די באַראַטונגען פון פאַרשידענע יידישע קאָמיטעטן, און ביי נאַכט שרייבט ער אַרטיקלען און רעפעראַטן, וואָס ער שיקט אַרויס קיין אויסלאַנד. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען באַגעגנט ער זאב זשאַבאָטינסקי. מען האָט זיך געאַמפערט איבערן אופן און טאַקטיק, וואָס יידן דאַרפן אָנווענדן. די אָנגעקומענע דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ זענען געווען פיל שאַרפער אין זייערע אַרויסטרעטונגען, ווי די פעטערבורגער יידן, וואָס האָבן כסדר גערופן צו זיין געלאַסן, רויק, געמעסיקט און האַנדלען מיט ישוב־הדעת. זשאַבאָטינסקי פלעגט זיך מיט זיי שאַרף אָפּרעכענען און זיינע רעדעס זענען מיין פאָטער שטאַרק געפעלן געוואָרן. „ווי לאַנג נאָך — האָט זשאַבאָטינסקי געשטורעמט — וועלן יידן אַלץ זיין געגליכן צו מענדעלעס קליאַטשע, וואָס פאַלט אונטער דער שווערער משא און וואָס ווערט אָפּגעשאַצט לויט דעם נוצן, וואָס זי ברענגט און נאָכן טויט אירן לויטן ווערט פון דער פעל ?" „דער יונג האָט אַ פייערדיק שאַרפן קאָפּ", שרייבט סאָקאָלאָוו וועגן אים אין זיין נאָטיץ־ביכל. ער האָט זיך אויסגעלערנט העברעיש און כ'האָב אים איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דער „הצפירה". ער האָט מיר דאָס צוגעזאָגט און זיך דערביי מודה געווען, אַז ער פאַרשטייט נאָך

נישט מיינע פעליעטאָנען". שפּעטער זעט ער אים אָפּט אויף די פּאָרטרוי־לעכע, געהיימע זיצונגען, ווי אויך אויף די גרויסע פּראָטעסט־מיטינגען קעגן די פּאָגראָמען. דער פּאָטער איז אַנטציקט פון זיינע טיפּזיניקע, קלוגע און שאַרפזיניקע געדאַנקען, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל פייער און ברען אַרויסגעשליידערט פון זיך. אַ ביז גאָר שטאַרקן רושם האָט זשאַבאָטינסקי געמאַכט אויף מיין פּאָטער בעתן מיטינג אין סאַלני גאַראַדאָק, ווו אויך מיין פּאָטער האָט גערעדט.

סאָקאָלאָוו פאַרבינדט זיך באַלד מיט זיין אַלטן פריינד ד"ר קאַצענעל־ענסאָן, מיט שאול גינצבורג, ראַפּאַפּאָרט און אַנדערע רוסיש־יידישע פּובלי־ציסטן, וועלכע פּערטיקן אויס אַ געמיינזאַמען מעמאָריאַל אין דער פראַגע פון דער העברעישער און יידישער פּרעסע. ער באַזוכט דעם אַלטן פּראָפע־סאָר כוואָלסאָן, וואָס האָט שוין ביי די נײַנציקער יאָרן און איז נאָך פול מיט לעבנסלוסט און פירט מיט אים לאַנגע געשפּרעכן, וואָס האָבן גאָר־נישט צו טאָן מיט דער דעמאָלטיקער לאַגע. דערוויסנדיק זיך, אַז סאָקאָלאָוו אַרבעט איבער אַ נייער העברעישער איבערזעצונג פון גרעצעס יידישער גע־שיכטע, זאָגט אים כוואָלסאָן, אַז אַ שאַד זיין טרחה, גאַנץ ספּעציעל פון ערשטן באַנד וועלכן מען דאַרף גרינטלעך איבעראַרבעטן אין ליכט פון די נייע פאָרשונגען. כוואָלסאָן און גרעץ זענען געווען חברים, ווען זיי האָבן נאָך געלעבט אין ברעסלוי און ער האָט נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן גרעצן. כוואָלסאָן איז געווען זייער אַ בייסיקער און אָפּגעחוזקט נישט נאָר פון אַנדערע, נאָר אָפילו פון זיך אַליין. טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען געשמדט, איז ער פאַרבליבן אַ הייסער ייד ביז צום טויט און זיך אָפּט געוויצלט איבער זיין פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, וואָס האָט בלויז איין גוטע זאַך: דאָס זענען די פּראַוואָסלאַוונע בלינצעס, מיט וועלכע ער וויל מכבד זיין מיין פּאָטער.

פיל צייט גיט אָפּ מיין פּאָטער אויף די קאָנפערענצן מיט ציוניסטישע רוסישע טוער, וואָס זענען דעמאָלט געקומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג, ווי אוסישקין, די גאָלדבערגס, ניידיטש, ראָזאָוו און אַנדערע. די אויסזיכטן אויף צו באַקומען די קאָנסטיטוציע מיט בירגערלעכע פרייהייטן האָט ביי די יידישע קרייזן אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די פּראַגע פון יידישער

גלייכבאַרעכטיקונג. צו דעם צוועק האָט מען פּראָיעקטירט צונויפצורופן אַן אַלגעמיין יידישן צוזאַמענפאָר און מאָביליזירן אַלע יידישע כוחות און איינ־פלוסן. סאָקאָלאָוו האָלט אָפּ געשפּרעכן מיט אָנגעזעענע טוער מחוץ דעם ציוניסטישן לאַגער, ווי די באַראָנען האָראַצי און דוד גינצבורג, גרוזענ־בערג, שליאָסבערג, ווינאַווער און אַנדערע.

ד״ר לעוו איזראַילעוויטש קאַצענעלענסאָן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע מעדיצינישע פּראַקטיק, איז גלייכצייטיק געווען אַן אויסגעצייכנטער העברעי־שער שרייבער, באַליבט און פּאָפּולער. זיינע פעליעטאָנען פלעגט ער אונ־טערשרייבן מיטן פסעוודאָנים בקי־בן־יאגלי. ער האָט שוין געהערט צום אונטערגייענדיקן טיפּ משכּילים, וואָס האָבן אין זיך פאַראייניקט דעם יידישן ענטוזיאַזם מיט דער פּאָזיטיוויסטישער וועלט־אַנשויונג. ער האָט זיך גע־האַלטן פון דער ווייטנס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, דאַקעגן האָט ער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישן לעבן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַן אויסערגעוויינלעך גוט האַרץ, תמיד גרייט צו העלפן אויפן ברייטן רוסישן שטייגער. סאָקאָלאָוו איז אָפט געווען זיין גאַסט און פלעגט מיט אים שמועסן אין משך פון לאַנגע אָוונטן. עטלעכע פון זיי האָט דער פאָטער פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל. קאַצענעלענסאָן האָט אים דערציילט, אַז ווען הערצל איז געווען אין פּעטערבורג, האָט ער אים געוואָלט צוציען צום ציוניזם, אָבער ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. וואָס אַן אמת איז אים די אידעע שטאַרק געפעלן. ער האָט אָבער נישט געגלויבט אין איר פאַרווירקלעכונג. אַלס מיטגליד פון דער „איקאָ״ אין רוסלאַנד איז ער געווען גוט באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען פון קאָלאָניזאַ־ציע. האָט ער, אַלס דערפאַרענער אין די דאָזיקע זאַכן, אָנגעוויזן הערצלען אויף די ריזיקע שוועריקייטן, מיט וועלכע יעטוועדע קאָלאָניזאַציע איז פאַר־בונדן. דערויף האָט אים הערצל געענטפערט, אַז אין אַ קליינער שיף איז דער מענטש תמיד באַדראָאָט אָוועקצופאַלן אויף דער ים־קראַנקהייט. אָבער נישט אין אַ גרויסער שיף. די „איקאָ״ איז נישט מער, ווי דאָס קליינע שיפל, אין פאַרגלייך מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס נעמט אַרום די יידישע פאָלקס־מאַסן. אונטערן איינדרוק פון די דעמאָלטיקע געשעענישן, האָט קאַצענעלענסאָן ביסלעכווייז געענדערט זיין סקעפּטישע באַציִונג צום

ציוניזם און דערקלערט סאָקאָלאָוון, אַז אויף דער עלטער ווערט ער ענדלעך אַ ציוניסט און וואָלט גערן געפאָרן קיין ארץ ישראל.

בעת איינעם פון די שמועסן מיט מיין פאָטער, האָט ער אויסגעפירט, אַז דאָס, וואָס מיר רופן אַן נשמה־קאָלעקטיוו, איז גאָרנישט קיין אַבסטראַק־טע אָדער מיסטישע זאַך, נאָר איז אַ פאַקט. דער דאָזיקער פאַקט צווינגט יידן צו טאָן זאַכן, וואָס פּרייוויליק אָדער אינדיווידועל, וואָלטן זיי עס קיין מאָל נישט געטאָן. אַלס קאָלעקטיוו מוזן זיי עס אָבער טאָן. דאָס איז אַ דער־שיינונג, וועגן וועלכער שאָפּענהויער זאָגט זיך אַרויס אין זיין טראַקטאַט וועגן ליבע. וואָס איז אַזעלכעס ליבע? אַ מאַן פאַרליבט זיך אין אַ פרוי, ווי ס'וואָלטן אַ חוץ איר קיין שום אַנדערע פרויען אויף דער וועלט נישט געווען. פאַר די דרויסן שטייענדיקע זעט עס אויס פשוט לעכערלעך און קאָמיש, אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז דער פאַרליבטער אונטערגעוואָרפן דעם נאַטור־געזעץ פון מין. די באַציונג פון יידן, מעגן זיי זיין אַפילו אין גאַנצן אַסימילירט, צו זייערע קינדער, אָדער צום טויט, איז אין גאַנצן אַן אַנדערע, ווי ביי נישט־יידן. דאָס געזעץ פון „מין" אַרבעט אין דעם פאַל פיל שטאַרקער. ד"ר קאַצענעלענסאָן, וואָס איז געווען פיל עלטער פון סאָקאָ־לאָוון, האָט זיך צו אים באַצויגן מיט דער גאַנצער האַרציקייט און האָט זיך געפרייט פון יעדן זיינעם דערפאָלג אויף אַן אופן, ווי נאָר די ברייטהאַר־ציקע רוסישע יידן קאָנען זיך פרייען.

צו זיינע פּאַציענטן האָבן געהערט די העכסטע רוסישע מלוכה־פּאַר־שטייער. איינער פון זיי איז געווען דער פּעטערבורגער „גראַדאָנאַטשאַלניק" (גובערנאַטאָר). דאָס איז איין מאָל מיין פאָטער שטאַרק צו נוץ געקומען. ער האָט נישט געהאַט קיין שטענדיקן וווין־רעכט אויף צו לעבן אין רוס־לאַנד און קיין פּעטערבורג איז ער געקומען צו פאָרן אויפן גרונט פון אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, וואָס איר טערמין איז אין צווישנצייט אויס־געגאַנגען.

דער פאָטער האָט אָבער געהאַט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז זיין פּאַספּאָרט איז שוין אויסגעגאַנגען און ווען ער איז אַ געוויסע נאַכט געקומען צו זיך אין האָטעל, איז אים אַנטקעגן געלאָפן אַן איבערגעשראָקענער דינער און אים געוואָרנט, אַז ער זאָל ליבערשט נעכטיקן ערגעץ אַנדערש, ווייל די

פעטערבורגער פּאָליציי זוכט אים. זיכער האָט עס נישט געהערט צו די אַנגענעמע זאַכן צו האָבן צו טאָן מיט דער רוסישער פּאָליציי. אָן אומגליק־לעכער האָט ער זיך אַ האַלבע נאַכט געשלעפּט איבער די גאַסן, ביז ער האָט, ענדלעך, געפונען אַ מקום מקלט אין אַ מוראדיק שמוציקער, פאַר־דעכטיקטער מעלינע, ווו מען האָט זיך אָבער געפילט פולשטענדיק זיכער, ווייל איר בעל הבית איז געווען דער... פּאָליציי־קאָמיסאַר. צו מאָרגנס איז ער געווען אויף אַן אוידיענץ ביי איינעם פון די רוסישע מיניסטאָרן. אָט, דאָס איז געווען רוסלאַנד. געוווּר ווערנדיק וועגן זיינע צרות מיטן אויפ־האַלט־רעכט אין פּעטערבורג איז קאָצענעלענסאָן מיט אים אָפּגעפאָרן צום אינערן־מיניסטעריום, ווו זיין ענין איז תיכף דערליידיקט געוואָרן.

ד״ר קאָצענעלענסאָן האָט אַ דאַנק זיינע פאַרצווייגטע באַציונגען אין די רוסישע רעגירונגס־קרייזן אָפט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען וויכטיקע און אינטערעסאַנטע ידיעות. פון דאָזיקן מקור שטאַמט אויך די ווערסיע, וואָס זאָל זיין אַ ריכטיקע, אַז פּלעווע זאָל האָבן געפאָדערט פון הערצלען, אַז ער זאָל אויסנוצן זיינע קאָנטאַקטן אין דער סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און באַווירקן, אַז איר אָנפירער גאָץ זאָל זיך פון איר צוריקציען. דערפאַר איז ער גרייט צו מאַכן פאַרשידענע קאָנ־צעסיעס לטובת די יידן אין רוסלאַנד.

די פּרעסע־קאָמיסיע פון סענאַטאָר קאַבעקא האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט און סאָקאָלאָוו איז צוריק אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. ער האָט אָבער נישט איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט די יידישע פּעטערבורגער קרייזן. אין אָקטאָבער איז ער ווידער געקומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג. אין דער צווישנצייט זענען פאָרגעקומען גאָר וויכטיקע געשעענישן. די מלחמה מיט יאַפּאַן האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפּלה און די רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונג האָט אַרומגענומען גאַנץ רוסלאַנד. ס'איז אויסגעבראָכן דער בונט פון קריגספּלאָט אויפן באַלטישן און אויפן שוואַרצן ים, שחיטות אין קאַווקאַז, לאָקאַלע אויפשטאַנדן אין פאַרשידענע טיילן פון רוסלאַנד, מאַסן־סטרייקן און אומרוען אין די גרעסערע צענטערן. די רעגירונג האָט זיך באַמיט מיט דער הילף פון שאַרפע רעפּרעסיעס צו דערשטיקן דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. גלייכצייטיק אָבער, האָט אַ נייער מאַניפעסט

פון צאַר אָנגעזאָגט געוויסע פּריוויהייטן, ווי למשל, דאָס שאַפן פון דער מלוכהשער דומע מיט באַראַטונגס־רעכט. קיינער האָט שוין אָבער מער נישט געגלויבט דעם צאַר און דאָ און דאָרט איז דער בונט און דער „מיאַטעזש" אויסגעבראָכן מיט אַלץ אַ גרעסערער קראַפט.

אין יענעם מאָמענט איז אַרויסגעשוווּמען די פּערזאָן פון גראַף וויטע אַלס דער יעניקער, וואָס וועט ראַטעווען רוסלאַנד. אַלס געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער איז ער אָנגעגאַנגען אַלס דער סאַמע ליבעראַלסטער מיניסטער פון דער צאַרישער רעגירונג. ער האָט זיך אויך געהאַט דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען אין אויסלאַנד, ספּעציעל אין די פינאַנציעלע קרייזן, אין וועלכע רוסלאַנד איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט. דערצו נאָך האָט גראַף וויטע זיך אויסגעצייכנט אַלס אַ פעיקער דיפּלאָמאַט אין די שלום־פאַר־האַנדלונגען מיט יאַפּאַן אין פּאָרטסמוט, פאַראייניקטע שטאַטן, ווו ס׳איז אים געלונגען אויסצוקעמפן פאַר רוסלאַנד פאַרהעלטנישמעסיק מילדע באַ־דינגונגען. אויף אים האָט מען אָנגעוויזן, אַלס ווי אויפן פּאַסיקסטן רעגי־רונגס־שעף פון נייעם קאָנסטיטוציאָנעלן קורס אין לאַנד. גראַף וויטע איז אָבער ביי אַלע זיינע מעלות געווען אַ מענטש פון שוואַכן כאַראַקטער און גאַר שנעל איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער הויף־קאַמאַרילע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן.

צי האָט מען געקאָנט דעמאָלט עטוואָס דערוואַרטן פון וויטעס רעגירונג, אַז די יידישע לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן? און צי זענען די באַמיונגען, וואָס זענען דעמאָלט אונטערגענומען געוואָרן, געווען מלכתחילה פאַראור־טיילט אויף אַ דורכפאַל? ווען מען קוקט איצט דערויף פון אַזאַ ווייטער צייט־פּערספּעקטיוו, קאָן מען זיך בלויז וווּנדערן אויף דעם אָפּטימיזם פון געוויסע יידישע קרייזן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז דער צאַר וועט זיי ברענגען די פרייהייט. סאָקאָלאָוו האָט נישט געהערט צו זיי. אין געגעבענעם פאַל איז אים און זיינע פריינד בלויז געגאַנגען וועגן דעם, ווי אַזוי אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען און פאַרהיטן פאַר נייע. אין זיינע בריוו פון פּעטערבורג האָט ער נישט איין מאָל געשריבן, אַז ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז נאָר די רעוואָלוציע וועט קענען ברענגען די באַפרייונג פאַר די אונטערדריקטע פעלקער און געבן גלייכבאַרעכטיקונג די יידן. ווען עס האַנדלט זיך אָבער

וועגן דרינגנדיקער הילף, מוז מען פּרוּוון אויף אַלע אופנים. אין יענער געשאַפּענער לאַגע האָבן די יידישע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן זיך באַמיט אַ דאַנק זייערע פּערזענלעכע באַציונגען און איינפלוסן צו ווירקן אויף פּאַר־שידענע רעגירונגס־מיטגלידער, בכדי אָפּצורופן די גזרות. סאָקאָלאָוו האָט עס געהאַלטן פאַר זיינס אַ חוב זיך צו באַטייליקן אין יענער רעטונגס־אַקציע.

איינס פון די מיטלען, מיט וועלכע מ׳האָט זיך באַמיט צו ווירקן אויף דער צאַרישער רעגירונג איז געווען די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד און ספּעציעל פון אויסלענדישן יידנטום. די גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַני־זאַציעס, ווי „איקאַ", די „אַליאַנס איזראַעליט" און דער „הילפספאַראיין" האָבן אַרויסגעשיקט זייערע שליחים קיין פּעטערבורג און זיך באַמיט צוזאַ־מען מיט די אָרטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס צו ראַטעווען די באַדראָטע עקזיסטענץ פון די יידן אין רוסלאַנד. חוץ דעם איז סאָקאָלאָוו געווען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין דער זאַך אונטערגענומען שריט אין אויסלאַנד. גלייכצייטיק האָט דער פאָטער געווירקט מיט דער הילף פון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער פּרעסע.

זייענדיק אין פּעטערבורג האָט דער פאָטער פיל פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן און ספּע־ציעל מיטן פאַרשטייער פון אַ גרויסער פּרעסע־אַגענטור, ראָבערט וואַלינג, וואָס איז אין משך פון אַ ריי חדשים געווען זיין שטענדיקער באַגלייטער. וואַלינג איז געווען דאָס אייניקל פון אַמעריקאַנער וויצע־פּרעזידענט, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער פרוי פון רוסלאַנד. ער האָט געהאַט גאָר גרויסע באַציונגען אין אַמעריקע און האָט טאַקע פיל געהאָלפן אין פאַרשידענע פאַלן. דורך אים האָט מיין פאָטער פאַרעפנטלעכט זיינע אַרטיק־לען אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע. וואַלינג איז געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און האָט געגאַנגען פון צוטרוי ביי די רעוואָלוציאָנערע טוער, מיטגעאַרבעט מיט זיי און איז געווען דער איינציקער אויסלענדישער קאָ־רעספּאָנדענט, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרן צו די געהיימע באַראַטונגען. וואַלינג האָט שטאַרק צוגערעדט מיין פאָטער, אַז ער זאָל זיך מער ווידמען

דער אַמעריקאַנישער זשורנאַליסטיק און איז געווען אַנטציקט פונעם אינ־האַלט און סטיל פון זיינע אַרטיקלען.

אַ דאַנק זיינע גרויסע באַציונגען איז סאָקאָלאָוון געלונגען זיך צו דער־נענטערן צום גראַף וויטע, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעהאַלטן עטלעכע קאָנ־פערענצן אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן. דער פאַרלויף פון איינעם אַזאַ געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען אַ טאָג פאַרן נאָמינירן דעם גראַף וויטע אַלס פּרעמיער־מיניסטער, ווען אין לאַנד איז אויסגעבראָכן דער גענעראַל־שטרייק און ווען דער צאַר, האָט אונטערן איינפלוס פון די אַלאַרמירנדיקע ידיעות פון לאַנד, אונטערגעשריבן דעם מאַניפעסט, פּראָ־קלאַמירנדיק די קאָנסטיטוציע און די „דומע", האָט פאַרעפנטלעכט די צייטונג „טיימס" פון 28סטן אָקטאָבער 1905. די גאַנצע אייראָפּעישע פּרעסע האָט איבערגעדרוקט דעם דאָזיקן באַריכט וועגן סאָקאָלאָווס צוזאַמענטרעף מיט וויטע. ער איז דעמאָלט געגאַנגען צו אים, אין דער באַגלייטונג פון אלחנן אַדלער, דעם ברודער פון ענגלישן הרב הכולל פון לאָנדאָן, אַלס דער פאָרשטייער פון ענגלישן יידנטום.

בעת דער קאָנפערענץ האָט וויטע געזאָגט, אַז רוסלאַנד איז קראַנק און אַז ער איז נאָך נישט דער איינגעטלעכער דאָקטאָר, וואָס וועט אויסהיילן דאָס לאַנד. זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט די יאַפּאַנער אין פּאָרטסמוט זענען פאַר אים געווען פיל לייכטער, ווי דאָס רעגירן איצט מיטן לאַנד. ער האַלט די לאַגע פאַר זייער אַן ערנסטע. וואָס שייך דער יידישער פראַגע, עקזיסטירט זי שוין מער נישט, האָט דערקלערט וויטע. ס'איז שוין געקומען צו אַ פולשטענדיקער פאַרשטענדיקונג מכוח דעם אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען פאַר יידן, האָט ער געזאָגט. אַלע ווייסן, אַז ער, וויטע, איז תמיד געווען גוט געשטימט צו יידן און איז מוטיק אַרויסגעטראָטן ביים פאַרטיידיקן זיי. דאָקעגן מיינט ער, אַז בנוגע דער טאַקטיק פון אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען און אויסראָטן דאָס שלעכטס, מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק. ער האָט מורא, אַז וויבאַלד מען וועט מיט אַ מאָל אָפּשאַפן אַלע פאַרבאָטן פאַר יידן, קאָן דאָס אַרויסרופן אַ רעאַקציע אין לאַנד. לויט זיין מיינונג דאַרף מען האַנדלען אין געגעבענעם פאַל שטופנווייז. אויף אַזאַ אופן וועט זיך לאָזן איינהאַלטן די גלייכגעוויכט און ס'וועט קומען צו אַ דויערהאַפטיקן פאַר־

בעסערן זיך פֿון דער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד. ווען סאָקאָלאָוו האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די דומע וועט זיך אַרויסזאָגן פֿאַר אַ פֿול־שטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די יידן, האָט וויטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכּים דערמיט און צוגעגעבן, אַז די רוסישע יידן זענען גוטע פּאַטריאָטן און פֿיל פֿון זיי, וואָס האָבן עמיגרירט פֿון רוסלאַנד, וועלן זיך איצטער צוריקקערן.

וויטע איז געווען זייער העפֿלעך צום פֿאָטער און אים איינגעלאַדן צו קומען אָפֿטער צו אים. ער האָט אים סוגערירט אויסצופֿערטיקן אַן אויס־פֿירלעכן מעמאָריאַל אין דער פֿראַגע פֿון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און דערביי זיך פֿאַררופֿן אויף די דערפֿאַרונגען פֿון די אייראָפּעישע מלוכות, ווו דאָס האָט געבראַכט די בעסטע רעזולטאַטן. ער האָט אַפֿילו אָנגעגעבן די ריי פֿון די עטאַפּן, לויט וועלכע די באַגרענעצונגען פֿון יידישע רעכט וועלן אָפּגעשאַפֿט ווערן. אויפֿן ערשטן אָרט וועלן אָפּגעשאַפֿט ווערן די פּראָצענט־נאָרמעס אין די „קאַזיאָנע" שולן, אוניווערזיטעטן און פּריוע באַ־רופֿן. דערנאָך וועט קומען דאָס אָפּשאַפֿן פֿון תּחום המושב און צום סוף אַלע אַנדערע באַגרענעצונגען.

דאָס פּראָבלעם איז אַ געוואַלטיקס. סאָקאָלאָוו וויל נישט האַנדלען אויף אייגענער האַנט און די גאַנצע צייט פֿון זיינע פֿאַרהאַנדלונגען מיט וויטע, שטייט ער אין קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַנדערע יידישע טוער. ער געניסט פֿון באַראָן גינזבורגס אָנווייזונגען, וואָס איז גרייט אים צו העלפֿן אין זיינע באַמיונגען. גינזבורג איז אָבער געווען אַ סקעפּטיקער און נישט געגלויבט, אַז עס וועט עפּעס וואָס דערפֿון אַרויס־קומען, בפֿרט, ווען ס'איז באַשטימט געוואָרן אַלס אינערן־מיניסטער דער רעאַקציאָנער דורנאָוואָ, וועמען גינזבורג האָט געקענט פֿון פֿריער. פֿאַר די צייטן פֿון צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן איז דורנאָוואָ געווען אַ שעף פֿון איינעם פֿון די דעפּאַרטאַמענטן און האָט זיך קונה שם געווען דערמיט, וואָס ער האָט געהייסן עפֿענען און אַליין געלייענט די בריוו, וואָס זענען געווען אַדרעסירט צו די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. צוליב דער דאָזיקער געשיכטע איז אַנטשטאַנען אַ מוראדיקער סקאַנדאַל און די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט באַלייגט אַ שאַרפֿע פּראָטעסט־נאָטע, נאָכן פֿעסטשטעלן, אַז

דורנאָוואָ האָט געעפנט די בריוו צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר. אַן אויפֿגעבראַכטער האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער געהייסן אים באַזייטיקן פון פּאָסטן. „אַרויסוואַרפן דעם מערזאַוועץ און מנוול", האָט דער צאַר אַליין אויפגעשריבן אויפן ראַפּאָרט. דורנאָוואָ האָט אָבער געגאַסן פון צוטרוי פון דער הויף־קליקע, און זי האָט אַנגעוואָרפן וויטען צו באַשטימען אים אַלס אינערן־מיניסטער.

די טעג פון פרייהייט האָבן נישט לאַנג געדויערט. ווידער האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ כוואַליע פון אויפטרייסלונגען און פּאָגראָמען אויף יידן. אין נאָוועמבער האָבן די פּויערישע בונטן דערגרייכט צום ברען־פונקט. וויטע האָט פּלאַנירט דורכצופירן ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרמען, מיט אַ טיילווייזן קאָנפיסקירן די גיטער פון די גרויסע לאַנד־באַזיצער לטובת די פּויערים. דאָס האָט אַרויסגערופן פּראָטעסטן ביי דער איינפלוסרייכער אַריסטאָקראַטיע און דעם קלאַס פון לאַנדבאַזיצער. פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהאַט קעגן זיך די ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

דער ערשטער סאָוויעט פון די אַרבעטער־דעלעגאַטן, וואָס האָלט אָפּ זיינע באַראַטונגען אין פּעטערבורג, און ווו טראָצקי איז דער רעדל־פירער, גיט אַרויס אייגענע דעקרעטן, אין וועלכע ס'ווערט געוואָרפן די לאָזונג פון „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע". אָנהויב דעצעמבער ווערן אַלע מיטגלידער פון אָט דעם סאָוויעט אַרעסטירט. אַלס ענטפער ברעכט אויס אַן אויפשטאַנד אין מאָסקווע, וואָס דויערט אַ גאַנצע וואָך און ווערט בלוטיק דערשטיקט דורך די פּולקן פון דער גוואַרדיע, וואָס ווערן ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון פּעטערבורג. די שטראָף־עקספּעדיציעס פון גענעראַל רענענקאַמף און מעלער־זאַקאָמעלסקי האָבן מיט טייכן בלוט ליקווידירט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד. זיי האָבן אָבער נישט ליקווידירט די שוואַרצע מאה. דער צאַר נעמט אויף אַ דעלעגאַציע פון „פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק", אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט בשותפות מיט דער פּאָליציי אָרגאַניזירט פּאָגראָמען.

סאָקאָלאָוו האָלט אָפּ אַ ריי קאָנפערענצן מיט וויטע, איינע צוזאַמען מיט וואָלינגען, בעת וועלכער סאָקאָלאָוו שילדערט פאַר אים די מוראדיקע לאַגע פון די יידן. אויף דער פאָדערונג, אַז וויטע זאָל אונטערנעמען שריט

אויף נישט צו דערלאָזן צו ווייטערדיקע פּאָגראָמען און באַשטראָפֿן די שולדיקע, האָט וויטע זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן מיט די גרויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע ער שטויסט זיך אָן. ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז ער האָט נישט מער קיין שום מאַכט איבערן לאַנד. בעת איינעם פֿון די דאָזיקע געשפּרעכן וואָס מיין פֿאָטער האָט געהאַט מיט וויטע, וועלכע ער האָט געגוי פֿאַרנאָטירט אין זיין טאָגבוך, האָט מען וויטען געמאָלדן, אַז ס'איז געקומען צו אים דער גרויספֿירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. וויטע האָט אַרויסגעפֿירט מיין פֿאָטער אין אַ שכנותדיקן צימער, פֿון וואַנען ער האָט געקאָנט הערן דעם גאַנצן פֿאַרלויף פֿונעם געשפּרעך. וויטע האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „אויב איר ווילט, קאָן איך תיכף אַוועקגיין. איר קאָנט מיך אַפֿילו פֿאַרשפּאַרן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג". נאָכן דאָזיקן געשפּרעך, בעת וועלכן דער גרויספֿירשט האָט געפֿאָדערט, אַז וויטע זאָל איינפֿירן באַלאַגערונגס־צושטאַנד אין פּוילן, האָט ער ווייטער פֿאַרגעזעצט דאָס געשפּרעך מיטן פֿאָטער. ער איז אָבער געווען שטאַרק דענערווירט, געלאָפֿן אַהין און צוריק איבערן צימער און כסדר טעלעפֿאָנירט צום אינערן־מיניסטער דורנאָוואָ מיט פֿאָדערונגען וועגן אונטערנעמען אויספֿאָרשונגען, באַזייטיקן גובערנאַטאָרן אאַז"וו. פֿאַרשטייט זיך, אַז דורנאָוואָ האָט זיינע פֿאַראָרדענונגען נישט אויסגעפֿירט.

בעת די ווייטערדיקע געשפּרעכן מיט וויטע, איז ער שוין נישט געווען אַזוי להוט צו מאַכן צוזאָגן. ער האָט געטענהט, אַז יידן דאַרפֿן האָלטן מיטן צאַר, אַז סאָקאָלאָוו פֿאַרלאַנגט פֿון אים צו פֿיל און זיינע פֿאָדערונגען זענען איבערגעטריבענע. טראָץ דעם האָט ער מודה געווען, אַז געוויסע הנחות פֿאַר יידן מוז מען מאַכן. וויטע איז נישט לאַנג פֿאַרבליבן ביי דער מאַכט. אָנהויב 1906 האָט מען אים באַזייטיקט.

אַ דאַנק זיינע באַציונגען מיט וויטע איז מיין פֿאָטער פֿון דעסטוועגן אין געוויסע פֿאַלן געלונגען צו האָבן דערפֿאָלג ביי אים. אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַן אַלאַרמירנדיקע ידיעה פֿון וואַרשע, אַז דאָרט גרייט זיך אַ פּאָגראָם אויף יידן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין וואַרשע איז אַראָפּגעקומען די „שוואַרצע מאה" און גענומען מאַכן הכנות צום פּאָגראָם. סאָקאָלאָוו איז תיכף אַוועק צו וויטע, פֿון וועלכן ער האָט באַקומען אַ שריפֿט־

לעכע פאַרזיכערונג, אַז „ס׳זענען אָנגענומען געוואָרן אַלע נויטיקע שוץ־מיטלען אויף צו זיכערן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין וואַרשע״. דער דאָזיקער דאָקומענט געפינט זיך אין די אַרכיוון פון מיין פאָטער.

גרוזענבערג האָט געהאָלפן מיין פאָטער אָנצוקניפן באַציונגען מיט מאַקסים גאָרקי. ער האָט זיך אויך באַקענט מיט אַנדערע באַרימטע רוסישע שרייבער, צווישן זיי אויך מיט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. די דאָזיקע צוויי שרייבער האָבן זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען צום קאַמףביים פאַר־טיידיקן די יידישע רעכט. בכלל איז אין רוסלאַנד שווער געווען צו גע־פינען עפּעס אַ באַדייטנדיקן שרייבער, אַז ער זאָל נישט האָבן געקעמפט, אָדער זאָל האָבן אָפּגעזאָגט זיין הילף ביים ראַטעווען יידן.

סאָקאָלאָוו האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט דוד וואָלפסאָן, וואָס איז נאָכן טויט פון הערצלען געוואָרן דער פּרעזי־דענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. טעלעגראַמעס זענען געפלויגן אַהין און צוריק. אויפגעציטערט ביז די טיפענישן פון דער נשמה האָבן יידן פון דער גאָרער וועלט געשטורעמט צו מאַכן אַ סוף צו די פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד. וואָלפסאָן צוזאַמען מיט אַנדערע אָנגעזעענע ציוניסטן, צווישן זיי אויך שמריהו לעווין, האָלטן אָפּ כסדרדיקע באַראַטונ־גען אין בערלין. סאָקאָלאָוו, באַריכטנדיק וועגן זיינע פּעטערבורגער איב־טערוועגצן, שלאָגט פאָר איינצואָרדענען מאַסן־מיטינגען, אַרויסצושיקן קיין פּעטערבורג פּראָטעסט־טעלעגראַמעס און אַרויסלאָזן אַן אויפרוף פון אַק־ציאָנס־קאָמיטעט. די ציוניסטן פון אויסלאַנד האָבן געפּרוּווט צו אינטערוועַ־נירן דורך דער פאַרמיטלונג פון גרויספירשט פאָן באַדען, איטאַליענישן קעניג און ענגלישער רעגירונג. דער הילפספאַראיין האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צו די קאַטוילישע קרייזן. סאָקאָלאָוו פאַרשרייבט אין זיין נאָטיץ־בוך דאָס אַרויסשיקן אַ טעלעגראַמע צו וויטע פון ענגלישן לאָרד לאַנדס־דאַון, דעם דעמאָלטיקן אויסערן־מיניסטער.

דער פּעטערבורגער עפּיזאָד פון סאָקאָלאָווס טעטיקייט האָט זיך אָפּגע־שפּילט אויף דעם אַזוי כאַראַקטעריסטישן, טיפּיש רוסישן פאָן, וואָס דער־מאָנט די ווילדע, האַלדז־ברעכערישע נסיעה אויף אַ טיוואָלאָנישער מיל.

גרויסע האָפֿענונגען און באַלד דערנאָך אַ זעץ איבערן קאָפּ, פֿרייהייט און פּאָגראָמען, רעוואָלוציע און די שוואַרצע מאה. דאָס אַלץ האָט בלויז געקאָנט אַנטמוטיקן סאָקאָלאָוון אויף צו מאַכן ווייטערדיקע באַמיונגען, און אין זיין האָפֿענונג, אַז מען האָט נאָך עפּעס וואָס צו דערוואַרטן פֿון רוסלאַנד. דערווייל האָבן אָבער אין רוסלאַנד געזיגט די פּראָגרעסיווערע עלעמענטן ביי די וואַלן צו דער ערשטער דומע, צוליב וואָס מיין פֿאָטער האָט באַשלאָסן ווייטער צו אַרבעטן ביים אויספּערטיקן דעם טעקסט פֿון דערמאָנטן מעמאָריאַל.

דאָס געוועזענע צאַרישע רוסלאַנד האָט מען געוויינטלעך באַצייכנט אַלס דאָס לאַנד פֿון אומפּאָרויסגעזעענע מעגלעכקייטן. זיין רעזשים האָט נישט געטראָגן קיין טאָטאַלן, אָדער דאָקטרינעלן כאַראַקטער. אין פֿאַרגלייך צום היטלעריזם איז דאָס געווען אַ „גן־עדן" פֿון פֿרייהייט און הומאַניטאַריזם. בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט טאָלסטאָי פֿון זיין יאַסנאַיאַ פּאָלאַנאַ געשריבן מאַניפֿעסטן קעגן אָט דער מלחמה, גערופֿן די זעלנער צו אומגעהאָרכזאַמקייט, אַטאַקירט דעם צאַר און די פּראַוואָסלאַווע קירך, און קיין האָר פֿון קאָפּ איז אים נישט אַראָפּגעפֿאַלן. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, ווען געשווירענע געריכטן האָבן פֿרייגעשפּראָכן טעראָריסטן. דער אומפּאָרויסגעזעענער מאָמענט האָט געהערט צו איינער פֿון די אייגנשאַפֿטן פֿון אָט דעם קעניגרייך און דערמיט נישט איין מאָל געלינדערט דאָס שלעכטס, וואָס האָט אין אים געשטעקט. אַפֿילו צווישן די צאַרישע רעגירונגס־קרייזן האָט מען געקאָנט געפֿינען מענטשן, דורכויס הומאַניטאַר געשטימט. אָבער קודם כל און דער עיקר האָט זיך אין צאַרישן רוסלאַנד געפֿונען צו יענע צייטן אַ ערלעכער, איינציק אין זיין אַרט קלאַס פֿון אידעישער אינטעליגענץ, וואָס איז אַזוי שטאַרק עמפּינדלעך געווען אויף מענטשלעכע עוולות, גרייט צו קעמפֿן פֿאַר יעדער גערעכטער זאַך. אין קיין שום אַנדער לאַנד האָבן יידן נישט געהאַט קיין בעסערע פֿאַרטיידיקער פֿון זייערע רעכט, ווי גראַד אין דער רוסישער אינטעליגענץ.

אויף זיין צוריקוועג פֿון פּעטערבורג, האָט זיך סאָקאָלאָוו אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט אין וואַרשע. אין יאַנואַר 1906 פֿאָרט ער אָפּ אין די מערב־לענדער. וואָס האָט אים דערצו באַוויגן? ער האָט נישט געהאַט קיין

ספּעציעלע סיבות פון פּריוואַטער נאַטור אויף צו פאַרלאָזן וואַרשע. גראָד פאַרקערט. אַלס שעף־רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה״ און געזעלשאַפטלעכער טוער האָט ער שוין געהאַט אַ געזיכערטע, פעסטע עקזיסטענץ און אַ באַדייטנדיקע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אין דער יידישער וועלט. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז זיינע באַמיונגען לטובת די יידן אין רוסלאַנד וועלן האָבן אַ פיל גרעסערע פעולה, ווען ער וועט זיך געפינען מחוץ די גרענעצן פון רוסלאַנד, ווו ער וועט קאָנען אַנטוויקלען אַ פיל גרעסערע טעטיקייט, ווי זייענדיק אין לאַנד. פאַרלאָזנדיק דעמאָלט וואַרשע און זיין משפחה, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון, אַז דאָס איז שוין זיין ענדגילטיקע יציאה. וואָס אַן אמת פלעגט ער, אין די שפּעטערדיקע יאָרן נאָך קומען צו פאָרן קיין וואַרשע און רוסלאַנד און אַפילו צוויי מאָל קאַנדידירט צו דער רוסישער דומע, אָבער קיין מאָל מער זיך נישט סטאַביל באַזעצט אין פוילן.

קאַפּיטל 13

וואַנדערונגען

„אַ וועלט אָן יידן איז, ווי אַ וועלט אָן ווינטן". מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט דער אַלטיטשקער זשאָזעף איזראַעלס צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען נחום סאָקאָלאָוו האָט אים געזאָגט אָט דעם תלמודישן אַפאָריזם. עפּעס וואָס האָט ער נאָך געדענקט פון תלמוד און אַריינגעפלאָכטן כסדר העברעי־שע ווערטער אינעם געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין מאַלעריי־אַטעליע, אין מערץ פון יאָר 1906, אין האַאַג.

דער גרויסער האָלענדישער מאַלער, איינער פון די גרעסטע אייראָ־פּעישע קינסטלער, האָט געשטאַמט פון אַ פרומער יידישער משפחה. זיינע עלטערן האָבן אים געלערנט צו ווערן אַ רב. ערשט אין די שפּעטע יאָרן האָבן זיך אין אים אָפּגערופן ווייטע, פאַרנעפּלטע זכרונות פון זיינע יוגנט־יאָרן, וואָס האָבן באַקומען אַ קינסטלערישן תיקון אין אַ ריי פון זיינע באַ־רימטע בילדער, ווי „דער סופר", „דער זון פון זיין פאָלק", „שאול און דוד" און אַזוי פיל אַנדערע, מיט וועלכע ער האָט פאַרענדיקט דאָס ווערק פון זיין פרוכטבאַר לעבן. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ בן שמונים, זאַט פון כבוד און רום, עשירות און פּאָפּולאַריטעט. פון דעסטוועגן האָט ער אויף אַ רגע נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן און שאַפן נייע קונסט־ווערק און ביי אָט דער אַרבעט האָט אים דערזען מיין פאָטער.

זשאָזעף איזראַעלס האָט נישט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין יידישע ענינים. טראָץ דעם, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיי אַ גרויסן אינטערעס, וועגן וואָס ס'האָבן עדות געזאָגט די פּאַליצעס מיט ביכער אין זיין אַטעליע. די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבן אים אויפגעטרייסלט און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט ער אויסגעהערט די טרויעריקע שילדערונגען פון מיין פאָטער. זיין אַטעליע, די בילדער, מכשירים, די גאַנצע אַטמאָספער און ערשט ער אַליין, מיט זיינע קלוגע, טיפע אויגן מיט

דער איינגעדאַרטער, צונויפגעצויגענער הויט אויפן געזיכט, ווי דער שימל און שפּינוועבס פון דורות וואָלט זי געהאַט באַדעקט — דאָס אַלץ איז אינעם קאָלאָריט, פאָרם און צייכענונג אַזוי טיפּיש רעמבראַנדטיש געווען. ס'איז זיך אויך נישט געווען וואָס צו וווּנדערן. איז דאָך איזראַעלס באַצייכנט געוואָרן איבעראַל, ווי דער הײנטצייטיקער רעמבראַנדט.

מיין פאָטער האָט זיך געפונען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון אָט דעם באַזוך. פאַר זיינע גייסטיקע אויגן איז אויפגעשוווּמען יענע מערקווירדיקע תּקופה פון אוריאל אַקאָסטאַ און ברוך שפּינאָזאַ, אַ תּקופה, וועלכע ער האָט שטודירט, און וועלכער ער האָט געוואָלט ווידמען אַ ספּעציעל ווערק, דער עיקר דער געשטאַלט פון ברוך שפּינאָזאַ.

איזראַעלס האָט נישט אויפגעהערט אויסצופרעגן סאָקאָלאָוון וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. און דערביי אויסגעדריקט זיין טיפן צער מחמת די אכזריותדיקע מזרח-ווינטן, וואָס האָבן אָנגעיאָגט אויף די יידן אַזוי פיל נייע אומגליקן. מיט וויפל סענטימענט האָט ער דערמאָנט זיין היים-שטאָט גראָנינגען, זיינע עלטערן און זיינע מלמדים. ער האָט נאָך געדענקט די דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף זיין בר-מצווה-פייערונג. דאָרט, אין גראָנינגען, האָט עס טאַקע געלעבט זיין „סופר”. ער האָט אין גאַנצן געפיבערט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט וועגן אָט דער געשטאַלט פון סופר, וואָס האָט געהאַט אַ קאָפּ, ווי אויסגעטאַקט פון העלפאַנטביין און וועמענס באָרד האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער קאָליר פון פאַרמעט, אויף וועלכן ער האָט געשריבן די הייליקע אותיות. ווי אַן אמתער יידישער פאָטער האָט איזראַעלס זיך באַגייסטערט מיטן טאַלענט פון זיין זון, וואָס איז געווען אַ מאָלער-קינסטלער פון דער אימפּרעסיאָניסטן-שול, הגם וויט נישט פון אַזאַ הויכער קינסטלערישער מדרגה, ווי ער אַליין איז געווען. אַזוי איז שוין דער דרך פון דער וועלט, וואָס נישט אַלע מאָל שעפּן די קינדער זייער יניקה פונעם זעלבן קוואַל, וואָס זייערע עלטערן. דער זון איזראַעלס האָט שוין נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר יידישע מאָטיוון. זיין מאָלערישע וועלט איז געווען דאָס לעבן אין די פאַבריקן, די כנופיות און בירשענק אין די האַפנס, סצענעס אויף דער פלאַזשע און מיט אַ ספּע־

ציעלער ליבשאַפֿט האָט ער געמאָלט קאַרוזעלן מיט קליינע מיידלעך, וואָס רייטן אויף פֿערד.

דער אַלטער איזראַעלס איז כסדר איבערגעשפּרונגען פֿון טעמע צו טעמע. אָט האָט ער געוויזן מיין פֿאָטער אַ בריוו פֿון טאָקיאָ, אין וועלכן ס'ווערט פֿאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן יאַפּאַן. דאָס דאָזיקע לאַנד איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע און מען האָט זיך אַנטציקט מיט זיין קונסט. וואָס האָט ער געקאָנט דעמאָלט ענטפֿערן אויף אָט דער איינלאַדונג? אין יאַפּאַן וואָלט מען זיך באַליידיקט, ווען ער זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגן יאַפּאַנישער קונסט, וואָס איז אים געווען אין גאַנצן פֿרעמד. האָט ער זיך, דעריבער, באַגנוגנט מיט מאַכן קאָמפּלימענטן אויף זייער אַדרעס, צוליב דעם גרויסן זיג, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן איבער רוסלאַנד. ווירקלעך האָט מען זיך קוים געקאָנט פֿאַרשטעלן אַ גרעסערן קאָנטראַסט, ווי די יאַפּאַנישע אָרנאַמענטיק און דעם לירישן רעאַליזם פֿון איזראַעלסעס בילדער, זיינע אַזוי מעלאַנכאָלישע טענער־פֿאַרבן, וואָס צע־שווימען זיך אין גאַמען פֿון קאָלירן — צי איז עס, ווען ער מאָלט דאָס לעבן פֿון די האָלענדישע פּויערים און פֿישפֿאַנגער, צי ים־פּייזאַזשן, תנ"ך־געשטאַלטן, אָדער גלות־טיפּן.

מען איז אַריבער צו רעדן וועגן רעמבראַנדטן. איזראַעלס האָט אים געשטעלט העכער פֿון אַלע האָלענדישע מייסטערס. „פֿאַראַן אַזעלכע — האָט ער געזאָגט — וואָס האַלטן, אַז רעמבראַנדט איז געווען אַ ייד, צוליב דעם, וואָס אויף עטלעכע פֿון זיינע בילדער זענען פֿאַראַן יידישע אותיות און אַפֿילו אויפֿשריפֿטן, ער האָט אָבער אַ גרויסן ספֿק אין דעם, וואָרעם די דאָזיקע אויפֿשריפֿטן האָבן אים געקאָנט מאַכן די פּאָרטוגעזישע יידן".

דאָ האָט סאָקאָלאָוו דערמאָנט די ווערטער פֿון מאַקס ליבערמאַן, דעם באַרימטן ייִדיש־דייטשן מאָלער, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז ער איז גרייט אָפּצוגעבן אַ העלפֿט פֿון זיין פֿאַרמעגן דעם יעניקן, וואָס וועט באַווייזן, אַז רעמבראַנדט איז פּאַקטיש געווען אַ ייד. דערויף האָט איזראַעלס, אַן אויפֿגערעגטער, זיך אָפּגערופֿן: נאָך וואָס און צו וואָס? מוז דען טאָקע יעדער גרויסער מענטש דווקא זיין אַ ייד? און וואָס האָבן זיי שוין דערפֿון, די יידן?

סאָקאָלאָוו האָט אָפּט באַזוכט איזראַעלסן און איז געווען פון אים באַ־גייסטערט. „דאָס איז געווען אַ רב אַ קינסטלער — האָט ער וועגן אים געשריבן — אַ גאון אין געביט פון קונסט, אַ בעל שם, וואָס שאַפט וווּנדער נישט מיט דער מאַגיק פון קבלה, נאָר מיט דער הילף פון פאַרב, ליכט און שאָטן".

קיין האָלאַנד איז מיין פאָטער געקומען פון בעלגיע, ווו אויף דער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז פאָרגעקומען אַן אַל־יידישע קאָנפערענץ, אין שייכות מיט די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. די קאָנ־פערענץ האָט זיך נישט איינגעגעבן, צוליב דעם, וואָס די „איקא" און די „אַליאַנס איזראַעליט" האָבן זיך אָפּגעזאָגט אין איר צו באַטייליקן. ס'האָבן מיין פאָטער פּשוט צעבראָכן די לאַנגע, צוועקלאָזע באַראַטונגען און רייבונ־גען, און דאָס אין אַנבליק פון דער אַלץ מער טראַגישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. נישט ווייניקער צרות האָבן אים פאַרשאַפט די שאַרפע, האַרטנעקיקע קאַמפן אינערהאַלב דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער פאָטער איז קיין מאָל נישט געווען קיין פאַרטיי־פּאָליטיקער און ער האָט זיך זייער שלעכט געפילט אין דער אַטמאָספער פון צווייפגעקנוילטע, פאַרביסענע און איבערגעטריבענע אַמביציעס, ביים דערשלאָגן זיך צו מאַכט־פּאָזיציעס. פונעם באַזעלער קאָנגרעס אין יאָר 1905, שרייבט ער צו זיין פרוי: „דער קאָנגרעס איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש, צוליב די כסדרדיקע קאָנ־פליקטן, עקשנות פון דער מערהייט און אָבסטרוקציע פון דער מינדערהייט. ס'האַרץ האָט מיר געפּלאַצט, ווען כ'האָב געזען, ווי אונדזערע ברידער האָלטן שוין ביים צעברעכן און פאַרניכטן דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל שוועריקייטן אָנגעהויבן אויפצובויען. כ'האָב זיך געפילט, ווי פאַראייב־זאַמט. קיין איין פּאַרטיי האָט נישט אַנטשפּראָכן מיינע איבערצייגונגען. גראָד פאַרקערט, אַלע האָבן זיי אין מיר אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט און רעוואָלט. ווען צום סוף פון קאָנגרעס האָבן די דעלעגאַטן פון וואַרשע זיך געווענדעט צו מיר, אַז איך זאָל אָננעמען דעם מאַנדאַט פון מיטגליד פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָב איך זיך לאַנג געוואַקלט. דאָס ציוניסטישע אחריות־געפיל האָט אָבער מיך גובר געווען און איך האָב מסכים געווען".

זייענדיק אין בריסל האָט סאָקאָלאָוו זיך באַקענט מיטן באַרימטן בעל־

גישן סאָציאַליסט וואַנדערוועלדע, וועלכער האָט געהאַט פּיל סימפּאַטיע פֿאַרן ציוניזם, און ווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן אויסערן־מיניסטער, האָט ער אים געשטיצט.

עטלעכע חדשים האָט דער פֿאָטער דעמאָלט פֿאַרבראַכט אין בעלגיע און האָלאַנד. ער באַזוכט אַלע גרעסערע שטעט, האַלט פֿאַרלעזונגען און טרעט אויף אויף מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען. ער ווערט האַרציק אויפֿגענומען נישט נאָר אין די ציוניסטישע קרייזן, נאָר אויך מחוץ זיי. ער האָט דאָרט באַגעגנט פֿיל יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון רוסלאַנד און פּוילן. אומאָפּהענגיק פֿון זיין ציוניסטישער טעטיקייט, אַרבעט ער אויך גלייכצייטיק ביים אויספּאַר־טיקן דעם מעמאָריאַל וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון יידן אין רוסלאַנד. יעדע פֿרייע מינוט נוצט ער אויס, בכדי צו שטודירן, אין די כלערליי ביבליאָ־טעקן, די געשיכטע פֿון יידישער עמאַנציפּאַציע אין ניינצנטן יאָרהונדערט. די יידישע קרייזן אין מערב־אייראָפּע און בכלל די עפֿנטלעכע מיינונג האָבן זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט אָט דער אַרבעט זיינער. אין שיי־כות מיטן דאָזיקן מעמאָריאַל האָבן זיך אין דער בעלגישער און האָלענדי־שער פּרעסע באַוויזן אַרטיקלען און אינטערוויוען מיט מיין פֿאָטער. אין פֿאַרשידענע לענדער זענען אַנטשטאַנען וויסנשאַפֿטלעכע קאָמיטעטן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געהאַט באַטייליקט באַדייטנדיקע יידישע היסטאָריקער, יוריסטן און סאָציאָלאָגן, וואָס האָבן פֿאַרגעשלאָגן זייער מיטהילף אין דער אַרבעט, ווי למשל, פּראָפֿ. פֿראַנץ אָפּענהיימער, פּראָפֿ. פֿיליפּזאָן און פּראָפֿ. אַססער, אַ באַרימטער האָלענדישער יוריסט, מיטגליד פֿון האַאַגער אינטער־נאַציאָנאַלן יוסטיץ־טריבונאַל. די יידישע קרייזן פֿון מערב־אייראָפּע, באַ־אומרויִקט פֿון דער אַלץ מער אַנגעלאָפֿענער יידישער עמיגראַנטן־כוואַליע, פֿון וועלכער אַ געוויסער טייל איז פֿאַרבליבן אין זייערע לענדער, האָט מיט אַ געפֿיל פֿון דערלייכטערונג אויפֿגענומען די פּערספּעקטיוו און מעגלעכקייט פֿון אַ פֿאַרבעסערטער לאַגע פֿון די יידן אין רוסלאַנד.

דער אַנטיסעמיטיזם לאָזט זיך שטאַרק פֿילן אומעטום. סאָקאָלאָוו נאָ־טירט אין זיין טאָגבוך אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ יידישער פּערזענלעכקייט אין האָלאַנד, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ס׳איז גע־נוג, דאָס די האָלענדישע רעגירונג זאָל עטלעכע טעג נישט זיין ביי דער

מאַכט, און באַלד וועט דער המון דורכפירן אַ פּאָגראָם אויף יידן, ווי אין רוסלאַנד.

סאָקאָלאָוו האָט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף מיט דער עקסטרעמער אַסימילאַציע, בפרט אין דייטשלאַנד, וווּ די אַסימילירטע יידן האָבן גע־ציטערט פאַר זייער אייגענעם שאָטן און זיך אַנטקעגנגעשטעלט יעטוועדער יידישער אַקטיוויטעט. דאָך האָט זיין אַרבעט געמאַכט פאָרשריט און פון פאַרשידענע לענדער האָט ער באַקומען גרינטלעך צוגעגרייטע רעפעראַטן וועגן דער יידישער לאַגע.

און דאָ האָט דערוויל די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד מיט יעדן טאָג זיך אַלץ מער פאַרערגערט. וויטע איז שוין מער נישט געווען און זיין נאָכפאָלגער גאָרעמיקין, האָט געהערט צו די רעאַקציאָנערסטע ביוראָקראַטן. די רעאַקציע האָט טריומפירט. די ערשטע דומע איז, נאָך עטלעכע חדשים, פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן. אַ כוואַליע פון נייע רעפּרעסיעס, רדיפות און פּאָגראָמען האָט זיך ברייט פונאַנדערגעגאָסן איבערן לאַנד. אין אָט דער לאַגע איז אַ ווייטערדיקע טעאָרעטישע אַרבעט פון מיין פּאָטער איבער דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד, געוואָרן אין גאַנצן צוועק־לאָז, און ער איז געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון איר. דער איינציקער נוצן פון אָט דער אַרבעט זענען די ווערטפולע היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרבליבן אין זיינע אַרכיוון.

סאָקאָלאָוו איז צו יענער צייט געווען זייער שעפעריש. ס׳איז פאַר אים אַ פאַרגעניגן, ווען ער קאָן זיך אָפּרייסן פון פּאָליטישע ענינים, בכדי אָנצו־שרייבן אַ סעריע פון „האָלענדישע בילדלעך״, וווּ ער באַשרייבט אַלטע יידישע קהילות און פאַרשידענע, אָריגינעלע טיפּן פון דיאַמאַנטן־שלייפער. דאָרט באַקענט ער זיך אויך מיטן האָלענדישן סאָציאַליסטישן לידער הענרי פּאָלאַק, וועלכער ווייזט אים דעם שטאָטקוואַרטאַל פון יידישן פּראָלעטאַ־ריאַט. צו איינעם פון זיינע אינטערעסאַנטע באַקאַנטע פון יענע צייטן גע־הערט אויך לעאָפּאָלד קאַטשער, דער פּאַציפיסט, וועלכער פלעגט קומען צו פאָרן קיין האָלאַנד אויף אַלע שלום־קאָנגרעסן. סאָקאָלאָוו פלעגט וועגן אים זיך אַנדערציילן אָן אַ שיעור אַנעקדאָטן, נישט אַזוי וויט וועגן זיינע פּאַצי־פיסטישע שלום־אידעען, ווי וועגן זיין פאַנטאַסטישער איינגעהאַלטנקייט

אַלס וועגעטאַריאַנער. ער האָט געגעסן בלויז פּרוכטן, דער עיקר — עפּל. זיין אידעאַל איז געווען צו וווינען אויף אַן עפּלבוים און נאָכן אויפעסן אַלע עפּל, זיך אַריבערטראָגן אויף אַ צווייטן בוים. קאָטשער איז געווען אַנגעזען אין דער פּאַציפיסטישער באַוועגונג און ער האָט באַקענט מיין פּאָטער מיט די וויכטיקע פּערשטייער פון אָט דער באַוועגונג.

דער ציוניזם האָט שוין דעמאָלט געהאַט געשלאָגן וואָרצלען אין האָלאַנד און בעלגיע און די אָרטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי יאַהאַן פּישער אין בעלגיע און יאַקאָבוס קאַהן אין האָלאַנד האָבן אים נישט ווייניק געהאָלפן צו זיין דערפּאָלג,ביים פּאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין אָט די צוויי לענדער.

פון האָלאַנד פּאָרט סאָקאָלאָוו קיין ענגלאַנד. די זעקס חדשים, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, געהערן צו איינער פון די שווערסטע תקופות אין זיין לעבן. נישט דערפּאַר, וואָס ער זאָל האָבן געליטן דאָרטן פּערזענלעכע מיסדערפּאָלגן. ער איז דאָרט געווען אויסערגעוויינלעך אַקטיוו, געאַרבעט ביי טאָג און ביי נאַכט אָן אויפהער. ער האָט דאָרט געשריבן אין עטלעכע שפּראַכן וועגן די יידן־פּאַרפּאָלגונגען אין רוסלאַנד און אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג פון דער גאַרער וועלט. ער האָט געהאַלטן פלאַמיקע רעדעס און אַנגעקניפּט נייע באַציונגען אין דער יידישער און פּאָליטישער וועלט פון לאָנדאָן. נישט מער, וואָס פון וואַרשע האָבן גענומען אָנקומען איוב־ידיעות, איין בשורה ערגער פון דער אַנדערער. אויף דער „הצפירה" און „טעלעגראַף" האָבן זיך געשאָטן שטראָפן און קאָנפיסקאַציעס ווי אַ רעגן, וואָס האָבן פולשטענדיק חרוב געמאַכט די עקזיסטענץ פון אָט די צוויי ציטונגען, וואָס ביז נישט לאַנג צוריק האָבן זיי נאָך אַזוי גוט פּראָספּערירט. קעגן סאָקאָלאָוון האָט מען פּאַרפירט אַ ריי פּרעסע־פּראָצעסן פאַר אָנשרייבן אַרטיקלען וועגן פּאָגראָמען און היות ער איז געווען אין אויסלאַנד און האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום געריכט, האָט די מאַכט פונאַנדערגעשיקט נאָך אים שטעקבריוו. אַנדערע יידישע און העברעישע ציטונגען האָבן, ביי אַ פיל קלענערן פּערסאָנאַל, ווי עס איז זיך נאָך אַן עצה געגעבן. די מוטער האָט געמאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען, בכדי צו ראַטעווען דאָס טייערסטע פאַר מיין פּאָטער, די „הצפירה",

וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל פאַרן דעמאָלטיקן יידנטום און וואָס איז געווען די באַזע פון פאָטערס עקזיסטענץ. פריינד האָבן זיך באַמיט צו העלפן. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מען איז בדילי־דל געוואָרן. די „הצפירה" און דער „טעלעגראַף" זענען אויך געפאַלן אַלס קרבן פון די רדיפות און האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען. דאָס איז געווען אַ מוראדי־קער קלאַפּ פאַר מיין פאָטער. פאַר זיין אָפּפאָרן פון וואַרשע, איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן אַזאַ מין געדאַנק, אַז די „הצפירה" קאָן זיך נאָך צומאַכן. מיט אַ מאָל האָט זיך זיין מאַטעריעלע לאַגע שטאַרק פאַרערגערט.

אין משך פון עטלעכע חדשים איז ער באַשעפטיקט אַלס זשורנאַליסט. אַ חוץ אין ענגליש־יידישע און אַמעריקאַניש־יידישע צייטונגען ווי „דזשויש קראָניקל", „דזשויש וואָרלד" א"אַ, ווי אויך אין העברעישע און פרעמד־שפּראַכיקע ציוניסטישע צייטונגען, שרייבט ער פיל אויף אַלגעמיינע טעמעס, הויפּטזעכלעך רוסישע אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנער פּרעסע. וואָס אַ מאָל פילט ער אַלץ מער, ווי עס פעלט אים זיין אייגענער אָרגאַן, אין וועלכן ער וואָלט זיך געקאָנט פריי אַרויסזאָגן.

דער פאַקט, וואָס מיין פאָטער האָט נישט קיין סטאַבילע באַשעפטיקונג און איז געצוווּנגען אָנצונעמען פאַרשידענע אַרבעטן, האָט אָפּגעשוואַכט זיינע כוחות. דערצו נאָך האָט עס אים נישט געגעבן קיין פעסטע, געזיכערטע פּרנסה. ער איז געשעצט דורך אַלעמען, פאַרערט, באַליבט און פּאָפּולער. ער ווערט איינגעלאַדן און באַזוכט פאַרשידענע ענגלישע שטעט. זיין דערפאָלג ווערט אַלץ גרעסער, סיי אַלס רעדנער, סיי אַלס שרייבער. דער פּראָוויזאָרי־שער צושטאַנד, אין וועלכן ער געפינט זיך, די זאָרג פאַרן מאָרגן און די בענקשאַפט נאָך זיינע נאָענטע, האָט אים אָבער פאַרשאַפט פיל ליידן און האַרץ־קלעמעניש. צייטנווייז איז ער שוין אַפילו פאַרטיק מיט זיך, גרייט צוריקצופאָרן קיין וואַרשע. אין אַ בריוו צו זיין פרוי שרייבט ער, אַז ער האָט בדעה צו קומען קיין וואַרשע, ווען אַפילו די פּאָליציי זאָל אים אַרעס־טירן. דער פאָטער איז אָבער פון דער נאַטור געווען אַ צו גרויסער אָפּטי־מיסט, אַז ער זאָל אַריינפאַלן אין אַ דעפּרעסיע־שטימונג. אַזעלכע שווערי־קייטן פון פּריוואַטער נאַטור זענען נישט איין מאָל אין זיין לעבן געווען אַ סטימול פאַר פאַרשטאַרקטע אָנשטרענגונגען און ווי אַן אויפפרישנדיקער

עליקסיר. ווען זיינע יוגנטפריינד, וואָס זענען געווען אין אַ פיל בעסערער מאַטעריעלער לאַגע ווי ער, האָבן שוין געהאַט פֿאַרענדיקט זייערע קאַריע־רעס, האָט מיין פֿאָטער געגומען שטייגן נאָך העכער. אַזעלכע מינוטן פֿון שוואַכקייט האָבן ביי אים נישט לאַנג געדויערט. ער ווערט נישט אַנטמו־טיקט פֿון זיינע פּערזענלעכע דאגות און באַשליסט פֿון איצט אָן זיך פֿול־שטענדיק צוווידמען דער ציוניסטישער טעטיקייט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

דער פֿאָטער האָט דעמאָלט געוווינט אין לאָנדאָן אויף דער סוטערלאַנד אַוועניו, אינעם פּענסיאָנאַט פֿון פֿרוי פּיסאַ. אַלחנן אַדלער האָט אים רע־קאָמענדירט דאָס דאָזיקע אָרט. ער פֿילט זיך גאָר היימיש אינעם קרייז פֿון זיינע אַלטע פֿריינד און באַקענט זיך מיט נייע מענטשן. ער זעט זיך אָפֿט מיט די משפחות בענטוויטש און גאַסטער. הערבערט בענטוויטש האָט גע־הערט צו די חשובסטע און פֿאַרדינסטפֿולסטע ציוניסטן, וואָס האָט נאָך גע־הערט צו די חובבי־ציון. מיין פֿאָטער האָט אים געקענט זייט יאָרן. ער האָט אויך פֿיל רעספּעקט פֿאַר דעם טאַלאַנטירטן, אַלזייטיק געבילדעטן גאַסטער, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין ענגלישן ציוניזם, זיך צוגעהערט צו זיינע עצות און אַנווייזונגען. ס'פֿאַרבינדט אים אַ גרויסע פֿריינדשאַפֿט מיטן מאָלער פּיליכאָווסקי און זיין פֿרוי, אויך אַ מאָלערין, וואָס האָבן דעמאָלט זיך אויפֿגעהאַלטן אין לאָנדאָן און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך דאָ באַזעצט אויף פֿעסט. פּיליכאָווסקי, דער תמיד פֿריילעכער, צעשמייכלטער לעבוועלט, מיטן פּויליש־יידישן סענטימענט און פּאַריזער קינסטלערישער קולטור, איז אים געוואָרן איינער פֿון די גאָר נאָענטע פֿריינד אין משך פֿון יאָרן, בפֿרט ווען סאָקאָלאָוו איז געווען אָפּגעריסן פֿון זיין משפּחה אין וואַרשע.

אינעם נאָטיץ־ביכל פֿון יענע צייטן זענען פֿאַרשריבן זייער פֿיל נעמען פֿון מענטשן, וואָס ער האָט פֿאַרקערט אין זייער געזעלשאַפֿט. ווי תמיד, ביי אים, איז דער קרייז פֿון באַקאַנטע געווען גאָר אַ ברייטער און האָט אַרומגענומען ציוניסטן ווי נישט־ציוניסטן פֿון ענגלישן יידנטום. פֿון די נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן ווערן זייער אָפֿט דערמאָנט אינעם נאָטיץ־ביכל די נעמען פֿון לאָרד קינערד, מאַיאָר עוואַנס גאָרדאָן און די באַראָנין

ד׳אַבלעגג. לאָרד קינערד האָט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידן־פּראָגע אין מזרח־אייראָפּע און ער האָט דערמעגלעכט מיין פאָטער אַנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט די העכסטע אַנגליקאַנישע גייסטלעכע. דעם מאַיאָר (שפּעטער סער) עוואַנס גאָרדאָן האָט סאָקאָלאָוו געקענט נאָך פון די צייטן, ווען ער איז געפאָרן איבערן תחום המושב פון רוסלאַנד און האָט אים באַזוכט אין וואַרשע. עוואַנס גאָרדאָן איז דעמאָלט געווען דעפּוטאַט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט און ער איז עס געווען איינער פון די פּראָיעקט־געבער פון אַזוי גערופענעם פרעמדן־געזעץ („עליען ביל״). געווען צייטן, ווען אַלע האָבן באַטראַכט עוואַנסן ווי אַ פריינד פון די יידן. צוליב אָט דעם פרעמדן־געזעץ האָבן אים דערנאָך די יידן באַצייכנט אַלס אַנטיסעמיט. אין צאָלרייכע בריוו צו מיין פאָטער שרייבט ער מיט פיל סענטימענט וועגן יידן און באַ־קלאָגט זיך, הלמאי די יידישע פּרעסע שרייבט אים צו אַנטיסעמיטישע טענדענצן. דאָס דאָזיקע געזעץ וועגן פרעמדע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער קאָנסערוואַטיווער מערהייט אין פּאַרלאַמענט, אונטער באַלפורס רעגירונג, האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע פאַרביטערונג ביי די יידישע מאַסן און ראַדיקאַלע קרייזן. מיטן דאָזיקן געזעץ האָבן זיך אָנגעהויבן די אימיגראַציע־שוועריקייטן, און הגם אין תוך גענומען איז דאָס געזעץ נישט געווען געווענדעט קעגן יידן, האָט עס דאָך צום שטאַרקסטן געטראָפן גראָד אין די יידישע פליטים פון רוסלאַנד, וואָס האָבן דעמאָלט געבילדעט דעם גרעסטן פּראָצענט עמיגראַנטן קיין ענגלאַנד. די אָפּאָזיציע האָט מיט רעכט באַקעמפט דעם דאָזיקן „ביל״ אַלס אַ פאַרגוואַלדיקונג פון טראַדיציאָנעלן אַזיל־רעכט, און צום שטאַרקסטן זענען אַרויסגעטראָטן קעגן אָט דעם געזעץ די ליבעראַליסטן, צווישן זיי אויך האַרי סנעל (שפּעטער לאָרד סנעל), וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ שיינע בראָשור אויף דער טעמע. ווען אָבער נאָכן פאַלן פון באַלפורס רעגירונג איז צו דער מאַכט געקומען די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט זי נישט פיל געטאָן אויף צו פאַרמילדערן די שאַרפקייט פון אָט דעם געזעץ.

די דעמאָקראַטישע עפנטלעכע מיינונג פון מערב־אייראָפּע האָט זיך דעמאָלט נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון, גענוי, ווי זי גיט זיך

נאָך היינט אויך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז קסענאָפֿאָביע איז איינע פֿון די ערגסטע מכות פֿון דער מענטשהייט. און אויב שפּעטער האָט די וועלט אַזוי שטאַרק געליטן פֿון כלערליי קריזיסן און מלחמות האָבן עס אפשר צום שטאַרקסטן גורם געווען דאָס באַרויבן דעם מענטש פֿון זיינע עלעמענ־טאַרע רעכט זיך צו קאָנען פֿריי באַוועגן אויף דער וועלט.

די באַראָנין ד׳אַבלענג, אַ האָלענדישע אַריסטאָקראַטין, איז געווען אַ פֿאַרערערין פֿון מיין פֿאָטער און זיך ענטוזיאַזמירט פֿון ציוניזם, וואָס האָט ביי איר געהאַט אַ מיסיאָנערישע באַפֿאַרבונג. עס האָט זי באַקענט מיט סאָקאָלאָוון דער פֿאַסטאָר ד״ר העכלער, וואָס האָט בשעתו שטאַרק געהאָלפֿן הערצלען אין זיינע דיפּלאָמאַטישע קאָנטאַקטן מיט די רעגירנדיקע קרייזן פֿון אייראָפּע.

אין אָקטאָבער 1906 באַזעצט זיך סאָקאָלאָוו אין קעלן. דאָס איז פֿאַר אים דעמאָלט געווען דער בעסטער אויסגאַנג פֿון דער לאַגע. קורץ נאָך דעם ווערט ער דער רעדאַקטאָר פֿון „די וועלט״ און גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

„דאָס איז אַ באַשעפֿטיקונג — שרייבט ער צו זיין משפחה אין וואַרשע אין די ערשטע טעג פֿון קעלן — וואָס איז מיר נישט אין גאַנצן צום האַרצן, וואָרעם איך האָב ליב צו זיין פֿאַרטאָן ביים שרייבטיש און קאָנצענטרירן די געדאַנקען, אָדער מאַכן נסיעות און פֿאָרן אויף קאָנגרעסן. דאָ האָב איך עס אויך, אָבער נישט אין גאַנצן. אַ חוץ דער אַרבעט אין דער „וועלט״, האָב איך אַ סך אַרבעט אינעם ביוראָ און כלערליי קאָנפֿערענצן, וואָס נעמען ביי מיר צו פֿיל צייט און וועלכע איך מוז אָננעמען צוזאַמען מיט די אַלע מעלות פֿון מיין נייער באַשעפֿטיקונג״.

די תקופֿה פֿון סאָקאָלאָווס אויפֿהאַלטן זיך אין קעלן האָט געדויערט כמעט דריי יאָר, בעת וועלכער ער האָט געמאַכט אָפֿטע נסיעות איבער אייראָפּע אין ציוניסטישע אָנגעלעגנהייטן. ער איז עטלעכע מאָל געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צוויי מאָל געווען אין רוסלאַנד און פּוילן, אָבער קעלן, ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט געפֿונען די ציוניסטישע צענטראַלע, איז געווען זיין זיצאָרט.

קאַנדידאַט צו דער רוסישער דומע

די מיטאַרבעט און באַציונגען צווישן סאָקאָלאָוו און דוד וואָלפסאָן זענען אין די ערשטע צייטן געווען גוטע און בכלל זענען זיינע באַציונגען צו די רעדאַקציע־קאָלעגן פון „די וועלט" ווי פּייוועל, קאַראַלניק און בער־גער, געווען גאַר האַרציקע. דער פאָטער האָט תמיד ליב געהאַט צו פאַר־ברענגען אין דער געזעלשאַפט פון זיינע יינגערע פען־קאָלעגן. פּייוועל איז געווען מלא חן און קאַראַלניק אויסערגעוויינלעך באַגאַבט. וואָס אָן אמת האָט וואָלפסאָן געהאַט פיל מעלות און איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער ציוניסטישער זאַך און גרויס זענען געווען זיינע פאַר־דינסטן אויף דעם געביט, אָבער אויף צו זיין אַ מנהיג פון דער באַוועגונג האָט ער בכלל נישט געטויגט, בפרט נאָך הערצלען. אויף דעם באָדן זענען צווישן אים און מיין פאָטער אַנטשטאַנען אָפטע סכסוכים און די לאַגע איז געוואָרן אַ פּיינלעכע.

די אָפּאָזיציע קעגן פאַרשידענע האַנדלונגען פון וואָלפסאָנען האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט אינערהאַלב דער באַוועגונג און אין פיל פאַלן האָט זיך סאָקאָלאָוו מיט איר סאָלידאַריזירט. אין סוף יאָר 1909 האָט דער פאָטער פאַרלאָזט זיין אַמט. ער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט מער, אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איר וואָרט־זאָגער אויפן קאָנגרעס, דעקן מיט זיין פּערזאָן די פּאָליטיק פון דער לייטונג. זיין אַרבעט אין קעלן, סיי אויפן פּובליציסטישן, און סיי אויפן פּראָפּאַגאַנ־דיסטישן געביט, איז אין משך פון יענע דריי יאָר געווען זייער פּראָדוקטיוו און פאַרשידנאַרטיק. ער האָט געשריבן פיל אַרטיקלען אין דייטש און זיינע פעליעטאָנען אין „די וועלט" האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דעמאָלט טאַקע האָט ער אָנגעהויבן צו צייכענען די אַזוי אָריגינעלע סילועטן פון די באַדייטנדיקע געשטאַלטן פון דער יידישער וועלט. אין דער אָרט פון

שרייבערישער קונסט איז ער שפּעטער דערגאַנגען צו גאָר אַ הויכער מדרגה. ער האָט געהאַלטן אַ ציקל פֿון רעפֿעראַטן, וואָס זייער לייטמאָטיוו איז געווען דער ייִדישער רענעסאַנס אין דער ליטעראַטור, קונסט און פֿילאָזאָפֿיע. אַלס איינס פֿון די וויכטיקסטע אויסדרוקן פֿון דאָזיקן רענעסאַנס איז ביי אים תמיד געווען די אויפֿלעבונג פֿון דער העברעיִשער שפּראַך. אַלע זיינע אָנשטרענגונגען זענען געגאַנגען אין אָט דער ריכטונג. אין יאָר 1907 גרינדעט ער דעם „העולם״, וואָס איז, נעבן „די וועלט״, געוואָרן דער אָפּיציעלער אָרגאַן פֿון דער באַוועגונג.

דאָס פּראָבלעם פֿון גרינדן דעם „העולם״ איז לאַנג דעבאַטירט געוואָרן, ביז דער באַשלוס איז געפֿאַלן. אַנטוישט פֿון די שוועריקייטן שרייבט ער צו זיין פֿרוי: „איך האַלט עס פֿאַר מיין מאָראַלישן חוב צו גרינדן אָט די צייטונג. איך שרייב איצט אויף אַזוי פֿיל שפּראַכן, כ׳האָב אָבער אויפֿן געוויסן די אַלטע שפּראַך פֿון מיין פֿאָלק, וועלכער איך האָב געווידמעט די בעסטע יאָרן פֿון מיין לעבן. ריין אידעאַלע מאָטיוון דיקטירן מיר אונטערצונעמען די דאָזיקע אַרבעט...״

דער האַמבורגער קאָנגרעס פֿון יאָר 1909 האָט אויף מיין פֿאָטערס פֿאָרשלאָג אָנערקענט העברעיִש אַלס די אָבליגאַטאָרישע שפּראַך פֿאַר די באַריכטן און אויסגאַבן פֿון קאָנגרעס. נישט האָבנדיק מער זיין אַלטן אַרבעטוואַרשטאַט, די „הצפֿירה״, האָט סאָקאָלאָוו זיך באַמיט אָט דעם מאַנגל אויסצופֿילן מיט זיין מיטאַרבעט אין פֿאַרשידענע העברעיִשע צייטונגען און זשורנאַלן. אַזוי אַרום האָט ער אין משך פֿון דער גאַנצער צייט נישט איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט זיינע לייענער־מאַסן פֿון אַלע צייטן.

אין יאָר 1907 האָבן די ייִדן פֿון ביאַליסטאָק זיך געווענדעט צו סאָקאָלאָוון מיטן פֿאָרשלאָג אַרויסצושטעלן זיין קאַנדידאַטור צו דער דריטער רוסישער דומע. ער האָט נאָך געהאַט אויף זיך עטלעכע אונטעראויגיקע אורטיילן און איז געשטאַנען אין פּרעסע־פּראָצעסן. דערצו נאָך האָט מען אַרויסגעלאָזט קעגן אים שטעקבריוו, צוליב דעם האָט ער נישט געקאָנט לעגאַל אַריינקומען אין לאַנד. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען אָבער אַזעלכע שוועריקייטן געקאָנט גובר זיין מיט אַלטע אויסגעפּרוווטע מיטלען, ווי כאַבאַר אָדער פּראָטעקציע, בפֿרט, ווען די לאָקאַלע מאַכט האָט געהאַט אַ

ברירה נישט צו וויסן וועגן זיינע קאָנפליקטן מיט אַ העכערער אינסטאַנץ. נישט געקוקט דערויף, וואָס סאָקאָלאָוו האָט שוין געהאַט אין פרינציפּ באַשלאָסן איבערצוטראָגן זיין טעטיקייט קיין אויסלאַנד, איז ער אָבער ווייטער אַזוי שטאַרק געווען צונויפגעבונדן מיטן יידנטום פון פוילן און רוסלאַנד, אַז ער האָט נישט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג און מאַכנדיק אַ גרויסן אומוועג איז ער אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. כדאי צוצוגעבן, אַז די מערב־איראָפּעישע ציוניסטישע פירער מיט דוד וואָלפסאָן בראש זענען געווען קעגן דעם.

די וואַלן זענען געווען צווייסטופּיקע. אין די ערשטיקע וואַלן האָט מען אויסגעוויילט די עלעקטאָרן און זיי האָבן ערשט פון צווישן זיך אויסגעוויילט די דעפּוטאַטן. איך בין דעמאָלט מיטן פאָטער און דער שוועסטער צעלינע אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, ווו איך בין געווען אַן עדות פון דער גאַנצער וואַל־קאַמפּאַניע. אין די ערשטיקע וואַלן האָט דער פאָטער באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען און אַלץ האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז מיין פאָטער וועט אויסגעוויילט ווערן אַלס דעפּוטאַט אין דער דומע. אינעם לעצטן מאָמענט איז אָבער געשען אַ נישט אָנגענעמער סיורפּריז. צוליב אַ מסירה האָט די וואַל־קאָמיסיע, אויס ריין פּאָרמעלע טעמים, געפּסלט זיין רעכט צו קאַנדידירן אין דאָזיקן קרייז. פון דעסטוועגן האָט סאָקאָלאָוו געהאַט גענוג סיבות צו זיין צופרידן פון אָט דער נסיעה. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם. נישט נאָר, וואָס זיין פּרעסטיזש און אָנזען ביי די ברייטע יידישע מאַסן איז צוליב זיין פאַרלאָזן פוילן געפאַלן, נאָר גראָד פאַרקערט. ער איז נאָך מער געשטיגן.

אין יאָר 1908 איז סאָקאָלאָוו ווידער אין רוסלאַנד. ער פאָרט קיין פּעטערבורג צוזאַמען מיט וואָלפסאָנען, בכדי, ווי בשעתו הערצל, זיך באַמיען ביי דער רעגירונג צו לינדערן דעם קורס לגבי יידן, און דער עיקר, וועגן אָפּשאַפן די פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן אַזוי באַשווערט די טעטיקייט פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין רוסלאַנד. אין שייכות מיט אָט דער נסיעה האָט ער ווידער געהאַט גרויסע צרות מיט זיין פּאַספּאָרט און דער פּאָליציי. אויף דער עצה פון אַדוואָקאַטן האָט ער באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו ריזיקירן און זיך שטעלן פאַרן געריכט אין דער האָפענונג, אַז פון די

אַלע אָנגעזאַמלטע פּראָצעסן, וואָס האָבן געדראָט מיט תּפֿיסה, ווען אים דאָך געלונגען זיך אַרויסצודרייען מיט אַ געלט־שטראָף.

מ׳האָט אָבער באַין אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרמײַדן דעם מאָמענט פֿון אַרעסטירן אים. דאָס איז פֿאָרגעקומען ביי גאַנץ קאָמישע אומשטענדן, וואָרעם די פּערזאָן, וואָס האָט צוגעהאָלפֿן צו אַרעסטירן מיין פֿאָטער, איז געווען דער שרייבער פֿון די שורות. די אַדוואָקאַטן האָבן געהאַט אָפּגערעדט מיטן אויספֿאָרשונגס־ריכטער, אַז נאָכן איינלייגן די קויציע, וועט ער אים לאָזן פֿריי ביז צום פּראָצעס. מיין מיסיע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז איך זאָל זיך ווענדן צום פּאָליציי־קאָמיסאַר, וואָס זיין נאָמען האָט גראָד אָנטשפּראָכן זיין באַשעפֿטיקונג — סטרוזשעסטראָך, און אים בעטן מיר צוצוטיילן צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס זאָלן אַרעסטירן אַ מענטשן, אויף וועלכן איך וועל אָנווייזן. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער קאָמיסאַר איז פֿריער געווען וועגן אַלעמען איינפֿאַרמירט געוואָרן. דער פֿאָטער מיטן אַדוואָקאַט זענען געשטאַנען אויף דער גאַס און געוואַרט אויף אונדז. דער באַפֿעל פֿונעם קאָמיסאַר איז גענוי אויסגעפֿירט געוואָרן און אונטער דעם עסקאָרט פֿון די צוויי סטראַזשניקעס איז דער פֿאָטער אָפּגעפֿירט געוואָרן צום ריכטער, וועלכער האָט אים תּיכף באַפֿרייט. דער פּראָצעס גופֿא האָט געהאַט אַ גינסטיקן פֿאַרלויף און האָט זיך אויסגעלאָזט מיט געלט־שטראָפֿן.

אין טערקיי

אַ דאַנק די געוווּנענע פּרעסע־פּראָצעסן האָט סאָקאָלאָוו ווידער זיך געקאָנט פרייער באַוועגן אין רוסלאַנד. אין דעם זעלבן יאָר האָט ער אויף דער איינלאַדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין גאַליציע, געמאַכט דאָרט אַ גרעסערע פּראָפּאַגאַנדע־רייזע. אויך דאָ האָט ער זיך געקאָנט איבערצייגן, ווי פּאָפּולער ער איז ביי די ברייטע יידישע מאַסן פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע. אָט דאָס באַוווּסטזיין, אַז ער איז ווייטער ליב־טייער די יידישע מאַסן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט אין אים צו זען דעם טריבון און מליץ פון זייער האַרץ־בענקעניש, טרוים און שטרעבונג, האָט אים צוגעגעבן כוח איבערצוהאַלטן די קעלנער צייטן.

אין אייראָפּע האָבן זיך דערוויל די געשעענישן אַנטוויקלט אונטערן צייכן פון אַלץ מער פאַרשאַרפטע קאָנפליקטן צווישן די צענטראַלע מלוכות און דער אַנטאַנטע. אויפן האָריזאָנט האָבן זיך געוויזן באַוויזן די ערשטע סימנים פון מלחמה־געשפּענסט. די רעוואָלוציע אין טערקיי האָט געשאַפן פאַרן ציוניזם נייע האָריזאָנטן און פּערספּעקטיוון, און אַ האָפענונג איז אַנטשטאַנען, אַז די רעגירונג פון די יונגטערקן וועט זיך גינסטיקער באַציען צום ציוניזם, ווי דער רעזשים פון סולטאַן אַבדול האַמיד.

סוף יוני 1909 באַגלייט סאָקאָלאָוו וואָלפסאָנען אין זיין נסיעה קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ער פאַרבלייבט דאָרט אין משך פון עטלעכע חדשים. צוזאַמען מיט זשאַבאָטינסקין און ד״ר וויקטאָר יאַקאָבסאָן באַמיען זיי זיך צו באַקומען אונטערשטיצונג פאַר דער ציוניסטישער זאַך ביי די נייע הער־שער פון טערקיי און פון דער עפנטלעכער מיינונג. אויף אַ געוויסער צייט האָט זיך דאָרט איבערגערוקט דער שווערפּונקט פון דער ציוניסטישער דיפּלאָמאַטיע, וואָס האָט אָבער נישט געבראַכט די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן. די מלחמה אויפן באַלקאַן האָט צו נישט געמאַכט פאַרשידענע פּלענער און

אַנשטרענגונגען. דאָך איז זיין אויפֿהאַלט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געווען פֿאַר אים זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. דאָרט האָט ער זיך נענטער באַ־קענט מיטן ספֿרדישן יידנטום און אָנגעקניפּט נייע קאָנטאַקטן, וואָס זענען אים שפּעטער שטאַרק צו נוץ געקומען.

יידן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער טערקישער פֿרייהייט־באַוועגונג, ספּעציעל אין סאַלאָניקי, ווו די רעוואָלוציע האָט זיך געהאָט אָנגעהויבן. צו איינעם פֿון די וויכטיקסטע יונגטערקישע אָנפֿירער האָט גע־הערט דער פֿינאַנץ־מיניסטער דזשאַוויד בעי, וואָס האָט געשטאַמט פֿון דער משפּחה דארמע, מוסולמענישע מאַראַנען, וואָס האָבן דורך צוואַנג אָנגענומען דעם איסלאַם אין די צייטן פֿון שבתי־צבֿי. די איבערקערעניש אין טערקיי האָט שטאַרק אויפֿגעמונטערט די יידישע קהילות פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סאַלאָניקי און דערוועקט ביי זיי דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל און באַוווסטזיין. די אַלע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די יונגטערקן וועלן אונטערשטיצן די ציוניסטישע באַוועגונג, זענען אָבער ביטער אַנטוישט געוואָרן. פֿון אָנהויב האָבן זיי זיך באַציגן גינסטיק און פֿריינדלעך צום ציוניזם, ווי צו אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין דער אָטאָמאַנישער מלוכה. שפּעטער האָבן זיי אָבער אָנגענומען אַן אויסגעשפּראָכן פֿיינטלעכע שטעלונג. וויפֿל אַנטוישונגען האָט מען דעמאָלט אויף דעם באַדן געהאַט! עטלעכע פֿון די יונגטערקישע אָנפֿירער, פֿריינד פֿון יידן ווי למשל נאַזים בעי, זענען געווען גרייט צו שטיצן די יידישע אימיגראַציע, אָבער אין מאַצעדאָניע און נישט אין ארץ ישׂראל. חוץ דעם האָט דער ציוניזם זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די יידישע פּני אין טערקיי און דעם רבֿ הראשי חכם פֿאַשאַ. ווי יעדער יונגער נאַציאָנאַליזם, אַזוי איז אויך די יונגטערקישע באַוועגונג געווען זייער עמפּפֿינדלעך אויף דער איינהייטלעכקייט און אַבסאָ־לוטער סוווערעניטעט פֿון זייער מלוכה און גענומען באַקעמפֿן יעדן פּרווו פֿון וועלן שאַפֿן אַ באַזונדערע קערפּערשאַפֿט אין לאַנד. זענען טאַקע די אויסזיכטן פֿון באַקומען פֿון דער נייער רעגירונג אויטאָנאָמיע (טשאַרטער) פֿאַר די יידן אין ארץ ישׂראל געוואָרן נאָך קלענער, ווי בעת דער קאָרומ־פּירטער רעגירונג פֿון סולטאַן. סאָקאָלאָוו, ווי אויך זשאַבאָטינסקי און יאַקאָב־סאָן, האָבן געהאַלטן, אַז אַלע באַמיונגען אין דעם זין, זענען האָפֿענונגסלאָז,

דאָקעגן וואָלפסאָן האָט געהאַט אַ פאַרקערטע מיינונג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך אָפּהאַלטן פון פירן פּאָליטיק אויפן טערקישן באָדן און זיך בלויז באַגרענעצן מיט אַ פּאַרזיכטיקער פּרעסע־אַקציע, אין זין פון שטיצן די ליבעראַלע יונגטערקישע עלעמענטן, האָפנדיק דערביי, אַז מיט דער צייט וועט אפשר די עפנטלעכע מיינונג אַריבער אויף זייער זייט. גלייכצייטיק האָבן זיי צוגעשריבן די גרעסטע באַדייטונג דאָס פאַרשטאַרקן דאָס קאָלאָ־ניזאַטאָרישע ווערק אין ארץ ישראל און פאַר דעם צוועק איז אַבסאָלוט נויטיק געווען דאָס איינהאַלטן גוטע באַציונגען מיט דער נייער רעגירונג.

די דעמאָלטיקע סביבה און אַטמאָספער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך זייער שטאַרק אויסגעווירקט אויף מיין פּאַטער אויפן ליטעראַרישן געביט. ער האָט פון דאָרט זייער פיל געשריבן נישט נאָר וועגן יידישע ענינים. ער האָט געהאַט פיל סימפּאַטיע פאַר טערקיי און נאָכגעפאָלגט פול מיט שפּאַנונג די אַנטוויקלונג פון די דראַמאַטישע געשעענישן אין לאַנד. ער פּאַרט איבערן באָספאָר און בלייבט שטיין ווי פאַרגאַפּט פון דער מאָלעריש־קייט פון דער פּאַנאָראַמע און מענטשלעכע טיפּן.

די עקזאָטיק פון לעוואַנט מיט זיין בונטפאַרביקן געמיש פון ראַסן, פעלקער, רעליגיעס, שטאַמען — אָט דער גרויסער קאַראַוואַן־גערימל, באַ־רייכערט שטאַרק זיין טעמאַטיק. ער איז אַנטציקט פון דער פילפאַרביקייט פון זיינע איינוווינער — גריכן, אַרמענער, פּערסן, אַלבאַנער, מאָנטאָנעגרער, יידן, עגיפּטער, רומענער, אַראַבער, אַמעריקאַנער טוריסטן, מוללאָס, פּאָפּן, גלחים, מאַטראָזן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן — און ווער נישט. איין מאָל באַמערקט ער אינעם המון אַן אַלטן ייד, וואָס האָט עפּעס אַזוי מאָדנע אויסגעזען און וואָס האָט מיט זיינע טיפע אויגן אַזוי עקשנותדיק געקוקט אויף אים, ווי ער וואָלט אים געקענט זייט יאָרן. ער טראָגט אויף זיך אַ ברעלאָק־מעדאַליאָן מיט אַ העברעישער אויפשריפט. אין האַנט האַלט ער אַ שנור פון בורשטין־שטיינער, אויפן קאָפּ אַ פעז. ער רעדט אויף טערקיש, פראַנצויזיש, העברעיש. סאָקאָלאָוו, פאַראינטערעסירט מיטן דאָזיקן ייד, פאַר־פירט ער מיט אים אַ שמועס, דער המון טיילט זיי אָבער פונאַנדער און סאָקאָ־לאָוו זעט נאָך פון דער ווייטנס די געשטאַלט פון אָט דעם סודותפולן, אפשר, סימבאָלישן ייד, איינעם פון די „אייביקע וואַנדערער", פון די נע־ונדניקעס,

אויף וועלכע דער פֿאָטער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די וועגן פֿון זיין לעבן. אויף דער בריק, וואָס פֿירט קיין גאַלאַט, איז ער אים פֿאַרשוווּנדן פֿון די אויגן.

סאָקאָלאָוו באַשרייבט די זייטיקע געסלעך און ווינקעלעך פֿון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, די צערעמאָניעס אין הויף פֿון סולטאַן, אַלטע סינאַגאָגן, מעטשעטן און בית־עלמינס. צווישן אַנדערן באַזוכט ער אויך אַדאַמפּאָל, אַ פּוילישע קאָלאָניע, וועלכע אַדאַם מיצקעוויטש האָט דאָ געגרינדעט און ווו ער איז אויך געשטאָרבן בעת דער קרימער מלחמה, אין מיטן פֿירן די אַקציע קעגן רוסלאַנד. מיצקעוויטש, דער גרעסטער פּוילישער פּאָעט פֿון דער ראָמאַנ־טישער תקופה, איז געווען אַ פֿריינד פֿון יידן. פּוילן האָט ער באַצייכנט אַלס די ייִנגערע שוועסטער פֿון ישראל. קורץ פֿאַר זיין טויט, און געשטאָרבן איז ער ביי זיין פֿריינד, דעם פֿראַנצויזישן ייִד אַרמאַנד לעווי, האָט ער זיך באַמיט צו שאַפֿן צוגלייך מיטן פּוילישן, אויך אַ יידישן לעגיאָן,אויף צו קעמפֿן מיטן געמיינזאַמען שונא און אונטערדריקער — דעם רוסישן צאַר. טערקיי איז געווען די איינציקע מדינה, וואָס האָט קיין מאָל נישט אָנערקענט די אַנעקסיעס און פֿונאַנדערגלידערונג פֿון פּוילן, צוליב וואָס די טערקישע מדינה איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט ביי די פּאָלאַקן און יידן פֿון פּוילן.

אשכנזים און ספרדים

צו דער ציוניסטישער פּרעסע־אַקציע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט סאָקאָ־לאָוו צוגעצויגן אַ חוץ באַרימטע מערב־אייראָפּעישע שרייבער אויך גרויסע שרייבער פון פּוילן, ווי וולאַדיסלאַוו ריימאָנט און עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ, די פּוילישע זשאָרזש עליאָט, וואָס האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און צוגעשיקט עטלעכע אַרטיקלען.

די עקזיסטענץ פון די עטלעכע אויסגאַבן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, „דער יונגטערק", „דער אָריענט", וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז געווען גאָר אַ קורצע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון פוילעניש און פונאַנדערפאַלן זיך פון דער אייראָפּעישער טער־קיי. די, פאַר איר אַזוי אומגליקלעכע מלחמות אויפן באַלקאַן און די מלחמות מיט איטאַליע, האָבן געשאַפן אַ נישט־גינסטיקע לאַגע פאַר אַ ווייטערדיקער ציוניסטישער טעטיקייט אין טערקיי. חוץ דעם האָבן די פליכטן פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אים גערופן צוריק קיין קעלן, וווהין ער איז געפאָרן אָן האַרץ. „כ'קאָן נישט מער פאַרטראָגן און ס'רעגן מיך אויף די אומענדלעכע קריגערייען, האַמפּערנישן, רייסענישן, דערצו נאָך די צרות און דאגות און די פּראָוויזאָרישע לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך — שרייבט ער אין די בריוו צו זיין משפחה — ס'איז מיר שוין נמאס ומאוס געוואָרן מיין וואַנדערנדיק לעבן, דאָס נע־ונדעווען. איך אַרבעט פאַר דער אידייע, כ'האָב אָבער נישט קיין שום סאַטיספאַקציע און באַפרידיקונג פון דער אַרבעט. וואָרעם כ'בין אָפּהענגיק אין דער אַרבעט פון מענטשן, מיט וועלכע כ'בין נישט מסכים. כ'בענק נאָך אייך. דערצו נאָך דאָס קומען צוריק קיין קעלן. כ'פיל אַ פאַרמעלן עקל צו דייטשלאַנד. און צו דעם אַלעמען האָב איך נישט קיין איינהייטלעכע אַרבעט. דאָס צע־

ברעכט מיך אויף שטיקער. איין מאָל מוז איך שרייבן אויף דייטש, אַ צווייט מאָל אויף ענגליש, אָדער גאָר פראַנצויזיש".

אין די יאָרן פון איינזאַמקייט, ווען ער איז געווען ווייט פון זיינע נאָענטע, האָט דער פאָטער זיך באַמיט אָראָפּצוברענגען צו זיך איינס פון זיינע קינדער וואָס האָבן זיך געלערנט אין אויסלאַנד. די אָנוועזנהייט פון אַזאַ קינד האָט אים תמיד פאַרשאַפט פרייד און צוגעגעבן כוח און מוט, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. זייענדיק אין טערקיי האָט אים דאָרט באַגלייט אַ געוויסע צייט זיין טאָכטער מרים. זיי האָבן דעמאָלט צוזאַמען מיט זשאַבאָטינסקין און יאַקאָבסאָנען געוווינט אויף דעם אינדזל פּרינקיפּאָ.

אין אָקטאָבער איז סאָקאָלאָוו צוריק אָפּגעפאָרן קיין קעלן. ער האָט ווייט נישט באַדויערט די צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביים באָספּאָר און מיט צופרידנקייט שפּעטער דערמאָנט די טערקישע יידן, צווישן וועלכע ער האָט געפונען פיל פון זיינע אַלטע לייענער. ער האָט צו זיי גערעדט אויף העברעיש, וואָס עס האָט געמאַכט אויף זיי אַ געוואַלטיקן רושם. ס'האָט אים זשענירט, ווען די ספרדישע יידן האָבן אים געמאַכט איבערגעטריבענע שבחים און לויבגעזאַנגען. ס'האָט אים אויך נישט געזשאַלעוועט קיין שבחים דער חכם פּאַשאַ, וואָס איז געווען אַנטציקט פון זיין העברעיש און אים באַצייכנט אַלס דעם מאָדערנעם ישעיה.

אין זיינע רעדעס צו די ספרדישע יידן האָט דער פאָטער תמיד אונטערגעשטראָכן, אַז נישטאָ ביי אים קיין אונטערשיד צווישן ספרדים און אשכנזים. „וואָס באַדייטן דען די דאָזיקע ווערטער ? — האָט ער געפרעגט — ווען איר וועט זיך אַ ביסל פאַרטראַכטן, וועט איר לייכט באַגרייפן, אַז מיר ציוניסטן, מוזן איבעררייסן מיט דער דאָזיקער קלאַסיפיקאַציע. די ספרדים שטעלן מיט זיך פאָר די יידישע אָפּשטאַמלער פון גירוש־שפּאַניע. די אשכנזים, ווידער, זענען די אָפּשטאַמלער פון די פאַרטריבענע יידן פון דייטשלאַנד. די חשמונאים זענען נישט געווען, נישט קיין ספרדים און נישט קיין אשכנזים".

אין די דערינערונגען וועגן סאָקאָלאָוון פון יענע צייטן באַשרייבט ד"ר אויערבאַך, איינער פון זיינע ציוניסטישע חברים, פאַלגנדיקע סצענע, וואָס ער אַליין האָט בייגעוווינט: „אין ערשטן טאָג פון יום־טוב שבועות איז ער

אַוועק מיט סאָקאָלאָוון צו די קאַראַימער, אין זייער שול. קיינער האָט אים דאָרט נישט געקענט. ער האָט מיטגעדאַוונט מיט זיי, לויט זייער שטייגער, זיצנדיק אויפן טעפּיך. דערנאָך האָט ער גערעדט צו זיי, מיט דער שפּראַך פון תנ״ך און צעפלאַקערט די בענקעניש צו ארץ ישראל פון אירע זין, וואָס האָבן נישט געטיילט דעם גורל פון אונדזער פאָלק אין גלות, און ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, ווי אַ ברודער און פריינד״.

דער באַשלוס איבערצורייסן מיט דער אַרבעט אין קעלן, איז ביי סאָקאָלאָוון רייף געוואָרן זייט אַ לענגערער צייט. אָנהויב יאַנואַר 1910, תיכף נאָכן האַמבורגער קאָנגרעס, אויף וועלכן וואָלפסאָן האָט אָפּגעהאַלטן זיין פּירוס־זיג, האָט סאָקאָלאָוו זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע פון זיין אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר. ער האָט זיך פולשטענדיק געהאַט סאָלידאַריזירט מיט דער אָפּאָזיציע, וואָס האָט געפאָדערט צו מאַכן אַ סוף צו די פּרוכטלאָזע ביוראָקראַטיש־דיפּלאָמאַטישע מעטאָדן פון הערצלס דערפאָלגלאָזע נאָכפאָלגער און עפּיגאָנען, מער צו פאַרטיפן די באַוועגונג אידעיש און קולטורעל, אָבער פאַר אַלעמען צו מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון שעפערישער טעטיקייט אין ארץ־ישראל. „כ׳בין געשטאַנען פאַר דער דילעמע, — שרייבט ער אין זיין נאָטיץ־בוך — פאַרראַטן דעם ציוניזם, אָדער שיידן זיך מיט דער איצטיקער לייטונג פון דער אָרגאַניזאַציע. כ׳האָב אויסגעקליבן דאָס צווייטע. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן״.

קאַפּיטל 14

אַ בן־חמשים

נחום סאָקאָלאָוו איז שוין אַ בן חמשים. ער זעט אָבער אויס און פילט זיך פיל ייִנגער. דאָס געזיכט נאָך גלאַטיק, די הויט אַ פרישע, אָן שום סימנים פון איינדאַרן און איינשרומפן. קיין איין גרויע האָר אויפן קאָפּ. דער זעלבער שאַרפער בליק, מילדער שמייכל און פערלדיקע שפּראַך. גאָרנישט האָט זיך ביי אים געענדערט. בלויז די באַוועגונגען און די טריט זענען געוואָרן לאַנגזאַמער. ער ווערט אויך אָפּטער צעטראָגן, פאַרקלערט. אין זיינע כסדרדיקע נסיעות האָט ער אָנגענומען אַן אַלזייטיקן קאָסמאָפּאָליטישן שליף. דורך און דורך אַן אייראָפּעער, וועלטלעך אין זיינע מאַנירן, אינעם באַנעמען און גאַנצן לעבנס־שטייגער. אויב מען קאָן עמעצן פאַרוואָרפן פּראָווינציאַ־ליזם און קליינשטעטלדיקייט, איז עס יעדנפאַלס נישט אים. דוד פרישמאַן האָט אים אַנומלט אָנגערופן — דער גלאָבוס. פון צווישן אַלע יידישע שריי־בער איז ער דעמאָלט דער גרעסטער גלאָב־טראָטער און אייגנטלעך גלות־אַפריכטער. הונדערטער טויזנטער לייענער האָבן נאָכגעפאָלגט זיינע נסיעות. שוין דעמאָלט האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם וואַנדערנדיקן אַמבאַ־סאַדאָר פון יידנטום. אויפן געזונט האָט ער זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן, בלויז דער פינגער פון דער רעכטער האַנט טוט אים וויי פון אומאויפהערלעכן שרייבן.

אויף פיליכאָווסקיס פאָרטרעט פון יענע צייטן זעט מען סאָקאָלאָוון ביי זיין שרייבטיש, פאַרלייגט מיט ביכער. ער האָט אויף זיך אַ סאַמעטן רעקל — זיין באַליבט מלבוש ביי דער אַרבעט — ביי דער זייט שטייען בלומען און אַליין זעט ער אויך אויס בליענדיק, גענוי ווי אַמאָל אין זיין שרייב־צימער אויף מאַריאַנסקאַ.

דער קריזיס אינעם פּערזענלעכן לעבן פון סאָקאָלאָוון, וועגן וועלכן איך האָב געשריבן, האַלט זיך ביים ענדיקן. ווי פון די פריערדיקע שווערע צייטן,

אַזוי גייט ער אויך איצט אַרויס נאָך מער פאַרהאַרטעוועט און באַוואָפנט צום ווייטערדיקן קאַמף אינעם לעבן. דאָס ווידעראויפלעבן פון דער „הצפירה" גיט אים אַ גרויסע, מאָראַלישע באַפרידיקונג. נאָך אַן איבעררייס פון פינף יאָר באַנייט ער ווידער זיינע אַרטיקלען און באַרימטע שבתדיקע פעליעטאָ־נען. די צייטונג גייט גוט, הגם זי קאָן שוין נישט שפּילן יענע פירנדיקע ראָל פון אַמאָל. די קערנער, וועלכע סאָקאָלאָוו האָט אַזוי ברייטהאַרציק גע־וואָרפן, זענען געפאַלן אויף אַ גינסטיקן באָדן. די העברעישע פּרעסע האָט זיך שנעל אַנטוויקלט. דאָס אויפלעבן פון דער תנ"ך־שפּראַך איז געוואָרן אַ פאַקט, וואָס האָט אַרומגענומען אַלץ ברייטערע מאַסן. דאָס איז אָבער נאָך אַלץ געווען בלויז דער אָנהויב.

וואָס איז ציוניזם?

דער ציוניזם האָט נאָך עטלעכע יאָר פון רעלאַטיווער פאַרשטאַרטקייט און אומבאַוועגלעכקייט געוואָרט אויף אַ נייעם אימפּולס און שטויסקראַפט. דער דאָזיקער אימפּולס האָט געקאָנט קומען בלויז פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

דעמאָלט טאַקע האָט סאָקאָלאָוו אָנגעשריבן אַ בראָשור אין דער דייטשער שפּראַך א. נ. „וואָ שטעהן וויר יעטצט אונד וואָרום זינד וויר ניכט ווייטער געקאָממען". די בראָשור האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. סאָקאָלאָוו האָט דאָרט פאָרמולירט זיין מיינונג וועגן די סיבות פון קריזיס אינעם ציוניזם. דאָס איז געווען אַ שאַרפע קריטיק פון דער ריכטונג, וואָס די מערב־אייראָפּעישע ציוניסטן, און בפרט די פון דייטשלאַנד, האָבן אָנגענומען. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער ציוניזם זאָל זיך דער עיקר שטיצן אויף דער אָרגאַניזאַציע, אינסטיטוציעס און דיפּלאָמאַטישע אַקטיוויטעטן. דאַקעגן זענען זיי געווען גלייכגילטיק און אַפילו זיך באַצויגן מיט ביטול צו דער קולטור־אַרבעט אין גלות, וואָס זיי האָבן באַטראַכט אַלס אַ צווייט־ראַנגיקן ענין. די דאָזיקע ריכטונג האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט גענוגנדיק דערשאַצט די אימפּאָנדעראַביליען פון דער יידישער פּסיכיק. „דער ציוניזם — שרייבט סאָקאָלאָוו — איז נישט קיין אָרגאַניזאַציע נאָר אַ פולסירנדיק יידיש האַרץ. מוז מען ווידמען די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויף צו דערציען די יידישע מאַסן. מען מוז אויפוועקן אין זיי דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטגעפיל, אָבער דאָס וועלן נישט באַוויזן אַפילו די סאַמע אויסגעשולטסטע ביוראָקראַטן און רעכנמייסטערס. מיר זענען געגאַנגען צום ציוניזם אינעם גייסט פון יהודה הלוי, מיט אַ גרויסער ליטעראַרישער ירושה, מיט אַ באַפרוכפּערטער שפּראַך, מנהגים, טראַדיציעס און נאַציאָנאַלער קולטור. אַנשטאָט דעם, גיט מען אונדז אינ־

סטיטוציעס, קאָמיסיעס אאַז״וו. די יעניקע, וואָס ווילן דעם ציוניזם פאַר־וואַנדלען אין אַזאַ ענלעכע אינסטיטוציע, ווי דאָס איז, למשל, די „איקאָ״, אָדער „אַליאַנס איזראַעליט״, וועלן אים באַגראָבן. פון זייער שטאַנדפּונקט גענומען, טאָר מען נישט מאַכן קיין שום ענדערונגען אין דער באַוועגונג צוליב דער געפאַר, אַז דער גאַנצער בנין זאָל זיך נישט פונאַנדערפאַלן. דאָס איז אין גאַנצן אַ פאַלשע מיינונג. קיין שום באַוועגונג ווערט נישט פאַרטיק מיט אַ מאָל. גרייט און פאַרטיק איז בלויז דער טויט און נישט אַ לעבעדי־קער אָרגאַניזם. צי זענען דען דער חסידיזם און מתנגדיזם באַשטאַנען פון אַ ביורא מיט באַאַמטע? אונדזער ריכט־ליניע דאַרף זיין די אידעע, אונדזער אָנפירער — די העכערע אינטעליגענץ, אונדזער כוח — די פאָלקס־מאַסן״.

פאַרשטייט זיך, אַז סאָקאָלאָוו האָט נאָך געהאַט אין זיך אַ חוש פאַר פּראַקטישקייט אויף צו קאָנען דערשאַצן די נויטווענדיקייט פון אַן אָרגאַניזאַ־ציע, אָן וועלכער קיין שום באַוועגונג קאָן זיך נישט באַגיין. ער האָט זיך אָבער אַנטקעגנגעשטעלט יעטוועדער איבערטרייבונג. מיטן אינסטינקט האָט ער ווי דערפילט די גרויסע געפאַר, וואָס האָט געשטעקט אינעם קולט פאַר אָרגאַניזאַציע, צענטראַליזאַציע, מאַכט און פאַרטיי־טעכניק. ס׳ווערט גאָר שלעכט, ווען די מכשירים און אינסטרומענטן פון אַ באַוועגונג ווערן דער ציל און צוועק פון דער אידעע. אַלס דער, וואָס האָט געשטרעבט צום רע־נעסאַנס און ווידעראויפלעבונג פונעם פאָלק האָט סאָקאָלאָוו קודם כל גע־לייגט דעם טראָפּ אויף דער באַוועגונג גופא, און נישט אויף אירע פאָרמען. פאַר אים איז געווען וויכטיקער דאָס אויפפלאַקערן פון די משיחישע פונקען, וואָס האָבן נאָך געטליעט אין די יידישע מאַסן, ווי אַ גוט פונקציאַנירנדיקער פאַרטיי־אַפּאַראַט.

אין יאָר 1910 איז סאָקאָלאָוו ווידער אין רוסלאַנד, ווו ער באַזוכט די גרעסערע יידישע צענטערס. נאָך קיין מאָל נישט זענען זיינע רעפעראַטן און רעדעס וועגן ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק, נישט געווען אַזוי אַקטועל, ווי דעמאָלט. דער ציוניזם האָט צו יענע צייטן זיך הויפּטזעכלעך געשטיצט אויף קולטורעלער אַקטיוויטעט. די מעגלעכקייטן פון קאָלאָניזירן ארץ ישראל זענען דעמאָלט געווען גאָר באַגרענעצטע. אין די יאָרן צווישן 1905—1913 האָט די צאָל עולים באַטראָפן לערך צוואַנציק טויזנט, און אַלע פּאָליטיש־

דיפּלאָמאַטישע באַמיונגען אויף אַרויסבאַקומען פון טערקיי דעם „טשאַרטער", האָבן נישט געהאַט קיין רעאַלע אויסזיכטן. ווי די אַנטוויקלונג פון די וויי־טערדיקע געשעענישן האָט געוויזן איז די שטעלונג פון די רוסישע ציוניסטן, מיט וועלכע מיין פאָטער האָט פולשטענדיק מסכים געווען, געווען אַ ריכ־טיקע. אַפילו ביי אַן אידעאַלסטער אָרגאַניזאַציע וואָלט די זאַך זיך נישט גערוקט פאָרויס, ווען אויפן ציוניסטישן האָריזאָנט באַוויזן זיך נישט דע־מאָלט מענטשן, וואָס זענען געווען פעיק אַנצוצינדן, צעוואַרעמען און צע־פלאַקערן דעם ציוניסטישן ענטוזיאַזם אין די פאָלקס־מאַסן, מענטשן, וואָס זענען אַליין געווען באַלעבט און באַהויכט מיט אָט דעם ענטוזיאַזם. נאָך אַ דאַנק זייערע פּאַרזייטע קערנער האָט געקאָנט קומען אַזאַ רייכער שניט. און געווען זענען עס נישט די פּאַרטיי־גדולים נאָר דער אינטעלעקטועלער גלאַנץ פון ווידער אויפלעבנדיקן יידנטום — דענקער, שרייבער, רעדנער און קינסטלער.

אָבער וואָס ווייטער? מיט דער בלויזער קולטור, מיטן בלויזן העברעיש, קאָן מען נאָך נישט דעראָבערן ציון. די דערציונג פון די מאַסן לייזט נאָך נישט דאָס פּראָבלעם. מען מוז זיי אויך פירן צו ציון, קיין ארץ־ישראל, דורך אַ נייעם ים־סוף, נייעם מדבר, ווו אַלע בייזע כוחות און געפאַרן לויערן אויף זיי. ווי באַוויזט מען אַזאַ נייעם וואונדער?

דערצו זענען נויטיק קודם כל קאַדרן און אַן אַרבעט פון פּיאָנערן. אומ־אָפּהענגיק פון דער אויפקלערונגס־אַרבעט אין גלות און דאָס פונאַנדערבויען פון די שוין עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס, מוז מען אַראָפּנעמען קיין ישראל דעם בעסטן מענטשן־מאַטעריאַל, די חלוצים, וואָס דאַרפן שטאַרקן דעם ישוב און ווען ס׳וועט קומען אַ גינסטיקע קאָניוקטור, תיכף קאָנען אונטער־נעמען אַ טעטיקייט אין אַ גרויסן פאַרנעם. דער סענטימענט און דער שכל הישר האָבן דיקטירט אַזאַ האַנדלונג.

ווי האָט דעמאָלט אויסגעזען די מעגלעכקייט פון אַזאַ קאָניוקטור און וואָס האָט געקאָנט באַווירקן, אַז אַזאַ קאָניוקטור זאָל אַנטשטיין? דעם דאָזיקן נס האָט באַוויזן, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, די ערשטע וועלט־מלחמה. דעמאָלט האָט נאָך אָבער ווייניק ווער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די מלחמה וועט אַזוי שנעל אויסברעכן. צווישן די פעלקער, וואָס רוסלאַנד

האָט אונטערדריקט, האָט זיך געפונען בלויז אַ הייפל פּאָליאַקן, אונטער דער אָנפירונג פון יוזעף פּילסודסקי, וואָס האָט אויסגעקוקט מיט ליכט אויף אַזאַ מלחמה, ווי די איינציקע מעגלעכקייט פון באַפרייונג און זיך געגרייט צו איר. מען האָט זיי דעמאָלט באַטראַכט, ווי משוגעים, פאַנטאַזיאָרן.

בעת דער באַלקאַנישער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן, אין יאָר 1913, האָט מאַקס נאָרדוי אויף דער זיצונג פון ענגן אַקציאָנס־קאָמי־טעט פאָרלאַנגט צו באַנייען די דיפּלאָמאַטישע אַקטיוויטעט לטובת דער ציוניסטישער זאַך. סאָקאָלאָוו און זיינע חברים האָבן נישט געמיינט, אַז דאָס איז דער פּאַסיקער מאָמענט פאַר אַזאַ טעטיקייט. „ס׳איז אַ פעלער — האָט ער געשריבן אין אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום — צו מיינען, אַז ס׳האָט שוין אויסגעשאָלט די גרויסע שעה פאַרן ציוניזם, וואָס מיר פאַרטאָכלעוון. די מלוכה־מענער פון אייראָפּע האָבן גענוג אייגענע צרות און האָבן דעריבער נישט אַפילו דעם קלענסטן חשק זיך צו באַשעפטיקן מיט דער יידן־פראַגע און ארץ ישראל". סאָקאָלאָוו האָט זיך דערביי פאַררופן, וואָס אַפילו די אַרמענישע דעלעגאַציע, מיט וועלכער ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג, און וואָס האָט געאַרבעט אין פיל גינסטיקערע באַדינגונגען, האָט אויך גאָר־נישט אויפגעטאָן. דאָס אַפּעלירן צום יושר פון דער וועלט האָט ער געהאַלטן פאַר צוועקלאָז און אַ פשיטא צו די דיפּלאָמאַטן, וואָס וויסן נישט פון קיין יושר.

הומאָר און גלויבן —
צוויי וויטאַמינען פון יידישן פאָלק

סאָקאָלאָוו האָט זיך מיטן גאַנצן ברען געגומען צו דער אויפקלערונגס־אַרבעט, מיט דער הילף פון זיין פעדער און וואָרט, און אייגנטלעך מער מיטן גערעדטן וואָרט, ווי געדרוקטן. ער שפּאַנט איצט אין די טריט פון די גרויסע מגידים און פּרעדיקער פון אַלע ראַסן און רעליגיעס, פון די נביאים ביז צו די היינטצייטיקע פּרעדיקער מיט זייערע לאָזונגען אויסצובעסערן די וועלט. אויך פריער האָט זיך שוין מיין פאָטער געהאַט אויסגעצייכנט אַלס רעדנער. אין זיין טעטיקייט האָט אָבער דאָס ערשטע אָרט פאַרנומען דער שרייבטיש און נישט די רעדנער־טריבונע. דער גרויסער דערפאָלג אָבער וואָס ער האָט געהאַט אַלס רעדנער, האָט אים סטימולירט צו אַלץ אָפטערע אַרויסטרעטונגען און דערמיט איז אויך אַלץ מער געשטיגן זיין רום אַלס רעדנער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געשאָטן איינלאַדונגען, וועלכע ער האָט אָפט מאָל נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

דאָס פאַרבינדן גלויבן מיט הומאָר געהערט צו די זעלטענע קאָמבינאַציעס. זי איז אָבער אַ ספּעציפיש יידישע. הומאָר איז געוויינלעך חומרדיק־ערדיש, איז צונויפגעבונדן מיט דער קעגנוואָרט, מיט אַלע פונקציעס פון דאָיקן לעבן און שטיצט זיך אויף די בליץ־ענדערונגען פון זיינע קאָנטראַסטן. דער גלויבן באַדייט אַ שפּרונג אין דער צוקונפט אויף דער אָדער יענער וועלט. הומאָר איז דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון פרייהייט און רעלאַטיוויטעט, דער גלויבן וואַרפט זיי אונטער די העכערע אַבסטראַקטן, אַבסאָלוטן. הומאָר איז דאָס אויסלאָדן פון אַנטשפּאַנונגען — צום בעסטן זעט מען עס בעתן לאַכן — דער גלויבן איז די סטאַביליזירונג פון דער שפּאַנונג. אָבער אָן גלויבן און אָן הומאָר וואָלטן יידן נישט באַוויזן אויסצוהאַלטן און איבער־האַלטן די טויזנטער יאָרן גלות. דאָס זענען געווען זייערע וויטאַמינען. זיי

האָבן נישט געקאָנט לעבן מיט בלויז טראַגעדיע. אָט די דאָזיקע צוויי עלע־מענטן האָט סאָקאָלאָוו פאַרמאָגט אין זיך בשלמות. זיין אָפּטימיזם, געבענטשט מיט הומאָר, האָט אויסגעשטראַלט אויף די יידישע מאַסן. אָט פאַר וואָס מען האָט אים אַזוי גערן געהערט און געהאַט הנאה פון זיינע רעדעס, וואָס זענען אָפט געשטאַנען, אפשר, אויף אַ צו הויכן ניוואָ, ווארעם ס׳איז דאָך נישט געווען מער, ווי אַ פאָלקס־מיטינג.

אין יאָר 1910 איז דער פאָטער אין אָדעס, אַלס גאַסט פון יידישן שרייבער־פאַרבאַנד, וועמענס פאָרזיצער עס איז געווען שמעון פרוג. דאָרט האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט דער סמעטענע פון די רוסיש־יידישע שרייבער און ציוניסטן, אוסישקין, ביאַליק, קלויזנער, זשאַבאָטינסקי, ספיר און פיל אַנדערע פּאָפּולערע געשטאַלטן האָבן געהערט צום קאָמיטעט, וואָס האָט, לכבוד אים, איינגעאָרדנט אַ האַרציקן קבלת פנים. אָדעס האָט געהערט צו די שטעט מיט אַ גרויסער ציוניסטישער טראַדיציע. סאָקאָלאָוו האָלט דאָ עטלעכע רעפעראַטן אויף העברעיש וועגן יידישער קונסט, ליטעראַטור, ספרדישע יידן. ער האַלט אַ רעדע צו אַ גרופּע סטודענטן, וואָס איז עולה קיין ארץ־ישראל. אומעטום, וווּ ער באַווייזט זיך, ווערט ער באַגריסט און אויפגענומען ווי אַן אַלטער פריינד. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אויך אין אַנדערע שטעט. אין פעטערבורג, אויף אַ זיצונג פון דער היסטאָריקער־געזעלשאַפט, וווּ דער פאָרזיצער איז דער באַרימטער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, האַלט ער אַ לעקציע וועגן דער יידישער עמאַנציפּאַציע אויפן מערב. אַלע קוקן אויף סאָקאָלאָוון נישט נאָר, ווי אויף אַ ציוניסטישן מנהיג, נאָר אויך, ווי אויפן פאָרשטייער פון גאַנצן יידנטום.

ס׳האָט אַנומלט עמעצער זיך אויסגעדריקט, אַז „ווען די אומרו פון וואָנט־זייגער שאָקלט זיך, שאָקלען זיך די יידן נאָך מער". דאָס האָט זיך תמיד איבערגעחזרט רעגולער בעת די כלערליי קריזיסן, וואָס האָבן צום שטאַרקסטן געטראָפן אין די יידן. וואָס אָן אמת זענען די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה מער קיין פּאָגראָמען אין רוסלאַנד נישט געווען. די רדיפות און נגישות האָבן אָבער ווייטער אָנגעהאַלטן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווען סטאָליפּין איז געווען פרעמיער־מיניסטער, און די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נאָך מער פונאַנדערגעגאָסן

איבער רוסלאַנד, ווען דער ייד באַגראָוו האָט אין נאָוועמבער 1911, בעת אַ פֿייערלעכער פֿאָרשטעלונג אין דער קיעווער אָפּערע, אין דער אַנוועזנהייט פֿון צאַר ניקאָליי דעם צווייטן, דערשאָסן סטאָליפּינען.

ס'איז מיר פֿאַרבליבן אין זכרון פֿון יענע צייטן אַ געוויסער נישטיקער אָבער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר די דעמאָלטיקע פֿאַרהעלטענישן אין רוס־לאַנד אינצידענט. דער פֿאָטער איז אין יאָר 1911 ווידער אין פּעטערבורג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אייראָפּעישן האָטעל. ער פֿלעגט, אָבער, אויך אָפּט אַריינפֿאַלן צו מיר, אין מיין סטודענטישן צימער. אַ געוויסן אָוונט, ווען כ'בין געזעסן איבער די לערן־ביכער און זיך געגרייט צום עקזאַמען, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שאַרפֿער קלונג פֿון טירגלעקל. אַזאַ קלינגען האָט נישט געהערט צו די אָנגענעמע זאַכן. גיכער פֿון אַלץ האָט עס באַדייט אַ וויזיט פֿון דער פּאָליציי, מיט וועלכער יעדער סטודענט האָט זיך געהאַט זיינע חשבונות. כ'עפֿן אויף די טיר. פֿאַר מיר שטייט אַ הויכער אָפֿיציר, מיט לאַנגע, דיקע וואָנסעס אונטער דער נאָז. דאָס איז דער אַטאַמאַן פֿון דער קאָזאַקישער לייב־גוואַרדיע פֿון צאַר.

— צי האָב איך דעם כבוד צו רעדן מיט נאָום אָסיפּאָוויטש סאָקאָלאָוו?

— פֿרעגט ער. כ'ענטפֿער אים, אַז דער פֿאָטער וווינט נישט דאָ, נאָר אויב ער האָט מיר עפּעס וואָס איבערצוגעבן פֿאַרן פֿאָטער, וועל איך עס גערן דערליידיקן. „דאָס איז אַ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט”, זאָגט ער עפּעס אַזוי געהיימנישפֿול. איך ווער אומרויִק. דער אָפֿיציר באַרויִקט מיך און שטעלט זיך פֿאָר פֿאַר מיר. דער נאָמען פֿון זייער אַ באַקאַנטער משפּחה פֿון די באַלטישע באַראָנען. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז דער ענין ווירקלעך געווען שוין גאָר אַ פּריוואַטער און אַ דעליקאַטער. ער איז געקומען אַלס אַ פֿאַרמיטלער ביים פֿאַרקויפֿן אַ בילד, כלומרשט פֿון גאָר אַ גרויסן רוסישן קינסטלער. דאָס בילד האָט פֿאָרגעשטעלט אַ סצענע פֿון אַ ריטועלן מאָרד, וואָס יידן זענען כלומרשט באַגאַנגען. פֿאַרן בילד פֿאָדערט מען הונ־דערט טויזנט רובל, און דערביי האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז אין פֿאַל, ווען דאָס געשעפֿט וועט נישט צו שטאַנד קומען, וועט דאָס בילד עפֿנטלעך אויסגעשטעלט ווערן. פֿאַרשטייט זיך, אַז סאָקאָלאָוו האָט, ווי געהעריק ליק־ווידירט דעם דאָזיקן אָנבאָט פֿון אַ שאַנטאַזש־כאַראַקטער.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער פֿאָטער אין אַ קרייז פֿון זיינע פֿריינד, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען דער מאָסקווער אויבער־ראַבינער מאַזאַ, דערציילט די דאָזיקע געשיכטע. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע וועגן דעם, ווי רעלאַטיוו עס איז קאָרופּציע. אין לענדער, ווו עס הערשן שלעכטע געזעצן, קאָן אַ מאָל אַן ערלעכער ריכטער גאָר זיין אַ שעדיקער, דאָקעגן כאַבאַר — אַ ברכה. דעם ערלעכן לוט איז נישט געלונגען צו ראַטעווען סדום פֿון פֿאַרניכטונג. אויף זייער אייגענער הויט האָבן יידן נישט איין מאָל געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן וועגן דער ריכטיקייט, וואָס שטעקט אין אָט די פּאַראַדאָקסן. שטעקגעלט און לאַפּוווקע איז פֿאַר די צאַרישע צייטן געווען אַן אַנגענומען „געזעץ״, אַ בויטוועגדיקער קאָרעקטיוו, אָן וועלכן דער גורל פֿון די פֿאַרפֿאָלגטע יידן וואָלט געווען נאָך פֿיל ערגער. אַן אַלטער „טשינאָווניק״ (באַאַמטער) אין איינער פֿון טורגעניעווס דערציילונגען דריקט זיך אויס, אַז כאַבאַר איז נישט בלויז אַ מענטשלעכע זאַך, נאָר דאָס קאָן מען זען אויף טריט און שריט אין דער נאַטור. יעדע בין נעמט זיך צו פֿון יעדן בלימעלע איר לאַפּוווקעלע. כ׳ווייס נישט, וואָס עס איז געווען דער סוף מיט יענעם בילד. אָבער איינס איז קלאָר, אַז דאָס אָפּקויפֿן דאָס דאָזיקע בילד, וואָלט זיכער נישט פֿאַרהיט די יידן פֿונעם באַרימטן עלילת־דם־פּראָצעס קעגן ביילּיסן.

אין אַקציאָנס־קאָמיטעט

אין האַרבסט 1911 אויפן צענטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל זענען די דעבאַטן, אויף דער איניציאַטיוו פון סאָקאָלאָוון, טיילוויז געפירט געוואָרן אויף העברעיש. דער קאָנגרעס האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס, אין וועלכע ס'איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נויטווענדיקייט פון אַנט־וויקלען די נאַציאָנאַלע שפּראַך און קולטור. דערמיט האָט די ריכטונג, וואָס האָט צוגעשריבן די גרעסטע באַדייטונג דעם גייסטיקן רענעסאַנס פון יידנטום, אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון. סאָקאָלאָוו איז אַריין אין ענגערן אַקציאָנס־קאָמיטעט. דאָס האָט אים געעפנט אַ פעלד פאַר גאַר אַן אינטענסיוועד טע־טיקייט, לויט דער ליניע, וואָס ער האָט זיך געהאַט אָנגעצייכנט און איז דערביי געווען פיל פרייער אין זיינע האַנדלונגען. די ציוניסטישע צענטראַלע איז איבערגעטראָגן געוואָרן פון קעלן קיין בערלין און אין שייכות דערמיט האָט מיין פאָטער געהאַט פּלענער פון אַראָפּברענגען אַהין זיין גאַנצע משפחה פון וואַרשע.

ער האָט אָבער נישט געקאָנט שנעל און ענדגילטיק זיך באַשליסן אויף דעם שריט. פיל ענינים האָבן אים נאָך אַלץ געבונדן מיט פּוילן. אין אַפּריל 1912 האָט מען אין וואַרשע געפייערט דעם פופציק־יאָריקן יובל פון דער „הצפירה", וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַניפעסטאַציע פון ליבע און איבערגעגעבנקייט צו דער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור. חוץ דעם האָט סאָקאָלאָוו באַשלאָסן צום צווייטן מאָל אַרויסצושטעלן זיין קאַנדי־דאַטור אַלס דעפּוטאַט צו דער רוסישער דומע. אין שייכות דערמיט איז ער עטלעכע מאָל געקומען קיין פּוילן. ער איז אָבער מער געווען באַשעפטיקט מיט די וואַלן אין וואַרשע, ווי אין זיין ביאַליסטאָקער קרייז, וווּ ער איז געווען קאַנדידאַט. די יידן אין וואַרשע האָבן נישט געהאַט קיין שום אויס־זיכטן אויף דורכצופירן זייער אייגענעם דעפּוטאַט. צוליב דער צעשפּלי־

טערטקייט פון די פּוילישע שטימען האָבן זיי אָבער געקאָנט דעצידירן וועגן אויסגאַנג פון די וואַלן. צום קאַמף האָבן זיך געשטעלט צוויי פּוילישע קאַנדידאַטן. איינער פון זיי איז געווען קוכאַזשעווסקי, וועמען ס'האָט אַרויסגעשטעלט דער פּוילישער פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער בלאָק, וואָס האָט צוזאַמען מיט קוכאַזשעווסקין זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן אָנערקענען גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן. דער צווייטער איז געווען דער סאָציאַליסט יאַגיעלאָ, קאַנדידאַט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויף די יידישע עלעקטאָרן (די וואַלן זענען געווען צווייגראַדיקע) האָט מען דעמאָלט אויסגעאיבט כלערליי מאָראַלישע דרוקן, אַז זיי זאָלן נישט פּראָוואָצירן די מערהייט פון דער פּוילישער עפנטלעכער מיינונג, דערמיט, וואָס זיי וועלן שטימען פאַרן סאָציאַליסט יאַגיעלאָ. סאָקאָלאָוו האָט זיך באַטייליקט אין די באַראַטונגען פון די יידישע עלעקטאָרן, וואָס האָבן זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיין מיינונג. די יידן האָבן, טראָץ אַלע דראָונגען פון די פּאָליאַקן, זיך פאַר זיי נישט דערשראָקן און מאַסנוויז געשטימט פאַר יאַגיעלאָ. דערביי האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אַ געגויעם חשבון פון די שווערע קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס וועט ברענגען מיט זיך. זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר זייערס אַ מאָראַלישן חוב, פאַר אַן ערנפראַגע פון פּוילישן יידנטום, נישט צו דערלאָזן, אַז קוכאַזשעווסקי זאָל אויסגעוויילט ווערן. דער זיג פון יאַגיעלאָ איז געוואָרן דער סיגנאַל אויף צו פּראָקלאַמירן דעםווירטשאַפטלעכן בויקאָט אויף יידן, וואָס עס האָט באַלד אונטערגענומען די מעכטיקע ענדעקישע פּאַרטיי (פּוילישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) און דער אָנהויב פון אַן אָרגאַניזירטער אין גראַנדיעזן מאַסשטאַב אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין פּוילן. ביי די יידן האָט דאָס פאַרשטענדלעך אַרויסגערופן אַ נאַטירלעכע רעאַקציע פון זעלבסטשוץ. אַפילו דער טייל פון די שוין פון לאַנג אַסימילירטע קרייזן האָט גענומען גייך אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

אין ביאַליסטאָקער קרייז, ווו מיין פאָטער האָט קאַנדידירט, האָט זיך איבערגעחזרט צום צווייטן מאָל די זעלבע געשיכטע, ווי אין יאָר 1907. די נייע וואַל־אָרדינאַציע איז פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געווען נאָך אַן ערגערע, ווי פריער. דער פאָטער איז אין דער ערשטער אָפּשטימונג

לייכט אַדורך. דעם מאַנדאַט אין דער דומע האָט ער אָבער נישט באַקומען צוליב די שיקאַנעס און שוועריקייטן מצד דער רעגירונג.

צו יענער צייט האָט זיך פּלוצים אויפֿן האָריזאָנט פֿון אונדזער משפּחה באַוויזן סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, דער אַמאָל אַזוי אָנגעזעענער פּוילישער און אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט, איינער פֿון די גרינדער פֿון דער פּויל־שער סאָצ. פּאַרטיי. מיט פֿיל יאָרן פֿריער, האָט אים מיין פֿאָטער צום ערשטן מאָל געטראָפֿן אינעם הויז פֿון זיין פֿריינד ד״ר גוסטאַוו קאַרפּעלעס, וואָס איז געווען זיין שוואָגער. שפּעטער האָבן זיי זיך אָבער מער נישט געזען. מענ־דעלסאָן איז געווען אין די זעלבע יאָרן, וואָס דער פֿאָטער. אַ זון פֿון אָנגע־זעענעם נגיד און עושר, וואָס האָט געהערט צו די פּני העיר, ר׳ וואָלף מענדעלסאָן, האָט ער פֿון זיינע יינגסטע יאָרן זיך באַטייליקט אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די פּאָליציי האָט אים געזוכט און ער האָט געמוזט אַנטלויפֿן פֿון פּוילן קיין אויסלאַנד, ווו ער האָט פֿאָרגעזעצט זיין טעטיקייט. די האַנט פֿון דער צאַרישער פּאָליציי האָט אים אָבער אומעטום דערגרייכט און פֿאַרפֿאָלגט. די צאַרישע רעגירונג האָט געפֿאָדערט מען זאָל איר אַרויסגעבן מענדעלסאָנען. ער איז געזעסן אין די תּפֿיסות פֿון דייטשלאַנד און עסטרייך. דערנאָך איז ער אָנגעקומען קיין פּאַריז, ווו ער האָט שטודירט און געענדיקט די שול פֿון פּאָליטישע וויסנשאַפֿטן. אין פֿראַנקרייך האָט ער געלעבט אַ לענגערע צייט און געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אויפֿטרעטנדיק אויף פֿיל קאָנגרעסן.

אָבער אויך אין פּאַריז האָט אים פֿאַרפֿאָלגט די געהיימע צאַרישע פּאָליציי. ער האָט אויך געמוזט פֿאַרלאָזן פּאַריז, טראָץ דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גלענצנדיקן פּאַרטיידיקער, דעם שפּעטערדיקן פֿראַנצויזישן מלוכה־פּרעזידענט מילעראַנד. ער האָט זיך באַזעצט אויף פֿעסט אין ענגלאַנד, געוואָרן דאָרט אַן אַדוואָקאַט און אַרויסגעגעבן דעם פּוילישן סאָציאַליסטישן אָרגאַן „פּשעדשוויט״ (באַגינען), זייענדיק זיין הויפּט־פּובליציסט. מענדעל־סאָן האָט נאָך באַוויזן זיך צו באַקענען מיט קאַרל מאַרקס און זיך באַפֿריינדן מיט זיינע איידעמס אַוועלינג און לאַנגוסט, ווי אויך מיט פֿיל אַנדערע דע־מאָלטיקע ענגלישע סאָציאַליסטן.

מיטן לויף פון די יאָרן האָט מענדעלסאָן צוזאַמען מיט עדוואַרד בערנ־שטיין רעווידירט זיינע אָנשויונגען און איבערצייגונגען — ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין דאָקטרינער — בכדי ענדגילטיק איבערצורייסן מיט זיין פּאַרטיי, הגם ער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן פריינדלעכע באַציִונגען מיט עטלע־כע פון אירע אָנפירערס. נאָך פיל יאָרן האָט זיך אים פּאַרבענקט נאָך זיין היימלאַנד און ער איז צוריק געקומען קיין פּוילן, פריער קיין קראָקע און לעמבערג, און געניסנדיק פון דער אַמנעסטיע ענדלעך קיין וואַרשע.

אין פּוילן האָט ער באַלד באַקומען אַ שם אַלס ערשטראַנגיקער פּובלי־ציסט, וואָס קעמפט מיט דער רעאַקציע. ער איזווירקלעך געווען אַן אויס־געצייכנטער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער שרייבער. זיין „געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע" איז געוואָרן איבערגעזעצט אויף עטלעכע שפּראַכן. אַ פיינער אין באַנעמען זיך, מיט פיל קולטור, דערצו נאָך תמיד עלעגאַנט, האָט ער דערמאָנט מיט זיך דעם טיפּ פון אַן ענגלישן דזשענטעלמען אין העכסטן זין פון וואָרט. אַלזייטיק געבילדעט און אויסערגעוויינלעך אינטע־רעסאַנט, האָט מענדעלסאָן געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע מען קאָן נישט פאַרגעסן. אַזאַ רייץ האָט ער געהאַט. זיין ראַדיקאַליזם און איבערצייגונגען האָט זיך געפּאָרט מיטן אַריסטאָקראַטיזם פון גייסט און מאַניערן. ער האָט געהאַט אַ קרישטאָל ריינעם כאַראַקטער און נישט פאַר־טראָגן קיין קאָמפּראָמיסן אָדער צו זיין אָפּהענגיק.

אין יאָר 1912 האָט מענדעלסאָן חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער מרים. ער גיט אַרויס אין וואַרשע די פּוילישע צייטונג „פּשעגלאָנד צאַדזשע־נני", פון אַ ראַדיקאַל־פּראָגרעסיוון כאַראַקטער, וואָס טרעט אַרויס אין שוץ פון די יידן. מענדעלסאָן, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען ווייט פון יידנטום און נישט געקומען אין באַרירונג מיט דער יידן־פראַגע, געפינט זיך מיט אַ מאָל אין סאַמע צענטער פון די יידישע ענינים פון וואַרשע, דערצו נאָך אין זייער אַ קריטישן מאָמענט, ווען די פּוילישע פּרעסע הויבט אים אָן געוואַל־טיק צו אַטאַקירן און וואַרפט אים פאָר, אַז שטעלנדיק זיך אויף דער זייט פון די יידן, איז ער געוואָרן אַ שונא פון די פּאָליאַקן. מיט פאַראַכטונג האָט מענדעלסאָן אָפּגעשטויסן די אַלע העסלעכע אָנגריפן אויף אים. ס'האָט זיך אויפגעוועקט אין אים דער אַלטער קעמפער. מיט זיין גאַנצן טעמפּעראַמענט

און ענערגיע האָט ער זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט און אין משך פֿון אַ קורצער צייט האָט זיין צייטונג זיך דערוואָרבן אַ גרויסן לייענער־קרייז.

אין יענער צייט האָט סאָקאָלאָוו געלעבט אין לאָנדאָן, פֿון וואַנען ער פֿלעגט צושיקן צו מענדעלסאָנס צייטונג קאָרעספּאָנדענצן און פֿעליעטאָנען און זיך נישט אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער צייטונג פֿון זיין אידעם. מענדעלסאָנען איז געלונגען צו גרופּירן אַרום זיך עטלעכע פֿעיקע זשורנאַליסטן און אַליין האָט ער געשריבן די טעגלעכע לייט־אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ניוואָ, סטיל און דער עיקר מיט ציווילן מוט. מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט האָט ער אָנגעגריפֿן און אָן רחמ־נות דעמאַסקירט די „ענדעקעס״, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס אַן אומ־גליק, סיי פֿאַר יידן און סיי פֿאַר פּאָליאַקן. גאַנץ ספּעציעל האָט ער גע־צאָרנט און געשפּריצט מיט פֿייער, ווען ס׳זענען באַגאַנגען געוואָרן עוולות לגבי דער יידישער אָרעמקייט, וואָס האָט צום שטאַרקסטן געליטן פֿון בויקאָט.

כ׳דערמאָן זיך אַ סצענע פֿון יענע צייטן. אין דער רעדאַקציע איז אַריינ־געקומען אַן אַלטער יידישער טרעגער פֿון בריוו, אָדער קליינע פּעקלעך. אין וואַרשע האָט מען אַזאַ איינעם גערופֿן „פּאָסלאַניעץ״. זייט צענדליקער יאָרן איז אָט דער אָפּגעבער געשטאַנען אויפֿן טעאַטער־פּלאַץ, ערלעך און געוויסנהאַפֿט אויסגעפֿירט זיין באַרוף. נאָכן פּראָקלאַמירן דעם בויקאָט אויף יידן,האָט דער דאָזיקער „פּאָסלאַניעץ״ פֿאַרלוירן זיינע קליענטן און גענומען הונגערן. מענדעלסאָן האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן, און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן ווען דער אַלטיטשקער „פּאָסלאַניעץ״ אין זיין רויט היטל מיטן בלעכערנעם נומער, האָט זיך פֿאַר אים באַקלאָגט, ווי ער ליידט הונגער צוליבן בויקאָט. ער האָט מיר געהייסן תיכף אָנשרייבן אַן אַרטיקל און נאָך צוגעגעבן פֿון זיך עטלעכע שטאַרקע זאַצן, אין וועלכע ער האָט אַפּעלירט צו די לייענער צו העלפֿן דעם קרבן פֿון בויקאָט. דער עפֿעקט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. פֿון אַלע זייטן האָט געגומען שיטן מיט געלט, פֿון יידן און פּאָליאַקן.

די צייטונג האָט זיך גלענצנדיק אַנטוויקלט און אָנגעהויבן צו באַווירקן די עפֿנטלעכע פּוילישע מיינונג. די פֿיבערהאַפֿטע אַרבעט און די אומאויפֿ־הערלעכע נערוון־שפּאַנונג האָבן אָבער אַ תל געמאַכט פֿון זיין געזונט. סוף

יולי 1913 איז ער פּלוצים געשטאָרבן, זיצנדיק ביים שרייבטיש איבערן טעגלעכן לייט־אַרטיקל. אַ ריזן־עולם האָט באַגלייט צו דער אייביקער רו אָט דעם גייסטרייכן און צאַרטהאַרציקן מענטש, וואָס האָט ווי אַ מעטעאָר אַ בליץ געטאָן אויפן וואַרשעווער הימל און באַלד פאַרלאָשן געוואָרן. נאָך אַ פאַדעם האָט זיך אָפּגעריסן, וואָס האָט פאַרבונדן אונדזער משפחה מיט פּוילן.

אין זיינע דעמאָלטיקע וואַנדערונגען האָט סאָקאָלאָוו אויך באַזוכט רומע־ניע און אַנדערע באַלקאַנישע לענדער. די רומענישע יידן האָבן אים אויפ־גענומען נישט ווייניקער האַרציק, ווי די יידן פון פּוילן, אָדער רוסלאַנד. אומעטום קומען צו אים מאַסן — זיינע פאַרערער. „גאַנצע שטעטלעך, גאַנץ קהל מיט די נאמנים און דאַזארעס, יונג און אַלט, וואַרט מיך אָפּ אויף דער באַן־סטאַציע״, שרייבט ער אין די בריוו צו זיין משפּחה. — „דער ענטוזיאַזם איז אומבאַשרייבלעך. מען היט מיך, ווי אַן אויג אין קאָפּ. די דאָזיקע נסיעה איז אפשר געווען פאַר מיר אַ צו גרויסע פיזישע אָנשטרענגונג. מיין מאָראַ־לישע סאַטיספאַקציע האָט אָבער באַלוינט די מידקייט״. אין רומעניע האָט אים תמיד באַגלייט אַ ציוניסטישע וואַך, וואָרעם גראָד בעת זיין אויפהאַלט זענען פאָרגעקומען אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציעס.

סאָקאָלאָוו איז ווידער אין לאָנדאָן, בעתן זומער פון יאָר 1912. ער שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיטן פאָריין־אָפיס (אויסערן־מיניסטעריום). צוליב די אַלע שטאַרקערע רדיפות אויפן ציוניזם אין רוסלאַנד איז אַנטשטאַ־נען אַ געדאַנק פון אַ נייער אינטערווענץ פון וויכטיקע אויסלענדישע ספערן. ס'איז געפאַלן אַ געדאַנק פון אַרויסשיקן קיין פּעטערבורג אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל צווישן אַנדערע אויך באַשטיין פון פאָרשטייער פון דער אַנגליקאַ־נישער קירך. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט סאָקאָלאָוו זיך באַקענט מיט עטלעכע וויכטיקע גייסטלעכע, צווישן זיי אויך מיטן רעווערענד ד״ר העכ־לער, אַ הייסער ציוניסט און הערצלס אַ פריינד. סאָקאָלאָוו האָט צוגעשריבן אַ גרויסע באַדייטונג דאָס געווינען די גייסטלעכע פאַר דער ציוניסטישער זאַך, נעמענדיק אין אַכט די וויכטיקע באַדייטונג פון רעליגיעזן פאַקטאָר אויף דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג. צו ערשט האָט ער זיך געווענדעט צום בישאָף ווילקינזאָן, וואָס האָט זיינער צייט געהאַט די אויפזיכט איבער

די אַנגליקאַנישע קירכעס אויפֿן אייראָפּעישן קאָנטינענט. ער האָט אויך געהאַט אַ צוטריט צום צאַרישן הויף. דער אַלטיטשקער בישאָף נישט קוקנ־דיק אויף זיין שלעכטן געזונט צושטאַנד איז גערן איינגעגאַנגען צו פֿאָרן תיכף קיין רוסלאַנד און דאָס — אויף אייגענע הוצאות. סאָקאָלאָוו איז געווען זייער צופֿרידן פֿון רעזולטאַט פֿון זיין וויזיט ביים בישאָף, וואָס האָט אָגב נישט געהאַט קיין שום פּראַקטישע באַדייטונג, ווייל דאָס אָפּפֿאָרן פֿון אַזאַ דעלעגאַציע איז נישט צו שטאַנד געקומען.

נאָך אַ פּיל גרעסערן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער באַזוך ביים רעווערענד וו. ה. פּראַבי, אַ באַרימטער טעאָלאָג און ביבל־פֿאָרשער. ער איז צו אים געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פֿון רעווערענד ד״ר העכלער. דער רעווערענד פּראַבי האָט געהאַט פֿאַרשפּרייט דעם ציוניסטישן געדאַנק נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿאַר הערצלען. ער האָט אויסגענוצט מיין פֿאָטערס באַזוך ביי אים, בכדי מיט אים אַרומשמועסן עטלעכע שטעלן אין תנ״ך, וואָס זענען פֿאַר אים געווען נישט אין גאַנצן קלאָר. אין נאָטיץ־בוך באַ־שרייבט דער פֿאָטער אַ רירנדיקע סצענע.

פֿאַרשידענע אויסגאַבן פֿון תנ״ך זענען געווען הויך אָנגעוואָרפֿן אויפֿן טיש. דער רעווערענד האָט זיך ספּעציעל אינטערעסירט מיטן ענין משכן, וועלכן ער האָט געווידמעט איינע פֿון זיינע אַרבעטן. דאָס אַמפּערן זיך אין דער פֿראַגע האָט אָנגענומען אַזאַ הייסן כאַראַקטער, אַז ס׳איז אַנטשטאַנען די געפֿאַר פֿון אָפּלייגן דאָס געשפּרעך וועגן ציוניזם אויף אַ צווייט מאָל. מיין פֿאָטער האָט דעריבער נאָכגעגעבן דעם רעווערענד, ווי ווייט מעגלעך, בנוגע דער הויך פֿון די דרענגלעך, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם משכן, אבי מען זאָל אַריבער צום עצם גופא, דעם ציל פֿון זיין באַזוך.

ווען סאָקאָלאָוו האָט גענומען אויפֿקלערן די אַספּיראַציעס פֿון ציוניזם און גערעדט וועגן ווידעראויפֿבויען פֿון ישראל, איז דער אַלטער קריסטלע־כער טעאָלאָג אַזוי גערירט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין פֿאָטעל און גענומען תפילה־טאָן. באַלד האָט אויך דער רעווערענד ד״ר העכ־לער געטאָן דאָס זעלבע. דאָס איז געווען אַ בילד, וועלכן סאָקאָלאָוו האָט קיין מאָל נישט געקאָנט פֿאַרגעסן. צוויי אַלטע פּאַסטאָרן טוען מיט טרערן אין די אויגן בעטן צו גאָט, אַז ער זאָל מצליח זיין מיט זיין מיסיע אין

ענגלאַנד. און ס'האָבן זיך אים דערמאָנט די צייטן פון ווישעגראַד, פּלאָצק, מאָקאָוו. דער אַלטער טעאָלאָג האָט אים דערמאָנט דעם סופר פון שטעטל, און די בערג ספרים אויפן טיש, די אָנגעוואָרפענע גמרות און משניות מיטן פירוש רש"י, וועלכן דער רעווערענד האָט איבערגעזעצט אויף ענגליש — דאָס אַלץ האָט ביי אים אויף אַ רגע געשאַפן די אילוזיע, אַז ער געפינט זיך גאָר ביי דער זייט פון זיינע רבנים, לומדים פול מיט יראת שמים, וואָס זענען אַ לעבן לאַנג געזעסן על התורה ועל העבודה.

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט סאָקאָלאָוו אין זיינע געדאַנקען זיך צוריק־קערן צום שטעטל פון זיינע סאַמע יינגסטע קינדער־יאָרן און פאַר זיינע אויגן האָט ער דערזען די הויכע טאָפּאָליעס, וואָס האָבן געשאָסן אין הימל, און ווי ערלעכע היטער האָבן זיי פון אוראַלטע צייטן געוואַכט איבער ווישע־גראַד. זייערע שפּיצן פלעגן איינדאָרן פון אַלטקייט, אָבער פון די ביימער האָבן אַרויסגעשפּראָצט אַלץ נייע צווייגן, יונגע, קערנדיקע, זאַטיקע, באַ־וואַקסן מיט פרישן גרינס. די דאָזיקע טאָפּאָליעס, וואָס זענען אַזוי פול מיט יידישער סימבאָליק, האָט שלום אַש אַזוי בילדעריש באַשריבן ביים צייכענען די געשטאַלט פון מיין פאָטער.

אין יענעם מאָמענט האָבן אָבער סאָקאָלאָווס געדאַנקען זיך נישט פאַר־האַלטן ביי ווישעגראַד, נאָר זענען געלאָפן ווייט צוריק, אין דער פאַרגאַנ־גענהייט, דורך דורות אויף דורות, ווי אַ בומעראַנג, וואָס האָט נאָכן פאַנטאַס־טישן דורכמאַכן אַ פּאַראַבאָל אין דער לופט, צוריק דערלאַנגט צום אויס־גאַנגס־פּונקט — דעם בומעראַנג פון יידישן גורל.

קאַפּיטל 15

אין אַמעריקע

אָנהויב מערץ 1913 איז סאָקאָלאָוו צום ערשטן מאָל אָפּגעפאָרן צו די פאַראייניקטע שטאַטן. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז ער זאָל אַהין אָנקו־מען, איידער ער איז נאָך געווען אין ארץ ישראל, וווהין ער האָט זיך גע־קליבן צו פאָרן זייט יאָרן. ארץ ישראל איז דאָך געווען זיין טרוים, פּראָגראַם, ציל. אָבער תמיד איז עפּעס געווען אַ מניעה, אַן אָפּהאַלט, וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג קיין ארץ ישראל, ווארעם די לעצטע צייטן האָט ער שוין נישט געקאָנט פאָרן ווי אים האָט זיך געגלוסט, נאָר איז געפאָרן, ווו די ציוניסטישע פליכט האָט אים גערופן. נישט איין מאָל האָט מען זיך געוויצלט איבער אים, אַז ער שיקט קיין ישראל אַנדערע עולה צו זיין, אַליין אָבער איילט ער זיך נישט. דערויף פלעגט ער ענטפערן גוטמוטיק, אַז גראָד די וועגווייזערס, וואָס ווייזן די ריכטונג, שטייען תמיד אויפן זעלבן אָרט. ווירקלעך, איז מיין פאָטער ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגלעכן וועג־ווייזער, קיין ציון, וואָס טראָגט זיך איבער פון לאַנד צו לאַנד.

ער איז אָפּגעשוואומען פון סאָוטעמפּטאָן מיט דער דייטשער שיף „קייזער ווילהעלם דער צווייטער". צום פאָרט האָט אים באַגלייט זיין פרוי, און קיין אַמעריקע איז מיט אים געפאָרן זיין קוזין און פריינד פון דרום־אַפריקע, יאַצעק פאַלעץ, וואָס איז שפּעטער געפאָרן מיט מיינע עלטערן קיין ארץ ישראל. דער דאָזיקער קוזין איז געווען זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, וואָס האָט זיך מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו אונדזער משפחה און מיין פאָטער האָט אין אים געהאַט אַ גוטן מיטפאָרער. ער האָט געהאַט פיל דורכגעמאַכט אין לעבן, פלעגט אָבער ווייניק רעדן, און ווען ער האָט זיך שוין יאָ אָפּגע־רופן, זענען עס, תמיד, געווען פאַר מיין פאָטער נייע זאַכן פון די עקזאָטישע לענדער. זיי פלעגן שעהן לאַנג שפּאַצירן אויפן דעק פון שיף און פון צייט

צו צייט אַריינפֿאַלן צום קאַפּיטאַן, ווו ס׳זענען געווען אויסגעהאַנגען די לעצטע ראַדיאָ־ידיעות.

די כראָניק פֿון יענע טעג האָט זיך נישט געהאַט אויסגעצייכנט מיט וועלכע נישט איז ספּעציעלע סענסאַציעס. די מלחמה אויפֿן באַלקאַן איז נאָך אַלץ ווייטער אָנגעגאַנגען. דער נייער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן וודראָ ווילסאָן האָט איבערגענומען זיין אַמט אונטערן צייכן פֿון קאַמפֿן מיט די טרעסטן. אין פֿראַנקרייך דויערט דער נאָרמאַלער מיניס־טאָרן־קריזיס. אין רוסלאַנד האָט מען געפֿייערט דעם דריי הונדערט יאָריקן יובל פֿון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע.

די דעמאָלטיקע אַמעריקע איז נאָך נישט געווען יענע ריזיקע מאַכט, ווי זי איז עס געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מ׳האָט טאַקע באַ־וווּנדערט איר פֿאַרנעם, שווּנג, דעם אויסערגעוויינלעכן טעכנישן פֿאַרשריט, אירע וואַקסנדיקע רייכטימער און אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. די פֿירנ־דיקע ראָל אויף דער וועלט האָט נאָך אָבער אַלץ געהאַט די אַלטע אייראָפּע. בדרך כלל האָט מען דעמאָלט נאָך ווייניק געוווּסט וועגן אַמעריקע און ס׳איז נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן זי צו באַנעמען, וואָרעם זי האָט זיך נאָך אַלץ ווי געפֿונען אין אַ פֿליסיקן צושטאַנד. מיט יעדן יאָר זענען אַהין אָנגעקומען הונדערטער טויזנטער נייע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז פֿונאַנדערגעשמאָלצן אינעם אַמעריקאַנישן „שמעלץ־טאָפּ״.

אינעם ציוניזם האָבן די אַמעריקאַנער יידן פֿאַרהעלטנישמעסיק גע־שפּילט אַ קליינע ראָל. הערצלס רוף צו די יידן האָט דאָרט געפֿונען אַן אָפּ־קלאַנג. ער איז אָבער געווען אַ שוואַכערער, ווי אין מזרח־אייראָפּע. די רייַ־כערע, אַסימילירטע קרייזן האָבן זיך אָפּגעגרענעצט פֿון ציוניזם, און וואָס שייך די פֿאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן אין אַמעריקע געפֿונען אַרבעט, פֿרייהייט און זיכערקייט, האָבן זיי סענטימענטאַל רעאַגירט אויף די ציוניסטישע לאָזונגען, וואָס זענען אָבער נישט געווען פֿאַר זיי פֿון אַזאַ לעבנסוויכטיקער באַדייטונג, ווי אין אַנדערע גלות־לענדער. די דאָזיקע אומשטענדן האָבן באַ־שווערט די פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט זי געמוזט פֿירן אויף זייער אַ פֿאָרזיכ־טיקן אופֿן, בכדי נישט צו באַליידיקן די פּאַטריאָטישע געפֿילן פֿון אַמערי־קאַנער יידנטום צו זייער נייעם פֿאָטערלאַנד. סאָקאָלאָוו האָט אויף דער שיף

געהאַט געגוג צייט, בכדי צו קאָנען זיך גוט אַריינטראַכטן און איבערטראַכטן די דאָזיקע זאַכן. זיינע באַמערקונגען האָט ער פֿאַרשריבן אין זיין נאָטיץ־בוך.

ער איז געפֿאָרן אַהין מיט געמישטע געפֿילן. דאָס, וואָס עס איז אָנגע־גאַנגען אַלס די קווינטעסענץ, אָדער אינהאַלט פֿון אַמעריקע, האָט נישט געהאַט פֿאַר אים קיין ספּעציעלן רייץ. צו גרויס און שווער איז געווען דער באַגאַזש פֿון טראַדיציעס, וואָס ער האָט געשלעפּט אויף זיך, בכדי קריטיק־לאָז אויפֿצונעמען און זיך באַציען צו די נייע זאַכן און נייעם לעבנס־סטיל. איז ער דאָך געווען אַ פּראָדוקט פֿון דער עלטסטער קולטור פֿון דער אַלטער וועלט. ער האָט נישט פֿאַרטראָגן די שרייענדיקע רעקלאַמע, אָן וועלכער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אין אַמעריקע. אַפֿילו דער רבונו של עולם אַליין האָט זיך געמוזט דאָרט רעקלאַמירן. ס'האָט אים דעריבער נישט אימפּאָנירט, נישט די שנעלקייט, נישט דאָס רייכקייט און נישט דער דער־פֿאָלג. ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין פֿאַרערער פֿון טעכניק.

דאָך האָט אים, די אַזוי סתירותפֿולע אַמעריקע, דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון רעקאָרדן, דאָס קעניגרייך פֿון סופּערלאַטיוון און גוזמאות, די דעמאָקראַטיע פֿון קאָנטראַסטן, אויסערגעוויינלעך אינטערעסירט אַלס אָבסערוואַטאָר, רייזנ־דיקן און שרייבער. די פֿאַרפֿולקאָמסטע מאַשינען און גרעסטע קאַטאַסטראָ־פֿעס ; די הערלעכסטע אַרבעט־וואַרשטאַטן און די גרעסטע אַרבעטסלאָזיקייט ; די ברייטהאַרציקסטע פֿילאַנטראָפּיע און רחמנותלאָזע עקספּלאָאַטאַציע. די ערשטע איינוואַנדערער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע, די פּוריטאַ־נער, האָבן געלערנט זייערע קינדער, אַז דעם גביר איז שווער זיך אַריינצו־באַקומען אין הימל. שפּעטער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז דעם אָרעמאַן איז נאָך שווערער צו לעבן אויף דער ערד. אויפֿן פֿילם־לייוונט זענען די קאָנטראַסטן בלייכער געוואָרן און צום סוף האָט געזיגט דער יושר, גערעכ־טיקייט און די צניעות. דער מחבר פֿון אַמעריקאַנישן סצענאַר האָט זיך גע־מוזט באַמיען, אַז זיין פֿילם זאָל האָבן אַ „העפּי ענד", אַ גוטן אויסגאַנג. זיין נאַפּאָלעאָן האָט געמוזט געווינען די שלאַכט ביי וואַטערלאָ, זיין מאַריאַ סטיואַרט האָט זיך געמוזט אין לעצטן מאָמענט אַרויסדרייען פֿון אונטער דער האַק פֿון תלין, און קעניג ליר האָט געמוזט אַריינפֿאַלן אין די אָרעמס פֿון זיינע ליבנדיקע טעכטער.

די אַמעריקאַנער מאַשינען באַווייזן ווונדער. ס׳דרייען זיך די גיגאַנטישע אַנטרייב־רעדער, ס׳לויפן אין דער אומענדלעכקייט די טראַנסמיסיע־פּאַסן. אַלץ העכער און העכער זענען די וואָלקנקראַצערס. ס׳הערשט אַן אַלגעמיינער אָפּטימיזם, וואָס כאַפּט אַלעמען אַרום. און אויפן דאָזיקן פּאָן קומען אָן אַהער אַלץ גרעסערע יידישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּעישן רעזערוואַר, וואָס ווייל פון זיי פּטור ווערן. דאָס זענען מאַסן, וואָס שטעקן נאָך אַלץ מיט זייער האַרץ און נשמה אינעם אַלטן גלות. ווי וועלן זיי רעאַגירן אויפן יידישן רענעסאַנס? צי וועט זיי אַמעריקע פולשטענדיק איינזאַפּן אין זיך, אָדער, צי איז זי נישט מער, ווי נאָך אַ סטאַציע, אַן אָפּשטעל אויף זייער גורלדיקן וועג?

דאָס גורלדיקע פּראָבלעם

אָט איז דאָס פּראָבלעם פון אַ קאַרדינאַלער וויכטיקייט, וואָס קאָן נאָך דעצידירן וועגן גורל פון גאַנצן יידנטום. צי רייכקייט, עשירות, וווילשטאַנד, פרייהייט, גלייכהייט, וואָס האָבן אַמאָל חרוב געמאַכט די געטאָס פון מערב־אייראָפּע און געדראָט מיט פולשטענדיקער אַסימילאַציע, וועלן אויך אין אַמעריקע האָבן דעם זעלבן עפעקט, צי פאַרקערט? צי וועט אין גייסטיקן קלימאַט פון אַמעריקע, אין אָט דעם דעמאָקראַטישן דזשאַז־באַנד פון פעל־קער, צוריק אויפוואַכן די אַלטע בענקשאַפט?

נחום סאָקאָלאָוו איז געווען זייער נייגעריק צו וויסן, ווי דאָס אַלץ וועט זיך אַנטוויקלען נישט אין דער טעאָריע, נאָר אין פּראַקטישן לעבן. ער איז געווען פאַראינטריגירט, וואָסער איינדרוק וועט אויף אים מאַכן אַמעריקע אין ערשטן מאָמענט? דאָס לאַנד, וועגן וועלכן ער האָט אַזוי פיל געהערט און געלייענט און וועמענס ליטעראַטור און געשיכטע ער האָט גוט געקענט. נישט איין אַמעריקאַנער האָט אים באַזוכט אין וואַרשע, וואָס פלעגט אַריינ־פאַלן צו אונדז אין הויז. אין לאָנדאָן, פּאַריז און אויף די ציוניסטישע קאָנ־גרעסן האָט ער זיך באַקענט מיט פיל פאַרשטייער פון אַמעריקאַנער יידנטום. אין אַמעריקע האָט ער געהאַט צאָלרייכע פריינד, פען־קאָלעגן, זיינע תלמי־דים און לייענער.

די שיף דערנענטערט זיך צו ניו־יאָרק. ס׳באַווייזט זיך די פרייהייט־סטאַטוע, אויף וועלכער ס׳זענען אויסגעקריצט די ווערטער פון עמאַ לאַזאַ־רוס, דער ענטוזיאַסטיש־פלאַמיקער אַמעריקאַניש־יידישער דיכטערין, וואָס באַגריסן די פאַרמאַטערטע, פאַרפאָלגטע מאַסן מיגראַנטן אויף דער פרייער ערד. געבוירן און דערצויגן אין אַמעריקע, אין גאַנצן דערווייטערט פון יידנ־טום, איז עמאַ לאַזאַרוס געוואָרן נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד פון יאָר 1882 אַ פלאַם־פייערדיקע פאַרקעמפערין פון גייסטיקן חיבת־ציון. זי איז

נישט געווען קיין אויסנאַם אין דעם פאַל. פון צייט צו צייט האָבן זיך מעבר לים דערהערט קלאַנגען, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז זייער אייגענער וויל־שטאַנד, פרייהייט און גלייכהייט באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט פילאַנטראָפּיע, און אַז סיי אין די מאַסן פון אַמעריקאַנער יידנטום און סיי ביי אירע גייסטיקע פאָרשטייער און מנהיגים דרימלט דער יידישער משיחיזם. מען דאַרף אים בלויז אויפוועקן און פאַר אָט דעם צוועק איז טאַקע נחום סאָקאָלאָוו אַהין געפאָרן אויף דער איינלאַדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

זיין נסיעה איבער אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן גרויסן מיטינג אין קאַרנעדזשי־האָל, אין ניו־יאָרק. דער ריזיקער זאַל איז אויסגעפולט ביזן לעצטן שטייענדיקן פּלאַץ. דעם פאָרזיץ האָט געפירט פּראָפעסאָר ס. שעכטער. באַגריסונגס־רעדעס האָבן געהאַלטן די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער יידנטום. דערנאָך האָט סאָקאָלאָוו באַקומען דאָס וואָרט. די טעמע פון זיין רעפעראַט איז געווען: „וואָס קאָן דער ציוניזם געבן דער וועלט?״ דער רעדנער האָט מיט שטורעם דעראָבערט די פיל טויזנט קעפּיקע מאַסע, וואָס האָט אים געמאַכט אַ באַגייסטערטע אָוואַציע. מען האָט זיך אַנטציקט נישט בלויז מיט זיין רעדנער־טאַלאַנט און שפּראַכן־ווירטואָזיטעט — ער האָט גערעדט אויף ענגליש, העברעיש און יידיש — נאָר אויך מיטן ניוואָ און אינהאַלט פון זיין רעדע, וואָס האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אויף אַלעמען, פאַרוואַנדלענדיק פיל פון זיינע קעגנער אין ציוניסטן. זיין רעדע איז ציטירט און ברייט אַרומגערעדט געוואָרן אין דער יידישער און אַלגעמיינער פּרעסע. סאָקאָלאָוון איז באַלד געלונגען צו געפינען דעם ריכטיקן טאָן און צוגאַנג צו דער זאַך. ער האָט אַפּעלירט צום סענטימענט און צום יידישן כבוד, אָבער גלייכצייטיק גערעדט קורץ און זאַכלעך, אָפּשלאָגנדיק מיט אַן אייזערנער לאָגיק, פּונקט נאָך פּונקט, די אַרגומענטן פון די קעגנער פון ציוניזם און ווי תמיד באַרייכערט זיין רעדע מיט פיל הומאָר און איראָניע. עטלעכע אויסצוגן פון זיין רעדע און זיינע פאָרמולירונגען, וואָס האָבן געזאָלט טרעפן אין ציוניזם און דער לאָיאַליטעט לגבי די גלות־לענדער, האָט מען באַטראַכט, ווי אַ מוסטער פון אַ קלוגער פּראָפּאַגאַנדע אויפן אַמעריקאַ־

נער באָדן און אַפֿילו אין די אַנטי־ציוניסטישע קרייזן האָט מען אים נישט געקאַרגט קיין שבחים.

„אָן אַ שיעור פֿאַרוואָרפֿן מאַכן די יידישע קעגנער פֿון ציוניזם. זיי האָבן געטענהט, אַז די יידן וועלן נישט באַוויַיזן זיך צו אָרגאַניזירן פֿאַר איין גע־מיינזאַמען ציל, אַז זיי זענען נישט פֿעיק צו לאַנדאַרבעט, אַז זיי זענען בכלל נישט קיין פֿאָלק, אַז ס'איז נישט פֿאַראַן קיין יידישע קולטור", האָט סאָקאָ־לאָוו געזאָגט אין זיין רעדע. „לייענט די יידישע פּרעסע פֿון פֿאַר דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, און איר וועט דאָרט געפֿינען אָן אויסגעשפּראָכן פֿיינט־לעכע שטעלונג צו אָט דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אויפֿצוהייבן דעם כבוד פֿון יידנטום. אָבער מיט בלויזע אַרגומענטן קאָן מען פֿיל נישט דערגרייכן. די ציוניסטן האָבן מיט זייער אַרבעט, אַנשטרענגונג געדינט אַלס ביישפּיל און דערוויזן דעם רעאַליזם פֿון זייערע פּאָסטולאַטן. מען האָט געזאָגט, אַז יידן זענען נישט פֿעיק זיך צו אָרגאַניזירן. די קאָנ־גרעסן האָבן דערוויזן פּונקט דאָס פֿאַרקערטע. מען האָט געהאַלטן, אַז יידן טויגן נישט צו ערד־אַרבעט. מיר האָבן היינט־צו־טאָג אין ארץ ישראל צען אומאָפּהענגיקע יידישע פֿאַרמעס. מען האָט געזאָגט, אַז העברעיש איז אַ טויטע שפּראַך. מיר האָבן זי אויפֿגעלעבט נישט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אַפֿילו אין גלות. צי איז פֿאַראַן יידישע קונסט? דער ענטפֿער איז געקומען פֿון ציון, ווו ס'איז אַנטשטאַנען די בצלאל־שול. צי איז פֿאַראַן אַ יידישע קולטור? אויף דערויף האָט געענטפֿערט ציון, שאַפֿנדיק נייע, אייגענע פֿאָר־מען פֿון צוזאַמענלעבן, אייגענע מנהגים, אייגענע טראַדיציעס. דער ציוניזם מאַכט נישט קיין סוד פֿון זיינע אַספּיראַציעס און שטרעבונגען. מיר אַרבעטן און ווירקן אָפֿן פֿאַר אַלעמענס אויגן. מיר האָפֿן, אַז אויך אַנדערע פֿעלקער וועלן אָנהויבן פֿאַרשטיין און באַנעמען די אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן פֿון ציוניזם און זיינע אידעאַלן. מיר גלויבן, אַז קודם כל וועלן די אַנגלאָ־זאַקסי־שע פֿעלקער אָננעמען לגבי אונדז אַ פֿריינדלעכע שטעלונג, וואָרעם גראָד אַ די פֿעלקער פֿון קאָלאָניזאַטאָרן, דערצויגן אויף דער ביבל־טראַדיציע, דאַרפֿן ווי געהעריק אָפּשאַצן די יעניקע באַוועגונג, וואָס איז אינספּירירט פֿון די זעלבע אידעאַלן און טראַדיציעס. דעריבער גלויבן מיר, אַז די יידן פֿון אַמעריקע וועלן אונדז העלפֿן ביים פֿאַרזעצן אונדזערע באַמיונגען.

מיר זענען טאַקע נישט מער, ווי איינע פון די גרופּירונגען אינעם ייִדישן פאָלק. מיר האָבן אָבער אונטערגענומען אַן אַרבעט, אין וועלכער אַלע ייִדן דאַרפן זיך באַטייליקן. וואָרעם דער ציוניזם שאַפט אַן אייגענע היים פאַר די אונטערדריקטע און געטרודפטע, פאַרבינדט זיי צוזאַמען, לעבט ווידער אויף די געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם געמיינזאַמען היימלאַנד און בויט אַ בעסערע צוקונפט פאַרן גאַנצן ייִדנטום״.

די גרויסע ניו־יאָרקער צייטונגען דרוקן אינטערוויוען מיט מיין פאָטער. דער „ניו־יאָרק טיימס״ ווידמעט אים אַ גאַנצע זייט, ווו אַ חוץ דעם אויס־פירלעכן אינטערוויו וועגן אַלגעמיינע און ספּעציעלע ייִדישע טעמעס, ווערט איבערגעגעבן זיין לעבנס־באַשרייבונג און זיינע אַ העברעישע נאָוועלע אין דער ענגלישער איבערזעצונג.

גראָד אין יענער צייט זענען די באַציונגען צווישן אַמעריקע און רוס־לאַנד געווען זייער אָנגעשטרענגטע. אַמעריקע האָט געקינדיקט איר האַנדלס־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד רעאַגירנדיק דערמיט אויפן פאַקט, וואָס רוסלאַנד האָט נישט אַריינגעלאָזט צו זיך קיין אַמעריקאַנער בירגער, ווייל זיי זענען געווען ייִדן. סאָקאָלאָוו האָט אין זיינע רעדעס אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן מאָראַ־לישן ווערט פון אַמעריקעס שריט, הגם דאָס וועט נישט האָבן קיין שום איינפלוס אויפן גורל פון די ייִדן אין רוסלאַנד. זייער לאַגע וועט זיך פאַר־בעסערן, ווען אויך אַנדערע פעלקער טוען נאָך דעם אַמעריקאַנישן ביישפּיל. ס׳האָט אָבער ליידער נישט געהאַלטן דערביי.

אין ניו־יאָרק

ניו־יאָרק, מיטן גרעסטן יידישן ישוב אויף דער וועלט, האָט אויפגע־נומען סאָקאָלאָוון מיט פיל האַרץ. מען האָט אים באַגריסט נישט נאָר אַלס ציוניסט נאָר אויך אַלס שרייבער און געזעלשאַפטלעכן טוער. די יידישע פּרעסע פון אַלע ריכטונגען ווידמעט זיין פּערזאָן גרויסע אַרטיקלען, פעליע־טאָנען און זכרונות, פון וועלכע ס׳ווייעט מיט אויפריכטיקן סענטימענט.

אויפן קבלת פנים אין האָטעל „מאַרסעי״ האָבן זיך פאַרזאַמלט די וויכ־טיקסטע פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, זשורנאַליסטן און יידישע געלערנטע, פּראָפעסאָר גאָטהייל, לואיס ליפּסקי, הענריעטאַ סאָלד, פּראָפעסאָר פרידלענדער, הערמאַן בערנשטיין, רעוו. מאַסליאַנסקי, פּראָפע־סאָר שעכטער, ד״ר מאַגנעס, אַברהם גאָלדבערג, א. ע. לובאַרסקי, יעקב פישמאַן, לעאָן קאָמייקי, ד״ר פרידענוואַלד, ד״ר ס. שולמאַן, ב. ג. ריטשאַרדס, הערמאַן קאָהנהיים און פיל אַנדערע.

סאָקאָלאָוו ווערט פּשוט פאַרכאַפּט פון די נייע איינדרוקן אין די ערשטע צייטן פון זיין באַזוך אין אַמעריקע. צו די איינלאַדונגען נעמט גאָר נישט קיין סוף, אַזוי ווייס, אַז ער האָט אַפילו נישט קיין צייט צו מאַכן נאָטיצן אין זיין טאָגבוך. ער איז איבערראַשט פון געוואַלטיקן דערפאָלג, וואָס ער האָט ביי די אַמעריקאַנער יידן. ער איז אינערלעך ביי זיך נישט געווען זיכער, צי ער וועט אַלס רעדנער אויסנעמען ביים ברייטן עולם. מיט פאַרגעניגן האָט ער געקאָנט פעסטשטעלן, אַז זיינע ספקות זענען געווען אומבאַגרינדעט. ער האָט זיך אויך איבערצייגט, אַז ס׳זענען נישט ריכטיק די מיינונגען וועגן אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס האָט געזאָלט זיין אויסגעטאָן פון וועלכן נישט איז אידעאַליזם. ס׳איז געווען גענוי דער היפך. אויך דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַן עולם, וואָס איז אפשר נאָך מער עמפּינדלעך געווען און ס׳האָט נאָך שטאַרקער רעאַגירט אויף די באַגאַנגענע עוולות קעגן יידישן פאָלק, ווי די

יידן אין מזרח־אייראָפּע. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, וואָס זיין גרויסן דערפאָלג האָט ער צו פאַרדאַנקען דער הייליקער זאַך, מיט וועלכער ער קומט צו די ברייטע יידישע מאַסן, וואָס זעען אין אים דעם לעבעדיקן סימבאָל פון יידישן ווידעראויפלעבן, אַז ער איז געוואָרן דער פאַרבינדונגס־מענטש מיט די לענדער, פון וואַנען זיי האָבן עמיגרירט, און וועלכער דער־מאָנט זיי זייערע יוגנט־יאָרן. נישט געווען דאָרט קיין יידן, וואָס זאָלן נישט האָבן געהערט וועגן סאָקאָלאָוון.

זיין ניו־יאָרקער אויפטריט איז געווען די התחלה צו דער גרויסער אַקציע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ שטייגנדיקן דערפאָלג. טשיקאַגאָ, פילאַדעלפיאַ, באַלטימאָר, פּיטסבורג, סען־לויס, באָסטאָן, סינסינאַטי, דע־טרויט, קאַנזאַס, פּראָווידאַנס, ראָטשעסטער, וואָרטשעסטער און פיל אַנדערע, גרעסערע אָדער קלענערע יידישע ישובים וואָס ער האָט באַריזט בעת זיין ערשטן באַזוך אין די מזרח־שטאָטן פון אַמעריקע, ווו ער איז אויפגעטראָטן אויף מאַסן־מיטינגען, אוניווערסיטעטן, אין די סינאַגאָגעס, אויף ליטעראַ־רישע אָוונטן, באַנקעטן און כלערליי פייערלעכקייטן, וואָס זענען איינגע־אָרדנט געוואָרן לכבוד אים — אומעטום איז זיין באַוויַזן זיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשעעניש אינעם לעבן פון די יידן אינעם באַטרעפנדיקן ישוב, וואָס איז זיי לאַנג פאַרבליבן אין זכרון. אין עטלעכע קלענערע ישובים ווי למשל וואָרטשעסטער איז דער גאַנצער יידישער ישוב אָוועק צו דער באַן־סטאַציע און אים דאָרט אָפּגעוואַרט און אָפּגעפירט אין האָטעל. אומעטום און תמיד האָבן זיך אין די קבלת־פּנימס לכבוד אים באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס און פון דער אָרטיקער מאַכט.

ס׳האָט אים אַמוזירט די טיפּישע אַמעריקאַנישע רעקלאַמע, וועלכע ס׳האָט אים נישט געקאָרגט די יידישע פּרעסע. אַ געוויסע צייטונג אין טשיקאַגאָ האָט אויף אַזאַ אופן רעקלאַמירט דעם מיטינג, אויף וועלכן ער האָט געזאָלט אויפטרעטן:

„באַר דער, וואָס איז שווער קראַנק, איז באַפרייט פון צו קומען אויפן מיטינג, אויף וועלכן סאָקאָלאָוו וועט רעדן. דאָס איז דער הייליקער חוב פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן, וואָלט אָפּגעשטאָרבן דאָס אַמעריקאַנער יידנ־נאַטור־ווונדער און טעכניק וועט איר קאָנען תמיד זען. דאָס וועט אייך נישט

תיקון־טעות: די צווייטע שורה פון אונטן דאַרף זיך לייענען:

פון יעדן איינעם יידן און אַן ערן־זאַך. די ניאַגאַראַ, אייז־בערג, פּיראַמידן,

אַנטלויפֿן. אָבער אַזאַ גליקלעכע געלעגנהייט ווי זיך צונויפֿטרעפֿן מיט סאָקאָלאָוון קאָן פּאַסירן איין מאָל אין לעבן״. אַן אַנדערע צייטונג האָט אונ־טער אַ שרייענדיקן קעפּל געשריבן: „ס׳האָט זיך באַוויזן אין אַמעריקע דער גרעסטער ליבלינג פֿון יידישן פֿאָלק, אַ פֿענאָמען פֿון דער מענטשהייט, מיט וועלכן אַלע רעגירונגען פֿון דער וועלט רעכענען זיך. ער איז שוין אויפֿגעטראָטן אין צוואַנציק שטעט. באַמיט אייך, אַז ער זאָל אויך צו אונדז קומען!״ מען האָט פֿאַרדרייפֿאַכט און פֿאַרפֿירפֿאַכט די צאָל שפּראַכן, אויף וועלכע סאָקאָלאָוו האָט גערעדט. מ׳וואָלט געקאָנט אַנזאַמלען אַ גאַנצן באַנד פֿון לויב־געזאַנגען לכבוד סאָקאָלאָוון אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע, וואָס האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון פּרימיטיווע גוזמאות, וואָס זענען אָבער געווען דורכגעדרונגען מיט אויפֿריכטיקער ליבע און פֿאַרערונג פֿאַר זיין פּערזאָן. דער רעזולטאַט פֿון זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען פֿון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. סאָקאָלאָוו האָט מיט זיינע ווערטער דערגרייכט צו די סאַמע טיפֿע־נישן פֿון די הערצער און מוחות פֿון די אַמעריקאַנישע יידישע מאַסן און דערמיט איז געעפֿנט געוואָרן דער וועג פֿאַר אַן אַקציע אין גאָר אַ גרויסן פֿאַרנעם.

סאָקאָלאָווס טעטיקייט בעת יענעם באַזוך אין אַמעריקע האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט עפֿנטלעכע אויפֿטריטן. ער האָט גלייכצייטיק אויך אויפֿגעפֿרישט אַלטע באַקאַנטשאַפֿטן מיט אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿטלעכע טוער און אָנגעקניפּט נייע, פֿאַרשפּרייטנדיק אומעטום און דער עיקר ביי גלייכ־גילטיקע און אַפֿילו פֿיינטלעכע פֿאַרשטייער, סימפּאַטיע פֿאַרן ציוניזם. זייענ־דיק אין פֿילאַדעלפֿיע, האָט ער זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט די זולצבערגערס, אין סינסינאַטי האָט אים אויפֿגענומען פּראָפֿעסאָר גאָטהאַרד דויטש און אַנדערע פּראָפֿעסאָרן פֿון יידישן טעאָלאָגישן אוניווערסיטעט. ער האָט אָפּ־געהאַלטן געשפּרעכן מיט נאַטאַן שטראַוס, אַדאָלף אָקס, דעם אייגנטימער פֿון „ניו־יאָרק טיימס״, מיט ראָזענוואַלדן, אַברהם עלקוס און פֿיל אַנדערע אָנגעזעענע פֿאַרשטייער פֿון אַמעריקאַנער יידנטום.

זיין גרעסטער דערפֿאָלג אין אַמעריקע איז אָבער, אָן ספֿק, געווען דאָס צוציען פֿאַר דער ציוניסטישער זאַך דעם וויכטיקסטן און איינפֿלוסרייכן אין

יענע צייטן אַמעריקאַנער ייד לויס בראַנדייס, ריכטער פון העכסטן געריכט און פערזענלעכן פריינד פון פרעזידענט ווילסאָן. בראַנדייס האָט געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן פון דער ווייטנס פון דער באַוועגונג. זייענדיק אין באָסטאָן האָט זיך סאָקאָלאָוו מיט אים באַקענט. בראַנדייס האָט פּרעזידירט דעם מיטינג, אויף וועלכן סאָקאָלאָוו איז אויפגעטראָטן און זיין רעדע האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם. ער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און נאָך אַ לאַנגן געשפּרעך דערקלערט, אַז ער טיילט פולשטענדיק סאָקאָלאָווס מיינונג און שטעלט זיין פּערזאָן אין דינסט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. קורץ נאָך דעם איז שוין בראַנדייס געשטאַנען אין שפּיץ פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע און געהאַט אויסערגעוויינלעכע פאַרדינסטן פאַרן ציוניזם בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער שלום־קאָנפערענץ. דאָס צוציען בראַנדייסן פאַר דער ציוניסטישער זאַך האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם און דערמיט איז געקרוינט געוואָרן סאָקאָלאָווס מיסיע אין אַמעריקע.

אַ חוץ די סענסאַציאָנעלע רעפּאָרטאַזשן וועגן סאָקאָלאָוון, האָט די אַמעריקאַניש־יידישע פּרעסע אָפּגעגעבן פיל פּלאַץ פאַר זיין ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. מען האָט געשריבן וועגן אים מיט פיל טאַלאַנט און מבינות. דאָס האָבן אַזוי געשריבן זיינע געוועזענע מיטאַרבעטער פון דער „הצפירה״. דאָס, וואָס זיינע יינגערע פעך־קאָלעגן האָבן געהאַט פאַר אים ווערטער פון אָנערקענונג, האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום

שוין דעמאָלט האָבן די איינגעוואָנדערטע יידן פון מזרח־אייראָפּע גע־נומען שפּילן אַלץ אַ גרעסערע ראָל אינעם לעבן פון אַמעריקאַנער יידנטום. סאָקאָלאָוו נאָטירט אין זיין טאָגבוך, אַז ווען נישט דער כסדרדיקער צופלוס פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן, וואָלט אָפּגעשטאָרבן דאָס אַמעריקאַנער יידנ־טום. זיי האָבן זיך דאָ שנעל אַקלימאַטיזירט אין אַט דער נייער סביבה. זיי האָבן אָבער נישט פאַרלוירן זייער אייגענעם פּרצוף, זייער אינדיווידואַליטעט. זיי האָבן אַריינגעגאָסן פרישׂ בלוט אינעם אַמעריקאַנער יידנטום, פרישע ענערגיע, טעמפּעראַמענט, איינפאַל און הומאָר. די פּאָפּולערע פּרעסע איז געווען אין זייערע הענט. דערמיט האָבן זיי געקאָנט באַאַרבעטן די עפנט־לעכע מיינונג פון די ברייטע מאַסן. זיי האָבן גענומען זיך אַרויסרוקן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון עפנטלעכן לעבן אין אַמעריקע. דעם אַמערי־קאַנער פּאַטריאָטיזם האָבן זיי צונויפגעגאָסן מיט אַ האַרציקער צוגעבונדנ־קייט צו זייערע היימערטער. זיי זענען געוואָרן אונטער דער אויסגעשטערנ־טער אַמעריקאַנער פאָן שטאָלצע מענטשן און דערביי פאַרבליבן געטרייע, איבערגעגעבענע יידן. האָט טאַקע דער ציוניזם דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן און גענומען שלאָגן וואָרצלען.

סאָקאָלאָוו האָט זיך מיט אַ גרויסן אינטערעס צוגעקוקט צום לעבן פון אַמעריקאַנער יידנטום, וועגן וועלכן ער האָט דערנאָך פיל געשריבן. אין פרייע מאָמענטן האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט פיל מענטשן פון פאַרשי־דענע קלאַסן און באַרופן, ער האָט באַזוכט די צאָלרייכע יידישע אינסטיטו־ציעס, געריידט מיט אַלטע אימיגראַנטן, וואָס האָבן תמיד געהאַט פיל צו דערציילן. ער האָט זיך געגוי באַקענט מיטן ליכט און שאָטן פון דאָזיקן יידנטום, זיינע אינערלעכע ספקות און מחלוקות, די אַמביציעס פון זיינע מנהיגים און די שטימונגען פון די מאַסן.

גאַנץ ספּעציעל איז ער שטאַרק גערירט געוואָרן פון אומדערוואַרטעטע באַגעגענישן מיט קרובים און חברים פון פּלאָצק, וועמען ער האָט נישט געזען אַ וועלט מיט יאָרן. און געווען זענען זיי פיל, פונאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע. וואָס אַן אמת, האָט ער צווישן זיי נישט געפונען קיין „רייכע פעטערס", דערפאַר אָבער, פיל האַרציקע, געטרייע פריינד און אַפילו דאַנקבאַרע „פּלאַגיאַטאָרן".

אַ געוויסער דאָקטאָר פון שטאַט ווירדזשיניאַ האָט געשריבן צו אים אַ בריוו, אַ כאַראַקטעריסטישער דאָקומענט פון אַ תקופה, וואָס איז פאַרביי.

„מיט פיל יאָרן צוריק — שרייבט ער — ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל אין מיין שטעטל, אין גראָדנער קאַנט, האָב איך געהערט צו די אַזוי גערופענע משכילים. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין לייענען די „הצפירה", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַרומרעדן די לויפנדיקע געשעענישן, ספּעציעל פון דער אויסערן־פּאָליטיק. דער מחבר פון די פּאָליטישע אַרטיקלען איז געווען נחום סאָקאָלאָוו. איך האָב אים באַטראַכט אַלס דעם גרעסטן פּאָליטישן שרייבער פון דער וועלט. אַלס אַ משכיל האָב איך געהאַט אַ פיינטלעכע באַציונג צום רב פון אונדזער שטעטל. איך און מיינע חברים האָבן אים דערעסן די יאָרן אויף כלערליי אופנים. צו דעם צוועק האָט אונדז אויך געדינט אונדזער לאָקאַלע העברעישע וואָנט־צייטונג, וואָס מיר האָבן געשריבן מיט דער האַנט, און אין וועלכער מיר פלעגן אַנגרייפן אונדזער רב אין פּראָזע, גערדיכט און קאַריקאַטור. אונדזער בלעטל האָט זיך דערביי אַלס מוסטער גענומען די „הצפירה". די גרעסטע שוועריקייט איז פאַר אונדז געווען דער פּאָליטישער טייל פון אונדזער בלעטל. נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, האָבן מיר פּשוט איבערגעשריבן ווערטלעך נחום סאָקאָלאָווס פּאָליטישע אַרטיקלען, נישט אָנגעבנדיק דערביי דעם מקור... כ'מיין, אַז די דאָזיקע געשיכטע וועט אייך אויפהייטערן, חשובער הער סאָקאָלאָוו, פאַר וועלכן איך דריק אויס איצט ווערטער פון חרטה פאַרן באַגאַנגענעם פּלאַגיאַט ביי אַ מענטשן, וואָס איז דורך מיר פאַרערט געוואָרן, אין מיינע יוגנט־יאָרן".

פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז סאָקאָלאָוו אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע, וווהין ער איז געפאָרן אויף דער איינלאַדונג פון דער אָרטיקער ציוניסטי־

שער אָרגאַניזאַציע. איר פּרעזידענט איז געווען קלאַרענס דע סאלא, מיט וועלכן מיין פאַטער איז געווען נאָענט באַפריינדעט. סאָקאָלאָוו האָט דאָרט באַזוכט אַלע גרעסערע ישובים, ווי מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ, אָטאַוואַ, האַמיל־טאָן, וויניפּעג און אַנדערע שטעט. די פּרעסע און דער עולם האָבן אים אויפגענומען געגעבן אַזוי האַרציק, ווי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. די יידישע באַפעלקערונג האָט פשוט קאָנקורירט צווישן זיך, ווער ס׳וועט מאַכן אַ גרעסערן און פייערלעכערן קבלת פנים לכבוד אים. ראובן ברייניז, דער באַרימטער העברעישער שרייבער, רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער אָדלער״, איז געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר און די נשמה פון די אַלע קבלת־פּנימס. אין אַ סעריע אַרטיקלען האָט ער באַגריסט סאָקאָלאָוון נישט אַלס דעם פירער פון אַ ריכטונג אָדער פּאַרטיי, נאָר פון גאַנצן יידישן פאָלק, דעם פּובליציסט, דענקער און קעמפער פאַר אַן אידעע. בעת די מיטינגען, אויף וועלכע סאָקאָלאָוו איז אויפגעטראָטן, האָט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכער ענטוזיאַזם. די קאַנאַדישע פּרעסע אין דער ענגלישער און פראַנצויזישער שפּראַך האָט פאַרעפנטלעכט וועגן אים אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען. זיין נסיעה קיין קאַנאַדע האָט אויך געבראַכט גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

פון קאַנאַדע איז דער פאַטער צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, וווּ דעם 4טן יוני איז פאָרגעקומען דער געזעגענונגס־באַנקעט. ס׳האָבן גערעדט לויס בראַנדייס, ד״ר מאַגנעס, פּראָפעסאָר פרידלענדער, אַברהם גאָלדבערג, אַמבאַ־סאַדאָר עלקוס, שולמאַן, מאסליאַנסקי און פיל אַנדערע ציוניסטישע טוער.

נאָך אַ דריי חדשימדיקן זיין אין אַמעריקע און קאַנאַדע, איז סאָקאָלאָוו פול מיט נייע איינדרוקן און האָפענונגען צוריקגעקומען קיין אייראָפּע. כ׳האָב אים אָפּגעוואַרט אין ברעמען. די גאַנצע צייט פון אונדזער פאָרן קיין בער־לין, האָט ער נישט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן זיינע איבערלעבענישן אין אַמעריקע. ער איז געווען גערירט פון דער האַרציקייט מיט וועלכער די ברייטע יידישע מאַסן האָבן אים דאָרט אויפגענומען, אינעם לאַנד, אין וועלכן זיי געניסן פון דער גרעסטער פרייהייט. אין די דאָזיקע יידישע מאַסן האָט ער דערפילט דעם גרויסן, געוואַלטיקן כוח, וואָס וועט דאָרט אויפשטיין און וואָס וועט האָבן אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויפן גורל פון יידישן פאָלק. ס׳האָט אים פאַרשאַפט פרייד, וואָס ער האָט געפונען אַנער־

קענונג נישט בלויז אין די ציוניסטישע קרייזן, נאָר אויך אין קעגנערישן לאַגער. די יידן פלעגט ער תמיד טיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: אויף איצ־טיקע און צוקונפטיקע ציוניסטן. ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעשטויסן פון זיך די קעגנער. קעמפנדיק מיט זיי, האָט ער זיך באַמיט זיי צו געווינען פאַר דער ציוניסטישער זאַך.

קאַפּיטל 16

פאַרן שטורעם

„אונדזערע טעג פאַרגייען ווי די שאָטנס" — ווערט געזאָגט אין תהילים. איינער פון די גרויסע חכמים טייטשט אויס די ווערטער: „נישט ווי אַ שאָטן פון בוים, און נישט ווי אַ שאָטן פון דער מויער, נאָר ווי דער שאָטן פון אַ דורכפליענדיקן פויגל".

ס'רוקט אָן דער גרויסער שטורעם. ס'האָט זיך געענדיקט אַ תקופה. די מענטשן, וואָס לעבן אָבער אויפן ראַנד פון צוויי תקופות, גיבן זיך אָפּ זעלטן ווען דערפון אַ חשבון. די גרויסע וועלט האָט זיך פאַר די יאָרן 1914—1918 געשפּייזט מיט גרויסע אילוזיעס. מען האָט געגלויבט אין פּראָגרעס, אין אַ בלוטלאָזער רעוואָלוציע, אינעם חסד פון רעפאָרמען. ווען דער מענטשלעכער געניוס האָט אַרויסגעריסן ביי די פייגל דעם סוד פון פליען, האָט מען געגלויבט, אַז דאָס באַפליגלען די מענטשהייט וועט זי פאַראייניקן און וועט ברענגען דעם אַזוי באַגערטן שלום אויף דער וועלט. טראָץ די שאַרפע סאָציאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קריזיסן, דעם באַוואָפענונגס־געיעג פון די גרויסמאַכטן, די אַגרעסיווע אימפּעריאַליזמען און נאַציאָנאַליזמען — און גע־ווען זענען זיי נאָך דעמאָלט אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך, וואָס עס איז גע־שען אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער — האָט מען זיך דאָך איינגערעדט, אַז דער געזונטער שכל וועט זיגן און וועט נישט דערלאָזן צו דער קאַטאַס־טראָפע.

אַ ניי געפליגל האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט, און גענומען וואָרפן אַזעלכע אימהדיקע שאָטנס, וועלכע מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען זייער באַדייט. די דייטשן האָבן זיך געגרויסט מיט זייערע צעפּעלינען. די לאַגע האָט זיך ביסלעכווייז אַלץ מער דערנענטערט צו איר דראַמאַטישער, אומ־פאַרמיידלעכער לייזונג.

די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אַלץ מער אָנגערוקט, האָבן אָבער

אין מערב־אייראָפּע נישט קאָליע געמאַכט די גוטע שטימונג, וואָס האָט געהערשט און דער אָפּטימיזם פון די מאַסן האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. וואָרעם בדרך כלל זענען עס נישט געווען קיין שווערע צייטן. דער לעבנס־סטאַנ־דאַרד פון די אַרבעטנדיקע מאַסן האָט זיך ביסלעכווייז אַלץ מער געהויבן. די דעמאָקראַטיע האָט אַלץ מער אויסגעברייטערט אירע דעראָבערטע פּאָלי־טישע און סאָציאַלע פּאָזיציעס. די וויסנשאַפט האָט אָפּגעהאַלטן מערקוויר־דיקע נצחונות. די מעדיצין האָט פאַרלענגערט דאָס לעבן. ס׳האָט געבליט די שיינע ליטעראַטור און קונסט. נישט מער, וואָס די גייסטיקע מנהיגים האָבן שטאַרק קריטיקירט די הערשנדיקע אָרדענונג, פאָדערנדיק צורעכט מאַכן די באַגאַנגענע עוולות. די פּאָפּולערסטע שרייבער זענען דעמאָלט גע־ווען טאָלסטאָי, אַנאַטאָל פראַנס, ראָמען ראָלאַן, וועלס און בערנאַרד שאָו. און דאָס איז טאַקע געווען דער באַווייז, אַז די ברייטע מאַסן זענען דורשטיק געווען נאָכן פרייען געדאַנק און האָבן לעבעדיק רעאַגירט אויף אַלע מאָראַ־לישע פּראָבלעמען. דער באַלקאַנישער קריג איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ לאָקאַל געשעעניש. אגב האָט זיך די מלחמה אויפן באַלקאַן פאַרענדיקט אין יאָר 1913. דער מערב־מענטש האָט זיך פריי געקאָנט באַוועגן פון אָרט צו אָרט. פּאַספּאָרטן און אַנדערע באַגרענעצונגען האָבן נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט.

דאָס זאָרגלאָזע אייראָפּע האָט זיך געווילט. ס׳האָט געטאַנצט אונטער די קלאַנגען פון די אַרגענטינישע טאַנגאָס און אַמעריקאַנישע פאָקסטראָטן און סטעפּן, קייקלענדיק זיך אַראָפּ אין אָפּגרונט.

נחום סאָקאָלאָוו איז געווען ביזן לעצטן מאָמענט אָפּטימיסטיש גע־שטימט. באַלד נאָכן צוריקקומען פון אַמעריקע, איז ער אַריינגעפאַלן אין ברען פון אַרבעט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוגרייטונגען צום עלפטן ציוני־סטישן קאָנגרעס. די צוזאַמענאַרבעט מיט זיינע חברים פון דער דעמאָל־טיקער עקזעקוטיווע, ווי פּראָפעסאָר וואַרבורג, ד״ר שמריהו לעווין, ד״ר טשלענאָוו, ד״ר יאַקאָבסאָן און ד״ר האַנטקע, איז געווען אַ האַרמאָנישע. סאָקאָלאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט געפילט אין אַט דער חברישער אַטמאָס־פער, ווו די ראָלן און פונקציעס זענען געווען געהעריק צוגעטיילט און קיינער האָט זיך נישט געמישט אין די עסקים פון צווייטן.

צו איינעם פֿון די גאָר וויכטיקע פּראָבלעמען האָט דעמאָלט געהערט דער קאָנפֿליקט, וואָס איז אויסגעבראָכן מיטן הילפֿספֿאַראיין אין דער פֿראַגע פֿון דער לערן־שפּראַך אין דער טעכנישער שול אין חיפה. הגם אויסערלעך איז עס געווען אַ צווייט־ראַנגיקער ענין, האָט ער אָבער פּאַקטיש געטראָגן אַ פּרינציפּיעלן כאַראַקטער. דער הילפֿספֿאַראיין האָט נעמלעך געפֿאָדערט, אַז די לעקציעס זאָלן געפֿירט ווערן אין דער דייטשער שפּראַך. די דאָזיקע פֿאָדערונג האָט אַרויסגערופֿן אויפֿרעגונג אין די ציוניסטישע קרייזן. ד״ר שמריהו לעווין און נאָך עטלעכע ציוניסטישע מיטגלידער פֿון קוראַטאָריום פֿון אָט דער שול אין חיפה האָבן זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. ס׳האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ האַרטנעקיקער קאַמף פֿאַר דער העברעישער שפּראַך, פֿאַר ראַטעווען דאָס באַדראָטע העברעישע שולוועזן. סאָקאָלאָוו האָט אין דעם קאַמף גענומען אַ וויכטיקן אָנטייל. ציוניזם אָן העברעיש איז פֿאַר אים גע־ווען נישט דענקבאַר. די גאַנצע עקזעקוטיווע האָט אין דער פֿראַגע געהאַט אַן אַנטשלאָסענע שטעלונג. סאָקאָלאָוו האָט אונטערגענומען אַ העפֿטיקע פּאָלע־מיק מיט מאַקס נאָרדוי, וואָס האָט אַרויסגעוויזן פּשרה־טענדענצן. אין צו־זאַמענהאַנג מיט אָט דעם קאָנפֿליקט איז ער אַרומגעפֿאָרן מיט רעפֿעראַטן איבער פֿאַרשידענע לענדער. ביי דער געלעגנהייט האָט ער געקעמפֿט נישט בלויז אויף צו מאַכן אַ סוף צו די פּרעמדשפּראַכיקע פּרוּוון אין ישראל, נאָר אויך אָרגאַניזירט אַ קאַמפּאַניע לטובת אַ גרעסערער פֿונאַנדערשפּרייטונג פֿון העברעיש אין די גלות־לענדער.

אויפֿן עלפֿטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט סאָקאָלאָוו צום ערשטן מאָל געהאַלטן דעם רעפֿעראַט וועגן דער יידישער לאַגע אין גלות. אויפֿן דאָזיקן רעפֿעראַט האָט ביז איצט געהאַט אַ חזקה מאַקס נאָרדוי. נאָך די גלענצנדיקע אָראַטאָרישע מעשים פֿון אָט דעם וואָרט־מייסטער איז גאָר נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן צו זיין נאָרדויס נאָכפֿאָלגער. זייט דעמאָלט האָט שוין אָבער סאָקאָלאָוו תּמיד, אויף אַלע קאָנגרעסן, אויסגעפֿירט די דאָזיקע ראָל, מאָלנ־דיק אַ בילד פֿון דער יידישער לאַגע אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער וועלט און דאָס אויפֿן פֿאָן פֿון אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן.

דער קאָנגרעס האָט געהאַט אַ שטורמישן פֿאַרלויף, ברענגענדיק אַלץ שאַרפֿער צום אויסדרוק דעם פּאַרטייאישן קאַמף אינערהאַלב דער באַוועגונג,

וואָס איר פאַרנעם און באַדייטונג איז כסדר געוואָקסן. ס׳זענען אויפגעשווו־מען אַלץ נייע שווערע פּראָבלעמען, ס׳האָבן זיך אַרויסגערוקט נייע פּאַרטיי־פירערס, ס׳האָט כסדר געדראָט מיט שפּאַלטונגען און די לייטונג האָט גע־מוזט פון אַלע זייטן אָפּשלאָגן די אַנגריפן פון דער אָפּאָזיציע.

די צווייטע העלפט פון יאָר 1913 האָט נישט אַנגעזאָגט קיין שום בעסע־רונג פון דער יידישער לאַגע, נישט נאָר אין רוסלאַנד. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך מוראדיק פונאַנדערגעשפּרייט אויך אין אַנדערע לענדער. אין רוס־לאַנד האָט זיך געשטאַרקט אַ פּאָגראָם־שטימונג, אין שייכות מיטן ביילים־פּראָצעס, וועלכן מ׳האָט באַשולדיקט אין אַ ריטועלן מאָרד. אין עטלעכע אָרטשאַפטן זענען אויסגעבראָכן עקסצעסן אויף יידן.

די קיעווער ציוניסטן האָבן זיך געהאַט געווענדעט צו סאָקאָלאָוון, אַז ער זאָל קומען צום פּראָצעס אַלס אַן אָבסערוואַטאָר און יועץ פון דער פאַר־טיידיקונג. פיל וויכטיקע ענינים האָבן אים דאָס נישט דערמעגלעכט. פון דעסטוועגן האָט ער זיך באַמיט צו העלפן פון דרויסן. ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיטן אָרטיקן קאָמיטעט און צוגעשטעלט דער פאַרטיידיקונג אַ נויטיקע אויפלאַגע פון ש״ס. די פונקציע פון אַן אָבסערוואַטאָר אויפן ביילים־פּראָצעס מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעפירט לעאָ מאָצקין, וואָס איז דאָרט געווען ווי אַן אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט. אויך איך בין געווען אויפן דאָזיקן פּראָצעס אַלס אויסלענדישער קאָרעס־פּאָנדענט און בין געזעסן צווישן מאָצקינען און ש. אַנסקי, דעם מחבר פון „דיבוק״. די פאַרטיידיקונג איז געווען אַ גלענצנדיקע. ס׳האָבן זיך אויס־געצייכנט נישט נאָר די פאַרטיידיקער, דער גלאַנץ פון דער רוסישער אַדוואָקאַטור: קאַראַבטשעווסקי, גרוזנבערג, מאַקלאַקאָוו, זאַרודני, אָבער אויך די עקספּערטן, ווי פּראָפעסאָר קאָקאָווצעוו און דער ראַבינער מאַזע, וועמענס רעדע האָט געמאַכט אויף די געשווירענע ריכטער אַ טיפן רושם. זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם דרוק פון דער מאַכט, וואָס האָט זיך באַמיט פאַר יעדן פּרייז צו דערווייזן, אַז יידן מאָרדן צוליב ריטועלע צוועקן. טראָץ אַלעמען זענען עס געווען אַנדערע צייטן. דער אמת האָט זיך נאָך געקאָנט דורכשלאָגן זיין וועג. דער צאַריזם האָט דעם ביילים־פּראָצעס פאַר־שפּילט.

סוף יאַנואַר 1914 איז סאָקאָלאָוו ווידער געווען אין פּוילן. די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע פֿון מזרח־ און מערב־גאַליציע האָט אים געהאַט איינ־געלאַדן אויף אַ ריי רעפֿעראַטן אין קראָקע, לעמבערג און עטלעכע קלענערע שטעט, אויף אַ טעמע, וואָס האָט צו יענע צייטן, אויפֿגערודערט די ציוניס־טישע וועלט אין גאַנץ פּוילן: „דער קאַמף פֿאַר העברעיש אין ארץ ישראל". ער האָט גערן אָנגענומען די דאָזיקע איינלאַדונג, וואָרעם ס'האָט אים גאָר נישט געקאָנט איינפֿאַלן, אַז אַזאַ רעפֿעראַט, וואָס האָט מיט פּוילן גאָר נישט צו טאָן און וואָס דאַרף אייגנטלעך פֿאַר די פּאָליאַקן גאָר זיין סימפּאַטיש — ס'האָט זיך דאָך געהאַנדלט נישט צו דערלאָזן גערמאַניזירן דאָס שולוועזן אין ארץ ישראל, וועט דינען אַלס פּרעטעקסט אויף צו צעפּלאַקערן אַ נייע ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע.

סאָקאָלאָוו איז געווען אַן אויפֿריכטיקער פֿריינד פֿון פּוילן, פֿול מיט ליבשאַפֿט צו זיין היימלאַנד. דאָס האָט ער תמיד אונטערגעשטראָכן אויף זיינע עפֿנטלעכע אַרויסטריטן, און זיך תמיד באַמיט צו שוינען די עמפּינדלעכקייט פֿון די פּאָליאַקן.

אויפֿן עלפֿטן קאָנגרעס האָט ער מיט סענטימענט גערעדט וועגן פּוילן, ווי וועגן אַן אונטערדריקט פֿאָלק, וואָס ראַנגלט זיך שווער פֿאַר זיין קיום און ווען נישט דער פֿאַקט, וואָס פּוילן האָט געשמאַכט אונטער אַ פֿרעמדן יאָך, וואָלטן זיך דאָרט אויסגעפֿורעמט גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. די דאָזיקע שטעלונג זיינע איז גוט באַקאַנט געווען די פּאָליאַקן, נישט מער, וואָס די נאַציאָנאַליסטישע רעדל־פֿירער האָבן נישט פֿאַרגעסן די כלומרשטע ראָל, וואָס מען האָט אים צוגעשריבן ביים אויסווילן דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט אין וואַרשע און זיי האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט אויף אונטערצוהעצן די פּוילישע עפֿנטלעכע מיינונג קעגן אים. זיי האָבן אין דער פּרעסע פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז בעת אַ רעדע זאָל סאָקאָלאָוו זיך האָבן אויסגעדריקט באַליידיקנדיק לגבי פּוילן. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען כזב־שקר. ס'האָבן נישט געהאָלפֿן קיין שום אויפֿ־קלערונגען. די פּרעסע אין גאַליציע האָט מיט קליינע אויסנאַמען ווייטער וועגן אים געשריבן, ווי וועגן אַ „פֿיינט פֿון פּוילן". ווי נאָר ס'איז אָנגעזאָגט געוואָרן סאָקאָלאָווס רעפֿעראַט, אַזוי האָט די ענדעקישע יוגנט אָרגאַניזירט

כוליגאַנישע גרופּן און נישט דערלאָזט סאָקאָלאָוון האַלטן זיין רעדע. מען האָט טעראָריזירט די אייגנטימער פון די עפנטלעכע זאַלן, וואָס האָבן אָפּגע־זאָגט סאָקאָלאָוון צו האַלטן זיין רעדע אין אָנגעוויזענעם לאָקאַל. דאָך זענען זיינע פאָרלעזונגען יאָ פאָרגעקומען אונטערן שוץ פון דער ציוניסטישער יוגנט. אין שייכות דערמיט איז אָפּט געקומען צו זייער שטורעמדיקע אינ־צידענטן.

אין לעמבערג האָט דער אָנגערייצטער המון געפּרוּווט זיך אַריינרייסן אין האָטעל, ווו סאָקאָלאָוו איז איינגעשטאַנען. אין פאַרשידענע שטעט זענען פאָרגעקומען אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציעס און ס׳איז געקומען נישט איין מאָל צו געשלעגן צווישן דער פוילישער און יידישער יוגנט.

אין ניי סאנץ (נאָווי סאנטש) האָט זיך בעת סאָקאָלאָווס אַ רעדע אַריינ־געריסן אַ כוליגאַנישע באַנדע, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און געוואָלט אויפרייסן די פאַרזאַמלונג. די ציוניסטישע שוץ־אָפּטיילונג האָט זיי אַרויס־געשטויסן אויף דער גאַס, ווו ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שיסעריי. עטלעכע כוליגאַנעס איז ווידער געלונגען זיך אַריינצורייסן אין זאַל און גענומען שיסן אין סאָקאָלאָוון. צום גליק האָבן די קוילן נישט געטראָפן אין ציל און ער האָט באַוויזן צו ענדיקן זיין רעדע. דער דאָזיקער עפּיזאָד פון סאָקאָלאָווס קאַריערע איז ווייניק באַקאַנט געווען אויסער די גרענעצן פון פוילן און מ׳האָט שנעל וועגן אים פאַרגעסן. אויך סאָקאָלאָוו גופא האָט זעלטן און נישט גערן דאָס דערמאָנט. ס׳האָט אים וויי געטאָן, וואָס צוליב אים איז געקומען צו אַזעלכע שטורמישע געשעענישן.

אין ארץ־ישראל

אינעם קאַליידאַסקאָפּ פון זיין לעבן האָט די אַקטיוויטעט זיינע אַנגע־נומען אַלץ אַ שנעלערן טעמפּאָ און די סביבה האָט זיך כסדר געענדערט און געטוישט. ס׳זענען קוים פאַרלאָפן צוויי חדשים זייט יענע גאַליציאַנער אינצידענטן און שוין האָט ער געהאַט גאָר אַן אַנדערן קבלת פנים.

אין זיינע אומאויפהערלעכע וואַנדערונגען האָט ער ענדלעך דערגרייכט ארץ ישראל.

דאָס איז נישט געווען בלויז אַ סענטימענטאַלע נסיעה. זייער וויכטיקע און דרינגענדיקע ענינים האָבן אים באַוויגן צו קומען אַהין. ער איז אָפּגע־פאָרן דעם 19טן מערץ פון טריעסט מיט זיין פרוי, וואָס האָט אים צום ערשטן מאָל באַגלייט אויף אַזאַ וויטער נסיעה און מיט זיין קוזין יאַצעק פאַלעץ. ער האָט געוואָלט כאָטש איין מאָל פאַרשאַפן אַ ביסל פאַרגעניגן און נחת רוח זיין פרוי, וואָרעם אין דער צייט ווען ער האָט אַזוי געוואַנ־דערט אַן אויפהער איבער דער וועלט, איז זי פול מיט דאגות און קאָפּ־ווייטיק געזעסן אין וואַרשע. נישט איין מאָל פלעגט ער איר צוזאָגן, אַז ער וועט זי מיטנעמען אויף אַזאַ רייזע, אָבער קיין מאָל איז אים דאָס ביז איצט נישט געלונגען. טראָץ דעם, וואָס זי האָט זיך אַזוי מקריב געווען פאַר די ציוניסטישע אידעאַלן פון איר מאַן, פלעגט די מוטער פון צייט צו צייט זיך באַקלאָגן, אַז דער ציוניזם רייסט אים אָפּ פון דער פרוי און קינדער. האָט ער דעריבער געוואָלט, דאָס אין אַזאַ דערהויבענעם מאָמענט, ווי זיין ערש־טער באַזוך אין ארץ ישראל, זאָל אים באַגלייטן זיין פרוי. דאָס איז אייגנט־לעך געווען זייער ערשטע לוסטרייזע נאָך דער חתונה.

אויף דער עסטרייכישער שיף פון דער לויד־געזעלשאַפט האָבן זיי אָנ־געטראָפן אויף פיל באַקאַנטע און ציוניסטישע פריינד. געווען דאָרט יוליוס סימאָן מיט דער פרוי, דאָס פּאָרפּאָלק בלומענפעלד, חיים קאָהן, בנימין

מינץ פון וואַרשע און אַנדערע. ס׳איז מיטגעפאָרן אַ גרופּע עולים פון פּוילן. אין ברינדיזי זענען אַרויף אויף דער שיף פיל רוסישע עולים, ס׳זענען געפאָרן ספרדישע יידן, מיט איין וואָרט, אַ פילפאַרביקע געזעלשאַפט. ווען די מיגראַנטן האָבן זיך דערוווּסט, אַז אויף דער שיף געפינט זיך נחום סאָקאָלאָוו, האָבן זיי זיך צו אים געווענדעט מיט דער ביטע, ער זאָל האַלטן פאַר זיי אַ רעדע. אַ געוויסע צאָל פון די פּאַסאַזשירן איז באַשטאַנען פון פאַרמעגלעכע עלעמענטן. זיי זענען געפאָרן מיטן צוועק זיך צו פאַרשאַפן באָדן פאַר אַ נייער קאָלאָניע, אַנדערע האָבן נאָך נישט געהאַט קיין באַשטימטן פּלאַן. אין משך פון דער נסיעה אויף דער שיף, האָט סאָקאָלאָוו געפירט געשפּרעכן מיט די צוקונפטיקע באַוווינער און יעדער פּרט האָט אים אינ־טערעסירט, וואָס ער האָט גענוי זיך פאַרנאָטירט. זיין טאָגביכל וועגן ארץ ישראל שטעלט מיט זיך פאַר אַ קליינע ענציקלאָפּעדיע פון ידיעות און אינפאָרמאַציעס וועגן לאַנד פון יענע ציטן. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַלעקסאַנדריע, ווו ס׳האָט אים אָפּגעוואַרט אַ דעלעגאַציע פון אָרטיקע ציוניסטן. זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון ציו־ניזם אין עגיפּטן און אויף אַ מאַנגל פון פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג.

עטלעכע טעג האָט סאָקאָלאָוו פאַרבראַכט אין קאַיר, באַזוכט די פּיראַ־מידן, מוזייען, מעטשעטן, אָבער קודם כל האָט ער אויסגענוצט די געלעגנ־הייט, כדי אַנצוקניפּן באַציונגען מיט יידישע און עגיפּטישע געזעלשאַפט־לעכע טוער. די עגיפּטישע פּרעסע האָט פאַרעפנטלעכט געשפּרעכן מיט אים, וואָס זענען געווען גינסטיק געשטימט פאַר אים. אין יענע יאָרן זענען די אַראַביש־יידישע באַציונגען געווען נישט קיין שלעכטע. געוויסע קרייזן אין עגיפּטן און סיריע האָבן זיך מיט סימפּאַטיע באַצויגן צו די ציוניסטישע שטרעמונגען און סאָקאָלאָוו האָט זיך באַמיט אויסצונוצן די דאָזיקע שטי־מונגען. אין זיינע דערקלערונגען האָט ער געפּרעדיקט דעם געדאַנק פון אַן אַראַביש־יידישער צוזאַמענאַרבעט.

דעם 25סטן מערץ זענען די עלטערן אויסגעשטיגן אין יפו. סאָקאָלאָוו ווערט באַגייסטערט און פאַרכאַפּט פון אַלץ, וואָס ער זעט, און פאַרגייט אין התפּעלות. „פאַנטאַסטיש״ איז געווען זיין ערשט וואָרט, וואָס ער פאַרשרייבט יענעם טאָג אין טאָגבוך. „כ׳בין אַראָפּ פון שיף אַ קראַנקער, אָבער כ׳פיל

נחום סאָקאָלאָוו (אין דער מיט) אין אַראַבישער טראַכט אין יאָר 1903

מיך שוין אין גאַנצן גוט. אַ הערלעכער פֿרימאָרגן, די לופֿט קרישטאָל־ריין, דער הימל אומבאַשרייבלעך שיין. מיר זיצן אויף דער וועראַנדע אַנטקעגנ־איבער דער העברעישער גימנאַזיע".

סאָקאָלאָוו איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, ווען דאָס לאַנד האָבן באַזוכט באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן. מיט אַ קורצער צייט פֿריער איז דאָרט געווען באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, דער נדיב הידוע. אין דער זעלבער צייט איז אויך געווען הענרי מאָרגענטוי, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי, מיט וועלכן ער האָט זיך געטראָפֿן אויפֿן וועג קיין רחובות, אין דער באַגלייטונג פֿון אַ גרויסער סוויטע.

אָנהויבנדיק פֿון יפֿו איז סאָקאָלאָוו אומעטום, ווו ער האָט זיך באַוויזן, אויפֿגענומען געוואָרן פֿון דעלעגאַציעס און מאַסן מענטשן. צו די קבלת־פּנימס און באַגריסונגס־רעדעס האָט נישט געקומען קיין סוף. ער האָט באַזוכט גאַנץ ארץ ישראל, אַלע קאָלאָניעס, אינסטיטוציעס, היסטאָרישע פּלעצער. דער אָפֿיציעלער כאַראַקטער פֿון די באַזוכן האָט אים אָבער ווייניקער אינטערעסירט. אין משך פֿון זיין דריי חדשימדיקן זיין האָט ער אָפּגעהאַלטן אָן אַ שיעור קאָנפֿערענצן מיט די אָרטיקע ציוניסטישע אָנפֿירער, געפֿאָרשט די לאַגע, וועלכע ער האָט געוואָלט ווי צום בעסטן באַנעמען. אין ירושלים האָט אים אָפּגעוואָרט אַ דעלעגאַציע מיט בן־יהודה און דוד יעלין בראש. די פֿראַגע פֿון העברעישן לימוד איז דעמאָלט געווען די סאַמע ברענענדיק־סטע. נישט געווען קיין פֿאַנדן און די לערער האָבן געליטן נויט. געווען אויך אַנדערע שווערע פּראָבלעמען און אינערלעכע קאָנפֿליקטן, וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו פֿאַרגלעטן און שטענדיק געווען דער רודף־שלומניק.

אין זיינע רעדעס און אַרטיקלען פֿלעגט סאָקאָלאָוו זיך אָפּט באַנוצן מיט דער אַלעגאָריע וועגן אַנטעיוס, וואָס האָט באַקומען קראַפֿט ביים באַרירן די ערד. איצטער, אויף דער ערד פֿון ישראל, האָט ער דערפֿילט אויף זיך אַליין דעם אמת פֿון אָט דער אַלעגאָריע. במשך פֿון די ערשטע פֿיר טעג האָט ער אָפּגעהאַלטן זיבעצן קאָנפֿערענצן און אויף יעדער פֿון זיי האָט ער גערעדט, געווען באַשעפֿטיקט פֿון פֿרי ביז ביי נאַכט, אָבער ער האָט נישט געפֿילט קיין שום מידקייט. ער האָט דאָ גערעדט אַנדערש, ווי זייענדיק אין גלות. אין ארץ ישראל איז נישט נויטיק געווען קיין פּראָפּאַגאַנדע,

פּראָזועלאָגיע, מליצהדיקע און באָמבאַסטישע ווערטער האָבן דאָ אַרויסגע־רופן גיכער אַ ווידערווילן. האָט ער דעריבער דאָ געוואָלט מער הערן ווי רעדן און זיך געוואָלט דערוויסן וועגן אַלעמען מיט דער גרעסטער גענוי־איקייט. זיינע נאָטיצן פון יענע טעג זענען ווי געניטע פּראָטאָקאָלן פון באַ־ראַטונגען, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט אין די כלערליי שטעט און קאָלאָניעס מיט די פּירער פון פאַרשידענע ריכטונגען און אַלטע פּיאָנערן. דאָרט פיגורירן די נעמען פון כמעט אַלע אַרטיקע, אָדער דורכפאָרנדיקע טוער. פאַראַן דאָרט שיינקין און ד״ר רופּין, בערל באָראָכאָוו און גלוסקין, גאָלדבערג און בערל קאַצענעלסאָן, דיזענגאָף און מאָצקין, בעלקין און מרדכי בן הלל הכהן, קאַלוואַריסקי, מאַיראָוויץ, בערלין און אַזוי פיל אַנדערע, וואָס דאָס דערמאָנען זיי אַלעמען וואָלט פאַרנומען גאַנצע זייטן.

ער שרייבט, אַז אין ירושלים פילט מען אין גאַנצן נישט די צייט און מיט רעכט רופט מען זי די אייביקע שטאָט, ווו אַלץ ווערט צונויפגעשמאָלצן אין איינס — די פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. אָבער די ברע־נענדיקע פראַגן קענען נישט וואַרטן. די לערער קענען נישט לעבן בלויז פון מאַראַנצן־זאַפט. ער האָט עגמת־נפש פון דעם קריזיס אין דער בצלאל־שולע, וועלכע מען מוז ראַטעווען. ער וואַרפט אָן דעם געדאַנק, אַז ס׳וואָלט כדאי געווען צו שאַפן אַ קיבוץ פון קינסטלער, וואָרעם יידישע קונסט איז נישט קיין לוקסוס. צום שטאַרקסטן אָבער איז ער פאַרנומען מיטן פּראָבלעם פון יידישער אַרבעט אויפן לאַנד. די עקזיסטענץ פון די קיבוצים איז נאָך געווען אין די וויקעלעך. אין די אַלטע קאָלאָניעס פון ראָטשילדן האָט מען זיך באַנוצט מיט דער ביליקער אַראַבישער אַרבעטס־קראַפט. די קאָלאָניסטן פלעגן די יידן נעמען צו אַרבעט בלויז אין די טעג פון מוסולמענישע חגאות. ער באַצייכנט עס, ווי אַ סקאַנדאַל, צו וועלכן מען דאַרף ווי צום שנעלסטן מאַכן אַ סוף, חוץ דעם ווערט ער פולשטענדיק באַהערשט פון דער דער־ציונגס־פראַגע. ער באַזוכט די שולן און קינדער־גערטנער. ער קומט הערן די לעקציעס אין דער גימנאַזיע פון יפו. ער מיינט, אַז געוויסע לערער באַזיצן אַ צו אַרעמע העברעישע שפּראַך. צו אָפט חזרן זיי איבער די זעל־בע ווערטער. דאַקעגן איז ער אַנטציקט מיט דער שפּראַך פון די קינדער. ער שפּילט זיך מיט דער קליינער חרמונה קאַלוואַריסקי, וועלכע דערציילט

איר פֿאָטער, אַז דער דאָזיקער הער איז אַ „גדול״. אויף דער פֿראַגע פֿאַר וואָס האָט דאָס קינד געענטפֿערט „גדול בדברים״. סאָקאָלאָוו מיינט, אַז ס׳וואָלט כדאַי געווען צו לערנען אין די שולן מער אַראַביש און באַשטימען ספּעציעלע סטיפּענדיעס פֿאַר דעם צוועק.

סאָקאָלאָוו נאָטירט ביי זיך אין טאָגבוך, דאָס אין געוויסע קאָלאָניעס זענען די באַציונגען מיט די אַראַבער אַזש צו גוטע. די אַראַבער רעדן יידיש און ווען זיי האָבן אַ סכסוך צווישן זיך, גייען זיי צום רב, ער זאָל זיי אויס־הערן און פּסקענען. אָבער גראָד דאָרט, ווי למשל, אין זכרון יעקב, ווערן באַיקאָטירט יידישע פֿעלד־אַרבעטער. די פֿראַגע פֿון די שומרים, וואָס ווערן אַלץ בעסער און בעסער אָרגאַניזירט, אינטערעסירט אים גאָר שטאַרק. די שוץ פֿון די קאָלאָניעס איז ווייט נישט געווען גענוג געזיכערט. געווען אָפֿטע אָנ־פֿאַלן, בעת וועלכע מען האָט גערויבט.

מ׳האָט זיך צו אים געווענדעט מיט פֿאַרשידענע אָנקלאַגעס און טענות, מ׳האָט קריטיקירט די לייטונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער די אַלע פֿעלערן, חסרונות און דעפֿעקטן זענען געווען נישט מער ווי אַ קליין שפּרענקל אויף דער גאַנצקייט פֿון בילד, וואָס האָט אים אָנגעפֿילט מיט שטאָלץ און האָפֿענונג. ער איז שטאָלץ געווען אויף דעם, וואָס עס איז שוין אַלץ אָפּגעטאָן געוואָרן. הזורעים בדמעה ברינה יקצורו, אַז מען זייט אין ליידן שניידט מען אין פֿריידן.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך. בעת זיינע איינדרוקן אין זיין נאָטיץ־ביכל פֿון די גלות־לענדער טראָגן הויפּטזאַכלעך אַ סענטימענטאַלן כאַראַק־טער, זענען זיי אָבער דאָס מאָל דורך און דורך זאַכלעכע, גענויע און אַקטועלע. דער תנ״ך האָט דאָך צו אים גערעדט דאָרט פֿון יעדן שטיין, אָבער ער שרייבט נישט וועגן דעם. דאָקעגן געפֿינט מען אין זיינע נאָטיצן די פּרייזן פֿון זריעות, אַרבעטער־לוינען, די גערעטעניש פֿון באָדן, אינוועס־טיציע־באַדינגונגען אאַז״וו. זעלטן ווען פֿלעגט ער אַריין דאָרט אַ תנ״ך־ווערטל. אין חיפה פֿאַרנאָטירט ער: „פֿון די דאָזיקע ברעגעס זענען די פֿעניציער אָפּגעשווומען אין דער וועלט און צוזאַמען מיט זיי האָבן געזעגלט אונדזערע אָבות פֿון שבט זבולון, וועמען יעקב האָט דאָ באַשטימט זיין אָרט״.

ער ווערט פֿאַרכישופֿט פֿון דער פּאַנאָראַמע פֿון כרמל און חיפה. ער

מיינט, מען איז באַגאַנגען אַ פעלער, וואָס גראַד דאָ האָט מען געבויט די טעכנישע הויכשול. צו פיל דייטשן אַרום, זאָגט ער. ער ווערט שטאַרק גע־רירט פון די צוזאַמענטרעפן מיט די עלטסטע קאָלאָניסטן פון ראשון לציון און רחובות. עטלעכע פון זיי האָט ער נאָך געקענט פון פאַר דרייסיק יאָר צוריק. פון חיפה פאָרט ער אָפּ צום עמק און באַזוכט דעם עמק העליון און התחתון. מען זעט אים אין דגניה, אין ערשטן קיבוץ, פון וואַנען ער שיפט זיך אויפן ים כנרת, אומעטום, אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי. פון צפת זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין לבנון און סיריע צוזאַמען מיטן פּאָרפּאָלק קאָל־וואַריסקי און די גאָלדבערגס.

אין ביירוט באַקענט ער זיך מיט אַן איינפלוסרייכן אַראַבישן טוער, מיטגליד פון טערקישן פּאַרלאַמענט, וועלכער לאַדט אים איין צו זיך אויף אַ לענגערן געשפּרעך, אין שייכות מיט דער איניציאַטיוו פון גרינדן דאָרט אַ יידיש־אַראַבישע געזעלשאַפט, וואָס סאָקאָלאָוו שטיצט אונטער זייער שטאַרק. אין ביירוט און אין דמשק באַקענט ער זיך מיט די אָרטיקע ספרדי־שע פני־העיר. דאָרט האָט ער זיך אויך באַקענט מיטן ענגלישן גענעראַל־קאָנסול קאַמבערבאַטש, מיט וועלכן ער זעט זיך שפּעטער אין לאָנדאָן. קאַמ־בערבאַטש אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט אין די ענינים פון נאָענטן מזרח און איז גינסטיק געשטימט לטובת דעם ציוניזם. ער עצהט צו קויפן וואָס מער באָדן כל זמן ס'לאָזט זיך. ער זעט פאָר די מלחמה אין אייראָפּע, אין וועלכער אויך טערקיי וועט אַריינגעשלעפּט ווערן. ער מיינט אָבער, אַז ענג־לאַנד וועט בלייבן נייטראַל און פאַרזיכערט סאָקאָלאָוון, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה וועט ענגלאַנד איבערנעמען אין שוץ די הייליקע ערטער.

פון סיריע איז סאָקאָלאָוו צוריקגעקומען קיין יפו, פון וואַנען ער איז אָפּגעשוומען קיין אייראָפּע. ווי מיר ווייסן שוין האָט ער נישט ליב געהאַט דייטשלאַנד. זיכער האָט ער געהאַט דרך־ארץ פאַר זייער וויסנשאַפט, ער האָט זיך אָבער שלעכט געפילט אין דער דייטשער סביבה און האָט זיך געשראָקן פאַר זייער דיסציפּלין און אָרגאַניזאַציע. דעמאָלט אָבער, אין בער־לין, האָט ער געהאַט גוטע אַרבעט־באַדינגונגען. ער איז געווען אַרומגע־רינגלט פון זיין משפחה און פריינד. זיין הויז אויף דער וויטעלסבאַכער שטראַסע האָט געווימלט פון געסט און ס'זענען דאָרט פאַרגעקומען פאַרזאַמ־

לונגען, ווי אַנומלט אויף דער מאַריאַנסקע גאַס אין וואַרשע. אין בערלין האָט זיך דעמאָלט אויך געפֿונען די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געקומען יאַקאָבזאָן. סאָקאָלאָוו האָט זיך דאָ נאָך געזען מיט שמריהו לעווין פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע און מיט ד״ר טשלענאָוו פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן קיין רוסלאַנד. אַ חוץ זיינע באַשעפֿטיקונגען אין ציוניסטישן ביוראָ, האָט ער אויך פֿיל געאַרבעט ביי זיך אין דער וווינונג. ער פֿלעגט רויִק זיצן אין זיין קאַבינעט און געשריבן, ווי אין די בעסטע צייטן. שוין פֿון ארץ ישראל האָט ער געהאַט אָוועקגעשיקט צו דער „הצפֿירה״ אַ סעריע רייזע־איינדרוקן, דאָ אָבער האָט ער באַאַרבעט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, און פּלאַנירט זיינע ווייטערדיקע ליטעראַרישע אַרבעטן.

און דערווייל האָבן כמאַרעס זיך אָנגערוקט איבער אייראָפּע און ס'האָבן זיך געמערט די אַליאַרמען. נאָכן אַטענטאַט אין סאַראַיעוואָ און דעם עסטרייכישן אולטימאַטום צו סערביע, האָט אַלץ געזאָגט דערפֿאַר, אַז די מלחמה איז אומפֿאַרמיידלעך. די שטימונגען פֿון די יידן לגבי דער מלחמה זענען געווען געטיילט. רוסלאַנד איז געווען דער שונא נומער איינס פֿון די יידן. אין דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע און אין איטאַליע, וואָס האָבן געהערט צו דער דריי־אַקס, האָבן יידן גענאָסן פֿון פֿולער גלייכבאַרעכטיקונג, ווו זיי האָבן פֿאַרנומען הויכע פּאָזיציעס. אין דייטשלאַנד איז זיי נאָך, אין יענע צייטן, אויך נישט געווען שלעכט. זיכער איז געווען דאָרט דער אַנטיסעמיטיזם, אָבער, אין אַלגעמיין אַ שוואַכערער, ווי אין פֿיל אַנדערע לענדער. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער, האָט דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעישע יידנטום סימפּאַטיזירט מיט דער פֿראַנצויזיש־ענגלישער אַנטאַנט, האָט פֿאַראורטיילט דעם דייטשן מיליטאַריזם און נישט געקענט ווינטשן רוסלאַנד אַ נצחון.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך דעריבער געפֿונען אין אַן אויסערגעוויינלעכער, שווערער לאַגע. דאָס געשפּענסט פֿון דער מלחמה האָט איר געדראָט מיט נישט פֿאָרויסזעבאַרע פֿאָלגן. ווער האָט עס דען געקאָנט פֿאָרויסזען, אויף וועלכער זייט ס'וועט אָראָפּוועגן די וואָגשאָל פֿון דער מלחמה. האָט מען זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די אָריענטירונגס־דיסקוסיעס האָבן קיין שום זין נישט און נישט דאָס איז געווען די דאגה

פון דער עקזעקוטיווע. מ׳האָט קודם כל געטראַכט ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען דאָס האָב און גוטס פון ארץ ישראל.

אין יולי חודש האָבן די געשעענישן אָנגענומען אַ דראַמאַטישן טעמפּאָ. דער פאָטער האָט אָבער נאָך אַלץ געגלויבט, אַז ס׳וועט געפונען ווערן אַ לייזונג, ער האָט געהאָפט, אַז די פאַרמיטלונג פון ענגלאַנד וועט האָבן אַ פעולה. ער איז געזעסן ווייטער ביי זיין ביוראָ־טיש און געשריבן מיט זיינעם מאָן־דראָבנעם, פּיטשינקן שריפט. מיר האָבן אים כסדר געבראַכט די אויסער־געוויינלעכע אויסגאַבן פון די צייטונגען.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

ער האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אָפּצופאָרן פון דאַנען. ס׳איז אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט זיינע נאָענטסטע און נעמען ווידער אַפּריכטן אַ נייעם גלות, צו פאַרלאָזן זיין אַרבעט־וואַרשטאַט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל שוועריקייטן אויפגעבויט, זיין אַזוי באַליבטע ביבליאָטעק און ווערט־פולן אַרכיוו, וואָרעם דאָס אַלץ האָט ער דאָך געהאַט אַריבערגעפירט קיין בערלין. דאָס אָננעמען דעם באַשלוס איז אים אין יענעם מאָמענט אָנגעקו־מען נאָך שווערער, וואָרעם די מוטער אונדזערע, אויסגעמאַטערט נאָך דער שווערער נסיעה אין ארץ ישראל און אַ שטאַרק באַזאָרגטע וועגן איר יינגסטן זון, וועמען מען האָט מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי, איז איינגע־בראָכן געוואָרן און געווען חרוב־קראַנק. פון דער נאַטור אַ סקעפּטיקער, איז מיין פאָטער אין דעם פאַל געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז ער דאַרף אין אַט דער מלחמה שטיין אויף דער זייט פון די לענדער פון דער מערב־אַנטאַנט, און אַז נאָר דאָרט וועט ער קענען פּרודוקטיוו אַרבעטן לטובת דער יעניקער זאַך, וועלכער ער האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן. און ער האָט נישט געהאַט קיין טעות. ער האָט געגלויבט אין ענדגילטיקן זיג פון דער אַנטאַנט. אָפּפאָרנדיק אין יענע קריטישע טעג איבער קאָפּענהאַגען קיין לאָנ־דאָן איז ערשט דאָרט נחום סאָקאָלאָוו אַרויסגעשוואומען אויף די ברייטע וואַסערן פון דער עפנטלעכער וועלט־מיינונג, אַלס אַ ציוניסטישער מנהיג אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי ביז איצט, אַלס דער דיפּלאָמאַט, שטאַטסמאַן און אַרכיטעקט פון ישראלס ווידערגעבורט.

מיט מיין עלטערן ברודער העניק האָב איך אים באַגלייט צו דער באַן־סטאַציע. ער איז געווען דערשיטערט און דערשראָקן צוליבן שיידן זיך מיט דער משפּחה. ער האָט זיך אָבער באַמיט דאָס נישט אַרויסצוווייזן און זיך מיט אונדז געזעגנט מיט זיין אַזוי געמיטלעכן שמייכל.

(סוף פון ערשטן באַנד)

אינהאַלט

אַריינפיר־וואָרט פון מחבר 5
הקדמה פון ד״ר צעלינאַ סאָקאָלאָוו 13
אַ וואָרט פריער פון איבערזעצער
נפתלי זילבערבערג 16

פּראָלאָג 20

קאַפּיטל 1 ווישעגראַד 23
קאַפּיטל 2 פּלאָצק 37
קאַפּיטל 3 מאָקאָוו 59
קאַפּיטל 4 וואַרשע 78
קאַפּיטל 5 די „הצפירה״ 95
קאַפּיטל 6 דער עסקן 109
קאַפּיטל 7 איבער שטעט און שטעטלעך 124
קאַפּיטל 8 אויף דער שוועל פון שטורעם 143
קאַפּיטל 9 דער איבערברוך 164
קאַפּיטל 10 אויף דער שוועל פון נייע צייטן 180
קאַפּיטל 11 אין דער וואַרעמער היים־סביבה 196

קאַפּיטל 12 די רעוואָלוציע 222
קאַפּיטל 13 וואַנדערונגען 241
קאַנדידאַט צו דער רוסישער דומע 252
אין טערקיי 256
אשכנזים און ספרדים 260

קאַפּיטל 14 אַ בן־חמשים 263
וואָס איז ציוניזם 265
הומאָר און גלויבן —
צוויי וויטאַמינען פון יידישן פאָלק 269
אין אַקציאָנס־קאָמיטעט 273

קאַפּיטל 15 אין אַמעריקע 281
דאָס גורלדיקע פּראָבלעם 285
אין ניו־יאָרק 289
דאָס אַמעריקאַנער יידנטום 293
קאַפּיטל 16 פאַרן שטורעם 297
אין ארץ־ישראל 303